STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04083

SHMUESN MIT ANDERE UN MIT ZIKH

Eliezer Podriachik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר פּאָדריאַטשיק

שמועסן

מיט אַנדערע און מיט זיך

דאָס בוך ווידמע איך מײַן נכד־זקונים — **דן**,
מיט דעם באַגער ער זאָל אויסוואַקסן אַ גוטער
ייִד און קענען די שפּראַך פֿון זײַן זיידן.

[illegible]

אליעזר פּאָדריאַטשיק

שמועסן
מיט אַנדערע און מיט זיך

זכרונות און רעיונות

ה. לייוויק - פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

ELIEZER PODRIATSHIK

SHMUSN MIT ANDERE UN MIT ZICH

H. Leivik Publishing House
30, Dov Hoz str., Tel-Aviv 63416, Israel

שער־בלאַט איזיו שערף

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
פאַראיין פון ייִדישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל
אליעזר פּינעס־פאַנד פאַר קולטור און ליטעראַטור
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ
קולטור־פאַנד ביים ארגון יוצאי לובלין בישראל
עמו״ס — קרן לעידוד מלומדים וסופרים ע״ש זלמן שזר

Printed in Israel

תל־אביב, תשמ״ד — 1984

דפוס „אורלי״ —פרידמן, טלפון 372062



אינהאַלט

אין דער מחיצה פון וואָרט:

		זייט
א.		
1.	דעם זיידנס קרוין	11
2.	שלום אַש וועגן דער שליחות פון ליטעראַטור	21
3.	דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן	39
4.	דער שוואַרצער ווינט	45
5.	מדרש פנחס	50
ב.		
1.	דורך טאָוולען פון געשיכטע	55
2.	דער דיכטער פון רחמים און תפארת	63
3.	פון קלעם אַרויס	74
4.	דער מעטעאָר	86
5.	דער גילגול	90

אין דער וועלט פון בוך:

1.	דער פײַער־פויגל	99
2.	דער געדאַנקען־שלייפער	108
3.	עסטעטישער פּאַטאָס	114
4.	דער בקי און דער חריף	119
5.	היסטאָרישע הערות	133

רשימות פון טאָגביכער:

1.	פון טאָגבוך תשמ״ג	143
2.	פון פאַרשיידענע צײַטן	178

צווישן האַמער און קאָוואַדלע:

1.	זכרונות און רעיונות	207
2.	דינען דעם פאָלק	224
3.	דער דיכטער פון אומרו	233
4.	צווישן האַמער און קאָוואַדלע	237
	רשימה פון נעמען	243

דאָס דאָזיקע בוך דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ המשך פֿון מײַן פֿריערדיקן בוך „אין פּראָפֿיל פֿון צײַטן", וואָס איז דערשינען אין פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ (תל־אביב 1978). דער אונטערשייד צווישן ביידע ביכער באַשטייט אין דעם, וואָס אין פֿריערדיקן בוך איז מײַן עיקר כּוונה געווען נאָכשפּירן דעם אַלגעמיינעם ייִדיש־אַטאַוויסטישן גײַסט, וואָס גיט זיך איבער דורך פֿאַר־הוילענע קאַנאַלן מדור לדור. אין דעם איצטיקן בוך בין איך אויסן געווען אויסקלאָרן ווי דער דאָזיקער גײַסט האָט זיך געשטאַלטיקט אין דעם אינדיווידועלן שאַפֿן פֿון פֿאַרשיידענע שעפֿערס.

ווי אין דעם פֿריערדיקן בוך, איז אויך אין דעם איצטיקן אײַנגעשלאָסן אייניקע אַרבעטן וועגן דעם העברעיִשן און ייִדישן שאַפֿן אין סאָוועט־רוסלאַנד, און דאָס מחמת צוויי טעמים: ראשית — אַקצענטירן גינציק די פּאָזיטיווע ווערטן מיט וועלכע פֿאַרפֿײַנקטע שרײַבערס האָבן באַרײַכערט די אַלגעמיינע ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטור; שנית — אַרום די דאָרט אומגעקומענע שעפֿערס איז פֿאַרשפּרייט מער דיכטונג ווי וואָר, מען האַלט זיי אין איין משפּטן און פֿאַרמשפּטן. וויל זיך ברענגען אייניקע אויטענ־טישע פֿאַקטן, אפֿשר וועט עס העלפֿן זיי דערזען אין אַן אַנדער שײַן. ווי אַ דעוויז אין דעם האָבן מיר געדינט די שורות פֿון שמואל האַלקינס צוואָה־ליד:

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אויף דער וועלט,
פֿאַר די, וואָס ס'וועט מײַן אָנדענק בלײַבן טײַער,
מיך מעסטן זאָלט איר נאָר מיט יענעם פֿײַער,
וואָס האָט דורך שאָטנטעג מײַן וועג באַהעלט...

און אויב דאָס בוך וועט מיט עפּעס וואָס העלפֿן זיך דערקלײַבן צו אָט „יענעם פֿײַער", וועט דאָס זײַן די בעסטע באַלוינונג פֿאַר מײַן אַרבעט.

אל. פּ.

חי באדר ב׳ תשמ״ד, 22־טער מאַרץ 1984.

אין דער מחיצה פון וואָרט

זײַט

א.

1. מענדעלע מוכר ספרים 11
2. שלום אַש 21
3. אַברהם סוצקעווער 39
4. יחיאל פֿאַליקמאַן 45
5. משה אַלטמאַן 50

ב.

1. דוד האָפּשטיין 55
2. יעקב פֿרידמאַן 63
3. מאָטל סאַקציער 74
4. קובי וואָהל 86
5. אָשר שוואַרצמאַן 90

א.

דעם זיידנס קרוין

„דעם זיידנס קרוין" — אַזוי האָט זאב בלום (בנימין מאַכלין) אָנגערופן זײַן בוך וועגן מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז דערשינען אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג (תל־אביב 1978). דאָס בוך באַשטייט פון פאַרגלײַכן די פיר וואַריאַנטן פון מענדעלעס „די קליאַטשע", און אַ שטודיע וועגן דער ראָלע פונעם פאָלקלאָר אין מענדעלעס שאַפן.

זאב בלום איז דאַכט זיך דער ערשטער אין אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג, וואָס האָט אויסגעקלאָרט די אונטערשיידן פון „די קליאַטשע"־וואַריאַנטן און פעסטגעשטעלט זייערע טעמאַטישע און קינסטלערישע אונטערשיידן.

האַלטנדיק זיך אין דער ראַם פון בוך, בײַ זײַן סדר און כראָנאָלאָגיע, וועלן מיר פּרוּוון מאַכן אייניקע באַמערקונגען צו דער פּראָבלעם: מענדעלע מוכר ספרים.

נאָר קודם לאָמיר אויסקלאָרן פּרטים: וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערק „די קליאַטשע"? וואָס איז זײַן טעמע, און צו וועלכן ליטעראַרישן זשאַנער געהער עס.

מענדעלע האָט דאָס דאָזיקע ווערק זײַנס פאַרגעשטעלט אַזוי: „די קליאַטשע" איז געשריבן אויף אַ הויכן גאַנג, אויף דעם גאַנג ווי די אַלטע האָבן געשריבן... איך האָב אין איר געפונען כמעט אַלע יידישע נשמות, און אַלע אונדזערע נפשות, און דעם סוד, וואָס זיי טוען אויף דער וועלט". מענדעלע האָט דערמיט מרמז געווען אויפן פאַרנעם פון זײַן ווערק, ווו ער פּרוּווט זיך דערגרונטעווען צום יסוד פון יידישן אומגאַרמאַלן זײַן און צום „סוד" ווי אַזוי אים צו נאָרמאַליזירן.

אין זײַן וויכטיקן מאמר וועגן מענדעלע מוכר ספרים האָט נחום סאָקאָלאָוו אָנגעוויזן: „אין זה, לא סיפור, לא רומן ולא נובלה. — — ה„קליאַטשע" היא בעצם ראַפּסודיה. — — — ראַפּסודיה בפרוזה נשגבה ומפיקת זיוו והתוכן מלא חכמה, הנובעת מהרבה מעינות של נסיון, גם בחיים, גם בספרות". דאָס מיינט, די „קליאַטשע" איז נישט קיין דערציילונג, ניט קיין ראָמאַן און ניט קיין נאָוועלע. „די קליאַטשע" איז אַ ראַפּסאָדיע. — — — אַ ראַפּסאָדיע פון דערהויבענער פּראָזע, וואָס שטראָמט מיט אַ פּראַקטיקער שײַן, און דער אינהאַלט איז פול מיט חכמה וואָס דרינגט אַרויס פון אַ סך דערפאַרונגס־קוואַלן אין לעבן און אין דער ליטעראַטור [1].

אין דער ליטעראַטור פאָרשונג האָט מען געזוכט אַנאַלאָגיעס צו דעם ווערק אין די מעטאַמאָרפאָזע שאַפונגען פון דער וועלט ליטעראַטור; ביי אָווידיוסן און אַפוליי, ג. לעסינג און סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. מען קאָן אויך אָנווייַזן אויף דער קרובהשאפט פון מענדעלעס קליאַטשע מיט סערוואַנטעסעס ראָזינאַנטע. מיטן אונטערשייד, וואָס אויף דער ראָזינאַנטע האָט געריטן בלויז דאָן קיכאָט מיט זייַן אינדיווידועלן טרויער, בעת אויף דער קליאַטשע האָט מענדעלע אַרויפגעלאָזט דעם קאָלעקטיוון ייִדישן צער און צאָרן. די אַלע אַנאַלאָגיעס זענען אָבער בלויז לויט אויסערלעכע סימנים, קיין אינערלעכע סמיכת הפרשה, אין דער טעמע און אין דער אידעע, איז צווישן די ווערק נישט פאַראַן. שוין פשוט דערפאַר, וואָס פאַר די דערמאָנטע שרייַבערס פון דער וועלט־ליטעראַטור, איז די פּראָבלעם וועגן דער עצם עקזיסטענץ פון זייער פאָלק ניט געשטאַנען. דאָס איז ביי זיי געווען אַ חוק אשר לא יעבור. בעת די גרונט טעמע פון מענדעלעס ווערק, איז די עלעמענטאַרע רעכט פאַר דעם ייִדישן גייַסטיקן און פיזישן קיום. מענדעלעס הויפט־העלדן זענען נישט קיין אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן. יעדער איינער פון זיי סימבאַליזירט אַ באַשטימטע אידעע; די קליאַטשע — דאָס לייַדנדיקע ייִדישע פאָלק. ישראליק — די פאַרבלאָנדזשעטע ייִדישע אינטעליגענץ, און דער אשמדאי — דער אומרויִק זוכנדיקער גייַסט, וואָס בויט וועלטן און צעשטערט זיי.

די פיר וואַריאַנטן פון דער „קליאַטשע" (דרייַ אין ייִדיש און איינע אין העברעיִש) שפיגלען אָפּ פאַרשיידענע היסטאָרישע פעריאָדן אינעם לעבן פון די רוסישע ייִדן אין נייַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן י"ה און נעמלעך: די אילוזיעס בעת די רעפאָרמען פון די זעכציקער יאָרן, די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן און די אַנטוישונגען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905.

נאָכן דערשייַנען פון דעם ערשטן וואַריאַנט האָט דער רוסיש־ייִדישער ליטעראַטור קריטיקער אַקים וואָלינסקי (א. פלעסקער) געשריבן: „אין יאָר 1873 האָט אַ נייַע ליטעראַרישע געשעעניש אויפגערודערט דעם ייִדישן קוואַרטאַל, — ס'איז דערשינען „די קליאַטשע אָדער די כתבים פון משוגענעם ישראליק". — דאָס איז אַ שפיגל פון אַלע שלאַפקייטן, יסורים פון דעם רוסישן ייִדנטום. אין די דאָזיקע כתבים — — — זענען פאַראַן ערטער, ווו דער דערציילערישער טראַגיזם איז דערפירט צו זייַן העכסטן אויסדרוק. — — — יעדער דור פון רוסישן ייִדנטום וועט לייענען דאָס דאָזיקע ווונדערלעכע ווערק פון אַ קינסטלערישער פען און דער נאָמען פון דעם מחבר וועט תמיד אויסגערעדט ווערן מיט דעם רעספעקט, וואָס נאָר זעלטענע ליבלינגען פון גורל זענען זוכה דערצו" [2].

אין דער נייַער צייַט איז מענדעלעס „די קליאַטשע" באַטראַכט געוואָרן נישט נאָר ווי אַן אָפּשפיגלונג פון דעם ייִדיש־רוסישן שבט, נאָר אויך פון דעם אַלגעמיינעם ייִדישן גורל אין אַלע צייַטן און אין אַלע ערטער. נחום סאָקאָלאָוו, למשל, האָט געהאַלטן אַז מענדעלע האָט אין דעם ווערק אויסגעדריקט דעם גאַנג

פון דורות. („מנדלי לא היה סופר אחד, אלא סדר דורות"). ענלעכס איז אויסן געווען ש"י עגנון ווען ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס האָבן געגרײַזט דער רוב שרײַבערס, וואָס האָבן אין מענדעלעס ווערק דערזען בלויז דעם רוסישן גלות און נישט דערקענט אין זיי די מעשים פון דורות. („וזו טעות שטעו רוב הסופרים שלא הכירו אלא את גלות רוסיה ולא הכירו את מעשה הדורות").[3]

„די קליאַטשע" פון מענדעלע מוכר ספרים איז דער חשבון הנפש פון אַ דור, וואָס האָט אָנגעהויבן איבערשאַצן זײַן באַציִונג צום אייגענעם פאָלק און זײַן אָרט און געשטאַלט אין דער געשיכטע. דאָס ווערק איז אַ שטאַרקער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער נישט ייִדישער וועלט מיט איר רשעות און אכזריות צום ייִדישן פאָלק. אין דעם מויל פון דער קליאַטשע האָט מענדעלע אַרײַנגעלייגט פאָלגנדיקע ווערטער: „פון אייביקע, אייביקע צײַטן איז מען אויף מיר געריטן, איטלעכער האָט מיך געפּײַניקט צום טויט, געטראָטן מיט די פיס און מיר אַרויסגעקוועטשט דעם מאַרך פון די ביינער. — — — מיך געברענט מיט גליענדיקע קוילן־פײַער. אויף מײַן פעל שטייט אָפּגעדרוקט מיט אַלערליי צייכנס די גאַנצע געשיכטע פון אכזריות, פון ווילדקייט". — — —

מענדעלע איז נישט געווען בלויז דער זיידע פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, ער איז אויך דער פאָטער פון דעם נײַעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. אויף די חורבות פון די פאַרעלטערטע השכלה אידעען האָט ער אַוועקגעלייגט די גרונטשטיינער פאַר אַ נײַעם אידעאָלאָגישן צוגאַנג צו דער ייִדישער רעאַליאַ און האָט עס מיט פּובליציסטישן פּאַטאָס און קינסטלערישן עקסטאַז פאַרמולירט אין דער „קליאַטשע". די דאָזיקע צוויי טענדענצן האָבן זיך אין דעם ווערק האַרמאָניש צונויפגעהעפט.

מען האָט בײַ אונדז איבערטריבן און מען איבערטרײַבט נאָך הײַנט וועגן מענדעלעס משכיליזם; בעת מענדעלע איז שוין אין זײַנע ערשטע, אין העברעיש געשריבענע, ביכער אַרויסגעטראָטן קעגן די באַגרענעצטע אידעען פון דער השכלה; „אונדזערע משכילים, האָט ער אָנגעוויזן אין זײַן בוך ‚עין משפט' (1867) לייגן ניט קיין אַכט אויף די נויטן פון אונדזער פאָלק. — — דעריבער איז אונדזער איצטיקע ליטעראַטור זייער אַ לויזע און האָט ניט אין זיך קיין לעבן, ווײַל די וועלט איז פאַר איר פאַרטונקלט און דער לעבעדיקער גײַסט פון דער צײַט באַגײַסטערט זי ניט". אויך „די קליאַטשע", וואָס איז דערשינען זעקס יאָר נאָכן „עין משפט", איז אַ שאַרפע קריטיק אויף די גרונט אידעען פון דער השכלה באַוועגונג. „ניט בילדונג, האָט איר מענדעלע דערווידערט, נאָר ברויט דאַרף דאָס פאָלק". ניט אויפקלערונג, נאָר אין אַ ראַדיקאַל־סאָציאַלע ענדערונג נויטיקט זיך די ייִדישע סביבה. דער גרויסער פרשנדתא פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן ד"ר ישראל צינבערג האָט געהאַלטן אַז „די קליאַטשע", איז דער ווי געשריי פונעם אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזײַן".[4]

„די קליאַטשע" וואַקסט מיט איר קריטיק אַריבער די שמאָלע ראַמען פון דער ייִדישער סביבה. דאָס איז איינע פון די זעלטענע ווערק אין דער וועלט ליטעראַטור וואָס האָט אין אַ גלײַכער מאָס דעמאַסקירט דעם פּוילן ליבעראַליזם פון מערב אייראָפּע און דעם מגושמדיקן דעספּאָטיזם פון מזרח אייראָפּע. כּדי דאָס אײַנצוזען איז גענוג אַ לייען טאָן נאָר עטלעכע שורות פון דעם קאַפּיטל „וואָס אַשמדאַי קען": „דאָס רויכערן פאַבריקן פון האַרמאַטן, ביקסן און כּל המיני אַנדערע כּלי־זין אויף צו מאַכן דעם טויט; — — — פאַבריקן פון כּלים און מאַשינעס, צו פאַרשפּאָרן מענטשנס הענט, פאַרוועלווערן זייער אַרבעט און צונעמען בײַ אַ סך די פּרנסה. — — — פאַבריקן צו דרוקן און פאַרשפּרייטן אין דער וועלט גיך און געשווינד זייער פיל נאַרישקייטן, — ליגנס, רכילות, בלבולים, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, שנאה, קנאה, נאָך און נאָך אַזעלכע מיאוסע זאַכענישן און אַל דאָס בייזס איינע אַקעגן די אַנדערע... קורץ, דאָס איז דער רויך פון דער „ציוויליזאַציע" — דער דאַזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, רויכערט אויס פון אָרט געפילן און פאַרוואַנדלט אַלצדינג אין סחורה. ליבע, פרײַנטשאַפט, פרומקייט, גלויבן, צדקה און דעסטגלײַכן — אויך סחורה".

מען האָט אַ סך געשריבן וועגן מענדעלעס רעאַליסטישער סאַטירע און כּמעט ווי פאַרזען זײַנע נטיות צו פאַנטאַסטיק און גראָטעסק ווי אַ קונסט מיטל און קונסט פאָרעם.

מענדעלע האָט ליב געהאַט זיך אָפּט אַוועקלאָזן אויף די פליגלען פון פאַנטאַזיע און מיט אַ העלזעערישער קינסטלערישער קראַפט שאַפן בלענדנדיקע קאָסמישע בילדער, וווּנדער מענטשן און צויבער פּאַלאַצן. „די קליאַטשע" איז באַזונדערס רײַך מיט אַזעלכע קינסטלעריש „אויספלוגן". ישראליקס אַרומפליען מיטן אַשמדאַי אין דער וועלט פון געשפּענסטער, דערמאָנען צו מאָל אין די פאַנטאַסטישע מעשיות פון ערנסט האָפמאַן. פאַראַן אָבער אַ וועזנטלעכער אונטערשייד אין די פאַנטאַסטישע מעשיות פון אָט די צוויי גרויסע שרײַבערס. האָפמאַנס מעשיות זענען אײַנגעהילט אין שרעק. אויף אַזוי ווײַט, אַז דער דײַטשער פּאָעט און ליטעראַטור היסטאָריקער קלאַבונד האָט געראָטן ניט לייענען זײַנע מעשיות פאַרן גייען שלאָפן, נישט נאָר וואָס מען האָט פון זיי אַ שלאָפלאָזע נאַכט, נאָר מע הייבט צום סוף אָן פאַר זיך אַליין מורא האָבן. מענדעלעס מעשיות רייצן די פאַנטאַזיע און דעם געדאַנק, זיי שרעקן כּלל קיינעם ניט. זײַן פאַנטאַסטיק און גראָטעסק זענען אַזוי אייגנאַרטיק צונויפגעהעפט, אַז זיי שאַפן אַן איינציקאַרטיקע סינכראָנישע גאַנציקייט פון זײַנע קינסטלערישע שפּירונגען און אידעיִש־געדאַנקלעכע כּוונות.

„די קליאַטשע" האָט אין איר צײַט געהאַט אַ גוטן עולם־הזה. שלום עליכם האָט געשריבן אַז „עס איז ניט געווען די ייִדישע שטוב וווּ מען זאָל ניט זיצן און לייענען „די קליאַטשע".[5] און לויט ס.ס. ווערמעל „האָט מען זי ניט בלויז

געלייענט, נאר גאנצע זייטלעך פלעגן אויסגעלערנט ווערן אויף אויסנווייניק און דעקלאמירט ווערן אויף דער גאס״.[6] און ווי עס האט מעיד געווען אברהם רייזען האט מען אין דער וואלאזשינער ישיבה געלערנט „די קליאטשע״, געטייטשט און געזוכט אין איר סודות און רמזים.

פון דעם אלעמען איז צו דריגגען אז מענדעלעס ווערק האט אויסגעדריקט דאס גארן און דענקען פון זיין דור. און ווער עס לעבט מיט זיין דור — — — לעבט אין אלע דורות.

יעקב פיכמאן האט באטראכט „די קליאטשע״ ווי א גרויס געזאנג פון אייביקער נאציאנאלער דיכטונג. „אין איין קאפיטל פון דער דאזיקער דערהויבענער דיכטונג, האט ער געשריבן, איז פאראן מער אהבת ישראל און יידישע ליידן ווי אין צענדליקער ביכער פון דער השכלה און פון אונדזער צייט צוזאמען גענומען״ [7]
און נחום סאקאלאוו האט געהאלטן אז „אזא ווערק דארף מען דרוקן אויף פארמעט און איינבינדן אין הילצערנע לוחות באצויגענע מיט הירשן־הויט און מיט מעשענע הענטלעך ווי די קליינע סידורימלעך — — — און לייענען דארף מען עס נישט איינמאל, נאר נאכאמאל און אבעראמאל. — — — ווען דער זיידע, פירט אויס נחום סאקאלאוו, זאל געווען שרייבן נאר „די קליאטשע״, וואלט גענוג געווען ער זאל זוכה זיין לחיי עולם הבא״.[8]

אין שיין פון דעם אלעמען זעען אויס אויסטערליש די פרווון פון די וואס רעווידירן דעם היסטאריש־קינסטלערישן באדייט פון מענדעלע מוכר ספרים און דערקלערן אים ווי א פאלסיפיקאטאר און שיער נישט ווי אן אנטיסעמיט. באזונדערס האט זיך אין דעם אויסגעטיילט דער שרייבער אברהם קריב. „מענדעלע. האט ער געפסקנט, קאן אויפן געביט פון יידן העצעריי קאנקורירן מיט די פירער פון וועלט אנטיסעמיטיזם״.

אין זיין בוך „דעם זיידנס קרוין״ ווידמעט זאב בלום דעם דאזיקן ענין א באזונדערן קאפיטל. ובכן וואס האט געטענהט אברהם קריב און ווי אזוי האט זאב בלום אים דערווידערט.

א. קריב האט געהאלטן אז מענדעלע „פארמעקט אלע גרויסע דינאסטיעס מענטשן פון שיינקייט, גרויסקייט און חסד״, אז ער האט „ארויסגעווארפן פון זיינע ווערק אלע מענטשן מיט דער פאלקס נשמה״. — — — „סרוב און דער עיקר זעענען ביי אים יענע קליינע, וואס זעענען דער אפפאל פון דער געזעלשאפט, און אוודאי פעלן ביי אים יענע געהויבענע לייט, זייער מין און מדרגה, די וועלכע מאכן הייליק דאס לעבן און טאט״. מיט שטארקן גרימצארן טרעט א. קריב באזונדערס ארויס קעגן מענדעלעס סאטירעס אויף די פארדארבענע מידות אין דער יידישער סביבה.

אויף דעם האט זאב בלום דערווידערט: „מענדעלע האט מיט אן אומגעהייערער קראפט אויסגעמאלט די אנאמאליע פון דער יידישער גלות־עקאנאמיק און

מיט זײַן סאַטירע באַקעמפט דעם גלותיזם. מיט זײַן שאַרפער סאַטירע האָט מענדעלע גערייניקט פון שימל אונדזער יידיש לעבן און געלײַטערט אונדזער באַוווסטזײַן צו באַנעמען די יידישע וועלט, א באַנײַטע און באַשײַנטע. — — — אַזאַ סאַטירע קאָן אָפרייניקן דעם וועג אַרויף צו אונדזער גײַסטיקע נאַציאָנאַלע ווערטן"...

לויט ז. בלומען באַקומט זיך אָבער אַז א. קריב איז אַ מין יוצא דופן, בעת אין דער אמתן איז ער געווען אַן אויסדריקער פון אַ פאַרעלטערטער און אָרטאָדאָקסאַלער אָריענטאַציע אין באַנעמען די אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דער יידישער געזעלשאַפט. אַן אָריענטאַציע וואָס האָט אונטער זיך אַ היפּשע געשיכטע. שוין מיט קרוב זיבעציק יאָר צוריק האָט הלל צייטלין נישט נאָר מענדעלען, נאָר אויך זײַנע מפרשים דוד פרישמאַן און בעל מחשבות'ן דערקלערט פאַר אַנטיסעמיטן. א. קריב האָט בלויז פאַרברייטערט דעם פראָנט. שונאי ישראל זענען בײַ אים אויך י. ל. גאָרדאָן, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און יוסף חיים ברענער, דער גרעסטער פאַרזעצער פון מענדעלען אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן. אין זײַן קריטיק פאַרטשעפּעט א. קריב אויך ח. נ. ביאַליק, ש. טשערניכאָווסקי און אַפילו אחד העמען — אַלע די וואָס האָבן, אַזוי צי אַנדערש, קריטיקירט די שאָטן־זײַטן, דאָס נעגאַטיווע אין יידישן לעבן.

א. קריב איז ניט געווען דער איינציקער טרעגער פון אַזעלכע געדאַנקען. זײַן בן־דור און „אידעען־גענאָסע", דער ליטעראַטור פאָרשער ברוך קורצווייל האָט אַפילו באַשאַפן אַ טעאָריע וועגן יידישער זעלבסטפאַרלייקענונג. לויט אים קאָן מען צו דעם יידן־האַס פון אָטאָ ווײַנינגער און קאַרל קראַוס מצרף זײַן אויך מענדעלען, יל"ג'ן, ברענערן און מכריז זײַן אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַן אָפּן אָפּפרעמדן זיך פון דעם פאָלקס נשמה, פון דעם נאַציאָנאַלן גײַסט און פון דעם היסטאָרישן יידנטום. און אויב זיך באַנוצן מיט פּסיכאָלאָגישע באַגריפן, פירט אויס ב. קורצווייל, קאָן מען דאָך אַלע דרײַ באַשולדיקן אין אויטאָ אַנטיסעמיטיזם.[9]

אין דעם זעלבן גײַסט האָט אויך אהרון צייטלין געשריבן וועגן דעם אַזוי גערופענעם מאַזאָכיזם פון י. ח. ברענער. ער האָט געהאַלטן אַז אין יוסף־חיים ברענערס באַרימטן אַרטיקל וועגן מענדעלע „הערכת עצמנו בשלושת הכרכים" קומט צום אויסדרוק ברענערס פּאַטאָלאָגישע שנאה צו זיך אַליין, צו דעם יידן אין זיך.[10]

נישט אַנדערש, אַז סײַ ב. קורצווייל און סײַ א. צייטלין האָבן פאַרווישט די גרענעצן פון „זעלבסטהאַס" און „זעלבסטקריטיק". נישט מענדעלע, נישט י. ח. ברענער האָבן, פאַרשטייט זיך, געפיידיקט יידן־האַס. נאָר, זײַענדיק באַהערשט פון הויכע מאָראַלישע אידעען האָבן זיי געטאַדלט, קריטיקירט די נעגאַטיווע זײַטן אין דעם יידישן לעבן. און קריטיק, זעלבסטקריטיק, איז דאָך לויט אהרון צייטלינס

אייגענער פאָרמולירונג „אַן עטישע מדרגה וואָס איז נאָענט צום רעליגיעזן שולד־געפיל".

די רעוויזיע איבער מענדעלעס שאַפן איז בדרך כלל געפירט געוואָרן נישט אויפן סמך פון ליטעראַטור־היסטאָרישע אָדער פון ליטעראַטור־עסטעטישע פרינציפן. זי איז גיכערשט אַ פועל יוצא פון אַ באַשטימטער אידעאָלאָגישער אָריענטאַציע. די מענדעלע בעגירער האָבן פשוט נישט געקאָנט פאַרלייַדן וואָס ער פירט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין דאָס טוכלע און פאַרדאַרבענע אין דעם יידישן לעבנס שטייגער. עס איז זיי נישט געווען צום האַרצן און עס האָט זיי געאַרט אויך די האַרבקייט מיט וועלכער מענדעלע שילדערט דאָס אַלץ. מחמת לויט זייער אתה בחרתנודיקע השגות זענען די יידן אַן עם סגולה פון לויטער צדיקים, וואָס „האָבן קיינמאָל נישט פאַרדינט מען זאָל זיי אַזוי האַרב שטראָפן".

צווישן די מענדעלע בעגירער זענען געווען אויך אַזעלכע וואָס זענען געקומען מיט עטישע און עסטעטישע ספקות. דער דיכטער ישראל שטערן האָט איינגעפונען אין זיינע ווערק אַ „קאָלעקטיווע אומווירדיקייט און אָפּגעשטויסנקייט"[11] און יעקב גלאַטשטיין האָט געהאַלטן אַז אין „פישקע דער קרומער" האָט זיך מענדעלעס סאַטירע „צעשפּילט אויף דעם האַרצלאָזן אופן" און אַז דאָס גאַנצע ווערק איז „אַ נעבעכדיקע געשיכטע פון אַ הקדש, פון אונטערוועלט, פון שנאָרערס, פון וווּלגאַריטעט און גראָבקייט"[12] און גראָד געהער די געשיכטע וועגן פישקען צו די שענסטע הומאַניסטישע טראַדיציעס אין דער וועלט ליטעראַטור. זי שטייט אין איין ריי מיט סערוואַנטעסעס „ציגיינערטע", וויקטאָר הוגאָס „נאָטר־דאַם" און פ. דאָסטאָיעווסקיס „דערנידעריקטע און באַליידיקטע". „פישקע דער קרומער" געהער צו יענע קלאַסישע ווערק, וואָס וויַזן, לויט וויקטאָר הוגאָס טרעפלעכער כאַראַקטעריסטיק, „די שיינע עטישקייט אונטער דער געשטאַלט פון פיזישער העסלעכקייט". ווי וויקטאָר הוגאָ האָט אויך מענדעלע געגלייבט אַז די אמתדיקע שליחות פון דער ליטעראַטור איז, זיך דערשלאָגן צו דער אינערלעכער שיינקייט פון דעם מענטשן.

מענדעלע האָט געגלייבט אַז „די פראַכט פון דער ליטעראַטור איז דער מענטשלעכער געדאַנק, — — — די דערקענטעניש פון דער נאַטור און פונעם לעבן. — — — דאָס גיט איר חן און כוח צו ווירקן, — — — צו וועקן דאָס מאָראַלישע גוטע און שיינע".[13] דערצו איז אָבער נייטיק קודם אויפדעקן די אַמאָראַלישע מיאוסקייטן, דעמאַסקירן דעם סאָציאַלן אומרעכט אין דער געזעלשאַפט.

אַנטבלויזן דאָס העסלעכע — הייסט לויט מענדעלען — אָפּרייניקן דעם וועג פאַר דעם שיינעם; פיינט האָבן קנעכטשאַפט — ליבע צו פרייהייט.

שוין אין דער הקדמה צו זיין ערשט בעלעטריסטיש ווערק „למדו היטב" האָט מענדעלע געשריבן: „מיר וועלן זיך נישט שעמען אויפדעקן און אַרויסברענגען

אויף דער אויבערפלאַך דאָס פּאַרדאַרבענע אין אונדז, — — — באַשרײַבן די פּאַרברעכנס פון דער הײַנטיקער צײַט און זיי אַנטפּלעקן פאַר דער גאַנצער וועלט. — — — מיר האָבן דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון שכל און שלימות, אַז גאָרנישט קאָן פאַרהינדערן אונדזער גרויסן באַגער צו דערלערנען די געזעצן פון לעבן"...

זעלבסטקריטיק באַדײַט אַזוי אַרום, לויט מענדעלען, דערגיין צו אַ מדרגה פון עטישער זעלבסט דערקענטעניש און רעדן בפרהסיה וועגן אייגענע פעלערן איז אַ צייכן פון הויכן גראַד פון גײַסטיקער אויטאָעמאַנציפּאַציע. עס קלינגט דעריבער אַנאַכראָניסטיש די באַהויפּטונגען פון אייניקע רעוויזיאָניסטן וועגן מענדעלעס אַכזריותדיקייט, וועגן דעם, אַז מענדעלע שפּעט פון ייִדן און קוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ מיט גרינגשעצונג. ווי ווײַט דאָס פאַרקריפּלט די אמתע פאַרשטעלונג וועגן מענדעלען איז צו זען פון זײַנע ווערטער אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען: „אַז איך שרײַב איבער מײַן פאָלק, אומגליקלעך פאָלק, טריפט מיר דערבײַ דאָס בלוט, לאַך איך קלאַמפּערשט, איז דאָס אַ ביטער געלעכטער מיט גרינע ווערעם, בײַ איטלעכן מאַך מיט דער פען, ווערט מיר אַ לאַך אין האַרצן, און שרײַבנדיק מיט ברען, ברען איך טאַקע ביסלעכווייז אויס ווי אַ לעכט".[14]

מענדעלע האָט נישט נאָר געבלוטיקט וועגן דער לאַגע פון די ייִדן, נאָר שוין אין יענער ווײַטער צײַט האָט ער געטרוימט פאַרן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט וועגן אַ צײַט ווען „נאָר אמת און גערעכטיקייט אַליין וועלן הערשן אויף דער וועלט... עס וועט אויפהערן זײַן אַ חילוק צווישן מענטשן, אַ וואָלף וועט וווינען מיט אַ שאָף, אַ בער מיט אַ קו אין איינעם זיך פּיטערן, און אַ לייב וועט מיט אַ רינד עסן שטרוי. — — — עס וועט זיך פעלן אַל דאָס בייזס, די נישט גוטע וועלן פאַרלירן זייער כּוח, און עס וועט אָפּגעווישט ווערן טרערן פון איטלעכס פּנים"...[15]

אין אַן עמבריאָנאַלן צושטאַנד מערקן זיך די דאָזיקע הומאַניסטישע טענדענצן שוין אין מענדעלעס ערשטן פּראָזע ווערק מיטן דידאַקטיש טרוקענעם נאָמען „למדו היטב" (1862). דאָס דאָזיקע ווערק האָט מענדעלע עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט און עס איז דערשינען אונטערן נאָמען „האבות והבנים" אין צוויי פאַרשיידענע וואַריאַנטן; דער ערשטער אין 1868, דער צווייטער — 1912. אין דעם האַלבן יאָרהונדערט וואָס ליגט צווישן „למדו היטב" און דעם צווייטן וואַריאַנט פון „האבות והבנים", איז אויסגעשפּרייט דער שפּעפערישער דרך המלך פון מענדעלען ווי אַ קינסטלער און דענקער. שוין אין זײַן ערשטלינג אַנטפּלעקט זיך מענדעלעס שטעלונג צו די צענטראַלע קינסטלערישע פּראָבלעמען מיט וועלכע ער האָט זיך אַלע יאָרן פאַרנומען, דאָס איז געווען דער טראַמפּלין צו די הויכע שפּיצן פון זײַנע שפּעטער גרויסע קינסלערישע דערגרייכונגען, און

דערפֿאַר פֿאַרנעמט דאָס דאָזיקע ווערק אַ באַזונדער אָרט אין דער מענדעלע פֿאַרשונג.

אין 1969 האָט דער ניו־יאָרקער ייִוואָ אַרויסגעלאָזט אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פֿון „למדו היטב״, מיט אַ וויסנשאַפֿטלעכן אַרייַנפֿיר, הערות און הוספֿות פֿון פּראָפֿעסאָר דן מירון. אויפֿן פֿאָן פֿון דעם אַלגעמיינעם מצב אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פֿון יענער צייַט האָט דן מירון אויסגעפֿאָרשט דאָס נאָוואַטאָרישע וואָס מענדעלעס ביכּורים־ווערק האָט געבראַכט מיט זיך. דן מירון האַלט אַז די פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס פֿון דעם ווערק און דאָס בייַטן דעם נאָמען „למדו היטב״ אויף „האבות והבנים״ איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון מענדעלעס קינסט־טלערישער און אידעיִשער עוואָלוציע. בעת אין „למדו היטב״ איז מענדעלע, לויט דן מירונען, אויסן געווען אַרויסהייבן אַ מאָראַלישע טענדענץ, איז אין „האבות והבנים״ בולט אַן „אָביעקטיווע און היסטאָריש־דיסקריפּטיווע טענדענץ״.

עס איז אַ גרויסער ספֿק צי מען קאָן בייַם פֿאָרשן ליטעראַטור שאַפֿונגען טיילן אויף „מאָראַלישע״ און „עסטעטישע״, מחמת דאָס מאָראַלישע און עסטעטישע אין אַ קינסטלערישן ווערק איז ניט אָפּצוטיילן פֿון דעם היסטאָרישן. „למדו היטב״, איז דאָס ערשטע קינסטלערישע ווערק אין דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, אין וועלכן עס ווערט אויף דער הייסער מינוט איבערגעגעבן די אָנגעגליטע היסטאָרישע אַטמאָספֿער פֿון דעם „שטורעם און דראַנג״ אין דער ייִדישער סביבה אין די זעכציקער יאָרן פֿון נייַנצעטן יאָרהונדערט. דאָס ווערק איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן פּאַרגעפֿיל פֿון דער ראָל וואָס עס איז געווען צוגעגרייט דעם דור, וואָס האָט געשטעלט זייַנע ערשטע טריט אויף דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרענע. דאָס איז אַ קינסטלערישע גבֿית עדות וועגן זייַנע אינטעלעקטועלע און עטישע ראַנגלענישן.

מענדעלע איז נאָך דעמאָלט קיין זיידע נישט געווען; אַ יונגער צוימען־ברעכער, האָט ער, אונטערן אייַנפֿלוס פֿון דעם נייַעם צייַט־גייַסט זיך אונטער־גענומען שטורעמען די איזאָלאַציע צוימען פֿון דער ייִדישער סביבה און אַרייַנברענגען אין איר, ווי ער שרייַבט, „ידיעות און קענטעניִשן וואָס מע דאַרף הייַנטיקע צייַטן, אַ בילד וואָס איז געמאָלט פֿון אַ לעבעדיקן מאָדעל״.

דער ליטעראַטור היסטאָרישער באַדייַט פֿון מענדעלעס ערשטלינג באַשטייט אויך אין דעם, וואָס אין אים איז צום ערשטן מאָל לעגאַליזירט געוואָרן דער ליבע־מאָטיוו אין דער נייַער העברעיִשער ליטעראַטור. אמת, שוין פֿאַר מענדעלען האָט אברהם מאַפּו געשריבן וועגן ליבע. ער האָט זי אָבער געזוכט אין ווייַטן ראָמאַנטישן עבֿר, אין כּנען, בעת מענדעלע האָט זי געפֿונען אין דער נאָענטער ווירקלעכקייט פֿון גלופּסק. „שפּילן אַ ליבע״ אין יענע יאָרן איז געווען נישט אַזוי גרינג, נאָך שווערער איז געווען זי צו באַשרייַבן, דערצו האָט מען באַדאַרפֿט באַזיצן אַ באַזונדערן גייַסטיקן מוט. מען האָט זי דאָך, די ליבע, גערודפֿט אין

לעבן און געטריבן פון דער ליטעראַטור; שאַפן אין דער דעמאָלטיקער ייִדישער סביבה אַ דערציילונג וועגן עכטער ליבע האָט באַטייַט אַנטדעקן דעם אינדיווידועלן מענטשן, האָט באַטייַט — איינזען, אַז ער האָט אַ האַרץ און אַ נשמה. האָט באַטייַט — עמאַנסיפּירן די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט פון פּאַנאַטישע געזעצן און פאַרעלטערטע נאַרמעס. אין דעם אייגנטלעך באַשטייט די גרויסע היסטאָרישע מיסיע פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס האָט דאַן נאָך געהייסן שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש. פאַר יענער צייַט איז דאָס געווען מער ווי סתם אַ ליטעראַרישער אויפטו — נאָר אַ בפירושע רעוואָלוציאָנערע שליחות. און זינט דאַן איז מענדעלע נישט בלויז דער קאָלומבוס נאָר אויך, לויט מ. ליטוואַקאָווס טרעפלעכער פאָרמולירונג, דער ליטעראַריש־קינסטלערישער סך־הכל־מאַכער און דער געניאַלער מסדר פון אַ נייַער סעקולערער מסורה אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

הערות

1. נחום סאָקאָלאָוו: אישים. תשי״א. עמ׳ 224—242.
2. רוסקי יעווריי. 16/12 1884.
3. ש״י עגנון: יוסף חיים ברנר בחייו ובמותו, מולד י״ט, חוברת 156, יוני 1961.
4. ישראל צינבערג: קולטור־היסטאָרישע סטודיעס, ניו־יאָרק 1949, ז׳ 349.
5. שלום עליכם: די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק, קיעוו 1889, באַנד 2, ז׳ 274.
6. ס. ס. ווערמעל: מענדעלע און זייַן קליאַטשע, נאָווי פּוטי, מאָסקווע 1917, נומ. 1.
7. יעקב פיכמאַן: הקיטרוג על מנדלי, מולד כרך א׳, חוברת 1, אַפּריל 1949.
8. זע נומ. 1.
9. קורצווייל: בין חזון לבין האבסורד, תל־אביב תשל״ג, עמ׳ 319.
10. אהרון צייטלין: אַנאַליזירנדיק ייִדישן הומאָר, די גאָלדענע קייט 67, ז׳ 66, 1969.
11. ישראל שטערן: שלום עליכם, ליטעראַרישע בלעטער 25, 19/6 1936.
12. יעקב גלאַטשטיין: מענדעלע מוכר ספרים, אידישער קעמפער 11, דעצעמבער 1964.
13. שלום־יעקב בן חיים־משה אַברמוביץ: עין משפט, עמ׳ 10, 11.
14. שלום־עליכם בוך, ניו־יאָרק 1926, ז׳ 166.
15. מענדעלע מוכר ספרים: די קליאַטשע.

שלום אַש וועגן דער שליחות פון ליטעראַטור

...„אוי, ווען איך וואָלט געווען גאָט, טראַכט בײַ זיך משהלע און ווערט פאַרשעמט, ווען איך וואָלט געווען גאָט איין מינוט, מער נישט... איך וואָלט געמאַכט, אַז אַלע זאָלן זײַן צדיקים, אַז אַלע זאָלן גוט זײַן, אַז אַלע זאָלן פרום זײַן. איך וואָלט גענומען די גוטקייט, וואָס געפינט זיך אין הימל און צווישן מענטשן צעטיילט... און וואָלט די גוטקייט (פון הימל) ווינציק געווען, וואָלט איך דאָס ביסל וואָס געפינט זיך אין מײַן האַרץ צוגעלייגט"...

דאָס איז אַ ציטאַט פון דער דערציילונג „משהלע" מיט וועלכער שלום אַש האָט דעביוטירט אין 1900, אויפן שוועל פון דעם צוואַנציקסטן י"ה („יוד" 29/11). שוין אין דער דאָזיקער דערציילונג אַנטפּלעקט זיך דער קרעדאָ פון שלום אַש דעם שרײַבער און קינסטלער; אַנטקעגן קומען די מענטשן מיט גוטקייט. אַ קרעדאָ וועלכן ער איז געטרײַ געבליבן אין משך פון זײַן לאַנגן שעפערישן באַרג־אַרויף.

אין פערציק יאָר ארום האָט שלום אַש געשריבן אין זײַנעם אַ באַרימטן מאַמר „מײַן וועג צו גאָט": „גאָט האָט באַשאַפן נישט קיין ייִדן, נישט קיין גוים, נאָר ער האָט באַשאַפן מענטשן... דאָס איז דער לייטמאָטיוו פון מײַן גאַנצן געשאַפענעם ווערק, זינט איך האָב, אומבאַוווסט פאַר זיך אַרויסבראַכט די אידעע אין מײַן קליינער דערציילונג — — — וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין אָנהייב פון מײַן קאַריערע, האָט דער מאָטיוו זיך איבער־געחזרט אין מײַן יעדן ווערק" (אידישער קעמפער, 14/11 1941).

און כאָטש אויף שלום אַשן האָט נאָך רעפלעקטירט דער לעצטער אָפּגלאַנץ פונעם 19־טן י"ה, איז ער אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון די ערשטע מאָרגנרויט־שטראַלן אין דעם תוהו־ובוהודיקן 20 סטן י"ה.

ווען מען לייענט די ייִדישע ליטעראַטור פון סוף 19־טן אָנהייב 20־טן י"ה פילט מען זיך, אין אַ גרויסן טייל פון איר, ווי אין אַ שפּיטאָל אין דער צײַט פון אַ מגפה; עס שלײַען זיך אַרום אין איר מענטשן אומעטיקע, פינצטער־פאַרשמײַעטע. און נישט בלויז אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער צײַט. די הויפּט־טעמע און פּראָבלעם פון דער אַלגעמיינער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור

אין 19־טן י״ה, איז געווען דער פּעסימיסטישער באַוווסטזיין וועגן דער עטישער איינזאַמקייט פונעם יחיד, וועגן דער ניוועלירונג פון דער מענטשלעכער אינדי־ווידואַליטעט. שאָפּענהויער, האַרטמאַן, שטירנער האָבן באַפּעסטיקט דעם דאָזיקן באַוווסטזיין מיט זייער סקעפּטיציזם, מיט זייער באַנעמען „די וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג", מיט דער לערע וועגן דעם „איינציקן און זײַן אייגנטום", און מיט דעם פּרעדיקן וועגן דער קאָסמישער אומזיניקייט און צוועקלאָזיקייט פונעם מענטשלעכן לעבן. אַ גרויסער טייל פון דער אייראָפּעיִשער אינטעלעגענץ איז געווען פאַרכאַפּט פון פרידריך ניטשעס זוכן דעם זין פון אמת און ליגן אויסער דער גרענעץ פון דער עטיק.

צוויי קעגנזעצלעכע טענדענצן זענען כאַראַקטעריסטיש פאַרן סוף 19־טן י״ה; פון איין זײַט באַגײַסטערונגען וועגן די גרויסע טעכנישע דערגרייכונגען, און פון דער אַנדערער זײַט די שרעק, אַז די טעכניק וועט פיזיש און גײַסטיק אומברענגען דעם מענטש. די דאָזיקע פּעסימיסטישע שטימונגען זענען אייגנטימלעך פאַר די ווערק פון דעם ענגלענדער ה. ג. אועלס, פאַרן פראַנצויז זשול ווערן, פאַרן אַמעריקאַנער הערמאַן וועלוויל. די בולטסטע ליטעראַטור־העלדן פון דער דאָזיקער ריכטונג דאָריאַן גריי פון אָסקאַר אואײַלד און מאַרלאָ פון יוסף קאָנראַד, זענען דער אויסדרוק פון דער מענטשלעכער אַנמעכטיקייט, האָפענונגס־לאָזיקייט און... טויט? אין יענער צײַט האָט די רוסישע סימבאָליסטקע זינאַידאַ גיפּיוס געשריבן: „דער באַוווסטזײַן פון איינזאַמקייט רײַסט נאָך מער אָפּ דעם מענטשן איינעם פונעם צווייטן, זונדערט זיי אָפּ, צווינגט צו פאַרשפּאַרן די נשמה. מיר שעמען זיך מיט אונדזערע תפילות, און, ווייסנדיק, אַז סײַווי וועלן מיר זיך מיט קיינעם ניט צונויפגיסן, רעדן מיר, ברענגען זיי אַרויס שטילערהייט, פאַר זיך, מיט אָנדײַטונגען, קלאָרע בלויז פאַר זיך".

און דער פירער פון דעם רוסישן מאָדערניזם ד. ס. מערעזשקאָווסקי האָט געהאַלטן: „די גראָבע זײַט פון אָפּלייקענונג, די אָפּוועזנהייט פון העכערער אידעאַלער קולטור, די ציוויליזירטע באַרבאַרישקייט צווישן די גראַנדיעזע אַנטדעקונגען פון דער טעכניק — דאָס אַלץ האָט אַרויפגעלייגט אַן אייגנאַרטיקן שטעמפּל אויף דער באַציונג פון דעם הײַנטצײַטיקן המון צו דער קונסט".

אויפן שוועל פון 20־טן י״ה, אין רעזולטאַט פון די מאָדערנע אַנטוויקלונגען, זײַנען אויפגעקומען נײַע, פּאָזיטיוויסטישע אידעען און ריכטונגען אין דער געזעלשאַפט און אין דער ליטעראַטור וועגן דעם מענטש און זײַנע שליחותן און אונטער זייער אײַנפלוס האָט זיך געשטאַלטיקט שלום אַש'ס שעפערישער וועג.

דער דערוויז פון די נײַע שטרעמונגען איז געווען: די וועלט הייבט זיך אָן אין מענטש, און דער מענטש דאַרף ניט פאַרדאַרבן דאָס מענטשלעכע אינעם מענטש. די דאָזיקע הומאַניסטישע טענדענץ האָט שלום אַשן געדינט זײַן גאַנץ

שעפעריש לעבן, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער ראָמאַנטישער דערציילונג: „משהלע" ביז זײַן לעצטן גרויסן ביבלישן ראָמאַן „משה".

און ווען שלום אַש האָט צום ערשטן האַלבן יובל פון זײַן שאַפן אַרויסגעגעבן זײַנע אויסגעוויילטע שריפטן, האָט ער זיי באַגלייט מיט פאָלגעוודיקע ווערטער: „די אינערלעכע פרומקייט, די שוואַכע מענטשלעכקייט, וואָס רײַסט זיך צו העכערע און שיינע וועלטן — האָב איך געזוכט אויף די וועגן פון מײַן לעבן". (1925).

דעם מאָטאָ צו זײַן היסטאָרישן ראָמאַן, „קידוש השם", וואָס שלום אַש האָט אָנטליען בײַ נתן־נטע האַנאָווער, דער מחבר פון דער בלוטיקער כראָניק וועגן כמעלניצקיס פאָגראָמען „יון מצולה", קאָן מען אָוועקשטעלן, און ער וועט גילטיק זײַן כמעט צו אַלע זײַנע קינסטלערישע ווערק. בעמלעך: „מיר שעמען זיך, האָט געשריבן נתן־נטע האַנאָווער, אַלץ אַרויסצושרײַבן, וואָס די קאָזאַקן האָבן געטאָן מיט ייִדן, כּדי מיר זאָלן נישט פאַרשעמען דעם מין מענטש, וואָס איז געבוירן אין גאָטס געשטאַלט".

עס זענען פאַראַן בולטע סימנים וועגן דעם, אַז אויף שלום אַש'ס קינסטלערישער זעלבסט־באַשטימונג און אויף זײַן באַנעמען די שליחות פון דער ליטעראַטור האָבן געווירקט זײַנע נאָענטע קאָנטאַקטן מיט די אורבאַניסטישע און אַוואַנגאַרדיסטישע טענדענצן אין דער ייִדישער און אין דער אייראָפּעיִשער קולטור. די ייִדישע ליטעראַרישע קריטיק פון יענער צײַט האָט ניט גינסטיק באַטראַכט שלום אַשס ליטעראַרישע דרכים; זי האָט אים געוואָלט קאָנסערווירן אינעם שטעטל. אפילו דער אייראָפּעער י. ל. פּרץ האָט אים געטאַדלט פאַרן „חנדלען זיך צו יענעם צד, איבער דער ייִדישער גרענעץ אַריבער".

דער יונגער דור ייִדישע אינטעלעגענץ האָט מיט באַגײַסטערונג אויפגענומען דעם אַוואַנגאַרדיזם פון שלום אַש: „אין אונדזערע אויגן, האָט חיים זשיטלאָווסקי געשריבן נאָך אין 1910, איז שלום אַש נישט קיין איינצלנע פּערזאָן וואָס קעמפט פאַר זון און גליק צוליב זיך און זײַן נשמה; דאָס גייט יונג־יודעאַ אַרײַנצוהילכן איר שטים אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פון דער מענטשהײַט"...

שלום אַש איז, ווי באַוווסט, געווען אַן אימפּרעסיאָניסט און ווי אַזעלכער האָט ער באַטראַכט די קונסט פון דעם אומענדלעכן און אייביקן ווי אַ פאַרמיטלונג צווישן מענטשלעכן און איבערמענטשלעכן. ער איז אַרויף אויף דער היסטאָרישער אַרענע, ווען די ייִדישע ליטעראַטור, לויט מאַקס עריקס אַ טרעפלעכער פאָרמולירונג, האָט זיך געזעגלט מיט פולן דאַמף אין די אימפּרעסיאָניסטישע וואַסערן. עס איז די צייט פון י. ל. פּרצעס; „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פון א. ווײַטערס „פאַרטאָג", פון דוד בערגעלסאָנס אולטראַ אימפּרעסיאָניסטישן ראָמאַן „נאָך אַלעמען". אימפּרעסיע איז בדרך כלל דער סימן מובהק פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון דער ייִדיש יצירה ביכלל.

לאָמיר מאַכן אַ קורצע דיגרעסיע און אַ קלער טאָן וואָס עס מיינט. דאָס יידישע שאַפן אין אַלע זייַנע שפּראַכלעכע פאָרמאַציעס; העברעיִש, אַראַמיש, יִדיש, פון תנכישן „האזינו", דורך „אקדמות מילין" ביז משה-לייב האַלפּערנס „דער גאַסן-פויקער", איז מער אַ קלאַנגלעכע ווי אַ וויזועלע דערשייַנונג. דעם קאָסמאָס האָבן מיר מער געהערט ווי געזען. דאָס איז, זעט אויס, טיפּיש פאַר דער יידישער גייַסטיקער מענטאַליטעט, וואָס האָט באַשאַפן אַ גאָט וועלכן מ'זעט נישט און האָט גוזר געווען לא תעשה לך פסל. אויך משה רבינו האָט בלויז דערהערט די שטים פון גאָט, וואָס האָט זיך פאַר אים באַוויזן אין דעם ברענענדיקן סנה. אפילו בעת דער גראַנדיעזער מיסטעריע פון משה'ס אַראָפּנידערן פון הימל מיט די עשרת הדברות, האָט דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען צופוסנס פון באַרג סיני, אַלץ געהערט און גאָרנישט ניט געזען, חוץ די קולות, ווי עס שטייט אין דער תורה: וכל העם רואים את הקולות. [שמות, יתרו כ'].

און דאָס איז ניט גלאַט אַ מיטאָס וועגן דעם בראשית פון אונדזער געשיכטע. אויך אין נאָענטן עבר, אין דעם טעגלעכן שטעטלדיקן שטייגער, האָט געהערשט דער דאַזיקער גייַסט. אין די קלויזן, בעת'ן דוכנען פון די כוהנים, ווען עס האָט מיט עקסטאַז זיך אויסגעצויגן אַ וואַלד מיט באַגייַסטערטע פינגער, האָט מען געמוזט פאַרמאַכן די אויגן און דעם קאָפּ פאַרדעקן מיטן טלית. זען די דאָזיקע פינגער-סימפאָניע איז געווען פאַרווערט. מען קאָן חלילה בלינד ווערן. מען דאַרף זיך באַגנוגענען בלויז מיט הערן די תפילות פון די כהנים...

די אימפּרעסיע איז אַזוי אַרום, דער יסוד פון דעם יידיש טראַדיציאָנעלן צערעמאָניאַל און שטייגער. — — פון דעם יִדישן פאָלקלאָר. און אויך אין דעם קינסטלערישן שאַפן זענען די שטאַרקע ווערק יענע, וואָס דריקן אויס אַבסטראַקציע, שטימונג, מחשבה, בקיצור: אימפּרעסיע.

פון אַ רעטראָספּעקטיוו היסטאָרישן שטאַנדפּונקט טאָרן מיר ניט גרינג שעצן דאָס פּאָזיטיווע, וואָס שלום אַש האָט גענומען פון דער פרעמד, פון דער אייראָפּעיִשער קולטור, באַזונדערס, אין זייַן ערשטן פּעריאָד, פון דער פּוילישער ליטעראַטור. געגנוג דערמאָנען דעם העלעניש-האַרמאָנישן לעאָפּאָלד סטאַף. דעם דערפינדעריש מוזיקאַלישן-באַלעסלאַוו לעשמיאַן, און דער עיקר פון דעם פּוילישן סאַקראַטעס סטאַניסלאַוו וויטקעוויטש. דער לעצטער פון זייַן זייַט האָט געהאַלטן, אַז „שלום אַש'ס ווערק זענען ווערט עס זאָלן זיי קענען ניט בלויז יידן, נאָר אויך אַלע אַנדערע מענטשן. באַזונדערס די פּוילישע געזעלשאַפטלעכקייט, פאַר וועלכער די יידן זענען איינע פון די טראַגישסטע פּראָבלעמען פון עקזיסטענץ, וואָס ווערט נישט געניג ערנסט פאַרשטאַנען און מען באַגנוגנט זיך, אָדער מיט טעאָרעטישע יודאָפילישקייט, וואָס איז אַלץ זעלטענער און זעלטענער, אָדער גאָר מיט פּראַגראַמאַטישן אַנטיסעמיטיזם"...

מיט יאָרן שפּעטער, שוין זייַענדיק אַ באַרימטער שרייַבער האָט שלום אַש

אַנגעוויזן אַז אין סטאַניסלאַוו וויטקעוויטשן האָט ער געפונען אַ לערער און אַ פירער און סטעפאַן זשעראָמסקי האָט אים אויסגעלערנט ווי צו דינען דעם פאָלק מיט זיין שרייבערישן באַרוף.

אַ באַלערנדיקער קאַפּיטל זענען שלום אַש'ס פערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט אָנגעזעענע שרייבערס פון פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן; מיט מאַקסים גאָרקי און איוואַן בוניןֹ, מיט יאָזעף ראָט און פראַנץ ווערפל, וואָס האָט אַגב אין זיינע בריוו צו אַשן זיך שטענדיק געווענדט ניט אַנדערש ווי „מיין טייערער ברודער אַש".

און ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט אויפן פּען קאָנגרעס 1929, איז צווישן זיי אין אָנהייב פאָרגעקומען אַ קורצער און כאַראַקטעריסטישער דיאַלאָג. פראַנץ ווערפל האָט געפרעגט: פון וואַנעט נעמט זיך אַזוי פיל כּוח און פאַטאָס אין אייער שרייבן, אַש!

און שלום אַש האָט געענטפערט: ווייל איר שרייבט אין אַ געצוימטער שפּראַך מיט גראַמאַטיקאַלישע געזעצן; איר גייט אין אַ יאַך. איך אָבער שרייב אין אַ יונגער שפּראַך און קען זיין ביים שאַפן טאָפּלט שעפעריש, ליבער פראַנץ ווערפל!

די קריטיק האָט אָנגעוויזן אויף איבערופן צווישן שלום אַש ראָמאַן „מערי" און זיין המשך „דער וועג צו זיך" און טאָמאַס מאַנס „דער טויט אין ווענעציע", באַשר בכן עס זענען פאַראַן געוויסע ענלעכקייטן אין דער נאַטור פון די צוויי קינסטלערישע געשטאַלטן, וואָס ביידע קלאַסיקער שילדערן אין זייערע ווערק: טאָמאַס מאַן דעם פאַעט גוסטאַוו אַשענבאַך און שלום אַש דעם מאָלער קאָוואַלסקי. אין דעם אינערלעכן גייסט אָבער, און אין דער גרונט אידעע, זענען דאָס דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע שאַפונגען. טאָמאַס מאַן דריקט אין זיין ווערק אויס דעם אַלטן עוואַנגעלישן גלויבן, אַז דער מענטש איז פון נאַטור אויס שלעכט, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט באַשטייט אין אויסקויפן זיך פון דעם מענטשנס אור־זינדיקייט. ווי אַ חסיד פון דעם אַלטן שאָפּענהויער האָט אויך טאָמאַס מאַן געהאַלטן אַז דער מענטש איז די איינציקע חיה, וואָס פאַרשאַפט יענעם שלעכטס ניט צוליב אייגענעם נוצן, נאָר צוליב דאָס שלעכטס אַליין. שלום אַש האָט געהאַלטן פאַרקערט, „והייתם כאלוהים יודעי טוב", ווי אונדזערע חז"ל האָבן געלערנט. דער מענטש איז פון דער טבע גוט, נאָר די עטישע און סאָציאַלע באַרמעס פון דער געזעלשאַפט פאַרדאַרבן אים.

ביידע שרייבערס זענען פון אַנטיפּאָדע וועלט שפּירונגען. טאָמאַס מאַן, איז אין תוך געווען אַ סקעפּטיקער, דערפון דער בולטער פּעסימיזם אין אַ טייל פון זיינע וויכטיקע ווערק. ער האָט אָפּט געצווייפלט אין די השפּעות פון דעם מענטשלעכן גייסט און אייניקע פון זיינע העלדן (גוסטאַוו אַשענבאַך, טאָניע קרעגער א"א) זענען מענטשן מיט אַ טראַוומאַטישן גייסט און מיט ראָמאַנטישע „סימפּאַטיעס צום טויט". זיין עפּאָפּעע וועגן אַ קראַנק געוואָרענע וועלט „דער

כּישוף־באַרג" ענדיקט ער אויך מיט אַ פּעסימיסטישער פראַגע: וועט אַ מאָל פון דעם דאַזיקן וועלט יום־טוב פון טויט, פון שרעקלעכער שריפה, אַרויסוואַקסן ליבע"?

אין שײַכות דערמיט איז אפשר כּדאַי אַ קורצע דיגרעסיע: בעת דער צווייטער וועלט מלחמה האָט אַהרון צייטלין פּובליקירט „אַן אָפֿענעם בריוו צו טאָמאַס מאַן" וועגן דעם קריג און דער צוקונפט פון דער קולטור. צווישן אַנדערע לייענען מיר דאָרט די ווײַטערדיקע שורות: "איר טאָרט זיך נישט באַגנוגענען מיט בלויז שטעלן די פראַגע: "צי וועט פון אַט דעם אַלעם ווען עס איז אַרויסקומען די ליבע?" אויב איר גלויבט באמת אינעם גײַסט, דאָס הייסט: אויב עס איז בײַ אײַך נישט קיין אַבסטראַקציע, נאָר אַ רעאַליטעט, דאַרפט איר נישט בלויז פרעגן, נאָר העלפן קאַסטאָרפן (דעם הויפּהעלד פון „דער כּישוף־באַרג" ל.פּ.) צו געפינען דעם ענטפער. גיט אים די מעגלעכקייט צו קאָנען זאָגן נאָך זײַן צוריקקער פון צווייטן קריג, אַז איר האָט עפּעס אויפגעטאָן פאַר אים, אַז איר האָט עפּעס צוגעגרייט, אַז אין דער טראַגישער צווישנצײַט זענען יאָ געשען נײַס — נײַס אויפן גײַסט־פראָנט". (אינזיך, נומ. 54, ניו־יאָרק אַפּריל 1940).

שלום אַש איז אין לעצטן סך הכּל געווען באַהערשט פון אַן אָפּטימיסטישן וועלט געפיל. ער האָט געגלויבט אין אַ געטלעכער השגחה אין דער געשיכטע. אין זײַן מאמר "נצח ישראל" האָט ער געשריבן: „ווען ייִדן האָבן זיך דערהאַלטן ביז הײַנטיקן טאָג, איז עס נישט אַ קאַפּריז פון דער געשיכטע, איז עס אויך נישט ווײַל זיי האָבן אַזוי געוואָלט. זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן דערצו — גאָט האָט אַזוי געוואָלט. און אַז גאָט האָט דערהאַלטן ייִדן — באַדאַרף ער זיי, האָט ער פאַר זיי אָנגעגרייט אַן אָרט, דאַרפן זיי זאָגן אין דער געשיכטע דאָס וואָרט אין דער צוקונפט, ווי זיי האָבן עס געזאָגט אין דעם עבר". (אידישער קעמפער 24/×1941).

אויב צווישן טאָמאַס מאַנס „טויט אין ווענעציע" און שלום אַשס „דער וועג צו זיך", זענען פאַראַן בלויז אויסערלעכע אַנאַלאָגיעס, קאָן מען געפינען טיפערע איבערופן צווישן די ווערק וועגן משה רבינו, וואָס ביידע קלאַסיקער האָבן געשאַפן אין לעצטן פעריאָד פון זייער לעבן און אין וועלכע ביידע מײַסטער האָבן געזוכט די אור וואָרצלען פון די הומאַניסטישע אידעען וואָס האָבן באַשטימט דעם היסטאָרישן וועג פון דער מענטשהײַט.

אין זײַן באַגלייט וואָרט צום ראָמאַן „משה" האָט שלום אַש געשריבן: „די האַנט פון גאָט וואָס איז געווען אין געשעעניש האָט אויפגעריסן אַלע חתימות פון פאַרשווײַגן, געשפּאָלטן די ניט דורכדרינגלעכע ווענט פון מצרים און פאַרזייט אין דעם באָדן פון דער געשיכטע דעם קערן פון אמת. (דעם קערן) וואָס האָט געבראַכט די ערשטע שפּראָצונגען פון אונדזער ציוויליזאַציע און אונדזער סדר, וואָס עס זאָגן עדות אין הײַנטיקן טאָג — איר און איך".

טאָמאַס מאַנס גרונט־טעזיס איז געווען, אַז דאָס ייִדנטום אין זײַן רעליגיעזער גרויס, איז אין גײַסטיקן זין די קולטורעלע גרונטלאַגע פון דעם זײַן. ווײַל, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „דאָס ייִדנטום איז פון זײַן אָנהייב פּאָזיטיוו״.

בײַם אויסקלערפן די געשטאַלט משה, פילט מען בײַ טאָמאַס מאַן און אויך בײַ שלום אַש השפּעות פון זיגמונד פרויד. בײַ ביידע האָט די געשטאַלט אין זיך קולט געווען ייִדישע מסורה און מיצרישע קולטור. דער חילוק אָבער באַשטייט אין דעם, וואָס טאָמאַס מאַן באַטראַכט משה׳ן פון אַ היסטאָרישער דיסטאַנץ, בײַ שלום אַשן איז משה אַן אייביק־לעבעדיקער סימבאָל פון ייִדיש היסטאָרישן גורל. בײַ טאָמאַס מאַן איז משה דער שאַפער פון דעם געזעץ, פון די עשרת הדברות. און אַזוי טאַקע האָט ער אָנגערופן זײַן ווערק „דאָס געזעץ״ (1944). בײַ שלום אַשן־איז משה דער שאַפער פון אַ פאָלק.

אין זײַן פריער דערמאָנטן מאַמר „מײַן וועג צו גאָט״, האָט שלום אַש געשריבן, אַז טאָמאַס מאַן האָט אָנגעקגעבן זײַנע בעסטע יאָרן אויף אָנצושרײַבן אַ ייִדיש ווערק „יוסף און זײַנע ברידער״. דאָס איז געווען דער ווירדיקסטער אַרויסטריט פון דער דײַטשער, און אפשר אויך פון דער גאַנצער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, קעגן דער נאַצישער יודאָפאָביע.

בכלל האָט טאָמאַס מאַן מער פון אַלע שרײַבערס אין אייראָפּע זיך דערגרונטעוועט צו דער דעמאָנישער נאַטור פון דעם דײַטשן פאַשיזם און בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן אָנגעוויזן אויף דער שעדלעכער השפּעה פון דעם לוטעראַניזם, וואָס האָט בײַ די דײַטשן אויסגעהוילט יעדן טראָפּן פון ראַציאָנאַליזם.

שלום אַש האָט געהאַלטן, אַז אַ פאָלק בײַ וועלכן די קלאַסישע געשטאַלטן אין זייער ליטעראַטור זענען מענטשן וואָס פאַרקויפן זייער נשמה דעם טײַוול, איז קיין חידוש וואָס פון אים איז אַרויסגעוואַקסן דער טײַוולאַניש־מאָנסטעריעזער היטלעריזם. ער האָט אָנגעוויזן אויף געטעס „פאַוסט״ און אויך אויף טאָמאַס מאַנס „דאָקטאָר פאַוסטוס״.

אין 1943, ווען שלמה מיכאָעלס האָט באַזוכט ניו־יאָרק האָט אים שלום אַש דערציילט, אַז בײַ אַ געלעגנהייט האָט ער דעם טעזיס פאָרמולירט אויך פאַר טאָמאַס מאַן און ער האָט אים נישט דערווידערט, נאָר פּשוט געשוויגן.

שלום אַש האָט אויך דאַן דערציילט ש. מיכאָעלסן אַז טאָמאַס מאַן האָט געהאַלטן די קאַפּיטלען אין שלום אַש ראָמאַן „בײַם אָפּגרונט״, וועגן דעם אויפקום פון דער היטלעריסטישער וואַקכאַנאַליע, פאַר דעם בעסטן וואָס אים איז אויסגעקומען לייענען וועגן דער דאָזיקער פּאַטאָלאָגישער דערשײַנונג.

אין זײַנער אַ פאַרצייכענונג „מײַן באַגעגעניש מיט טאָמאַס מאַן״ דערציילט ד״ר יעקב י. מייטליס וועגן דער גוטער באַציונג וואָס ער האָט אַרויסגעפילט בײַ טאָמאַס מאַנען ווען ער האָט דערציילט וועגן זײַנע אָפטע קאָנטאַקטן מיט שלום

אַשן אין וועלכע אַש פלעגט זיך פאַר אים באַקלאָגן אויף די „יידישע רדיפות". בעת דער באַגעגעניש איז אויך געקומען צו רייד וועגן שלום אַש קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען. טאָמאַס מאַן האָט געהאַלטן אַז פּאַולוס איז געווען דער, וואָס האָט געשאַפן דעם פּירוד פון יידישקייט און להלכה באַגרינדעט דאָס קריסטנטום, בעת יעזוסן האָט אויך ער, טאָמאַס מאַן, באַטראַכט ווי אַן אמת'ן יידן. (לשון און לעבן נומ. 9, לאָנדאָן 1955, ז' 34).

כדאַי, מיינען מיר, ביי דער געלעגנהייט צו פאַרצייכענען אַ ווייניק באַקאַנטן פאַקט. טאָמאַס מאַן איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער היטלעריסטיש־אַנטיסעמיטישער מגפה נישט נאָר מיט שאַפן אַ „יידיש ווערק", נאָר איינצייטיק מיטן פאַרעפנטלעכן זיין יוסף עפּאָפּעע (1934) האָט ער אויך עפנטלעך געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג דער היסטאָרישער ראָל פונעם ציוניזם און זיין נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן באַדייט.

אין אַן אינטערוויו פאַר דער יידישער פרעסע פון וואַרשע האָט טאָמאַס מאַן צווישן אַנדערן דערקלערט: „איך באַטראַכט דעם ציוניזם ווי אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות פון איינעם פון די עלטסטע און קולטורעלסטע פעלקער אין דער וועלט. ארץ ישראל, וואָס ווערט מיט רעכט באַטראַכט ווי דאָס וויגעלע פון דער מאָדערנער מענטשהייט, דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים, כדי דערמעגלעכן דעם יידישן פאָלק לעבן פריי און אָן שטערונגען שאַפן גרויסע הומאַניסטישע קולטור־ווערטן פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט...

אין מיינע אויגן, האָט טאָמאַס מאַן אויסגעפירט, איז דער ציוניזם אַ קולטור פאַקטאָר פון אַ גרויסן הומאַניסטישן באַדייט. די וועלט ווערט באַהערשט פון צוויי טענדענצן: אוניווערסאַליזם און נאַציאָנאַליזם. די יידן האָבן ביז איצט אַ סך געטאָן פאַרן אוניווערסאַליזם. עס איז געקומען די צייט זיי זאָלן זיך מטפל זיין אויך מיט זייער אייגענער נאַציאָנאַליטעט, ווייל דורך דעם, דורך דער פאַרעם פון נאַציאָנאַלער מקוריותדיקייט וועט די יידישע גאונות אויפן בעסטן אופן דינען דעם אוניווערסאַליזם...".

אין דעם דאָזיקן אינטערוויו האָט טאָמאַס מאַן אויך געזאָגט, אַז ער איז נבהל ונשתומם געוואָרן פון די אַנטי ציוניסטישע אַרטיקלען, וואָס אים איז אויסגעקומען לייענען אין „בערלינער טאַגעבלאַט" און „פראַנקפורטער צייטונג" געשריבענע פון יידן. „איך קען כלל נישט באַנעמען, האָט ער דערקלערט, ווי אַזוי יידן זענען מסוגל צו קעמפן קעגן יידישע נאַציאָנאַלע אידעאַלן".

נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

ווייט גייענדיקע אַנאַלאָגיעס זענען פאַראַן צווישן שלום אַש און ליאָן פויכטוואַנגער. ביידע זיינען די באַדייטנדיקסטע שאַפערס פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן אינעם 20־סטן י. ה. און נישט נאָר דאָס. ביידע מייסטערס האָבן געהאַט

אַ נטיה צו טעמעס און פּראָבלעמען וועגן די קרייצוועגן פֿון דער ייִדישער געשיכטע. פֿאַראַן ווערק אין וועלכע זיי באַגעגענען זיך טעמאַטיש, כראָנאָלאָגיש און געאָגראַפֿיש. הגם זייערע וועלט־שפּירונגען און קינסטלערישע אַספּיראַציעס זענען פֿאַרשיידענע. אין שלום אַש׳ס ראָמאַן „בײַם אָפּגרונט" און ליאָן פֿויכטוואַנגערס „פֿאַמילע אָפּענהיים" למשל — ווערט געשילדערט דײַטשלאַנד ערב און בעת דעם אויפֿקום פֿונעם היטלעריזם.

עס איז נישט שווער צו געפֿינען אַנאַלאָגיעס אינעם גורל פֿון שלום אַש משפּחה באַדענהײַמער און ליאָן פֿויכטוואַנגערס משפּחה אָפּענהיים.

באַזונדערס רופֿן זיך ביידע שרײַבערס איבער מיט זייערע קאָנצעפּציעס וועגן דעם היסטאָרישן ראָמאַן. אין זײַן אַרבעט: „זין און אומזין פֿון דעם היסטאָרישן ראָמאַן" האָט ליאָן פֿויכטוואַנגער געשריבן: „קיינמאָל האָב איך זיך ניט געקימערט צי מײַנע שילדערונגען שטימען מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט. יאָ, איך האָב אַפֿילו די מיר גענוג באַקאַנטע היסטאָרישע ווירקלעכקייט געענדערט, ווען זי האָט געשטערט מײַן פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט".

אַן ענלעכן געדאַנק האָט אויך פֿאָרמולירט שלום אַש. אין אַ שמועס וועגן זײַן היסטאָרישן ראָמאַן „דער תהילים ייִד". צי גיי איך נאָך שטרענג נאָך דער געשיכטע?, האָט שלום אַש געפֿרעגט און געענטפֿערט, „איך וויל נישט, אַז עס זאָל זיך שאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז איך גיי דאָ באַהאַנדלען און שילדערן אמתע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. איך וויל ליבער טויזנט מאָל פֿעלשן און זינדיקן קעגן דער געשיכטע, איידער איינמאָל צו זינדיקן קעגן דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע. איך פֿאַרגעס אינגאַנצן געשיכטע, ווען איך שרײַב אַ היסטאָרישן ראָמאַן" (פֿאָרווערטס, 2 אָקטאָבער 1932).

זײַן צוגאַנג צום היסטאָרישן ראָמאַן האָט שלום אַש אויך פֿאָרמולירט אין דעם פֿריער דערמאָנטן באַגלייט־וואָרט צו זײַן ראָמאַן „משה", נעמלעך: „נישט דאָס געשעענע, לייענען מיר דאָרט, איז דער אמת, נאָר דאָס געוואָרענע, דאָס געשעענע איז בלויז דער קערן, וואָס די צײַט פֿאַרזייט אין דער ערד. דער קערן ווערט פֿאַרפֿוילט און פֿאַרלוירן; וואָס עס שפּראָצט אַרויס דערפֿון ווערט דער אמת".

שלום אַש האָט געהאַלטן, אַז די היסטאָרישע טעמע אין אַ ליטעראַרישער קינסטלערישער שאַפֿונג דריקט אין תוך אויס דעם מאָדערנעם וועלט באַנעם פֿונעם שרײַבער. ער באַקליידט אים בלויז אין אַ געשיכטלעכן קאָסטיום און רינגלט אַרום די העלדן מיט אַן אַרכאַיִשער בוטאַפֿאָריע. די היסטאָרישע טעמע איז ווי אַ מין גרויסער מעטאַפֿאָר מיט וועמעס הילף דער שרײַבער דריקט אויס זײַנע באַציונגען צו די געשעענישן פֿון זײַן צײַט און זײַן סביבה.

טרעפֿלעך האָט אין אַן אָרט באַמערקט פּראָפֿ. דב סדן, אַז אין דער וועלט פֿון שלום אַש שטויסט זיך צוזאַמען דער גורל פֿון יחיד מיטן גורל פֿון פֿאָלק

אויף אַן אַקטועלן און אויף אַ לאַנגען היסטאָרישן וועג פון רוב דורות. (טויערן און טירן ז׳ 196, ת״א 1979).

צום באַדויערן זענען די ביז איצט דערציילטע פאַקטן פון שלום אַש שעפערישער ביאָגראַפיע ווייניק געפאָרשט געוואָרן, כאָטש עס איז וועגן דעם פאַראַן אַ גענוגנדיקע עפּיסטאָלאַרע און מעמואַריסטישע ליטעראַטור.

אינטערעסאַנטע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון שלום אַש, האָט פאַרצייכנט אין זיינע זכרונות דער פּאָעט און טעאָרעטיקער פון דעם רוסישן סימבאָליזם אַנדריי ביעלי.

שלום אַש האָט געהאַט אַ טבע פאַרצולייענען זיינע ווערק פאַר זיינע נישט יידישע קאָלעגן דווקא אין אָריגינאַל, דווקא אין יידיש. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען אין זיינע באַגעגענישן מיט דעם רוסישן דראַמאַטורג און אַרטיסט נ. נ. כאָדאַטאָוו, וועלכער האָט אויספירלעך וועגן דעם דערציילט אין זיין בוך: „בליזקאָיע־דאַליאָקאָיע״, [דאָס נאָענטע־ווייטע, מאָסקווע־לענינגראַד 1962, ז׳ 209—211]. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען ווען מאַקס ריינהאַרט האָט פאַרבעטן די פּני פון דער בערלינער קונסט־וועלט. אַש האָט זיי פאַרגעלייענט „גאָט פון נקמה״ אין יידיש און מאַקס ריינהאַרט האָט עס איבערגעזעצט אויפן אָרט.

אין זיינע זכרונות באַשרייבט אַנדריי ביעלי וויאַזוי שלום אַש האָט אויך אים פאַרגעלייענט זיינע אַ דראַמע אין יידיש: „דאָס איז געווען מוזיק, פּירט אויס אַנדריי ביעלי, מ׳האָט געשפּירט דעם אַראָמאַט פון בלומען. דעם רויש פון אַ פרילינגדיקן גאַס־רעגן און דאָס מעלאָדישע געקלאַנג פון גלעקלעך. אַש האָט זיך אינגאַנצן פאַרטיפט אין לייענען. דאָס בלייכע פּנים זיינס האָט אויסגעזען העל־פלאַמיק. אין דעם ציטערדיקן אָפּשיין פון די ליכט אויף די רויטע ליפּן האָט זיך געשאַטנט די פּערל־ווייסקייט פון זיינע ציין. די אויגן האָבן זיך ווילד פאַרגראָבן אין איין פּונקט. ער האָט אַלצדינג פאַרגעסן. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און צוציענדיק זיך צו מיר האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שעפּטשעריי, ווי אַריינגעוויינט אין מיר וועגן עפּעס.״ און אַנדריי ביעלי פאַרענדיקט „וויפל ליבע, פיינקייט און אמתע ניט געקינצלטקייט פאַרמאָגט דער דאָזיקער טאַלאַנט־פולער גרויסער יידישער שרייבער״. [ליטעראַרישע בלעטער 1928, ז׳ 146].

אויך מאַקסים גאָרקי, אין זיינע בריוו צו אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי (1909), האָט מיט אַ סך באַגייסטערונג געשריבן וועגן שלום אַש. „דאָס איז אַ קינסטלער, וואָס איז פעיִק אָנצושרייבן גאָר גרויסע ווערק״. מ. גאָרקי באַשרייבט ווי אין זיינע שמועסן מיט אים האָט שלום אַש „פּראַכטפול אונטערגעשטראָכן די נייטיקייט פאַר דער קונסט זיך צו באַהעפטן מיטן פּרימיטיוו, מיטן פאָלקס־עפּאָס — מיט דעם תנ״ך, מיט דעם מאַהאַבאַראַטאַ, מיטן עפּאָס פּאַנטשאַטאַנדראַ א.ד.ג. אין זיינע בריוו שטרייכט מ. גאָרקי באַזונדערס אונטער שלום אַש ראָמאַנטיזם,

זײַן „שטרעבונג צום אַלמענטשלעכן״, און אַז אין דעם גײַסט שילדערט אַש אויך זײַנע יידישע געשטאַלטן. „אין זײַנע ווערק, באַמערקט מ. גאָרקי אין אַן אַרט, ווײנען ניט די יידן, נאָר זיי שלאָגן זיך, און — — און גאַרניט שלעכט.״

באַזונדערס וויכטיק זענען די פּערזענלעכע קאָנטאַקטן צווישן שלום אַש און סטעפאַן צווײַג. בעת אינטימע מסיבות זאָל שלום אַש זיך האָבן געווענדט צו צווײַגן מיט זײַן יידישן נאָמען; שמואל. לויט דער גבית עדות פון שלמה ראָזנבערג איז סטעפאַן צווײַג געווען פאַרליבט אין שלום אַשן. ער האָט געקוקט אויף אים, ווי אַ געליבטע קוקט אויף איר געליבטן. פון שלום אַש׳ס אייגענער גבית עדות דערוויסן מיר זיך, אַז לויט סטעפאַן צווײַגס פּערזענלעכער בקשה האָט אַש פאַרעפנטלעכט אין דײַטש זײַנע אַ ספּעציעל אָנגעשריבענע אויטאָביאָגראַפיע [געדרוקט אין „פאַמיליען בלאַט פאַר וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור, ווין־בערלין, 1930, נומ. 11/12 ז׳ 511].

קיין געדרוקטער נוסח אין יידיש פון דער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפיע איז, דאַכט זיך, נישט פאַראַן און אַ שאָד. מחמת חוץ די אין אַלגעמיין באַקאַנטע ביאָגראַפישע פאַקטן האָט שלום אַש אין דער דאָזיקער ביאָגראַפיע פאַרמולירט היסטאָרישע קאָנצעפּציעס; אָפּשאַצונגען וועגן יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וועגן דער היסטאָרישער ראָל פון די מתנגדים און פון די חסידים, דערבײַ ווײַזט שלום אַש דאָ אַרויס מער סימפּאַטיעס צו די מתנגדים. אין דער אויטאָביאָגראַפיע זענען פאַראַן אויך אייניקע היסטאָרישע באַאָבאַכטונגען וועגן אשכנזים און ספרדים. „בײַ די חכמים אַרום די ברעגעס פונעם ריין, האָט שלום אַש געשריבן, דאַרף מען זוכן די גײַסטיקע קוואַלן פונעם אייראָפּעישן יידנטום״. שלום אַש שטרײַכט באַזונדערס אונטער דעם פאַקט, וואָס בײַ די אשכנזים זענען קיין מאַראַנען ניט געווען. און באמת — אַז מיר וועלן זיך גוט אַרײַנטראַכטן האָבן די געוועזענע מאַראַנען, אומקערנדיק זיך צום יידנטום און יידישקייט, מיטגעבראַכט מיט זיך ניט וויניק פונעם פרעמדן קריסטלעך קאַטוליש־פּײַנטלעכן שעטנז. (אוריאל אַקאָסטאַ און אפילו שלמה מולכו).

אין פאַרשיידענע ערטער פון זײַנע ווערק האָט שלום אַש בכלל קריטיקירט די קריסטלעכע ציוויליזאַציע און מאָראַל. אין דער הקדמה צו זײַן ראָמאַן „די בישופמאַכערן פון קאַסטיליע״ האָט שלום אַש געשריבן: „מיט אַ כיוון האָב איך איבערגעטראָגן די אַלע גרויזאַמקייטן פון דער אינקוויזיציע — די פרוכט פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע — קיין רוים — — ווײַל דער שטעלפאַרטרעטער פון יעזוס קריסטוסן, אין וועמעס נאָמען די גרויזאַמקייטן זענען באַגאַנגען געוואָרן, איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער קריסטלעכער קולטור און מאָראַל״. אין דעם ראָמאַן האָט שלום אַש מיט אַ שטאַרקער קינסטלערישער קראַפט געוויזן די העסלעכקייטן פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, וואָס

האָט געשאַפן אינקוויזיציעס און אויטאָדאַפעס אין נאָמען פון דעם אַזוי געררופענעם „קריסטלעכן יושר און מענטשן-ליבע."

ווייס איך ניט צי זענען גערעכט אַלע די וואָס האַלטן אַז שלום אַש איז געווען באַהערשט, ווי דב סדן האָט זיך אויסגעדריקט, פון אַ „יצר הגעלטונג" און אַז דער דאָזיקער יצר זאָל האָבן צוגערעדט שלום אַשן ער זאָל אין „תהילים ייִד" זאָגן וואָס ייִדן ווילן הערן און לגבי „אותו האיש", וואָס גוים ווילן הערן.

גערעכטער, דאַכט זיך, איז געווען שמואל ניגער וואָס האָט איינגעזען דאָס פאַרקערטע. „דער תהילים ייִד", לויט ש. ניגער, איז נישט אַנדערש ווי אַ אַריינפיר צום ראָמאַן וועגן „אותו האיש". „דער מאַן פון נצרת", האָט ש. ניגער געשריבן, איז פריער פון אַלץ דער המשך, די פאַרפולקאָמונג און די קרוינונג פון דעם „תהילים ייִד". („דערציילער און ראָמאַניסטן", נ"י 1946, ז' 499).

ביים אויפשטעלן דאָס אורבילד פון דער עוואַנגעליע, וואָס איז טיילווייז אויפגעקומען אין שויס פון דעם ייִדנטום, און ביים מאָלן די אורגעשטאַלט פון יהושע בן יוסף, איידער מען האָט אים געשמדט ווי אַ סימבאָל פאַר דעם קריסטנטום, האָט שלום אַש געקוקט אויף דער צייט און אויף די מענטשן מיט ייִדישע אויגן.

פאַראַן וועגן דעם אַ גענוג רייכע ליטעראַטור און שלמה ראָזענבערג אין זיין בוך: „שלום אַש פון דער נאָענט" האָט צונויפגעזאַמלט דעם גאַנצן פּראָ און קאָנטראַ מאַטעריאַל. וועל איך דאָס ניט איבערחזרן. אָבער לעצטנס זענען מיר באַרייכערט געוואָרן מיט נייע וויכטיקע מאַטעריאַלן פון וועלכע עס איז צו זען וואָס שלום אַש האָט געטראַכט וועגן דעם ענין — ווען ער איז געווען אויג אויף אויג מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם וויסן און געוויסן. איך האָב אין זינען שלום אַש'ס בריוו צו זיין פרוי, מאַדזשע, וואָס זענען דערשינען אין ישראל אונטער דער רעדאַקציע און מיט הערות פון מרדכי צאַנין. וויל איך ברענגען אייניקע שורות. אין איינעם פון די בריוו לייענען מיר צווישן אַנדערן: „מיין אייניציקע, ליבע מאַדזשע, איך פאַרזיכער דיר ביי אַלעם וואָס איז הייליק און טייער, אַז איך האָב דאָס בוך געשריבן אין טיפן גלויבן, אַז איך טו דערמיט אַ גרויסע טובה ייִדן. איך ברענג גייסטיקע דערהויבנקייט צו מיליאָנען מענטשן, און איך דריק אויס דורך דעם בוך דאָס ערלעכסטע און אמתע וואָס איז אין מיר. איך ברענג אַרויס די העכסטע שיינקייט און מוטער-ליבע. און איך וועל דורך דעם בוך באַגייסטערן מענטשן צו איידעלע געפילן און צו אַ בעסערער פאַרשטענדעניש און נאָענטער קרובהשאַפט פון ייִדן און ניט ייִדן.

פאַרשטייט זיך, ווען אַפילו דאָס בוך איז אין די ראַמען פון ייִדישן דענקען און פילן, אויסער די גרענעצן פון ייִדישער טראַדיציע — נאָר דאָס וויל איך דאָך. און דאָס האָב איך דאָך געוואָלט אין „דער מאַן פון נצרת" און „דער אַפּאָס-טאָל" — צו צעברעכן דעם ריז, וואָס ענגע און שמאָלע קעפּ און הערצער האָבן

אריינגעפּאַסט און אײַנגעמויערט זייערע סטאַדעס דורך פאַלשע געצנדינערישע דאָגמעס, געגראָבן גריבער און געצויגן שטעכיקע דראָטן צווישן מענטש און מענטש. — — —

איך בין איבערצײַגט, פירט אויס שלום אַש, אַז די צוקונפטיקע דורות וועלן מיך פאַרשטיין און אָפּשאַצן מײַן ווערק. דער הײַנטיקער דור איז נישט אימשטאַנד מיך צו מישפּטן". (זייט 150).

אָבער נישט דאָס ביז איך אויסן און נישט דאָס איז אויך איצט מיין טעמע. איז לאָמיר זיך אומקערן צו די הויפּט־כוונות פון מײַנע הײַנטיקע באַמערקונגען.

עס איז באַקאַנט דער טריומף־מאַרש פון שלום אַשס דראַמען אויף די בינעס פון די גרעסטע שטעט אין אייראָפּע און אַמעריקע; עס איז אויך באַוווּסט דער גלאָריע־וועג פון זײַנע ראָמאַנען אין פאַרשיידענע שפּראַכן און ליטעראַטורן פון דער וועלט. זיי האָבן אויפגערודערט די געזעלשאַפטלעכע מיינונגען פון פּעטערבורג, בערלין, פּאַריז און ניו־יאָרק. עס זענען אַרום זיי געפירט געוואָרן הייסע און לײַדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס. ביז שלום אַשן האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט דער עיקר נאָר אַ היימישן געברויך. שלום אַש איז געווען דער ערשטער גרויסער קינסטלער אין דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט אַריבערגעשפּרײַזט דעם צוים פון יידישן תחום המושב. „ער איז, לויט חיים זשיטלאָווסקי, דאָס ערשטע צווײַגעלע וואָס פלעכט זיך אַרײַן אין דעם אַלגעמיינעם געוויקס פון דעם אייראָפּעישן גײַסט". מיט דעם רופט זיך איבער, דער חכם פון דעם מאָדערנעם יידישן געדאַנק, חיים זשיטלאָווסקי, מיט דעם אָנגעזעענעם רוסישן קריטיקער וולאַדימיר אַזאָוו, וואָס האָט געהאַלטן, אַז כאָטש שלום אַש, „איז מיט אַלע זײַנע וואָרצלען אַרײַנגעוואָקסן אין יידישן שטייגער — געהערט ער צו אַלע ליטעראַטורן".

צו דער גרויסער היסטאָרישער מיסיע וואָס שלום אַש האָט אויסגעפּילט אין באַקענען די וועלט מיט דעם היסטאָרישן גלגול און גורל פון יידישער גײַסטיקייט, קאָן זיך קיין איין יידישער שרײַבער נישט פאַרגלייכן. אפילו נישט דער הײַנט אַזוי פּאָפּולערער יצחק באַשעוויס. אין דעם וואָס און אין דעם וויאַזוי אַט די צוויי מײַסטערס דערציילן דער וועלט וועגן יידן און יידישקייט, זײַנען פאַראַן גרויסע און וועזנטלעכע אונטערשיידן — — עטישע און עסטעטישע.

די פּערספּעקטיוון און די האָריזאָנטן פון שלום אַש'ס שאַפן, זײַנען אין זיך קולט כמעט די גאַנצע געאָגראַפיע פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. און רעטראָספּעקטיוו — כמעט אַלע פיר טויזנט יאָר פון דער יידישער געשיכטע.

וועגן זײַנע היסטאָרישע ראָמאַנען האָט שוין בשעתו געשריבן דער קדוש יצחק שיפּער, אַז שלום אַש ברענגט אונדז אין זיי צום אורבילד פון דער יידישער

נשמה. דערביַי האָט שלום אַש נישט פאַרזען אויך דאָס פּאָזיטיווע אין דער גײַסטיקער פאַרמאַציע פון דעם מאָדערנעם וועלטלעכן טיפּ ייִד.

יצחק באַשעוויס שילדערט מײַסטעריש די עקזאָטישע זײַטן פונעם ייִדישן לעבן. אים לאָקט אָבער מער די דעמאָנאָלאָגיע, בעת שלום אַש איז געווען פאַרכאַפּט פון דער פענאָמענאָלאָגיע פון דעם ייִדישן פאָלקס־לעבן.

עס גייט נישט נאָר אין דעם, וואָס יצחק באַשעוויס באַטראַכט די ליטעראַטור ווי אַ פאַרווײַלונג. און מלך ראַוויטש האָט שוין בשעתו טרעפלעך באַמערקט אַז „געגנוס פון ווערטער אָן אַן עטישער אידעע אין זיי — איז געפערלעך”. שלום אַש האָט אײַנגעזען אין דער ליטעראַטור אַ נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שליחות. ער האָט געהאַלטן אַז די ליטעראַטור איז דער וויכטיקסטער גוטס פון דער מענטשלעכער קולטור און זי דערפאַר באַטראַכט ווי אַ הייליקטום, מחמת אין איר אַנטפּלעקט זיך, מער ווי אין יעדן אַנדערן געביט פונעם מענטשלעכן שאַפן, דאָס פּנים און דער גײַסטיקער מהות פון פאָלק.

די ייִדישע ליטעראַטור, האָט שלום אַש געהאַלטן, דאַרף אויפדעקן נישט דאָס צופעליקע, נישט דאָס טאָגטעגלעכע נאָר „דאָס אייביקע, די העכערע ייִדישע מאָראַל, וואָס האָט געגעבן דעם ייִדישן פאָלק די קראַפט פון עקזיסטענץ, די קראַפט זיך אַנטקעגנצושטעלן”. שלום אַש קלערט נישט אויס קיין אויסטערלישקייטן און מאָלט נישט קיין עראָטישע עקזאָטיק פון ייִדישן שטייגער. ער דערציילט וועגן דעם תפארת אין דער ייִדישער נשמה; וועגן דעם, אַז ייִדן האָבן געגעבן דער וועלט דעם העראָיִזם פון קידוש השם און דעם גלויבן אין משיחיזם, אין דער וועלטס־דערלייזונג.

אין אַ רעדע אין תל אביב, דעם 11־טן מערץ 1936, האָט שלום אַש דערקלערט:
„עס זײַנען פאַראַן שרײַבערס וואָס גלויבן, אַז זייער ליטעראַרישע מיסיע, איז אויפצודעקן די פעלערן פון מענטש און געזעלשאַפט. דאָס איז אַ הויכע מיסיע... איך אָבער האָב אַ שוואַכקייט, וואָס איך זוך שטענדיק אויפצודעקן מעלות. מײַן גאַנץ לעבן האָב איך געזוכט — קידוש השם. איך האָב אים געזוכט אין אונדזער געשיכטע, און אין אונדזער איצטיקן לעבן.”

אין זײַן מאמר „אַראָפּגערעדט פון הארצן” האָט שלום אַש אָנגעוויזן, אַז דער ערשטער חוב פון אַ שריפטשטעלער איז צו געבן זיך אַליין, אַפילו ווען עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז ער וועט זיך דורך דעם לעכערלעך מאַכן. „זײַט ליבערשט, האָט שלום אַש פּאַטעטיש דערקלערט, לעכערלעך און ערלעך, איידער קלוג און... פאַלש”.

די ייִדישע און די נישט ייִדישע וועלט קאָן דעריבער לויט שלום אַש'ס קינסטלערישע ווערק, ברייטער און טיפער באַנעמען דעם ייִדיש־עטישן אימפּעראַטיוו און זײַן גאַנג און געשטאַלט אין דער געשיכטע. פּונקט ווי זײַן ערשטער גרויסער לערער י. ל. פּרץ, האָט אויך שלום אַש געהאַלטן אַז אויב די ליטעראַטור וויל

זײַן ייִדיש, מוז זי עס זײַן נישט נאָר אין דער שפּראַך, נישט נאָר אין דער אויסערלעכער פאָרעם פון וואָרט, זי מוז זײַן ייִדיש אין תוך, אין דער נשמה, אין דער פּראָבלעם. ייִדיש געגומען, האָט אויך לויט שלום אַשן, דאָס וואָרט ליטעראַטור אַ גאַנץ אַנדערע באַדײַטונג.

אין קעגנזאַץ פון יצחק באַשעוויס וואָס האַלט, אַז „די אמתע קונסט איז פאַקטיש קאָנצענטרירט אין צוויי טעמעס און דאָס זענען: „רעליגיע און ליבע — די באַציונג פון מענטש צו גאָט און די באַציונג פון מאַן און פרוי", „דער שרײַבער, האָט י. באַשעוויס געשריבן, איז אַ פאַרווײַלער. ער ווייסט אַז די מערהייט מענטשן לײַדן פון לאַנגווײַל, וויל ער זיי פאַרווײַלן." („אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער" נומער 161, זייט 3, בוענאָס איירעס, 1979).

לויט שלום אַשן איז ליטעראַטור אַזוינס וואָס שטייט איבערן לעבן, און ציט עס, דאָס לעבן, צו זיך און שאַצט עס פון אַ העכערן, אידעאַלן שטאַנדפונקט, און לויבט עס און שטראָפט עס. „די איינציקע אַמביציע אין מײַן לעבן, האָט אָנגעוויזן שלום אַש, איז אויפצומאָנען פאַר ייִדן דעם גאַנצן קרעדיט פאַר דער באַשטײַערונג פון ייִדישן גײַסט צום וועלטלעכן אוצר פון אמונה, קולטור, ציוויליזאַציע. „איך האָב געזען דעם ייִדישן גײַסט, האָט געשריבן שלום אַש, אין קידוש־השם פון ייִדן; איך האָב אים געזען זיך מאַניפעסטירן אויף הונדערטער אופנים אין לעבן פון ייִדישן פאָלק — דאָ אין אַ מוטער, דאָ אין אַ פאָטער, אין בית מדרש און אין קעלערס פון אָרעמקייט, אין דער גאַס וואו עס האַלטן זיך אויף מאַטקע גנבס. איך האָב אים געזען אין „תהילים" ייִד". איך זע אויך דעם בײַשטײַער פון ייִדישן גײַסט צום וועלט־אוצר פון אמונה דורך ייִדישע באַגרינדערס, אײַנפלאַנצערס און פאַרשפּרייטערס פון דער קריסטלעכער אמונה. זיי רייצן מײַן פאַנטאַזיע, מײַנע אינספּיראַציעס הענגען נישט אָפּ פון מיר. נעכטן בין איך אינספּירירט געוואָרן צו שרײַבן דעם „תהילים ייִד", הײַנט איבער דעם לעבן פון ישו הנוצרי. נישט איך זוך אויס מײַנע אינספּיראַציעס, נאָר זיי זוכן מיך אויס. אַז איר ווילט, איז דאָס רוח הקודש. איך גלויב נישט, אַז מען קאָן שרײַבן ביכער אָן רוח הקודש." (אידישער קעמפער 2.14. 1941).

אינטערעסאַנט, אַז דעם רוח הקודש, דעם ייִדישן פאָלקס־גײַסט אין שלום אַש'ס שאַפן האָט אויך באַמערקט נישט קיין אַנדערער ווי — אַלבערט אײַנשטיין. איבערלייענענדיק דעם „תהילים ייִד" האָט אײַנשטיין צווישן אַנדערן געשריבן שלום אַשן: „אײַער דיכטערישע געשטאַלטונג העלפט צו אין אַ גרויסער מאָס, אַז עס זאָל לעבעדיק אויפגעהאַלטן ווערן די ליבע צו אונדזער פאָלקסטום, באַזונדערס צו זײַן גײַסט. פרייט מיך צו זען, אַז בײַ אונדז קאָן זיך אַ הויכער קינסטלערישער טאַלאַנט אַנטוויקלען צו אַזאַ שעפערישער מדרגה און דערבײַ נישט אָנשפּאַרן זיך אויף אַ פרעמד פאָלקסטום."

אין זײַנע אַרטיקלען און עסייען, פון פאַרשיידענע פעריאָדן, ווי אויך אין

זייַנע פּילצאָליקע פּאָרטרעטן און אַרויסטרעטונגען אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און סימפּאָזיומס האָט שלום אַש פאָרמולירט זייַנע אידעען וועגן יחיד און געזעלשאַפט, ליטעראַטור און קונסט, גאָט און מענטש און דערבייַ נישט פאַרזען דעם אוניווערסאַל־הומאַניסטישן באַדייַט פון דער ליטעראַטור. די שפּראַך און דורך איר די ליטעראַטור, האָט שלום אַש געהאַלטן, איז דאָס וויכטיקסטע מענטשלעכע גוטס... לויט שלום אַשן שאַפט די ליטעראַטור אָפּ די גרענעצן צווישן לענדער און מאַכט פון דער ערד אונדזער אַלעמענס בשותפות'דיקע היימלאַנד — — אַלץ וואָס שאַפט איז מענטשלעך און געהערט צו דער גאַנצער מענטשהייַט. יעדער קלאַנג איז דער אינטימסטער טאָן אין דער וועלט־מוזיק. — — — „מענטשלעכע קולטור — האָט אַש פּאַטעטיש דערקלערט — איז הייליקטום, אין וועלכן ערד ווינקל זי ווערט נישט געשאַפן, אין וועלכער שפּראַך זי דריקט זיך נישט אויס — געהערט זי דער גאַנצער וועלט, צו דער גאַנצער מענטשהייַט" [ליטעראַרישע בלעטער 1929 זייַט 51].

גערעכט איז געווען גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, ווען ער האָט געשריבן: „שלום אַש איז נישט קיין גלייכגילטיקער צושויער צו דער מענטשלעכער וועלט־דראַמע, נאָר אַ שעפערישער אָנטיילנעמער אין איר, ווען עס שטייט אין קאָן דאָס מענטשלעכע לעבן און באַזונדערס דער ייִדישער גורל, בלייַבט ער נישט שטיין מן הצד."

נישט ווייניקער וויכטיק זענען אויך שלום אַש'ס אָבסערווירן וועגן דעם, אַז די ייִדישע קולטור האָט אין זיך אַרייַנגענומען אַל דאָס פּראָגרעסיווע, וואָס עס איז געווען אין דעם מענטשלעכן שאַפן, אַ סך פריער ווי אַנדערע פעלקער — און דאָס האָט, לויט אים, געהאַט אַן אייַנפלוס אויף אונדזער אַנטוויקלונג און איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל, נישט אָפּצושיידן — פון אונדזער אייגענער, פאָלקישער, ייִדישער קולטור.

„די ייִדישע ליטעראַטור, האָט אָנגעוויזן אַש, איז און דאַרף זייַן פאַר אונדז אַלעמען אַ וועלט ליטעראַטור און דעריבער „אַלץ וואָס ס'אינטערעסאַנט דעם מענטשן אַלס מענטש, זוך איך בייַ ייִדן. אַז אידעען פּראָבלעמען פאַרנעמען מיך, אַז זיי רירן און רייצן מיך — זוך איך זיי אין ייִדישן לעבן". (ליטעראַרישע בלעטער 10, זייַט 182, 1927).

ווען מען וואָלט צונויפגעזאַמלט די רעדעס און עסייען פון שלום אַש וואָלטן מיר באַשטימט באַרייַכערט אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן שלום אַש'ס אידעיִשע האָריזאָנטן, ווי אויך וועגן זייַן דאַכטן איבער די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן כאָטש איינער פון זייַנע גראַנדיעזע אויפטריטן. אויף אַן אויפנאַם פונעם ענגלישן פּען־קלוב (1934), רעדנדיק וועגן זיך און וועגן דעם מאָראַלישן סך־הכל פון זייַן וועג אין דער ליטעראַטור, האָט שלום אַש אויך

פאָרמולירט די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון זײַן עסטעטישן אַני מאמין. אין דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג אַנטפּלעקט זיך שלום אַש מיט זײַן גאַנצער מענטשלעכער גרייס און עטישע חשיבות. פאַראַן אין איר נישט בלויז אַ שליסל צו אייניקע פון זײַנע אינטימיטעטן, נאָר אויך צו דעם ווי ער האָט באַטראַכט זײַן שליחות ווי אַ שרײַבער. אָט זענען אַ פּאָר געציילטע אויסצוגן פון דעם דאָזיקן אומגעהײַער וויכטיקן און אינטערעסאַנטן דאָקומענט: „פון מײַן קינדהייט, דורך מײַן שטרענגער רעליגיעזער דערציונג בין איך געוווינט געווען צו באַטראַכטן דאָס געדרוקטע וואָרט אַלס תורה פון הימל. שפּעטער, ווען איך בין, זוכנדיק דעם אינהאַלט פון מײַן לעבן, אַריבערגעגאַנגען פון רעליגיעזן צום וועלטלעכן בוך, האָב איך מיר מיטגענומען יענע טיפע פאַדערונג און יענע הויכע פאַדערונג פון גײַסטיקן אינהאַלט אויך פאַרן וועלטלעכן בוך.

איך זוך אין יעדן ווערק נישט נאָר קינסטלערישע פאָרעם — נאָר, דערלויבט מיר באַנוצן דאָס וואָרט, מאָראַלישן אינהאַלט. יעדעס בוך, וועלכעס באַזיצט נישט אין אַ גרויסער מאָס דעם רעליגיעזן אינהאַלט — איז נישט ווערט אָנגערופן צו ווערן מיטן גרויסן נאָמען — בוך. וואָרעם דער ווערט פון ווערק שטעלט מיט איז דאָס וויכטיקסטע אין אַ ווערק — נאָר דער ווערט פון ווערק שטעלט מיט זיך פאָר דער רעליגיעזער אינהאַלט פון ווערק. אונטער רעליגיעזן אינהאַלט, מיין איך, זעלבסטפאַרשטענדלעך מענטשן־ליבע, מענטשלעכקייט. ווײַל דאָס העכסטע דינסט פאַר גאָט ,איז דאָס דינסט פאַרן מענטשן.״

אַגב, דעם דאָזיקן הומאַניסטיש־רעליגיעזן שטריך ביי שלום אַשן האָט דער קדוש הלל צייטלין באַמערקט שוין בעת שלום אַש׳ס ערשטע ליטעראַרישע טריט. איינעם פון זײַנע העברעישע מאמרים פון דער סעריע „יצירות ויוצרים״, געדרוקט אין „הזמן״ 1906 (נומ׳ 771), הייבט הלל צייטלין אָן מיט די ווערטער: „קומט און מיר וועלן אַ שפּאַציר טאָן אין די פעלדער — וואו גאָט איז נאָענט צום מענטש. און פון דאָרט וועל איך אײַך פירן און ברענגען צום שטעטל פון שלום אַש״.

און צום סוף — הערט ווי אַקטועל און הײַנטצײַטיק קלינגען ווײַטער־דיקע ווערטער אויפן פריער דערמאָנטן אויפנאַם פונעם ענגלישן פּען־קלוב, מיט איבער אַ האַלבן י. ה. צוריק:

„אין אַ צײַט ווען די פײַנטשאַפטן און דאָס שלעכטס פאַרקליידט זיך אין פּאַטריאָטישע, שאָוויניסטישע לאָזונגען — ווען טויזנטער מײַלער שפּײַען סם וואָס פאַרגיפט די וועלט, שאַרפט די נעגל אײַן טייל מענטשן קעגן די אַנדערע. זיי טראַכטן אויס רשעותדיקע טעאָריעס, כדי צו זייען נויט און ווייטיק צווישן די מענטשן, — אין אַזאַ צײַט מוזן מיר שריפטשטעלער עפענען פאַר דער וועלט די הערצער פון אונדזערע פעלקער און באַווײַזן, אַז אין אַלע מענטשן, אין וואָס פאַר אומשטענדן זיי זאָלן ניט לעבן, אין וואָס פאַר אַ סביבות זיי זאָלן

זיך ניט געפינען רינט דאָס זעלבע בלוט, און אַלע, מיר ווערן געפירט דורך די זעל־בע מזלות. נאָך מער, ווי שטענדיק מוזן מיר אָפּהיטן אָט דאָס הייליקע פײַער פון מענטשן־ליבע, וואָס די גרויסע גײַסטער און לערער פון אַלע נאַציעס האָבן אונדז געגעבן אויפצובאַוואָרן".

אין דעם זין האָט אויסגעפירט שלום אַש זעט ער זײַן שליחות ווי אַ שריפטשטעלער.

פאַראַן אַן אַלטע ייִדישע לעגענדע וואָס דערציילט, אַז אויף דער שוועל פון גן־עדן זיצט די מוטער שרה און רײַבט בשמים, דער גערוך זאָל זיך צעטראָגן איבער דער וועלט, אין די ערטער וווּ ייִדן וווינען, כדי צו דערקוויקן פאַרשמאַכטע ייִדישע הערצער. דאָס לעצטע ווערק, איבער וועלכן שלום אַש האָט געאַרבעט, איז געווען אַ ראָמאַן וועגן דער מוטער שרה. צום באַדויערן איז ער געבליבן נישט פאַרענדיקט. איך האָב עס דערמאָנט ווײַל עס וועט ניט זײַן איבערגעטריבן זאָגן, אַז שלום אַש׳ס ווערק, פּונקט ווי דער מוטער שרהס בשמים, דערקוויקן און וועלן אויך להבא דערקוויקן נישט נאָר ייִדישע הערצער, נאָר אויך די הערצער פון אַלע מענטשן, אומאָפּהענגיק צו וועלכן פאָלק און צו וועלכער ראַסע זיי זאָלן ניט געהערן.

אין זײַן לעצטן נישט פאַרענדיקטן ראָמאַן האָט שלום אַש אין דער געשטאַלט פון אַברהם אָבינו געזאָגט זײַן לעצט וואָרט דעם ייִדישן פאָלק און דער גאַנצער וועלט: „גאָט — איך זוך דיך, ווײַל דיך געפינען, נישט פאַר מײַן טובה וועגן, נאָר פאַר די אַלע, וואָס זוכן דיך. מיר זענען אַלע געשלאָגן אין בלינדעניש, אונדזערע הערצער ציען צו דיר... באַווײַז זיך און ווײַז מיר דעם וועג אויף וועלכן צו גיין, — כדי איך זאָל לערנען די מענטשן, וואָס קומען צו מיר און פאָדערן פון מיר איך זאָל זיי ווײַזן ווי דיך צו געפינען"... (די גאָלדענע קייט 28, ז' 10).

די דאָזיקע ווערטער דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי שלום אַשס צוואה וועגן דער שליחות פון דעם שרײַבער. נעמלעך: לערנען און ווײַזן מענטשן דעם וועג צום מענטש און דעם וועג צו גאָט.

„דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן"

מעדיטאַציעס אַרום סוצקעווערס בוך פּראָזע

דער נאָמען פון אַ קינסטלעריש ווערק, איז צו מאָל דער שליסל פון דעם שרײַבערס פאַרהוילענע כוונות. איז אפשר כדאַי גלײַך אין אָנהייב אַ קלער טאָן: פאַרוואָס האָט אברהם סוצקעווער אָנגערופן זײַן בוך „דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן"? צי נאָר דערפאַר, וואָס אין דעם בוך איז פאַראַן אַ דערציילונג מיט דעם זעלבן נאָמען? פאַר אַ שאַפער פון אַזאַ פאַרנעם ווי אברהם סוצקעווער, בײַ וועמען יעדער דעטאַל און יעדער פּרט האָט זײַן זינען און זײַן באַדײַט, קאָן עס גרײַלעך גלאַט אַזוי נישט געמאָלט זײַן. עס מוז דערבײַ זײַן אַ טיפערער, פאַרהוילענער מיין.

און הגם אברהם סוצקעווער האָט אין זײַנע טאָגבוך־נאָטיצן געשריבן, אַז אַ דיכטער טאָר קיינעם נישט פאַרטרויען זײַנע פּאָעטישע סודות, קיינעם נישט — בלויז זײַן ליד; „ווײַל — פירט ער בילדעריש אויס — אַנדערש ווערן די סודות פאַרשעמט און אַנטלויפן אין וואַלד אַריין"... (די גאָלדענע קייט 42, 1962 ז' 165), אָבער דאָס מאָל האָט, דאַכט זיך, אברהם סוצקעווער אַליין געהאָלפן מגלה זײַן זײַן סוד. טאַקע פון די טאָגבוך־נאָטיצן דערוויסן מיר זיך: סוצקעווער גלייבט, אַז יעדער מענטש ווערט געבוירן אונטער אַן אייגענעם שטערן. צו אָט דעם באַזונדערן שטערן, איז דער מענטש צוגעפּעדעמט אַ גאַנץ לעבן, און דער עיקר פון אַלע זײַנע פיזישע און גײַסטיקע האַנדלונגען, זענען קלענערע אָדער גרעסערע ליכט־און שאָטן־קרײַזן אַרום דעם ליכט־פּונקט פון זײַן באַשערטן שטערן.

דערפון איז צו דרינגען, אַז די געשטאַלטן פון בוך, וואָס זענען אין תוך קינסטלערישע עמאַנאַציעס פון לעבעדיקע מענטשן, האָבן זיך אויך באַוועגט לויט זייער אייגענעם גורלדיקן שטערן. קאָן עס גרײַלעך געמאָלט זיין, אַז טאַקע דערפאַר האָט אברהם סוצקעווער אָנגערופן זײַן בוך: „דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן".

אויך די נאַכט, מיט וועלכער עס אָטעמט כמעט יעדע דערציילונג, איז נישט קיין צופאַל. זיי טאָגן דאָך נישט די העלדן פון בוך. דער טאָג מבולט איבער זיי מיט מאָרד, רשעות און אכזריות. זיי חלומען נאָר „דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן" און פון זייער חלום „רינט בלוט". דער איינציקער

פאַנצער וואָס באַשיצט זייער פאַרקירצט לעבן, איז אברהם סוצקעווערס דערציילקונסט. זייער איבערגעריסענער זײַן אייביקט אין די גרויל־זעונגען פון דעם דאָזיקן מערקווערדיקן בוך.

די נאַכט איז דאָ אַ סימבאָל און צוגלייך אויך דער פאַקטיש־געאָגראַפישער חלל פון דער דראַמע. אויף אַ מיסטעריעזן אופן אַנטפּלעקן זיך אַלע געשטאַלטן אין דער שטערנצײַט: לופוס, לילי, דער הויקער כעמע, דער יונגלינג פון דער „צײַט־לעגענדע", וואָס ווייסט אַז „מ'קאָן קיינמאָל ניט וויסן וואָס אַ מענטש איז — ניט", ווערט אין איינער אַ נאַכט ווײַס און פליגלדיק, און פליט אַרויס פונעם געפענקעניש אין איינעם מיט די ווײַסע טויבן פון „תפילין־שלאַק". און גליקעלע? די פּראַכטיקע באַלאַדע־געשטאַלט גליקעלע, וואָס האָט זיך עטלעכע מאָל באַוויזן אינעם פײַער־וואָגן פון אברהם סוצקעווערס פּאָעטישער וויזיע — אין ליד און אין פּראָזע — זי, גליקעלע, בלאָנדזשעט אַרום ווי אַ שאָטן אין דער שטערנצײַט און זוכט איר אַרומבלאָנדזשענדיקן זון...

אויך דער נאַראַטאָר, דער דערציילער אַליין, מאַכט דורך זײַנע „כעמישע און איבערכעמישע עקספּערימענטן" אין די פאַלדן פון דער נאַכט. מיטן אויג פון זײַן נשמה דערזעט ער אין די נאַכטישע טונקלענישן דאָס אַפּאָקאַליפּטישע און דאָס דעמאָנישע אין און אַרום זײַנע געשטאַלטן.

פאַראַן בײַ אברהם סוצקעווער אַ סכום ווערטער, אָדער ווי ער רופט זיי „סימבאָלן — ווינונגען פון גײַסט", וואָס פאַרקערפּערן אין זיך די אידעיִשע חוט־השדרה פון זײַנע זעונגען. זיי דערשײַנען כמעט אין זײַנע אַלע ווערק — אָנהייבנדיק פון „וואַלדיקס" ביז „דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן". אין תּוך זענען דאָס פּשוטע ווערטער, ווי די צונג, די פידל, די נאָל, די בין, די שפּין, די מוראַשקע — אָבער אין דעם קאָנטעקסט אין וועלכן סוצקעווער ראַמט זיי אײַן, ווערן זיי סוד און רמז.

פון אברהם סוצקעווערס מערקווערדיקע וואָרט־זיווגים אַנטפּלעקט זיך אַ גײַסטיקע ספערע וואָס שפּרייזט אַריבער די ראַמען פון דער געוויינטלעכער שפּראַך. דאָס אויג פון זײַן נשמה „ווײַנט מיט סודות אָפּגעזונדערטע און מײַלן־ווײַט פון ווערטער". סודות וואָס טראָגן אין זיך אַן אָפּשײַן פון גנאָדיקע אַנטפּלעקונגען. און כּדי משיג זײַן די סודותדיקע אַנטפּלעקונגען, דאַרף מען אויך דערהערן דאָס שווײַגן וואָס דער דיכטער וועבט אַרײַן צווישן די ווערטער. מחמת דער צאַפּל אינעם שווײַגן פירט שטאַפּל נאָך שטאַפּל צום סוד פון בילד און פון זײַנע שײַכותן.

אברהם סוצקעווער איז נישט בלויז אַ וואָרט־ווירטואָז, אַ שאַפער פון נײַע וואָרט־ווערטן, נאָר אויך דער אַנטדעקער פון רזין־דרזין אין די אַלט־באַקאַנטע אידיאָמען. ער שיילט פון זיי אָפּ די דרויסנדיקע שאָלן און איז מגלה די אין זיי פאַרהוילענע „פאַרבן — נאָך איידער זיי ווערן סימבאָלן".

די אויבנאויפיקע קלאָרע רעאַליסטישע פאַקטן, אייַנגעהילטע אין קלאָרע רעאַליסטישע ווערטער, ווערן בייַ אברהם סוצקעווערן פּלוצים באַלויכטן פון עפּעס אַ ניסתרדיקער שייַן, וואָס וועקט בלאָע וויבראַציעס פון געשעענישן, וואָס באַוועגן זיך פון יענער זייַט רעאַליטעט, אַזוי צו זאָגן, הינטער די פּלייצעס פונעם וואָרט און מעבר דער מיסטעריע פון טויט און לעבן. די דאַזיקע סוצקעווערישע שייַן באַפרייַט די ווערטער פון דער אָנגענומענער קאָנווענציאָנעלער באַגרייַפלעכקייט און דערהייבט זיי צו סימבאָלן.

זייער טרעפלעך און באַפליגלט האָט אַמאָל געזאָגט דער דיכטער לייזער וואָלף ז״ל, אַז אברהם סוצקעווער טראָגט אין זיך די „לייַדן פון יונגע ווערטער״. פאַראַן פאַלן ווען אברהם סוצקעווער אידענטיפיצירט זיך מיט די דאָזיקע ווערטער־סימבאָלן:

> ווער בין איך? אַן אוראַלטע פישל אַזאַ מין
> ווו הונגעריק זשומען פאַרבלאָנדזשעטע בינען.
> (פּאָעטישע ווערק, ב׳ 2, 1963, ז׳ 405)

אַלע דערציילונגען פונעם בוך „דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן״ ווערן איבערגעגעבן אין דער ערשטער פּערזאָן. און דער דאָזיקער „איך״, איז כּלל נישט אַזוי אַנאָנים און אַבסטראַקט. פאַראַן אַ סך בולטע סימנים, אַז דאָס איז טאַקע אברהם סוצקעווער אַליין. און ער אַנטפּלעקט זיך אין זיי נישט נאָר ווי אַן עד־ראיה און אַקטיווער אַנטיילנעמער אין די געשעענישן, נאָר און בעיקר ווי זייער דאָכטער און באַדאָכטער.

איבער דעם גאַנצן שטח פון דעם בוך זענען פאַראַן פאָרמולירונגען און אויספירן לויט וועלכע מען קאָן אויפשטעלן אברהם סוצקעווערס עטישע און עסטעטישע קאָנצעפּציעס וועגן דעם צוגאַנג און דעם אופן פון געשטאַלטיקן די קאַטאַקליזמען פון דער חורבן־צייַט.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס ערשטע פּראָזע ווערק אויף דער טעמע, די סעריע באַשרייַבונגען „גרינער אַקוואַריום״, הייבט אברהם סוצקעווער אָן מיט פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס וועגן דער שליחות פונעם קינסטלערישן וואָרט אין באַזינען די עמפּירישע לעבנס־פאַקטן.

אין אַ מאָטאָ צו אַ ליד, ברענגענדיק פּאָל וואַלעריס געדאַנק אַז „דאָס ניט־פאַראַניקע — איז דאָס שענסטע״, שרייַבט אברהם סוצקעווער:

> — — איך בייַט ניט אויס די הי־וועלט מיט איר פאַניק
> אויף יענער, ווו פאַראַן דאָס ניט־פאַראַניקע, דאָס וואָרע.
> און ליבער פונעם ניט, איז מיר דער שווידער וואָס פאַראַניק.

דעם אינטעלעקטועל־פילאָסאָפישן גרונטאָן פון די דערציילונגען האָט אברהם סוצקעווער דערהויבן צו אַזאַ רעליעף־קינסטלערישער הייך, אַז זיי וואַקסן אַריבער די פּאַראַניקע אָרט־און צײַט־געשעענישן.

עטעריש געפינען זיך זײַנע געשטאַלטן צווישן הימל און ערד, צווישן זײַן און נישט־זײַן, צווישן ניגלה און ניסתר. אין זייערע פאַרשידענע גלותן און גורלותן איז אָבער פאַראַן אַן אומזעעוודיקער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט זיי. אויפן שאַרף פון דעם דאָזיקן פאָדעם באַוועגט זיך דער סוד פון זייער שותפותדיקער באַשערטקייט.

אברהם סוצקעווער ווײַזט זיי נישט פּנים־אל־פּנים מיט זייער קאַטאַסטראָפע, נײַערט, אַזוי צו זאָגן, נאָך אַלעמען. אין די נאָכווייען פון זייערע נישט פאַרהיילטע וווּנדן און צעקאַליעטשעטע נשמות. אויף זייערע פּנימער געשפּענסטישע קאָליר־רעפלעקסן און אין די מוחות — מבולבלדיקע מיראַזשן. זיי זוכן נישט אַזוי דעם זינען פון זייער לעבן, ווי דעם אומזינען פון זייער טויט. און הגם אברהם סוצקעווער לאָזט קיין דײַטשן נישט אַרײַן אין דעם פּרדס פון זײַן פּראָזע („דערציילט מיר ניט פון קיין גוטע דײַטשן ס׳קערט פון דעם די גאָל״), איז כמעט יעדע דערציילונג אַ פאַרלענגדיקע תוכחה אויף זיי און זייערע פאַרברעכנס. און פאַר די קרבנות — גראָבט ער אַרויס פון דעם סאַמע דנאָ פונעם יאַמערטאָל — פונקען פון גלויבן און זעונגען פון תחית־המתים. די קרבנות „געפאַלענע בײַם גרענעץ פון גלאָז״ הילט סוצקעווער אײַן אין „אַ וואָלקנזײַל פון אומקום און אַ פלאַמענזײַל פון לעבן״.

דער תוך און תוכן פון די דערציילונגען הייבט זיך אָן דאָרט ווו דער עמפּירישער פאַקט ווידערשפּעניקט זיך אַליין און ווערט אומרעאַל, מיסטיש, מעטאַפיזיש, און מיטן איינפאַכן שכל איז אים שווער טופּס צו זײַן...

„אין די געטאָ יאָרן — האָט אברהם סוצקעווער געשריבן אין אַן אַנדער אָרט — איז מײַן דיכטערישע אינספּיראַציע געווען — דער טויט. ריכטיקער: דאָס געראַנגל פונעם וואָרט, ווי דער עסענץ פון לעבן, מיט זײַן פּאָטענציעלן אומברענגער. איך האָב נאָך קיין מאָל אַזוי ניט ליב געהאַט דעם מענטש, ווי אין די מאָמענטן פון זײַן טויטשרעק. / די טויט־איבערלעבונג, אויב מען קען אַזוי זאָגן, איז געווען אין מיר אַזוי שטאַרק, אַז דאָס וואָרט האָט מיך אויסגעלייזט פון דער אָפּגרונטיקער וואָר און פאַרוואַנדלט זי אין אַן איבערערדישער פרייד. / געווען און — געבליבן. נאָר דאָרטן האָב איך געוואָלט מיט מײַן ליד אויפלעבן די לעבעדיקע, און איצטער — וויל איך אויפלעבן די טויטע״. (די גאָלדענע קייט 42, 1962, ז׳ 166).

דער דאָזיקער באַגער האָט באַקומען אַ הויך קינסטלערישן תיקון אין דעם בוך „דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן״. מיטן צויבער פון זײַן יצירה־

קראַפט צווינגט ממש סוצקעווער זײַנע העלדן צו לעבן נאָך זייער אַנטלױ־בונג, און אונדז, זײַנע לייענער, צו איבערלעבן די דראַמע פון זייער קורץ פאַרשניטן לעבן.

און ווען איינער פון זײַנע העלדן — לופּוס — ווען דאָס אַנטלױבן איז מער ניחא ווי דאָס לעבן — בעט זיך: אַנשטאָט צו פאַרוואַנדלען א שאָטן אין אַ בן־אדם, זאָל ער בעסער אים פאַרוואַנדלען אין אַ שאָטן. דער־ווידערט אברהם סוצקעווער, אַז כאָטשביידע זענען „אויסטערלישע טעותים פון אַ שרעקלעכער ווינטער־נאַכט", קאָן ער זײַן ווונטש נישט אויספילן. מחמת, דער זינען פון זײַן, דעם נאַראַטאָרס, לעבן־בלײַבן, איז נישט צו אַנטלעבן, נאָר די מיסטישע שליחות קינסטלערייש אויפצולעבן די אַנטלעבטע. און עס איז צו באַוווּנדערן אברהם סוצקעווערס מאָראַלישע און עסטע־טישע קראַפט אין באַזיגן דעם שוידער און דעם גרויל מיט באַרוישנדיקע בילדער פון שיינקייט. עס שאַפט זיך אַן איינדרוק אַז דער טויט אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר דער שיינקייט און נישט געהאַט איבערן דיכטער קיין שליטה. די שיינקייטן באַגלייטן אַלע יאָרן דעם קינסטלערישן באַרג־אַרויף פונעם דיכטער. שוין אין איינעם פון זײַנע ביכּורים־לידער „באַשאַפונג" (1935) האָט ער דערקלערט:

> און כ'וואָרצל זיך אײַן אין דער שיינקייט
> אַזוי ווי אַ בוים אין געבלי.

אין דעם בוך „דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן" זענען אָבער די שיינקייטן באַגלייט מיט אַ טרויער. אַ טרויער פון באַדויער. אַ מין ווי להאי שופרא דבלי בארעא... דער טרויער איז דאָ אײַנגעהילט אין אַזאַ מין שיינער און הייליקער לויטערקייט, אַז זי לינדערט דאָס עצבות. דער בוך אינגאַנצן איז אײַנגעקאַרבט „פון פײַן, וואָס מוז פאַרוואַנדלען זיך אין שײַן".

איבער דעם ווירוואַר פון די גרויל־געשעענישן, אין און אַרום די שרעקן פון די מיסטעריעזע בני־תמותא פילט זיך דער פליגל פאָך פון אברהם סוצ־קעווערס לעבעדיקער וויזיע, ווי אַ מאָל דער רוח־אלוהים איבער דעם כאָאָס אין בראשית.

פאַראַן ביי פרידריך שילער צוויי שנײַדנדיקע שורות. אין זײַן לשון הייסט עס:

> Was Unshterblich im gesang sol leben
> Mus im Leben Untergehen

אברהם סוצקעווער האָט אַן אַנדערן, פּאָזיטיווערן און אָפּטימיסטישערן צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם. לויט אים זענען אין דעם מענטשלעכן לעבן פאַראַן אייביק לעבעדיקע ווערטן. אין דער נאַטור, אינעם קאָסמאָס, זענען פאַראַן גרויסע האַרמאָנישע שיינקייטן.

אברהם סוצקעווער גלייבט אין השארת־הנפש און האַלט, אַז די שליחות פון דעם קינסטלער איז אויפצולעבן די שיינקייטן פון דער „הי־וועלט", וואָס דער טויט האָט פּאַרטיליקט. און ער טוט עס מיטן צויבער פון זײַן ליד און דערציילונג.

מיט זײַן שאַפן באַשטעטיקט אברהם סוצקעווער באַדלערס אַן הנחה, אַז די קונסט פאַרמאָגט אין זיך אַ ווונדערלעכע אייגנשאַפט: דאָס שרעקלעכע פאַרוואַנדלט זי אין שיינקייט, און דעם ווייטיק אין — פריידן.

אין שייַכות מיט דעם, מיין איך, איז כדאַי דערמאָנען שלמה ביקלס אַ געדאַנק, אַז אין סוצקעווערס שאַפן האָט נישט בלויז די גוטקייט, נאָר אויך די שיינקייט איר באַרג גריזים און איר באַרג עיבל.

אין איינעם פון זײַנע שיינע מאמרים האָט שלמה ביקל געשריבן: „די שיינקייט ווערט אַ קללה — ווײַל זי גיסט איר ליכטיקייט אויך אויפן תלין און אויף דער אַכזריות פון זײַנע מעשים. און אַ ברכה איז זי — ווײַל זי וויאַנעט נישט אויפן קאָפּ פון קרבן און מאַכט זײַן אומשולדיקייט בליען ווי אַ טייטלבוים, און ברענט אַרום דעם קרבן מיט אַלע פאַרבן פון גאַטס פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, נישט מעטאַפאַריש, נאָר טאַקע ממשותדיק, גופיש". (שלמה ביקל: די ברכה פון שיינקייט, תל־אביב 1969, ז' 14).

אברהם סוצקעווערס דערציילונגען זענען בראשיתדיק און לייגן זיך אין יסוד פון נײַע קינסטלערישע דערשײַנונגען, מען קען זיי נישט שאַצן לויט די טראַדיציאָנעל־אָנגענומענע עסטעטישע נאָרמעס. זענען זיי טאַקע פון אייניקע ליטעראַטור־קריטיקער באַטראַכט געוואָרן ווי וואַריאַציעס צו זײַן גרויסער דיכטונג. רות ווײַס, למשל, אין איר אַרײַנפיר־וואָרט צו אברהם סוצקעווערס ערשטן בוך פּראָזע „גרינער אַקוואַריום" האָט באַמערקט: „די בולטקייט פון די אימאַזשן ווי אַ פירנדיקער פאַקטאָר, און די אַטמאָספער פון ‚פאַרהאַלטענער צײַט', זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ליריק, און דאָס באַשווערט צו באַטראַכטן די שאַפונגען אין געוויינלעכע פּראָזע־קאַטעגאָריעס". (ז' י"ג).

בײַם לייענען דאָס בוך „דאָרט וווּ עס נעכטיקן די שטערן" פילט מען אַז מען געפינט זיך בײַם סאַמע סוד פון דער יצירה. עס וועט נייטיק זײַן אַ באַשטימטער צײַט־אינטערוואַל ביז דער באַוווסטזיין פון אונדזער ליטעראַטור וועט זיך צוגעוווינען צו דעם רעוואָלוציאָנערן און צו דעם נײַעם אין אברהם סוצקעווערס דערצייל־יצירה.

אַ יצירה פון אַ נײַעם קינסטלערישן מעדיום. אַ יצירה — וואָס איז אַ זעלטענע דערשײַנונג נישט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער וועלט־ליטעראַטור. אַ יצירה — וואָס פאַרברייטערט די האָריזאָנטן און פאַרטיפט דעם באַנעם פון דעם פענאָמען — אברהם סוצקעווער.

„דער שוואַרצער ווינט"

אין דער ייִדישער ליטעראַטור זענען פֿאַראַן נישט ווייניק ווערק וועגן דער לעצטער וועלט־מלחמה, וועגן געטאָס און קאָנצלאַגערן, פּאַרטיזאַנער און עוואַקואַציע. דירעקט אָבער וועגן דער מלחמה — וועגן די שלאַכטן, וועגן לעבן אויף די פראָנטן, אין די אָקאָפּעס זענען קיין באמת וויכטיקע ליטעראַרישע דערשייַנונגען נישט פֿאַראַן. די ייִדישע ליטעראַטור איז אין דעם פּרט ווייַט נישט קיין אויסנאַם, קענטיק דערפֿאַר, וואָס די טעמע גופא איז אַ ביז גאָר קאָמפּליצירטע.

וויפֿל אונדז איז באַוווּסט, איז י. פֿאַליקמאַן כּמעט דער איינציקער, וואָס האָט ערנסט זיך באַשעפֿטיקט מיט דער טעמע. שוין אין זייַנע באַוועלן־זאַמלונגען „ליבע און פֿייַער", „מענטשן פֿון אונדזער לאַנד" און אין דעם ראָמאַן „די שייַן קומט פֿון מזרח" זענען צו מערקן ערנסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען אויף דעם געביט.

י. פֿאַליקמאַנס ראָמאַן „דער שוואַרצער ווינט" — איז אַ גרויס פּילפּלאַניק ווערק וועגן דער מלחמה. עס איז נישט בלויז א ווייַטערדיקער, העכערער טראַפּ אין דעם שרייַבערס שעפֿערישן וועג, נאָר אויך אַ וויכטיקע דערשייַנונג אין דער הייַנטצייַטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

דער ראָמאַן איז רייַך מיט בילדער און רעליעפֿע שילדערונגען וועגן „רויקע" און באַטאַלישע מאָמענטן אויף די שלאַכטפֿעלדער. עס זענען אין אים אַרויסגעפֿירט אַ רייַכע און פֿאַרביקע גאַלעריע מיליטערישע און ציווילע פּערסאָנאַזשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און קולטור־סביבות. פֿאַליקמאַן באַשרייַבט קאָמפּליצירטע קריגס־אָפּעראַציעס, זייַגע אָפּיצירן באַהאַנדלען פּראָגן פֿון ספּעציפֿישער מיליטערישער טאַקטיק. פֿון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט זענען די באַטאַלישע מאָמענטן מייַסטעריש אָנגעשריבן, זיי פּאַרכאַפּן מיט זייער דראַמאַטיזם און קאָלעקטיווער העלדישקייט. קינסטלעריש דרייסט זענען די קאַפּיטלען, ווו עס דערציילט זיך וועגן די לייַדן און גבורה פֿון די מענטשן אין די אָקופּירטע געגנטן.

נישטאָ אינעם ראָמאַן קיין שטייגערישע בילדער. די מאַסשטאַבלעכקייט

פון מאַסן־האַנדלונגען האָבן פאַרשטעלט אויך אין אַ געוויסער מאָס דעם וועג פאַר אינטים־פּסיכאָלאָגישע באַטראַכטונגען, כאָטש עס זענען פאַראַן דאָ אויך ליריש־ראָמאַנטישע קאָליזיעס. זיי קומען אויף נישט פּאַראַלעל דער עפּיש־העראָישער ליניע, נאָר זענען אַ טייל פון איר, דערגאַנצן און פאַרטיפן זי. די קאַפּיטלען, ווו עס דערציילט זיך וועגן די באַציונגען צווישן טשאַרנען און דניאלן, אָלגען און אַרטיאָמען, וואַליען און מאַקאַרן, ליובען און איגאָרן, לייענען זיך ווי אַדעס צו דעם מענטשן און צו זײַנע געפילן. י. פאַליקמאַן האָט בײַם הילכיקן געוויש פון קאַנאָנען דערהערט אויך צאַרטע און שטילע מענטשלעכע איבערלעבענישן.

אַ באַדײַטנדיק אָרט אינעם ווערק פאַרנעמט די טראַגעדיע באַבי־יאַר. דאָ ווערן אָפּגעווישט די גרענעצן פון „דיכטונג און וואָרהייט". דער וועג פון די קיעווער ייִדן צום באַבי־יאַר איז אָנגעשריבן מיט אַזאַ אָנגעגליטער קינסטלע־רישער קראַפט, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. מיר האָבן פאַר זיך נישט קיין גײַסטיק־פאַרלוירענע מאַסע — זי האָט דאָך נישט געגלויבט, אַז דאָס איז דער לעצטער וועג.

...אַ מאַמע פאַרבינדט מיט ציטערדיקע הענט דאָס העלדזל פון איר פּיצל קינד, עס זאָל זיך חלילה, נישט פאַרקילן. אַ צווייטע לעבט איבער, וואָס זי האָט נישט אָפּגעגעבן איר שכנה דאָס גלאָז צוקער, וואָס זי האָט בײַ איר אַנטליען. אַ דריטע קאָן זיך נישט דערמאָנען, צי זי האָט פאַרמאַכט דאָס לופטל אין עסצימער, צי ניין. איינע עסט זיך ממש אויף, וואָס זי האָט נישט מיטגענומען די פאָטאָגראַפיעס פון אירע עלטערן.

„אויף קיין איין מינוט האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז דער גוטער כוח איז אַלעמאָל שטאַרקער פונעם בייזן". און דערהויבן, מענטשלעך זיבקען זיי איין אין די טיפע גריבער פונעם באַבי־יאַר. ווען דער אַלטער פאָלקס־לערער קוכאַרסקי האָט פון באַהעלטעניש אין אַ קלויסטער דורכן פענצטער דערזען דעם פולן טאָל מיט ביינער, האָט ער געזאָגט צו זײַנע שכנים: „זיי זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד".

יאָ, זיי האָבן געפירט אַ באַזונדערע שלאַכט און דאָ, אויף אָט דעם שרעק־לעכן „פראָנט", האָבן זיי באַוויזן העלדישע טאַטן פון אויפהיטן די מענטשלעכע ווערדע.

„אייניקע זענען דאָ פאַר אַלעמען אין די אויגן מיט אַמאָל גרוי געוואָרן, אַנדערע האָבן געריסן אויף זיך די קליידער, געדראַפּעט זיך דאָס פּנים, געוויינט. מע האָט גאַרנישט ניט געוווסט און מע האָט שוין אַלץ געוווסט און דאָך ניט געגלייבט, אַז אַזוינס קאָן געשען. נאָר ווו אַהינטאָן זיך, איז ניט געווען, אַפילו אויף צוריק זיך דורכשטופּן האָט מען ניט געקאָנט, סײַדן — — אײַנגעזונקען ווערן, אַרײַן אין דער ערד..."

די קאַפּיטלען לייענען זיך ווי די אַלטע אַמאָליקע פאָלקס־כראָניקעס: „מעשה גדולה מן אומן ומן אוקראַינאַ", „יון מצולה" און דערמאָנען אין יענע ביכער, וואָס מען פלעגט אויף פאַרמעט פאַרהיטן לדור־דורות.

...און געשען איז דאָס אויף דער „דאָראָגאָזשיטשע", ווי עס האָבן די אַלטע לעטאָפּיסן (כראָניקער) גערופן דאָס אָרט פון דעם איצטיקן באַבי־יאַר. אויף דעם אָרט, ווו עס האָבן זיך געקרייצט אַלע וועגן און אומוועגן צום דעם אַמאָליקן קיעווער רוס.

די „זשידאָווסקי וואָראָטאַ", דורך וועלכע די ייִדן זענען מיט איבער טויזנט יאָר צוריק געקומען אַהער, האָבן, לויט אַ פאַטאַלער צופעליקייט, די פאַשיסטן אויסגעקליבן אַרויסצוטרייַבן זיי פון שטאָט און אומברענגען.

אַז די טויזנטיאָריקע געשיכטע פון פאָלק זאָל אָבער נישט אַפּגעווישט און פאַרגעסן ווערן, האָבן געווירקט פאַרשיידענע פאַקטאָרן: דער אויסגעפּרוווטער פאָלקנפירער גענעראַל פּאַוועל אַלעקסייעוויטש יאַסענעוו און זייַן אַרמיי; דער היסטאָריקער הלל גור־אריה, וואָס האָט אין זייַן בוך וועגן דער בײַסטער געשיכטע פון פאָלק „געפּרוווט אויפדעקן די שטראָמען, וואָס האָבן געשאַפן טאָלן און בערג פון מענטשישן, פון פאָלקישן זייַן"...

אויך מיכל דער מוליער, בעת מען האָט אים מיט אַ גרופּע ייִדן פון ליובאַטש געצוווּנגען אויסצוברוקירן דעם פּלאַץ אַרום דער דײַטשישער קאָמענדאַטור מיט מצבות פון ייִדישן בית־עולם, האָט ער זיך געסטאַרעט אויסצולייגן זיי אַזוי, „כדי די, וואָס וועלן דורכגיין ליובאַטש פון מזרח אויף מערב... די אויסלייזער, וואָס וועלן קומען אין פוסטן חרובן שטעטל און אוודאי זיך אָפּשטעלן אויפן פּלאַץ... וועלן זיך אָפּזוכן צווישן זיי אַקוראַט אַזעלכע, וואָס וועלן איבערלייענען די פּירקאַנטיקע אותיות און אַלעמען דערציילן...

... „איז זאָל מען וויסן די געשיכטע פון ליובאַטש און זאָל מען דורך שטיינער פאַרנעמען דעם וויי־געשריי נישט נאָר פון די, וואָס זענען דאָ לעצטנס פאַרשניטן געוואָרן, נאָר פון גאַנצע פאַרגאַנגענע דורות פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך געמיט אויף דער ערד, געגנערט זיך מיט אירע זאַפטן און אָפט מיט געוואַלד פאַרטריבן געוואָרן אין אירע טיפענישן"...

וואָס פאַר אַ טיפן גלויבן און מאָראַלישע גבורה האָט י. פאַליקמאַן אויסגעפונען אין אָט דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש. זינקענדיק שוין אינעם זומפּ וווהין ער איז מיט אַלע ליובאַטשער פאַרטריבן געוואָרן דורך די פאַשיסטישע מנובלים אויף אומקום, שטויסט ער זיך אָן אין אַ פוילן קלאָץ, מיט וועלכן ער וואָלט זיך געקאָנט ראַטעווען. עס איז אָבער אונטערגעשווומען די יונגעטשקע עטעלע, צווייען וועט דער קלאָץ נישט אויסהאַלטן.

נישט לאַנג געבערײַעט שטופּט ער אָפּ פון זיך צום מיידל דעם קלאָץ: „מילא, עטעלע איז בילכער... בילכער...

„...נחס טויב, האָט מיכל אַ טראַכט געטאָן פאַרן איינזינקען. נחס טויב און אַרקע איז ערגעץ דאָ... צוויי טויבן. נישקשה, אַלץ וועט נאָך ווידער זיין".

ער איז זיכער, מיכל, אַז זי, עטעלע, וועט זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג, אַז עס וועלן באַשטימט זיך געפינען אויך גוטע מענטשן און זי אויסבאַהאַלטן. „אויף גוטס האַלט זיך די וועלט. גוטס אין אַלעמאָל גובר".

אָט דער מיכל איז אַ גליד פון אַ פאַרצווייגטער משפחה, וואָס י. פאַליקמאַן האָט באַשריבן אין זיין ראָמאַן. פון איר, פון אָט דער משפחה האָט ער אויך אויסגעטעסעט די קרעפטיקע, מאָנומענטאַלע פיגור, דעם קאָמאַנדיר פון פאָלק, מאיר דניאל קרעמעז, איינער פון די צענטראַלע העלדן אין דעם ראָמאַן.

„...אין יעדן פון אונדזערע מענטשן איז דאָ אַ פערל, וואָס מען דאַרף אים קאָנען געפינען. דערגרונטעוועון זיך צו אים. און עס איז אַ גרויסע פרייד, ווען מען געפינט דעם דאָזיקן פערל אינעם מענטש" — שרייבט ערגעץ־וווּ פאַליקמאַן. אין דעם נייעם ראָמאַן פילט מען בחוש די שאַפונגס־פרייד פונעם שרייבער ביים אויסקלעפּן זיינע פיגורן. און עס איז אים געלונגען איבערצוגעבן דעם לייענער די באַגייסטערונג צו זיינע העלדן. אויך די געשטאַלטן, וואָס שפּילן אָן עפּיזאָדישע ראָל אין ראָמאַן פאַרקריצן זיך אין זכרון.

אין אָקופּירטן קיעוו באַווייזן זיך הויכע געסט פון דער נייער אָרדענונג — הימלער, קאָך, אייכמאַן א״א. כדי אונטערצושטרייכן זייער נישטיקייט פּירט י. פאַליקמאַן זיי צונויף מיט אַ פּשוטן ייִדן, דעם געוועזענעם באַלעגאָלע פון אָסטראָפּאָלע, שלמה וויינער.

...אין שטאָט הערשט רויב און מאָרד. קרעשטשאַטיק ברענט. אין שיין פון דער פלאַמענדיקער שטאָט האָבן זיי דערזען שלמהן, ווען ער האָט געפּרוווט ראַטעווען זיין קראַנקע פרוי פונעם ברענענדיקן הויז. זיי זענען אין אַ געהויבע־נער שטימונג, האָט זיך זיי פאַרגלוסט אַ ביסל אונטערהאַלטן זיך און אָפּשפּעטן פונעם „אָסט־יודע". אייכמאַן האָט דערביי געוואָלט אַ גלאַנץ טאָן פאַר זיינע באַלעבאַטים, האָט ער באַשטימט פירן דעם שמועס אין דער ייִדישער שפּראַך.

די הויכע געסט אינטערעסירט אָבער נישט שלמהס זאָרגן וועגן זיין קראַנקער פרוי, זיין שטאָלצירן מיט די גראַטעוועַ זין און טעכטער, אײדעמס און אייניקלעך. זיי ווילן זיך פאַרווײלן.

— „זאָל ער עפּעס זאָגן קלוגס, מיר וועלן הערן! — פאַרלאַנגט דער הענקער קאָך.

— זאָגן עפּעס — האָט שלמה וויינער איבערגעפרעגט, ווען אייכמאַן האָט דערקלערט, וואָס עס פאָדערט זיך פון אים. — וועגן וואָס זאָגן?

— וועגן דעם, וואָס מיר זענען דאָ, וואָס קרעשטשאַטיק ברענט.

דערציילט זיי דער געוועזענער אָסטראָפּאָלער באַלעגאָלע אַ מעשהלע. אַ מעשהלע אין ייִדיש וועגן אַ פּערסישן הערשער, וועלכע־ האָט געוואָלט איינגעמען

אַ פרעמד לאַנד אויף יענער זײַט ים. אַ שטורעם האָט דערטרונקען אַלע זײַנע שיפן, האָט ער געהייסן שמײַסן דעם ים... איר טוט דאָס זעלבע, איר שמײַסט דעם ים!

— וואָס זאָגט ער? — האָט קאָך געפרעגט, באַמערקנדיק אַז בײַם שטורמ־באַנפירער האָט אַ צוק געטאָן דאָס בלאַסע פּנים.

— דאָס איז אַ פלוידערזאַק! — האָט אייכמאַן געענטפערט און איבער־געשלאָגן דעם באַלעגאַלעס רייד.

ווי בבזהדיק ס'זעען אויס די העלדן פון דעם „אומבאַזיגבארן דריטן רײַך" אַנטקעגן דער קלוגער מענטשלעכקייט פון דעם פּשוטן שלמה פון אָסטראָפּאָלע.

אינעם ראָמאַן זענען אויך אַרויסגעפירט געוואָרן אַ ריי קינדער־געשטאַלטן. אונדז ווײַזט זיך אָבער אויס, אַז נישט אומעטום האָט זיך י. פאַליקמאַנען אײַנגע־געבן ווי געהעריק אונטערצושטרײַכן די ניואַנסן פון פריער רײַפקייט און קינ־דעריש נאַיִווער אוממיטלבאַרקייט. איבערגעשפּיצט, נישט קינדעריש פירט זיך אויף נאַטאַשע אין דעם ליובאַטשער לאַגער. אויך צו פאַרחושט און לעבנס פרעמד זעט שוין אויס דאָס ווונדערקינד עדיק א.א.וו.

אין דעם ראָמאַן ווערט זייער אַ סך געקלערט. דער אויטאָר און זײַנע העלדן האָבן אַ נטיה צו פילאָזאָפירן. אייניקע העלדן זוכן אַן ענטפער אין דער געשיכטע אויף די קאַטאַקליזמען פון דער צײַט און מאַכן ווײַטע קולטור־היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס. ערטערווייז פאַררעדן זיי זיך אָבער צופיל, למשל גור אריה אין זײַן גאַלאָפּירנדיקן שפּאַציר מיט וואַליאַ סאַנזשאַראַ איבער דער ייִדישער געשיכטע, די חקירות וועגן אַ בירגערלעכער און סאָציאַלער רעוואָלוציע, די כאַראַקטעריסטיקעס פון צינבערגן, דובנאָוון, וכדומה.

געציילטע ווערטער וועגן דער שפּראַך. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור שטייט בדרך כלל אויף אַ הויכן שפּראַכלעכן ניוואָ. עס פעלט אָבער טיילמאָל די נאַטירלעכקייט פון אַ גערעדטער שפּראַך, באַזונדערס שפּירט זיך עס אין דיאַלאָג. אייניקע מחברים באַנוצן זיך מיט אַרכאַיזמען, באַפּוצן זייערע געשטאַלטן מיט אַלטע פאָלקלאָריסטישע און שפּראַכלעכע צירונגען, וואָס זענען נישט כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דער צײַט, אין וועלכער זיי לעבן און גאָרנישט אייגנטימלעך פאַר דעם נײַעם וועלט־געפיל פון זייערע העלדן.

י. פאַליקמאַן האָט געראָטן אויסגעמיטן אָט די שטרויכלונגען. די שפּראַך פונעם ראָמאַן „דער שוואַרצער ווינט" איז פאָלקסטימלעך־מאָדערן, פאַרמאָגט אַ רײַכע לעקסיק, איז אײַנהייטלעך אין טאָן און ריטם.

דערפאַר איז פאַרדריסלעך, וואָס עס טרעפן זיך פונדעסטוועגן ווערטער, וואָס פאַלן אַרויס פון דער אַלגעמיינער שפּראַכלעכער האַרמאָניע, ווערטער, וואָס זענען מעכאַניש איבערגעפלאַנצט פון אַנדערע שפּראַכן.

„מדרש פנחס״

„...מיר גייען צום שלוס פון אונדזער געשיכטע. און מערערע וועלן פרעגן פאַרוואָס „מדרש פנחס״...? און משה אַלטמאַן ענטפערט נישט, פאַרוואָס טאַקע האָט ער אָנגערופן איינס פון זײַנע אייגנאַרטיקסטע ווערק מיטן נאָמען פון אַן אַלט חסידישן ספר. אין פאַרשיידענע ערטער פון ווערק איז דער מחבר בלויז מרמז, אַז זײַן הויפּטהעלד, יוסף, איז געווען צוגעבונדן צו אָט דעם אַלטן ספר און אַז ער פלעגט אים האַלטן שטענדיק צוקאָפּנס אונטערן קישן.

„אַ פּאָר שעה פאַרן סוף האָט ער אַ מאָן געטאָן, מען זאָל אים געבן דאָס חסידישע ספרל „מדרש פנחס״... נישט געהאַט קיין כוח עס צו האַלטן, האָט ער געבעטן דעם יונגנמאַן און יענער האָט עס געהאַלטן פאַר אים און ער האָט אַרײַנגעקוקט. ער האָט זיך מיט דעם ספרל שוין נישט צעשיידט ביז צום סאמע לעצט״.

וואָס זשע איז דאָס פאַר אַן אַלט ספרל? און וואָס האָט אין אים געזוכט משה אַלטמאַנס טיף דענקענדיקער העלד, יוסף. און בכלל, וואָס פאַר אַ שײַכות האָט דאָס אַלטע חסידישע ספרל מיט איינעם פון די מאָדערנסטע ראָמאַנען אין דער ייִדישער ליטעראַטור?

ווען מען קלאָרט פאַר זיך צוערשט אויס וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס חסידישע ספרל „מדרש פנחס״, באַגעמט מען בעסער דעם זין פאַר וואָס משה אַלטמאַן האָט לויט אים אָנגערופן זײַן ראָמאַן. ווי גוסטאַוו פלאָבער, האַלט אויך משה אַלטמאַן אַז די רעאַליטעט פאַרדאַרבט, פאַרגוואַלדיקט און פאַרשוועכט דעם טיפן זין פונעם לעבן. דערפאַר איז צומאָל בעסער זיך ווענדן צום נישט רעאַלן, צום מיסטעריעזן אין וועלכס עס זענען פאַרבאָרגן די פאַרהוילענע סודות פונעם זײַן.

...נאָר לאָמיר זיך נישט פאַרלויפן דעם וועג און צום אַלעם ערשטן זיך דורכשמועסן וועגן דעם אַלטן „מדרש פנחס״, וואָס שלענגלט ווי אַ רויטער פאָדעם ארום אַ מאָדערנער קינסטלערישער שאפונג און גיט איר צו אַ באַזונדערן חן און אַראָמאַט.

אייניקע פרטים וועגן דעם ספר געפינען מיר טאַקע אין משה אַלטמאַנס ראָמאַן גופא:

...,,מדרש פנחס", דערציילט זיך דאָרט איז אַ באַקאַנט חסידיש ספרל. עס איז צו אונדז דערגאַנגען אין אַ נעבעכדיקן צושטאַנד: איין טעוועלע אָפּ־געריסן, און עס האָט אַ פּנים ווי אַ פויגל מיט איין פליגל...

אויף דעם געבליבענעם טעוועלע איז פאַרשריבן מיט יענעם כאַראַקטעריסטי־שן כתב, לויט וועלכן מען קען דערקענען, אַז דער, וואָס האָט עס געשריבן האָט געקערט צום אָרעמען לומדישן גראַד — אונטן:

,,לבני מחמל נפשי יוסף נ"י אשר נפשי קשורה בנפשו השי"ת זאל אים באשיצן"... און העכער, אָפּגעריבן, כמעט נישט צום לייענען:

,,שייך... פּנחס בן יוסף בן אברהם" (ווייטער איז נישט צום לייענען)..."

פאַרשטייט זיך, אַז מיר לאָזן נישט אַרויס פון זינען, אַז אין דעם ראָמאַן האָט דער עפּיזאָד מיטן אַלטן ,,מדרש פּנחס" אַן אויסשליסלעך געדאַנקלעך־קינסטלערישע פונקציע, אַז מען באַדאַרף נישט אויפנעמען די אינפאָרמאַציעס וועגן אים אין דעם בוכשטעבלעכן און ביבליאָגראַפישן זין. משה אַלטמאַן איז מיט זיי אויסן מרמז צו זיין אויף די פאַרהוילענע פעדעם און סימבאָלן וואָס פאַרבינדן דורות און צייטן.

קלערנדיק וועגן זיך, וועגן זיין דור, וואָס האָט זיך גייסטיק געשטאַלטיקט צווישן מלחמות און רעוואָלוציעס, האָט דער הויפּט־העלד, יוסף, זיך אַריבער־געטראָגן צו דער צייט פון זיין אייגענער קינדהייט:

,,...דער טאַטע. די מאַמע. ווינטער. שכנים. קרובים. מען דערציילט זיך מעשיות וועגן רב זוסיעלען, זיין באַרימטן צדיק...

...איז רב זוסיעלע אַרומגעגאַן איבער דער שטוב און געטענהט: גאָטעניו, זוסיעלע איז הונגעריק!... גאָטעניו, זוסיעלען איז קאַלט!...

יוסף האָט זיך דערוואָרעמט גייענדיק. אָנגעהויבן אַריינטראַכטן, אָפּפרעגן: ...וואָס איז זי געווען, אָט די הנאה פון די מעשיות וועגן רב זוסיעלען? וועגן די אַנדערע? מיט וואָס פאַר אַ כוח האָבן זיי דערוואָרעמט די הערצער, דער־האַלטן די נשמה, אינמיטן אַזוי פיל דחקות און אַזוי פיל יסורים?"...

און איצט לאָמיר זיך צוריק אומקערן צום אַלטן ספר ,,מדרש פּנחס". עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין אויסוואַל פון אַפאָריזמען, סענטענצן, ווערטלעך, מידות און פאַסירונגען, וואָס עס האָבן פאַרגעדענקט און פאַרשריבן די תלמידים און חסידים פון רב פּנחס שאַפּירא, אַדער פּנחס דער גרויסער, ווי זיינע מיטצייטלער האָבן אים גערופן (1791—1728).

און אין אונדזער צייט האָט דער דיכטער י. י. סיגאַל, אַליין אַ יליד קאָרעץ, געשריבן אַז ער איז געווען: ,,דער פּשוטסטער פון אַלע יידן, דער יידישסטער פון אַלע יידן".

פּנחס שאַפּירא — איינער פון די גרונטלייגער פון דעם חסי־דיזם, איז אויך באַקאַנט געווען מיטן נאָמען ,,דער" קאָרעצער", לויטן

וואָלינער שטעטל, אין וועלכן ער האָט אַ סך יאָרן געלעבט און געווירקט. זײַנע תלמידים דערציילן, אַז ער האָט ליב געהאַט האָבן צו טאָן נאָר מיט פּשוטע פּאָלקס־מענטשן. אַז ער פלעגט נישט פראַווען קיין טישן און נישט דערציילן קיין וווּנדער־געשיכטן, ווי עס פלעגן זיך נוהג זײַן אַנדערע חסידישע רביים פון זײַן דור. מיט זײַנע תלמידים האָט ער ליב געהאַט רעדן וועגן איינפאַכע מענטשלעכע מידות: גוטקייט און שלעכטקייט, כּעס און מילדקייט, עניוות און גאווה א. ד. ג. „ווילסטו וויסן, ווו יענער איז שלעכט, טו אַ קוק, ווי דו ביסט גוט" — איז געווען איינער פון זײַנע באַליבטסטע אַפאָריזמען.

אין דעם „מדרש פנחס" איז נישט פאַראַן יענער דעמאַגאָגישער גײַסט, פון וועלכן עס איז באַהערשט אַ גרויסער טייל פון דער חסידישער ליטעראַטור. רב פּנחס קאָרעצער איז, דאַכט זיך, דעם גדר פון דער ערד נישט אַריבערגעטראָטן. דער מענטש, זײַנע מעלות און חסרונות, איז די עיקר טעמע פון זײַנע טענדענצן, ווערטלעך און אַפאָריזמען.

משה אלטמאַן האָט אין פאַרשיידענע סיטואַציעס ליב געהאַט נאָכדערציילן רב פּנחס קאָרעצערס אַ סענטענץ: „אין רעדן פון אַ מענטשן ליגט אַ חיות און אין שרײַבן פון אַ מענטשן ליגט אַ נשמה. והא ראיה: עס שטייט געשריבן אין פּסוק: נפשו יצאה בדברו. במילא קומט אויס, אַז אַ מענטש רעדט אָדער שרײַבט ליגנס איז ער רוצח נפש. דערצו האָט ר' פּנחסל צוגעגעבן: ווען איך וואָלט געקאָנט פאַרשרײַבן אַלץ וואָס איך זאָג — וואָלט איך אַרײַנגעבראַכט אַ סך חיות אין יידישע נפשות".

משה אלטמאַן איז געבענטשט געווען מיט דער ברכה פון פאַרשרײַבן. אין זײַנע ווערק איז פאַראַן אַן אייגנאַרטיקער חיותדיקער מעדיום. באַזונדערס איז עס בולט אין זײַן ראָמאַן „מדרש פּנחס". דעם הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן, יוספן, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ גליד פון פּנחס קאָרעצערס משפּחה. ווי זײַן גײַסטיקן יורש. ער שילדערט אים ניט ווי קיין פאַנאַטישן און בלינדן נאָכפאָלגער פון דעם קאָרעצערס דרכים. פאַרקערט, אין אייניקע פון דעם קאָרעצערס אַלטע כּללים האָט ער אַרײַנגעלייגט אַ נײַעם אינהאַלט און באַדײַט שהזמן והמקום גרמם. אַ סך פון זיי אויך אָפּגעפרעגט.

„...דער יידע האָט געלערנט, אַז גאָט איז די וועלט און די וועלט איז גאָט; דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, די אמונה און די כּפירה, אַלץ גאָט. נאָר וואָס דען? אין אונס. דער גוטער ווילט אויס דאָס גוטע און דער שלעכטער דאָס שלעכטע...

פּשוט און גוט זיידע... אָבער וואָס טוט מען מיטן טעמפּל, מיטן קלויסטער? זיי האָבן בייזעס געבראַכט!... דו זאָגסט אַז גאָט דאַרף זיי נישט... מסכּים, זיידע, אָבער נבואה? וואָס טוסטו מיט נבואה? ווי אַזוי קומט נבואה צו רשעות?

און זע די היינטיקע נביאים, זיי דינען צו דער עבודה זרה, זיי זינגען דאָך אַ לויב צו מלחמה!״...

יוספס אייגענער גורל איז געווען אַ קאָמפּליצירטער און פאַרפּלאָנטערטער, דאָך שטראָמט פון אים אַן אינערלעכע גײַסטיקע קראַפט. פאַר דער דאָזיקער געשטאַלט איז נישט כאַראַקטעריסטיש „אַ יענוועלטישע אויסגעטוענקייט פון ליַידנשאַפט״, ווי ס׳האָט געמיינט דער ליטעראַטור־קריטיקער שלמה ביקל. ער איז גיכער פון אַלץ איבערגעלאָדן פון ערדישע און מענטשלעכע ליידן. אַ מין מאָדערנער פּראָמעטעוס, וואָס ליַידט, נישט אַזוי פונעם רויב־פויגל, וואָס עסט אים די „איינגעווײדן״, ווי פונעם צוגעשמידט זײַן צום האַרטן ערדיש־שטיינערנעם פעלדז. די עטישע און סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן און אומגערעכטיקייטן פאַרשאַפן אים ממש פיזישע ווייטיקן. עס פאַרפאָלגט אים אַ שטאַרקער שולד געפיל, פאַרוואָס ער איז געשטאַנען אין אַ זײַט אין די סאַמע אַנטשיידנדיקסטע מאָמענטן פון דער געשיכטע. ווען עס איז באַשטימט געוואָרן דער גורל פון זײַן אייגן פאָלק, איז ער געווען פאַרטאָן מיט אַבסטראַקטע פּראָבלעמען פון וועלט דערלייזונג. עס האָט געמוטשעט אים דער געוויסן, פאַרוואָס ער האָט עובר געווען אויף איינעם פון די גרונט־פּרינציפּן פון זײַן אורזיידנס „מדרש פנחס״: אַל תפרוש מן הצבור — זאָלסט זיך נישט אָפּזונדערן פון צבור...

דאָס אייגנטלעך איז די גרונט אידעע פון משה אלטמאַנס ראָמאַן „מדרש פנחס״. די דראַמע פון דער משפחה קראָכמאַל, וואָס ווערט אין אים געשילדערט, די דערציילונג וועגן דער דעמאָנישער פרוי מאַריאַנע, וועגן עגאָצענטרישן שרײַבער און באָהעם, די פערעפּעטיעס פון דעם אייביק גריבלענדיקן זיך אין זיך — מאָטל אומרו א״א — זענען, ווי משה אַלטמאַן פאַרצייכנט אין אַן אָרט, נישט מער ווי אַ „ראָמאַנסירטער״ קאָמענטאַר צו דער הויפּט אידעע פון דעם ווערק.

דער ראָמאַן „מדרש פנחס״ פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט אין משה אַלטמאַנס ליטעראַטור שעפערישן וועג, וואָס ציט זיך איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט. פאַראַן אין אים אַ סך אויטאָביאָגראַפישעס. אין דעם הויפּט העלד, אין יוספן, איז פאַראַן אַ סך פון אַלטמאַנס פערזענלעכע איבערלעבענישן און וועלט־שפּירונגען.

משה אַלטמאַן איז געווען איינער פון די ווערטפולסטע שעפערס אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. די בולטע דערקען־צייכנס פון זײַן קינסטלע־רישער אינדיווידואַליטעט איז דער סינטעז פון רעאַליזם און ראָמאַנטיזם, פון סקעפּטיציזם און אָפּטימיזם. זײַן יידיש לשון און סטיל פאַרמאָגן אַ ספּעציפישן ריטעם, וואָס דערמאָנט אין דער גראַציעזער עקספּרעסיווקייט פון דער טאַנץ־קונסט. זײַנע פערסאָנאַזשן באַוועגן זיך ווי אין אַ טאַנץ־ריטעם און די אַלגע־

מיינע אַטמאָספער פון זײַן שאַפן רופט זיך איבער מיט דוד בערגעלסאָנס קינסטלערישער פּיקחות, טורגעניעווס ליריזם און אַנאַטאָל פראַנס׳ סקעפּטיציזם.

און אַזוי ווי די רעאַליטעט פאַרדאַרבט, פאַרגוואַלדיקט און פאַרשוועכט הייליקייטן, ווענדט זיך צו מאָל משה אַלטמאַן, צום דעמאָנישן און מיסטעריעזן, אין וועלכן עס זענען פאַרבאָרגן די פאַרהוילענע סודות פון דעם אמתן זין אין לעבן. די רעאַלע געשעענישן ווערן ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ מין איבעררעאַליסטישע האַלוצינאַציעס.

משה אַלטמאַנס שאַפן פאַרמאָגט אין זיך פּאַטאָס פאַר מאָראַלישער זויבער־קייט און שטראַפרייד צום נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אומרעכט אין דער וועלט. דער מעדיום פון זײַנע ווערק איז די אומזיכערקייט פון ייִדישן קיום און דער אומרו אין ייִדישן לעבן צווישןביידע וועלט־מלחמות; עס הערשט אין זיי אַ דריקנדיקע אַטמאָספער פון ערבֿ־קאַטאַסטראָפע. פאַרטיפנדיק זיך אין דיליידן פונעם יחיד, אין זײַן פאַטאַלן גורל, האָט משה אַלטמאַן באַוויזן אויך אויסצודריקן דעם אַלגעמיינעם „וועלטשמערץ״ פון זײַן דור און פון זײַן צײַט.

זעלטן ווער אין דער הײַנטיקער ייִדישער ליטעראַטור גלייבט אַזוי שטאַרק אין די שעפערישע פּאָטענצן פונעם ייִדישן פאָלק ווי משה אַלטמאַן. „דאָס פאָלק גופא, — —האָט ער געשריבן אין אַן אָרט — איז צוגלייך נאַציאָנאַל און אוניווערסאַל, אַלמענטשלעך. — — — דאָס פאָלק איז דער פילאָסאָף פון אַלע פילאָסאָפן״.

דער פאָלקס־כאַראַקטער פון משה אַלטמאַנס מאָדערנעם גאַנג אין דער ליטעראַטור איז בולט פון די רײַכע בילדער און אַסאָציאַציעס, וואָס ער שעפּט אַרויס פון אונטער די פאַרשיידענע פּלאַסטן אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דעם פאָלקס יצירה, און באַזונדערס פון זײַן ייִדיש־הומאַניסטישן וועלט־געפיל: „מע טאָר נישט צווייפלען אין דעם מענטשן! מע טאָר נישט! — — — איך וואָלט געוואָלט דערמאָנען מענטשן, אַז —אַלץ וואָס לעבט איז שטערבלעך, ניט כדי צו פאַראומערן דאָס לעבן, נאָר פאַרקערט, כדי צו צווינגען טיפער עס צו שעצן, האָבן מער אָפּשיי פאַרן לעבן, פאַר יעדנס לעבן...״.

ב.

דורך טאָוולען פון געשיכטע

די דיכטונג, בײַ ייִדן, אָנהייבנדיק פונעם תנ"כישן האזינו ביז דוד האָפשטיינס:

ווער קליגט עס מיט גאָלדן מיט גינען,
קלינג־קלאַנג און קלאַנג־קלינג...

איז מער אַ קלאַנגלעכע ווי אַ וויזועלע. די וועלט, דעם קאָסמאָס האָבן אונדזערע אָבות מער געהערט ווי געזען. דאָס איז, זעט אויס, געווען די מענטאַליטעט פונעם אוראַלטן ייִדישן גײַסט, וואָס האָט באַשאַפן אַ גאָט וואָס מע זעט נישט און גוזר געווען לא תעשה לך פסל; אַ גײַסט וואָס הערט פאַרבן און זעט קולות; ווי עס שטייט אין דער תורה: וכל העם רואים את הקולות (שמות, יתרו כ׳, ט"ו). אין אָט דער דאָזיקער רוחניותדיקער מסורה וואָרצלט דער הימען־כאַראַקטער פון דוד האָפשטיינס דיכטונג.

און דוד האָפשטיין האָט נישט בלויז געשאַפן לידער־הימנען, נאָר געפּרוווט אויך טעאָרעטיש באַזינגען דעם זין און באַדײַט פון דעם אופן דיכטן: „אויב אַן אמת ליד, אַ ליד אַ בן־קימא, האָט ער געשריבן, איז אַ באַווײַז פון לעבן, איז אַ הימען — אַן אויסדרוק פון אַ באַזונדערער פּסיכישער אָנשטרענגונג פונעם כּלל, וועמענס שליח־ציבור דער דיכטער איז. — — — הימנען פאָדערן אַ באַזונדערע קאָנצעפּציע פון געפיל, אַ באַזונדערע ווײַטזעענדיקע זיכערקייט, וואָס שטאַמט פון אָנגעזאַמלטער קאָלעקטיווער ענערגיע"... (בריוו פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבערס, ירושלים תש"מ, ז"ז 133—134).

אין דוד האָפשטיינס שעפערישער ירושה זענען פאַראַן נישט ווייניק שירים וועגן דער דיכטערישע באַגאַבונג און אויך מאמרים וועגן מהות פון דיכטונג. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש זענען די הקדמות צו די לידער־זאַמלונגען פון פאַרשיידענע פּאָעטן אין דער סעריע „ליריק" און „ווידערוווקס", וואָס זענען דערשינען אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן.

די עסטעטישע פּרינציפּן וואָס האָפשטיין האָט אין זיי פאָרמולירט, האָט ער געטרײַ אָפּגעהיט אין משך פון זײַן שעפערישן וועג. דאָס קאָן מען זען אויך

פון די אַרטיקלען מיט נאָמען „ווי״, וואָס ער האָט אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן געדרוקט אין דעם זשורנאַל „פּראָליט״.

גראָד אין דעם זשורנאַל, וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון די אַנגרײַפנדיקע אָנהענגער פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, גראָד דאָרט האָט האָפּשטיין געוואָלט דערווײַזן די פײַערדיקע חסידים פון דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, אַז נישט דער עמפּירישער „וואָס״, נאָר דער עסטעטישער „ווי״, איז וויכטיק אין אַ ליטעראַריש ווערק; מחמת „די קונסט פאַרמאָגט אירע אמת׳ן, וואָס דער אמת אַליין פאַרמאָגט ניט״; זי פאַרנעמט זיך מיט כוחות, וואָס ווירקן מיט איראַציאָנעלע פּעדעמלעך אויף דעם מענטשלעכן באַוווסטזײַן, אויף זײַן געפיל און פאַרשטאַנד.

קונסט, אליבא ד׳האָפּשטיין, איז נישט קיין שפּיגל פון דעם לעבן. די באַהעפטונג פון וואָר און דיכטונג שאַפט אַ נײַע גײַסטיקע דימענסיע, וואָס ווירקט און ענהערט צומאָל די ווירקלעכקייט. אין איינעם פון זײַנע לידער האָט עס ד. האָפּשטיין פאָרמולירט אַזוי:

...די וואָר געבירט די דיכטונג...
דערנאָך די דיכטונג ווירקט שוין אויף דער וואָר.
ס׳איז מײַן געדאַנק געצילט, ס׳איז מײַן געפיל געצילט
אין איין שוין קלאָרער ריכטונג,
אַהין, ווו וואָר און דיכטונג
באַהעפט שוין זענען פעסט
און צאַרט און שטאַרק געפּרעסט
אין איין געבענטשטער פּאָר.

(געקליבענע לידער ב. 2, כאַרקאָוו 1931, ז׳ 247).

פון דער נאַטור איז דוד האָפּשטיין געווען אַ ראָמאַנטיקער. און ווי אַזעלכער האָט ער באַנומען דיכטונג און קונסט בכלל נישט ווי אַן אויסנעמלעכע מענטשלעכע באַגאַבונג; נײַערט, אַז זי, די קונסט, עקזיסטירט אויך מחוץ דעם מענטשן. אין דער נאַטור, אין קאָסמאָס, אויך אין דער חיה־און געוויקסן־וועלט זענען פאַראַן גרויסע האַרמאָנישע שיינקייטן. דער אונטערשייד איז אין דעם, וואָס די קאָסמישע ווירקלעכקייט, איז נישט שטענדיק קונסט, בעת די קונסט איז שטענדיק ווירקלעך. דער קינסטלער אַנטפּלעקט אין דעם געוויינלעכן דאָס אומגעוויינלעכע, און אין דעם באַקאַנטן דאָס אומבאַקאַנטע.

אין דער הקדמה צו משה כאַשטשעוואַצקיס לידער־בוך „דאָרשט״ (קיעוו 1922), האָט ד. האָפּשטיין געשריבן: „טיפע אָרגאַנישע דיכטונג, איז כמעט שטענדיק רעטראָספּעקטיוו; צום קונסט וואַרשטאַט גייען ערשטנס איבערלעבונ־

גען וואָס האָבן זיך שוין אָפּגעזעצט אין דער נשמה טיף, דאַן נאָר קאָן די שיל־דערונג באַהויכט ווערן מיט דער פאַרדינסטפולער שײַן, וואָס גיט דעם כוח פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ קונסטווערק״.

אין די פריער דערמאָנטע אַרטיקלען „ווי״, איז דוד האָפּשטיין אויך אַרויס־געטראָטן קעגן דעם אַבסטראַקטן סימבאַליזם פון דער נסתר, ליפע רעזניק, עזרא פינינבערג א. א. אין וועלכן עס איז, לויט אים, נישט פאַראַן קיין שפּור פון געזעלשאַפטלעכער אַקטועלקייט; דער סימבאַליזם, ווײַזט האָפּשטיין אָן, האָט אַרויסגענומען פון ברייטן פאַרקער אַ סך שטימונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ גאַנץ שטאַרקע דיכטערישע אָנלאָדונג. דאָס ערגסטע איז באַשטאַנען אין פאַלגנדיקן: „אויב מען האָט נישט געקאָנט קיינעם פון די יונגע פּראָזאַיקער צווינגען איבערצונעמען די שדים־און רוחות־טעמאַטיק, האָט מען אָנגעהויבן טײַטלען אויף די סטיליסטישע מעלות פון סימבאַליזם, ווי אויף די איינציקע סימנים פון רעוואָלוציאָנערן שאַפן. — — — מען האָט אָנגעהויבן דרייען דעם זאַץ אין דער פּשוטער רעאַליסטישער שילדערונג. מען האָט אָנגעהויבן רעכענען פאַר ליטעראַריש נישט אָנשטענדיק דעם לאָגיש קלאָרן גאַנג פון דער מענטש־לעכער שפּראַך״ (ד. האָפּשטיין „ווי״, פּראָליט 3, 1928, ז״ז 45—46).

מיטן דערשײַנען פון דוד האָפּשטיינס ערשטן בוך „בײַ וועגן״ (1919) האָט בעל מחשבות געשריבן: „צווישן די איין און זעכציק אויסגעקליבענע לידער וועט איר קוים געפינען איינע, וואָס באַרירט ניט דעם לייענער מיט איר טיפן לירישן אינהאַלט, מיט דער ווירטואָזער געשליפנקייט פון דער ריטמישער צײַל, מיט דעם מוטיק איידעלן אָפּשלאָג פון אַ האַרמאָנישער פּאָעטישער נשמה... דוד האָפּשטיין איז בלי ספק אַ נײַער מענטש אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור — — וואָרעם סײַ זײַן גלויבן, ווי זײַן וועלט־באַנעם, האָט ניט כמעט קיין שום וואָרצלען דאָרטן, וווּ מיר זוכן אַ ייִדיש דורכגײַסטיק וואָרט. און דאָרום איז נאַטירלעך, אַז זײַנע לירישע שאַפונגען זענען להלוטן אַ נײַער עטאַפּ אין וווּקס פון אונדזער פּאָעזיע...״ (בעל מחשבות; געקליבענע ווערק, ניו־יאָרק, 1953, ז׳ 302).

גלײַך מיט זײַן דעביוט איז דוד האָפּשטיין דערשינען ווי אַ סינטעטישע קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט. אויב נאָכפאָלגן די כראָנאָלאָגיע פון זײַן שאַפן דאַרף ער פאַררעכנט ווערן צווישן די ערשטע אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג, וואָס האָבן דערפילט „דעם פאַרלאַנג מיט ווײַטע אויסוועלטן זיך העפטן״. חוץ געציילטע אויסנעמען איז די בילדער־וועלט אין דער ייִדישער דיכטונג בעת דוד האָפּשטיינס ערשטע אויפטריטן נישט אַריבערגעשטיגן דעם ייִדישן תחום־המושב. דוד האָפּשטיין האָט שוין אין זײַן בראשיתדיקן שאַפן קולט געוועזן נישט נאָר די „ווינטער פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער״ נאָר אויך דעם גאַנצן אוניווערס. די באַגריפן „וועלט״, „קאָסמאָס״ זענען די

פּאַרשפּרייטסטע שוין אין זײַנע ערשטע ביכּורים־לידער. „איך לײַד, האָט ער געשריבן, פון צו אַ שטאַרקער ראיה, ס׳איז רוים מײַן שטענדיקע סטיכיע״. זײַן דיכטעריש געמיט האָט זיך אויסגעוואָרעמט אין די אינטימיטעטן פון יידישן עטאָס, אין וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט באַשאַפן געוואָרן דער באַגריף מענטש ווי דער תכלית פון דער וועלטס יצירה. און דאָס מענטשלעכע, איז בפירוש די קרוין פון דוד האָפשטיינס הומאַניסטישער דיכטונג, איבער וועלכער עס פלאַטערן זײַנע געפליגלטע ווערטער: „ווי טרויעריק זיס עס איז מענטש צו זײַן!״ און דערקלערט האָט עס האָפשטיין אַליין בזה הלשון: „אין דאַרשטיקן ווילן זיך נעענטער אײַנצוקוקן אין שפּיגל פון פאָלקס־געזיכט, פאַרשטיין זײַן לעבן און דורך דעם זיך אַליין פאַרשטיין און אייגענע נייגונגען באַזינען, האָב איך — — אויף אַ סך מענטשן מײַן בליק אָפּגעשטעלט און פאַרהאַלטן. — — — נאָך יעדער באַגעגעניש, איז עפּעס קלאָר געוואָרן אין דער טונקלקייט, וואָס הייסט מענטשלעכער זעלבסט־באַוווסטזײַן?״ [ד. האָפשטיין הקדמה צו י. ד. קאַמזאָנס בוך „פון ספר רזיאל״ (תל־אביב, תרפ״ו)].

אין דער סימפּאָניע פון דוד האָפשטיינס שאַפן איז פאַראַן אַ פולע האַרמאָניע פון געדאַנקלעכן און עמאָציאָנעלן, פונעם קלאַנגלעכן און וויזועלן. ער דערהערט געשרייען וואָס געפינען זיך אויף יענער זײַט גרענעץ פון שווײַגן. און „מיט די אויגן פון דער נשמה״ דערזעט ער „אײַנגעקאַרבטע״ אַבסטראַקציעס אין דער ווײַטער „בלויער שטילעניש״:

שפּרייט איך ברייטער
פליגל — —גלידער... —
שיק איך אויס אין יעדן ווינקל
שפּיזן פון מײַן אויג!

(לידער און פּאָעמעס, ב. 1, תל־אביב 1977, ז׳ 50).

מיט די שפּיזן פון זײַן אויג האָט דוד האָפשטיין דערזען אַלע גאַמען פון די פינקלדיקע פאַרבן אין דער נאַטור. זײַן דיכטונג איז בכן אַ מאָלערישע. פאַראַן בײַ אים ספּעציעלע לידער וועגן פאַרבן און קאָלירן.

פון דער עפּסיטאָראַלער ירושה דערוויסן מיר זיך, אַז דוד האָפשטיין האָט אַפילו פאַרפאַסט אַ ספּעציעלן טראַקטאַט וועגן פאַרבן און קאָלירן. אין רעזולטאַט פון דער סטודיע זענען אַנטשטאַנען אַ סעריע פּאָעטישע שאַפונגען. אַ מוסטער דערפון האָט ער בשעתו צוגעשיקט א. ליעסינען פאַר „די צוקונפט״. אין דעם בײַגעלייגטן בריוו (תל־אביב 1925) געפינען זיך פאָלגנדיקע שורות:״ — — — איך שיק אײַך דאָ אַ זאַך וועלכע איך האָב איצט פאַרענדיקט. אָנגעהויבן האָב

איך די זאַך שוין גאַנץ לאַנג, מיט גאַנצע צען יאָר פריער. איך האָב געוואָלט שאַפן אַ ווערק אַרויסגייענדיק פון מײַנע פאָרשונגען, זאָל זײַן סטודענטישע נאָך, אויפן געביט פון פאַרבן און קאָלירן. די גאַנצע זאַך וועט אין „צוקונפט" קיין גרויס אָרט נישט פאַרנעמען. און איך בעט דרוקן אַזוי ווי איך האָב איבערגעשריבן. דער ריטמישער גאַנג איז מיר וויכטיק, און נישט דער גראַם נאָר, האָט געצוווּנגען מיך טיילן די שורות דווקא אַזוי".

פון דוד האָפשטיינס שאַפן שטראַלט אַ פאַרבלענדנדיקע שפּיל פון ליכט און שאָטן. ער זעט נישט בלויז די פאַרבן, ער הערט זיי ממש; ווי ער האָט געזונגען אין איינעם פון זײַנע לירישע מאָנאָדיאַלאָגן:

קענסטו פרעגן,
קענסטו שטעלן
פראַגן האַרבע
— — — — —
קען אויך הערן
ניט נאָר ווערטער
ניט נאָר קלאַנגען
נאָר אויך פאַרבן...

(דאָרט ז' 14)

און די פאַרבן בײַ דוד האָפשטייגען זענען נישט קיין מאַטעריאַליסטישע, זיי פאַרמאָגן אַ מעטאַפיזישן סוד און רמז. זיי טראָגן אין זיך דאָס „בלויע טריפן", „די גרויע ווייען", און דעם „האַרבן טרויער" פון דער נאַטור און פון דעם מענטשן.

ווי געזאָגט איז דער „האזינו"־כאַראַקטער אייגנטימלעך פאַר דעם „קלינג־קלאַנג און קלאַנג־קלינג" פון דוד האָפשטיינס קלינגנדיקער ליריק. אַפילו דער זכרון זײַנער איז אַ קלאַנגלעכער: „און הילכיק לאַכט אין מיר, האָט ער מעיד געווען, מײַן מענטשלעכער, מײַן מעכטיקער זכרון" [געקליבענע ווערק, מאָסקווע 1968, ז' 41].

פאַרלאָז די שוועל, אַרויס אין דרויסן —
הער, אין שטילעניש אין גרויסער
פאַלן שנייען...
הער, אין שטילעניש אין טיפער
שווײַגנס פליסן, שווײַגנס טריפן
שטומע ווייען...

דוד האָפשטיינס שאַפן, וואָלט איך געזאָגט, איז פון אַ טאָנאַלער פּלאַס־טישקייט, און פאַרמאָגט אין זיך די פּאָליפאָניע פון אַ מוזיקאַלישער קאָמפּאָזי־

ציע; דער זע־אינסטינקט באַשטימט אירע ליניעס און קאָנטורן, דער אינערלעכער געהער דעם קלאַנג פון וואָרט און מעלאָדישקייט פון אימאַזש.

דוד האָפשטיינס פאַרשאַרפטער פּאָעטישער הער־אינסטינקט איז מסוגל געוועז קולט זײַן „ווי די שטענדיקע שטילקייט הערט זיך אײַן אין שטילן אָטעם פונעם לעבן". ער האָט דערהערט אויך יענע „שטומע געשאַלן", וואָס שלענגלען זיך דורך „פאַרהוילענע קאַנאַלן" איבער צײַטן און רוימען, זינט דעם בראשית פון בריאת העולם:

איך זע, די לעצטע זײַלן שײַן
זיך האָבן טיף אין גרינס באַהאַלטן.
איך הער דעם ערשטן אָנזאָג: ליכט זאָל זיין!
דעם ערשטן שאָל פון הימל שפּאַלטן.
(דאָרטן ז' 157).

די דאָזיקע אור הגנוזדיקע שײַן, וואָס גאָט האָט מחמת דעם מענטשנס זינד צוריק געצויגן אין זײַן פּוטערפאַס באַשײַנט די פאַרבן־פּאַליטרע פון דוד האָפּ־שטיינס דיכטונג.

מער פון אַנדערע ייִדיש־סאָוועטישע פּאָעטן האָט דוד האָפשטיין געזוכט אין זײַן דיכטונג צו „יחידישן חסד" און צו די „גרינע געדעכענישן" פונעם פאָלקס זכּרון, מחמת

ס'איז שווער צו פאַרגעסן די שאַרפע אַמאָלן,
וואָס האָבן פאַרשניטן זיך טיף אין מײַן לײַב,
הערן דעם רוף פון די טיפן:
פאַרהיט זיך, פאַרבלײַב!

דער פאָלקס־זכרון דאַרף דינען אַ באַריער קעגן די „פרעמדע אַרומען" מיט „די שטומע באַפעלן: פאַרענדער זיך, ענדער!" (דאָרטן, ז' 210). די פרעמדע, אָפטמאָל פײַנטלעכע אַרומען, האָבן גורם געווען טרויעריקע טענער אין האָפשטיינס אין תוך האָפערדיקן וועלט־געפיל. ער האָט וועגן דעם פּאָעטיש דערקלערט אין זײַן באַרימט „ליד פון מײַן גלײַכגילט":

איך בין מיד שוין
פון שוועבן,
פון שווינדלען,
פון שווימען,
פון ווייקן אין וואַסערן פרעמדע,
און אייגנס זאָל מיך נאָר רייצן
(דאָרטן ב. 2, ז' 33).

דוד האָפּשטיין איז שטענדיק געווען באַהערשט פון אַ „דערהויבענער אייגנליבע צום אייגענעם פאָלק". ער האָט געהאַלטן אַז דער וועג דערצו „ווערט גיכער געפונען אין אייגענע תחומען, ווי אין פרעמדע, דאַכט זיך, קלאָרע שטראָמען".

ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און אין פאַרשיידענע ערטער האָט דוד האָפּשטיין, בנגלה צי בנסתר, אויסגעדריקט זיינע באַוואָרענישן וועגן די געפאַרן וואָס די סאָוועטישע אַסימילאַציע טראָגט אין זיך. בעת די דאָזיקע געפאַרן האָבן זיך נאָך געפונען אין זייער עמבריאָנאַלן צושטאַנד האָט שוין דוד האָפּשטיין געוואָרנט: — — — „וועגן אונדזערע טרויעריקע ענינים אין רוסלאַנד; „אוי לי מיוצרי ואוי לי מיוצרי". זיין דאָרט און וועלן עפּעס טאָן און טאָן עפּעס, איז זייער שווער. זייער שווער, ביטער שווער, אַזאַ קנויל פון סותרדיקע געפילן און געדאַנקען, וואָס שטיקט אין גאַנצן און לאָזט נישט אָטעמען. — — —
עס ווערן אַלץ בולטער די שפּורן פון דער אומגליקלעכער גלות־ירושה און פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע ביי אונדזערע יידישע קאָמוניסטן, וואָס קענען זיך ביז איצט נישט באַטראַכטן ווי פולשטענדיקע, אחריותדיקע בעלי־בתים, ווי שפּאָרעוודיקע אייגנטימער פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע מען דאַרף אַריבערפירן אויף אַנדערע תנאים פון לעבן. — — — איך האָב אָבער שוין געוואָלט זען ביי אונדז אַ ביסל מער גאַנצקייט, אויב נישט אין גאַנצן וועלט באַנעם, איז לכל הפחות אין דורכפירן אייגענע סימפּאַטיעס אין לעבן פון אונדזער קולטור — — — און ס'איז שווער צו זען, ווי ביימלעך ווערן פון ווינט אַזוי צעבויגן, אַז ס'איז שווער זען קלאָר, ווו איז דאָס דער שטאַם זייערער... (בריוו פון יידישע סאָוועטישע שרייבערס, ירושלים תש"ם, ז"ז 125, 126, 129).

אלה הדברים, דאָס זענען די רייד פון דוד בן נחמיה אין 1924. און אין 1940, אין אַ שמועס מיט אים וועגן די מקורים פון זיין דיכטונג האָט דוד האָפּשטיין פּלוצים אַ פרעג געטאָן און געענטפערט: „הערט זיך דען נישט אין מיינע לידער דער ווידערקול פון העברעיש?... מיר דאַכט זיך „לבה המה בה", איך האָב דאָך אין זיי אַריינגעוועבט אַ שפע פון לשון־קודשדיקן גייסט און בילד. — — — ביי אונדז אָבער איז שוין נישטאָ ווער עס זאָל פאַרשטיין אַ לשון־קודשדיק וואָרט. דער עלטערער דור האָט אויפגעהערט קענען און דער יינגערער האָט נישט אָנגעהויבן קענען. דאָס איז איינער פון אונדזערע פאַטאַלע פעלערן; צוזאַמען מיט דער דעהעברעיזאַציע, איז ביי אונדז געקומען די אומפאַרמיידלעכע דעהיסטאָריזאַציע פון יידישן לשון און פון דער יידישער ליטעראַטור — — — יידיש איז נישט קיין ממזר פון דער געשיכטע. יידיש האָט זיך נישט נאָר דערנערט פון די העברעיִשע מוטער ברוסטן; יידיש האָט אויך פאַרהיט אין זיך אַ העברעיִשן יסוד און גייסט. — — און אַז מען צעשטערט

דעם דאָזיקן יסוד האָט דאָך דער בנין נישט אויף וואָס זיך צו האַלטן... איך שטעל מיר נישט פאָר, האָט דוד האָפשטיין אויסגעפירט, ווי אַזוי מען קען זײַן אַ ייִדישער שרײַבער, אַ ייִדיש — סאָוועטישער שרײַבער, און ניט לעבן מיט דער געשיכטע און מיט דער קולטור־ירושה פון אייגענעם פאָלק"...

לויט דעם אַלטן סאָקראַטעס איז אַ פּאָעט דער וואָס שאַפט מיטאָסן און נישט קיין לאָגאָסן. דוד האָפשטיינס שאַפן, וואָס איז פרײַ פון דעם סאָוועטיש־שעטנזדיקן־לאָגאָס, קעלטערט זיך אײַן אין די ייִדישע אייביקייטן. וואָס טיפער מיר לעבן זיך אַרײַן אין דעם גײַסט פון זײַנע מיטאָסן אַלץ מער באַוווּנדערן מיר זײַן שטאַרקן גלויבן אין זייער אייביקן דויער:

> אָ, וועלט דו מײַנע, וועלט דו מײַן,
> מײַן זײַן וועט קיינער נישט צעשטערן,
> ווײַל אויך דאָס פּלומרשטיק ניט ווערן
> וועט אויך באַשטעטיקן מײַן זײַן.

(אויסגעוויילטע ווערק, מאָסקווע 1948, ז' 339).

דער דיכטער פון רחמים און תפארת

יעקב פרידמאַן איז פון אונדזערע געציילטע גרויסע דיכטער פון אַן אוניווערסאַלן פאַרנעם; סײַ לויט זײַנע קינסטלערישע וועלטשפּירונגען, סײַ לויט זײַנע אידעיִשע האָריזאָנטן. ער איז אַ דיכטער פון פּראָבלעמען העומדים ברומו של עולם: גאָט און געטלעכקייט, מענטש און מענטשלעכקייט, לעבן און טויט וכדומה... נישט צופעליק איז ער אויך דער מחבר פון אַ ווערק, וואָס באַהאַנדלט נישט קיין באַגרענעצטע געאָגראַפישע סביבה, נישט קיין פּראָבלעם פון דער אָדער יענער צײַט, אויך נישט וועגן רעאַלע היסטאָרישע געשטאַלטן פון דעם אָדער יענעם פאָלק. דער פּראָבלעמען־קרײַז פון דעם דאָזיקן ווערק געהערן צו אַלע פעלקער, צו אַלע מענטשן פון אַלע צײַטן; זינט דעם בראשית פון דער מענטשלעכער געשיכטע ביז צו אונדזער צײַט:

איך פיל ווי עס גייט דורך מיר
די גאַנצע וועלט שטילערהייט.
אַלע דורות פון אָדמען ביז איצטער
און מיט זיי צוזאַמען גייען טײַכן, וועלדער, שטעט...

אין דעם דאָזיקן ווערק שלאָגט יעקב פרידמאַן אָן אין אַ קלאַסישער טראַדיציע פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס ציט זיך פון די גרויסע פּראָבלעמען־שרײַבער בײַ פאַרשיידענע פעלקער: דאַנטע, מילטאָן, געטע א״א. בײַ אונדז — זינט משה־חיים לוצאַטאָ אין דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור און אין דער מאָדערנער יִדישער ליטעראַטור פון ה. לייוויקן.

איך האָב אין זינען די דראַמאַטישע פּאָעמע „נפילים", וואָס מען האָט בײַ אונדז כּמעט ווי פאַרזען.

מיט דער דראַמאַטישער פּאָעמע רופט זיך יעקב פרידמאַן אויך איבער מיט דער אידעען־וועלט אין די מאָדערניסטישע ריכטונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. די גרונט־הנחות פון דער אידעען־וועלט איז, אַז דער מאָדער־

נער מענטש לעבט שוין נישט אין דער נאַטירלעכער וועלט, וואָס גאָט האָט געשאַפֿן, נאָר ער לעבט אין דער וועלט וואָס ער אַליין האָט באַשאַפֿן, ווי דאָס איז שפּראַך, מיטאָס, רעליגיע, וויסנשאַפֿט, קונסט. ער נעמט שוין נישט אויף די זאַכן, נאָר די אידעען פֿון די זאַכן. „ער פֿאַרבײַט דאָס לעבן, די רעאַליטעט אויף סימבאָלן". (ערנסט קאַסירער).

יעקב פֿרידמאַנס „נפֿילים" איז אַ סימבאָליש ווערק וועגן עטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. יעדע געשטאַלט סימבאָליזירט אַן אידעע. עס קומען דאָרט נישט פֿאָר קיין סוביעקטיווע פּסיכאָלאָגישע קאָנפֿליקטן, נאָר אַ געראַנגל צווישן פֿאַרשיידענע עטישע און סאָציאַלע נטיות אין מענטשן. יעדער געשטאַלט פּערזאָניפֿיצירט מיט זיך אַן אַנדערן אַספּעקט אין דער מיסטעריע מענטש; גאווה אָדער ענווות, רשעות און צדקות, שנאה אָדער אהבה, לעבן און טויט... דאָס איז אַ ווערק פֿון אייביקער אַקטואַליטעט, באַזונדערס אין אונדזערע תוהו ובוהודיקע טעג, ווען דאָגמעס ניוועלירן די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט. זײַנע פּראָטאָטיפּן האָט י. פֿרידמאַן אַנטליען פֿונעם מיטאָס, דאָס ערשטע וויגעלע אין דער געשיכטע פֿון דעם דורותדיקן אידעען־געראַנגל. די צוויי הויפּטגעשטאַלטן: נפֿיל און יורד, סימבאָליזירן די אייביק קעגנזײַטיקע כּוחות אינעם לעבן פֿון יחיד און כּלל. יורד איז דער אויסדרוק פֿונעם שלעכטן און בייזן. ער טראָגט מיט זיך שנאה, באַטרוג און מאָרד צווישן מענטש און מענטש, שבט און שבט, פֿאָלק און פֿאָלק. און דאָס טראַגישע באַשטייט נאָך אין דעם, וואָס שטענדיק זענען פֿאַראַן נביאים און באַזינגער פֿון זײַנע מעשׂים. זײַן דעוויז: אַלמעכטיקייט איז יושר. און וואָלט ער דערגרייכט זײַנע צילן — —

געוועזן איך וואָלט ניט בלויז דער מלך איבער אַלעמען, —
נאָר אויך דער ריכטער, און צו מײַן משפּט אַלע גערעכטע
וואָלטן די קעפּ געבויגט מיט לויב־געזאַנג.
ווער וואָלט געציילט דען דאַן די הונדערטטויזנטער וואָס געהאָנגען
איך האָב, די צענערטויזנטער פֿאַרברענטע אויף שײַטערס,
געקעפּטע דורך מײַן שווערד און האַק.[2]

דאָס גליק פֿון דער געשיכטע איז וואָס זי געבירט אויך אַזעלכע ווי נפֿיל. אמת, זיי זענען ווייניק, אָבער זיי ראַטעווען די מענטשהײַט פֿון איר שאַנד. — נפֿיל, זײַנע מעשׂים, מחשבֿות, איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון די העכסטע אידעאַלן פֿון מענטשלעכער ערלעכקייט און גוטסקייט, שיינקייט און דער־הייבנקייט, נישט קוקנדיק אויף אַלע אַבני־נגף, דערנידערונגען און באַליידי־קונגען וואָס טרעפֿן אים אין וועג.

אַלץ אין דער וועלט טראָגט מיט זיך זײַן באַשערטקייט. ווי זאָגט וועגן דעם פרידמאַנס העלד נפיל:

דער ווײַנשטאָק טראָגט דעם ווײַן — ס׳איז זײַן באַשערטקייט.
דער טייטלבוים — די טייטלען. איטלעכער טראָגט זײַן פּרוכט בעל כּרחו.
און מיר? באַשערט מסתּם מוחל זײַן, — טאָ בין איך מוחל.[3]
— — — — —

דער מלך יורד האָט געזעצט מיך צו זײַן דער פּאַסטעך פון זײַנע קראָליקעס.
איך ווייס: כּדי שפּעטן פון מיר, נפילן, האָט ער אויסגעקליבן דאָס
האַנטווערק פאַר מיר.
נאָר וואָרהאַפטיק, איך האָב ליב דאָס דאָזיקע האַנטווערק, און די
באַשעפענישן וואָס איך דאַרף באַדינען.
און מיר איז גוט צו זײַן דער היטער זייערער, דער קאָרמער זייערער.
די גראָזן בעטן זיך: טראָג אונדז צו די גוטינקע!
דאָס וואַסער קווועלט צו מיר: טרינק אָן מיט מיר זייער דאָרשטיקייט
און די טעג מײַנע צײַטיקן ווי גערטענער מיט ליבשאַפט און שירה.[4]

דאָס ווערק איז אַ גרויסע אַפּאָלאָגיע וועגן דעם מענטש און זײַן שליחות און נפיל איז זײַן גרויסער סניגור. ער קומט אפילו מיט טענות צו גאָט אין זכות פון דעם מענטש:

אָ, האַר, פאַרוואָס נאָר דער מענטש טראָגן דאַרף דעם גאַנצן עול,
נאָר ער אַליין מיט אומרו און פול מים ספקות,
ער אַליין די וואָג דאַרף זײַן פאַר גוטס און שלעכטס,
די גאַנצע וועלט אחריות נאָר אויף זײַנע פּלייצעס.[5]

אין דער פרידמאַן־פאָרשונג וועט דאָס דאָזיקע ווערק פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט. חוץ אַלע מעלות־טובות האָט יעקב פרידמאַן אין אים געשאַפן זיין אייגענעם גײַסטיקן פּאָרטרעט אין געשטאַלט פון נפיל.

די ליטעראַטור וועגן יעקב פרידמאַן איז אַ רײַכע. עס האָבן וועגן אים געשריבן אונדזערע גרעסטע און בעסטע. גלײַך מיט זײַן דערשײַנען אין דער ליטעראַטור איז ער באַמערקט געוואָרן. דאָס מערקווירדיקע אָבער באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע אָפּרופן וועגן זײַן דעביוט אין דער ביכּורים־זאַמלונג „ערשטער שניט" (וואַרשע 1929), אַז יעקב פרידמאַנס פּאָעטישע נשמה רײַסט זיך כּסדר אַרויף, אַז „זײַנע לידער דערמאָנען עפּעס אין אַ רעליגיעזן וויזיאָנער מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן[6] — איז פאַרבליבן ווי אַ מין

סטערעאָטיפּ אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, פאַר אַ סך וואָס האָבן אין די ווײַטערדיקע יאָרן געשריבן וועגן יעקבֿ פרידמאַן. אויב פאַרסכהפּלען די געדרוקטע קריטישע ליטעראַטור וועגן יעקבֿ פרידמאַן, פון אַ מאָל און פון הײַנט, קאָן מען זי רעדוצירן אויף צווײ אָדער דרײַ גרונטמאָטיוון: גאָט, טויט... און חסידות. די אַנדערע וויכטיקע אַספּעקטן פון זײַן גרויסער דיכטונג איז געבליבן אויסער דעם דאָזיקן דרײַעק.

„דאָס העכסטע אין יעקבֿ פרידמאַנס פּאָעזיע איז געווען די גאָט־זוכעניש. — — — אין אונדזער פּאָעזיע האָט אפשר קיינער ניט געהאַט אַזוי פיל עכטע רעליגיעזיטעט ווי עס האָט פאַרמאָגט יעקבֿ פרידמאַן".[7] אַזוינע און ענלעכע צו די אויספירן קאָן מען געפינען ביי פאַרשיידענע קריטיקערס.

אין שײַכות מיט דעם טעזיס וועגן יעקבֿ פרידמאַנס רעליגיעזיטעט און גאָט־זוכעניש, ווילט זיך, לשם אַנאַלאָגיע, דערמאָנען אַ צווייטן דיכטער, אהרון צייטלין, בײַ וועמען דער גאָט־מאָטיוו איז גענוג בולט און דאָך האָט ער זיך נישט באַטראַכט פאַר אַ רעליגיעזן פּאָעט. אויך זײַן רעליגיעזיקייט האָט א. צייטלין געהאַלטן, דאַרף נישט באַטראַכט ווערן קאָנווענציאָנעל. בכלל האָט אהרון צייטלין געמאַכט אַ דיפערענציאַציע צווישן רעליגיע און רעליגיעזע איבערלעבונגען. רעליגיעזע איבערלעבונגען איז, אליבא דאהרון צייטלין, „נישט ווי עס מיינט די גאָס — — — עפּעס אַ שלאָף־פּיל צו באַ־רויקן, אַ ,פרומע' האַרמאָנישע פּאַרטיקייט, נאָר אַ פּראָצעס: אַ פּראָצעס פון כּסדרדיקן, אָנאויפהערדיקן גאָט־געפינען און גאָט־פאַרלירן, אַ פּראָצעס וווּ ווונדער און אומגליק טרעפן זיך און קוקן זיך אָן פון דער נאָענט".[8]

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע גאָט־געפינער און גאָט־פאַרלירער האָט געהערט אויך יעקבֿ פרידמאַן. אָבער מער ווי ער האָט געפינען, האָט ער געוואָלט אַז אַ גאָט זאָל זײַן. אפילו אין די „קאָשמאַרן", ערב זײַן אוועקגיין אין דער אייביקייט, האָט אים געפּלאָגט די פראַגע: „פאַר וואָס איז / קיין גאָט נישטאָ?" מען מוז נישט זײַן טראַדיציאָנעל רעליגיעז כּדי צו שרײַבן לידער וועגן גאָט. האָט דאָך דער גרויסער שעלי זיך דערקלערט פאַר אַן אַטעיִסט און געשריבן האָט ער לידער וועגן גאָט. אין געוויסע הינזיכטן דערמאָנט יעקבֿ פרידמאַן אין דעם גאָט־זוכער ליעוו טאָלסטאָי, וואָס האָט דערקלערט: „איך קען אים ניט, אָבער עס גרוילט מיך ווען איך בין אָן אים". יעקבֿ פרידמאַן איז געווען פאַרלאָקט פון אַ בענקשאַפט: „גאָט, גיב מיר אַ גאָט! גאָט איז נישטאָ, נאָר איך צערײַס מײַן לײַב פאַר בענקשאַפט נאָך אים".

און פּונקט ווי זײַן העלד פּנחסל הקרן, איז אויך יעקבֿ פרידמאַן, „כּופר אין אמונה און כּופר אין כּפירה". אויב אַזוי, אין וואָס־זשע גלייבט ער?

ער וויל גלייבן. ער איז דאָך דער דיכטער אין אַ דור אָן אַפּטריניקן, וואָס קאָן נישט געפינען דעם אמתן גלויבן.

וואַ ברענענדיקע סאָוועס נעמען אַלע איינגעוויידן מײַנע שרײַען:
ווײַ געשריגן, גאָט איז ניטאָ, גאָט דער באַשעפער?
— — — — —
ווי משוגענע אָדלערס אין פעלדזן, די פליגלען צעבלעטערט,
שלאָגן מײַנע מחשבות זיך אָן אין גאָטס שטייניקן גוף
און ווערן צעשמעטערט...
— יהוה, שרײַ איך, יהוה!
איך וויל ניט לעבן אַז דו ביסט ניטאָ![9]

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרן האָט מען אַ סך געשריבן וועגן גאָט־און טויט־מאָטיוון אין יעקב פרידמאַנס שאַפן. קיין גרינטלעכע אויספאָר־שונגען וועגן דעם זענען אָבער נישט געשאַפן געוואָרן. וועגן דעם גאָט־מאָטיוו למשל, איז פאַראַן נאָר איין ערנסטע שטודיע פון יצחק יאַנאַסאָוויטש. וועגן די לעבנס־מחשבות אין יעקב פרידמאַנס מעדיטאַציעס וועגן טויט, דאַרף ערשט קומען דער פאָרשער וואָס זאָל זיי אויסקלאָרן. דאָס וואָס איז וועגן דעם געשריבן געוואָרן איז מער פּילפּוליסטיק ווי ערנסט קריטישער אַנאַליז.

די מאָטיוון גאָט, טויט פאַרנעמען געוויס אַ מערקווערדיק אָרט אין יעקב פרידמאַנס שאַפן און עס איז פאַרשטענדלעך דער באַזונדערער אינטערעס צו אָט דער טעמע. עס איז אָבער אפשר דערלויבט צו צווייפלען צי נאָר דאָס איז טאַקע דאָס וויכטיקסטע, און נאָר דאָס איז ס׳העכסטע אין זײַנע קינסטלערישע דערגרייכונגען. אויב נאָכפאָלגן דעם טעמאַטישן קרײַז פון זײַנע ווערק, האָט י. פרידמאַן אין איכות און אין כּמות אויך געשאַפן נישט ווייניק אויף אַקטועלע און אַקטועלסטע טעמעס; פון אַלגעמיין פילאָסאָפישן, ביז קאָנקרעט געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער:

אַלע גרויע מיטוואָכלעך פון דער מעבֿרה
שמעלץ איך איבער אין גינגאָלד פון שירה.

עס האָבן אים אינטערעסירט פּראָבלעמען פון עטיק און עסטעטיק. אַפילו עראָטישע מאָטיוון זענען אים נישט געווען פרעמד. אָן עראָטיק אין מעטאַפי־זישן באַנעם פון דער דאָזיקער קאָסמישער דערשײַנונג. עראָטיק און נישט סעקס. ווי האָט ער געשריבן אין אַן אָרט: „דער טריב פון סעקס דאַרף מיט פּאָעזיע זיך נישט צירן”. די וועלט, בײַ פרידמאַנען, איז מלא גלוסט,

ליבשאַפט און באַהעפטונג. „בינען ניוכען צום האָניק אין שויס פון געפלאַנץ. / פלאַטערלעך טוליען זיך, אין הייסן כלה־טאַנץ, און די גאָטעכע איז גוט צו זיי און טוט לאָזן / אַלע, אַלע זאָלן קומען זי באַשלאָפן. / אירע אברים שמעקן מיט דושנעם גלוסט / און הייס איז די פינע־מילך אין איר ערדענער ברוסט, / וואָס העגנגט. ווי אַ פולע לבנה, אין אין סופן".[10] און נישט נאָר די באַהעפטונגען אין די אין־סופן, אויך די עראָטיק פון „ער" און „זי" האָט ער ניט פאַרזען: „איך בין מקנא געווען דעם שאָטן / וואָס האָט צוגעדעקט דײַן לײַב / — — איך האָב קיין איין מאָל נישט געצערטלט דאָס געכוואַליע פון דײַנע מיידלשע פליושן. / איך האָב געקושט דעם זומער אין דײַנע האָר / קום, וועל איך איצט דעם ווינטער אין זיי קושן. // — — — באַהאַלט נישט דײַנע ברוסטן. / — — — לאָז מיך קושן דײַנע קנעכלעך. / — — — די מינדסטע צעל אין דײַן לײַב איז אַן איכישער יש. / איין חן־גריבל איז אין צווייטן מיט גאַרנישט נישט געראָטן. / דאָס פורפור־רויטע פלעקעלע אויף דײַן האַלדז, איז אַ פּאַזעמקע אין גאָרטן. / דער קנייטש אונטער ברעם — אַ טרויעריק אָוונטיקער שאָטן" אא"וו.[11]

„דעם גרויסן בריליאַנטענעם גוף פון געשטערן" האָט יעקב פרידמאַן אײַנגעהילט אין תפארת און זײַנע לידער און פּאָעמעס ווימלען און שוויבלען מיט מענטשן פון אַלערליי גורלות און פון אַלערליי דורות. אָנהייבנדיק פון אָדם הראשון ביז די סאָבּרעס גלילי, אורי, זהבה, דער פּאַסטעך פון כרמל א. א. מער פון אַלץ האָט אים געפּלאָגט דאָס אייביק מענטשלעכע מאַרטירערטום: „קום, לאָמיר אויספלאַפּלען דעם אמת: / אמתער פון אַלע אמתן אין דער וועלט / איז דער גרויסער געוויין פון דער וועלט. / און אין אין־סופיקן גאַרנישט, / צווישן גאַרנישט / און גאַרנישט, / איז נישט פאַראַן / קיין איינאייציקער / פינגער, וואָס זאָל געגענען / מיט ליבשאַפט / אויסצווישן / אונדזער וויינענדיק אויג".[12]

עס קאָן גרײַלעך זיך דאַכטן, אַז י. פרידמאַן רופט זיך איבער מיט די, וואָס האַלטן אַז לעבן איז שלעכט, נישט מחמת די אומשטענדן, נאָר אַז בכלל גייען לעבן און לײַדן באַנאַנד, אַז זיי זענען היינו־הך און פון וויג ביז קבר — גאָלע געפּענקעניש. אין תוך אָבער איז יעקב פרידמאַן באַהערשט געווען פון אַן אָפּטימיסטיש וועלט־געפיל, הגם ער האָט אַ סך געשריבן וועגן טויט, אָבער אויך דער טויט איז בײַ אים נישט קיין פאַרשווינדן, נאָר אַ פאַרוואַנדל, אַ מין אַריבער־שפּרײַזן אין אַן אַנדערער קאָסמישער ספערע, וואָס דער מענטש איז נישט תופס זײַן מהות. „ניט ציטער פאַרן טויט, קום ווער מיט אים היימיש, / ווי דעם זיידנס קיטל שמעקט ער, ווי דעם זיידנס אַלטע שמות".

איבער דעם גאַנצן שטח פון זײַן לעבנסווערק שוועבט אַרום אַ בענקשאַפט צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון דער מיסטעריע לעבן און טויט, פון דעם רעטעניש

מענטש און דער זין פון זײַן זײַן. מחמת נישט דער מענטש באַשטימט זײַן אייגענעם גורל. אין דעם ווירקן פאַרשײַדענע פאַרהוילענע דעמאָנישע כוחות, דעם מענטשן איז אָבער געגעבן געוואָרן דער כוח־הבחירה אויף אָפּטיילן דאָס גוטע פונעם שלעכטן, דאָס שלעכטע פונעם ערגערן. אין דעם איז יעקב פרידמאַן געטרײַ געבליבן דער יידישער מסורה, וואָס זאָגט: החיים והמוות נתתי לפניך, הברכה והקללה, ובחרת בחיים.[13]

יעקב פרידמאַן האָט געגלייבט, אַז אויב דער מענטש קאָן נישט ענדערן זײַן גורל, איז ער אָבער ביכולת אים געשטאַלטיקן. אייגע פון די שענסטע מידות, לויט אים, איז לינדערן מענטשלעכעליידן, זיך מקריב זײַן פאַר אַ שותף אין יענעמס צער.

עס געדענקט זיך ווי יעקב איז באַגײַסטערט געוואָרן פון דעם וואָס עס דערציילט דער מדרש וועגן משה רבינוס ערשטער באַגעגעניש מיט גאָט: גאָט, ברוך הוא, האָט געזאָגט צו משה: צי פילסטו נישט, אַז איך בין אין צער פונקט ווי די יידן זענען אין צער. זײַ וויסן פון דעם אָרט, וואָס איך רעד צו דיר, פון צווישן די דערנער, אַז איך, כביכול, בין אַ שותף אין זייער צער.[14]

די גרעסטע רעטעניש פאַר יעקב פרידמאַן איז געווען נישט גאָט, נאָר דער מענטש; דער מענטש און די אַנטיפּאָדע כוחות וואָס הערשן אין אים; דער מענטש וואָס קאָן דערגרייכן הימלישע הייכן, און דער מענטש וואָס קאָן זינקען אין ערדיש־חייהשע תאוות. אין לעצטן סך הכל איז יעקב פרידמאַן געווען אַ רעאַליסטישער שרײַבער. אַ רעאַליסט אין טיפסטן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט, פאַר וועמען אויך דאָס נישט רעאַלע איז רעאַל. ער געפינט זיך שטענדיק אויף דער ערד, צווישן מענטשן. אויך זײַן גאָט געפינט זיך ווייניקער אין די הימלען און מער אויף דער ערד. לויט די תכונות וואָס פרידמאַן האָט אים צוגעשריבן, איז ער מער מענטש ווי גאָט. זעלטן ווען ער גייט בײַ אים אַרויס פון דעם מענטשלעכן מעדיום.

יעקב פרידמאַנען איז נישט פרעמד געווען דער געראַנגל פון זײַן דור. דער קאָנקרעטער אינהאַלט פון זײַנע ווערק איז מעיד, אַז ער האָט אויף זײַן אופן רעאַגירט אויך אויף אַקטועלע אָרט־און צײַט־געשעענישן. אפילו אַזאַ קעגנוואַרטיק ווייטיקלעכע פראַגע למשל, ווי אונדזער באַציונג צו די אַראַבישע שכנים, איז ער נישט פאַרבײַגעגאַנגען. געגנוג דערמאַנען זײַן אויסנעמיקע פּאָעמע „יונתן״. מען האָט אין דער פּאָעמע ווייניקער באַמערקט די אַקטואַליאַ, און מער דעם גאָט־מאָטיוו, באַשר־בכן זי הייבט זיך אָן מיט די שורות:

— „ווו וווינט גאָט? / פרעגט יונתנען, ער ווייסט עס / יונתן, דער מיט דער באָרד פון פאַרגליווערטע פלאַמען. / אין די גערטנער וווינט ער מיט גאָט צוזאַמען / ווי מיט אַ שכן״.

און גראַד איז די פּאָעמע איינע פון יענע ווערק — אין וועלכע יעקב פרידמאַן טרעט אַרויס מיט שאַרפע טענות צום כביכול, וואָס „האָט אָנגעצוונדן זיינע קאַלעכאויוונס איבער דער ערד פון מײַדאַניק, צו ברענען ייִדישע קינדער״...

די גרונט־טעמע פון דער פּאָעמע איז נישט גאָט, נאָר די געפאַרן וואָס לויערן אויף ייִדישע קינדער מצד די אַראַבישע שכנים, און צי דאַרפן זיי טאַקע הפקרלאָז און אומבאַשטראָפט בלײַבן? און ווען די קיבוץ־פאַרזאַמלונג באַשטימט דעם גאָט־זוכער אָנפירן מיט דעם נקמה־אַקט און ער פּרוּווט זיך ווערן, לאַכט אים אויס זײַן חבר, דער קיבוץ וועכטער זאַוול גלילער:

„דו מיינסט אַז מען דאַרף די טײַערע שונאים / אַ קניפּ טאָן אין בעקל.. און נאָך אַזוינע „הומאַניסטישע שאַלעמוינעסן״... / ווויל, ווויל, האָסט פּײַנט, ברודער, די עבודה פון ממיתן. / איז פרעג איך דיך: און געממיתט ווערן איז באַטעמטער״.[15]

יונתן נעמט אויף זיך די שליחות פון קיבוץ, מחמת ער איז שוין אַ גאָט־זוכער פון אַ נײַעם שניט און פון אַ נײַעם דור. ער איז ווײַט אַוועק פון דעם וואָס זײַן זיידע, דער מקובל פון טלויז, האָט אים געלערנט. און געלערנט האָט אים דער זיידע:

„...אויב אין יעדער דור דאַרף בלוט זיך גיסן, באַשאַפער, / הער זשע, פאַרנעם מײַן תפילה: / זאָל בעסער מײַן בלוט זײַן דאָס פאַרגאָסענע / איידער איך, דער פאַרגיסער, חלילה״.[16]

נאָר יונתן דערווידערט נישט נאָר דעם זיידן, ער ווידערשפעניקט אויך דעם אַלטן ייִדישן גאָט: „פאַרטיליק אָדער ווערסט פאַרטיליקט״. / ווער האָט דעם דאָזיקן דין איבער דורות פאַרזיגלט? / גאָט צי דער טײַוול? / און אויב דער טײַוול, איז דען ניט דער טײַוול, ווי אַלץ אין דער וועלט / פון גאָט באַשאַפן, געלוליעט און געוויגלט? / גאָט איז אי די שווערד אי די לירע״.[17]

און ווען יונתן פירט מיט דערפאָלג אויס דעם נקמה־אַקט, ווען „עס צעפלאַקערן זיך די אַראַבישע שײַערן / און אין די פלאַמען דערינען / די אַראַבישע שומרים, / פאַרשפּינט אין די פורפּערנע שפּינען / רײַסט יונתן אָפּ אַ פּרי און איז טועם. / און בשעת ער עסט, דוכט אים אַ קאַרליקל טאַנצט אין זײַן האַרץ / און גלעקלט־: ככל הגויים״...[18]

זאָל בײַ דער געלעגנהייט אויך פאַרצייכנט ווערן: ווען יעקב פרידמאַן שרײַבט וועגן גאָט קומט ער צײַטנווײַז מיט טענות, ער איז כולו תרעומות. און אין באַציונג צו מענטשן, איז ער כמעט ס׳רוב אַ סניגור. „צום בן־אדם אין טאָל, גענענט ער מיט לאַגלען פון רחמים / דעם מענטשן טוט ער רק בענטשן. / קוש איך זײַנע טרערן און קושנדיק איך בענטש / נישט גאָט דעם האַר, נאָר זײַן קנעכט דעם מענטש״.

וויביים אַלטן לודוויג פײַערבאַך איז אויך בײַ י. פרידמאַן: „גאָט

אַ טרער געוויינט אין דער שטיל פון דעם מענטשן אויף זײַן אייגנס". ער ווידערשפּעניקט ניט זײַן העלד דעם קיבוצניק און אייניקל פון רב אהרעלע מאַקאַראָווער, וואָס „גלייבט אין גאָרנישט, גאָרנישט, אין גאָרנישט, חוץ ??? ווי רופט ער עס, יאָ, אין מענטשנס אחריותדיקער טרויעריקייט". און אין אַן אַנדער אָרט פאַרצייכנט י. פרידמאַן: „וואָס קאָן איך דיר שרײַבן וועגן גאָט? מײַן גאָט טײַערע, איז — נישט מער ווי אַ לידער־גאָט, אַ שנירל פּערל אויפן האַלדז פון אַ שניי־מענטש וועמען ס'האָט אויסגעקנאָטן אַ ווילדער איינזאַמער סקולפּטאָר. — וואָס איז שיינקייט אָן מײַן זיידנס גלייבן אין תוך פון אַלע תוכן ... און איך, איך גלייב אין גאָרנישט נישט, אין גאָרנישט חוץ אין שיינקייט פון מענטשלעכן טרויער"...[19]

יעקב פרידמאַן האָט געלעבט אין דיכטונג און געדיכטעט וועגן לעבן. די פּאָליוסן פון זײַן דיכטן, זענען שיינקייט און ליבשאַפט:

בעת די שיינקייט טוט צו טיפסטע טיפן זיך דערשיפן
פּרווו איך אַרײַנזועגלען זי אין האָפן פון מײַן פּערז.[20]

יעקב פרידמאַן האָט געהאַלטן, אַז דאָס אַבסאָלוטע, איז דאָס שטרעבן צום עסטישן — שיינעם. די העכסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען אין זײַן שאַפן זענען דערריבער די לידער וועגן עטישער שיינקייט. ער האָט ממש געאָטעמט מיט דעם. די ווערטער שיינקייט, ליבשאַפט קאָן מען געפינען כּמעט אויף יעדן זײַטל פון זײַנע ווערק; ווײַל: „די שיינקייט / איז אַזוי ווייטיקדיק שיין. / אַזוי וווּנדיק — ווייטיקדיק — שיין איז די שיינקייט".[21] און די שיינקייט ווערט ביי י. פרידמאַנען שטענדיק באַגלייט מיט ליבשאַפט. און זײַן „חלום האָט געטראָגן פּולע הענט מיט ליבשאַפט צו דער וועלט וואָס הערט נישט אויף צו וויינען".

אויך די חסידישע געשטאַלטן און מאָטיוון האָבן געדינט דעם דיכטער ווי די פאַרבן ביי דעם מאָלער צו מאָלן מענטשלעכע שיינקייט און דער־הויבנקייט. מיר וועלן אין זיי זיך דערוויסן נישט אַזוי וועגן דעם ריזשינער גאַנג אין חסידות ווי וועגן דעם געדאַנק און געשטאַלט פון דעם דיכטער און דענקער יעקב פרידמאַן און זײַנע רעיונות וועגן וועלט, גאָט און מענטש.

ווען מען וואָלט מיט איין וואָרט געוואָלט באַצייכענען דעם סימן־מובהק פון דעם דיכטער פון רחמים און תפארת — יעקב פרידמאַן, וואָלט ריכטיק געווען זיך באַנוצן מיטן באַגריף עקסטאַז. דער ערשטער רושם פון זײַנע לידער זענען נישט פון זייערע אויסערלעכע — אויסטערלישע אימאַזשן, זיי ווירקן דער עיקר מיט דער עקזאַלטירטער אינערלעכער מוזיק פון זײַנע ריטמען און מחשבות. און הגם יעקב פרידמאַן, מיט זײַן נאַטירלעכער עניוות, האָט געשריבן: „מײַנע לידער זענען אַלטמאָדיש, עס פעלט זיי דער קלאַנג פון צוואַנציקיאָרהונדערטיקן מעטאַל",[22] פאַרמאָגט זײַן פּאָעטיק אַ באַזונדערן

מעלאָדישן רעטשיטאַטיוו. זי באַשטייט פון אַזאַ אייגנאַרטיקן אָפּקלייב און באַהעפטונג פון ווערטער, אותיות און טראָפן, וואָס פאַרגיכערן אָדער פאַר־פּאַמעלעכן דעם ריטעם, אַז דער לייענער מוז, נישט ווילנדיק, זיך שטעלן אין דער פּאַוזע פון פּאָעט, איבערנעמען זײַן גײַסטיקן מעטער און געדאַנקען־באַוועגונג, און אונטער זייער השפּעה אָדער סוגעסטיע איבערלעבן דאָס זעלביקע וואָס דער דיכטער און דערמיט געלײַטערט ווערן פון זײַן וואָרט און געדאַנק.

יעקב פרידמאַן איז נישט געווען קיין מאָלער, נאָר אַ זאָגעוודיק־זינגענדיקער פּאָעט. זײַן ליד הייבט זיך ס׳רוב אָן דממה דקהדיק, און „צווישן וואָרט און וואָרט שווײַגט דאָס איבערוואָרטיקע״ און „דאָס שווײַגן, איז פול מיט גאַרונגען נאָך מחשבה״. אין איינעם פון זײַנע מאָנאָדיאַלאָגן לייענען מיר: „לערן זיך מײַן האַרץ פון שווײַגן אויסצושווײַגן פּיט״. אין אָט אַזעלכע פּיוטים האָט י. פרידמאַן איינגעקלעטערט די שטילקייט פון זײַן, ווי ער רופט עס אָן „ניגונדיק פליען אין דער פאַרכישופדיקער שיינקייט פון אייגענעם קרײַז״.

דער רוסישער שרײַבער מיכאַיל קוזמין, דער באַגרינדער פון דער ליטעראַטור־שטרעמונג אַקמעיִזם, צו וועלכער עס האָבן, אגב, געהערט אַזעלכע פּאָעטן ווי גומיליאָוו, אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, אָסיפּ מאַנדעלשטאַם האָט אין זײַנעם אַ מאַניפעסט, „די שיינע קלאָרקייט״ אײַנגעטיילט די דיכטער אין צוויי קאַטעגאָריעס: דיכטער וואָס דריקן אויס דער וועלטס כאַאָס, גרויל און גײַסטיקע צעריסנקייט און דיכטער, וואָס ברענגען דער וועלט זייער אייגענע, אינערלעכע גאַנצקייט, לויטערקייט און שיינקייט. צו דער דאָזיקער צווייטער קאַטעגאָריע דיכטער אין דער וועלט־ליטעראַטור געהערט יעקב פרידמאַן. איבערן גאַנצן שטח פון זײַן קינסטלערישער יצירה שוועבט אַרום אַ גײַסטיקע לופט פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט.

שוין יאָרן וואָס יעקב פרידמאַן איז נישטאָ, וואָס ווײַטער די צײַט רוקט אונדז אָפּ פון דעם פיזישן באַריר מיט אים, אַלץ נעענטער פילן מיר די טיפקייט פון זײַן ווערק. אַ בולטער באַווײַז פון זײַן גרויסקייט און דויערהאַפּ־טיקייט לדור דורות.

הערות

1. פּאַסטעכער אין ישראל, זײַט 9, תל־אביב 1953.
2. נפילים, זייט 104—105, תל־אביב 1963.
3. הנ״ל׳ זײַט 55.
4. הנ״ל, זײַט 91—92.
5. הנ״ל, זײַט 32.

6. ש. זאַראַמב: ערשטער שניט, ליטעראַרישע בלעטער נומ. 39, וואַרשע, 1929.
7. ש. קאַנץ: כח פון וואָרט, זײַט 44, תל־אביב 1979.
8. אהרון צייטלין: געזאַמלטע לידער, באַנד 3, זײַט 9, ניו־יאָרק 1957.
9. די לעגענדע גרין, זײַט 90, ניו־יאָרק 1960.
10. לידער און פּאָעמעס, באַנד איינס, זײַט 90, תל־אביב 1974.
11. הנ"ל, באַנד דרײַ, זײַט 269—271.
12. הנ"ל, באַנד איינס, זײַט 242—243.
13. דברים ל, י"ט.
14. מדרש רבא, ב.
15. די לעגענדע גרין, זײַט 25, ניו־יאָרק 1960.
16. הנ"ל, זײַט 28.
17. הנ"ל.
18. הנ"ל, זײַט 29.
19. געזעגן אויף אַ ווײַל, זײַט 11, תל־אביב 1979.
20. ליבשאַפט, זײַט 70, תל־אביב 1965.
21. לידער און פּאָעמעס, באַנד איינס, זײַט 234, תל־אביב 1974.
22. די לעגענדע גרין, זײַט 54, ניו־יאָרק 1960.

פון קלעם אַרויס

א.

לאָמיר צו ערשט דערמאָנען אייניקע ביאָגראַפישע פּרטים.

מ. סאָקציער שטאַמט, ווי באַוווּסט, פון באַסאַראַביע, אַ געגנט וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגנטימלעכן ייִדישן שטייגער און מענטאַליטעט. אַ שטייגער וואָס איז געווען זאַפטיק, ערדיש און גלײַכצײַטיק, און אפשר טאַקע דערפאַר, דערהויבן און שיין. הײַנט דער ניגון פונעם באַסאַראַבער ייִדיש, מיט זײַן הילכיקן קמץ און שאַרפן סגל! אַ לשון — מלא חן און מלא טעם. עס טראָגט פון אים דער ריח פון קאָדרעס און דער געשמאַק פון מאַמעליגע מיט ברינדזע. מען פילט אין אים דעם געוויטער פון די בערעס אין טאַמבע און די מאַראַקעס פון וועסנע. פון דאָזיקן לשון האָט מ. סאָקציער געשעפּט אימאַזשן און שפּראַך־חידושים פאַר זײַן דיכטונג. ווי אַ טיפּישער באַסאַראַבער גראַמט ער פויער מיט זוהר, סטינעס מיט תחינות, סטריכעס מיט כצפיחת וכדומה.

הײַנט זײַן געבורט־שטעטל — לעאָווע. אַ שטעטל, אַ לעגענדע. מיט אים איז פאַרבונדן די דראַמע פון דעם אוריאל אַקאָסטאַ פונעם נײַנצעטן יאָרהונדערט, מיט דעם חסידישן רבין, רב בערעניו פון לעאָווע — אַן אָפּצווייג פון דער ריזשינער דינאַסטיע, וואָס איז נכשל געוואָרן מיט השׂכּלה אידעען און אַפּיקורסות.

אין דעם שטעטל לעאָווע האָבן געלעבט און געשאַפן די ייִדיש־העברעיִשע שרײַבערס יהודה שטיינבערג און יעקב פיכמאַן. דאָרטן האָט אליעזר שטיינבאַרג דער ערשטער אַרײַנגעקוקט אין מאַטל סאָקציערס ביכּורים־לידער.

אין אַן אַרטיקל וועגן מ. סאָקציערס דרך אין דער דיכטונג האָט יעקב שטערנבערג דערציילט אַן עפּיזאָד מיט יהודה שטיינבערג׳ס אַ לײַכטער. ומעשה שהיה כך היה: ווען יהודה שטיינבערג האָט געלעבט אין לעאָווע איז ער געווען באַפרײַנדעט מיט מ. סאָקציערס פאָטער — אברהם. און ווען שטיינבערג האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַריבערפאָרן קיין אָדעס, האָט ער זײַן פרײַנט איבערגעלאָזט אַ מתנה דעם לײַכטער וואָס האָט באַשײַנט זײַן שרײַב־טיש ווען ער האָט געשאַפן זײַנע וווּנדערלעכע דערציילונגען פון „בעיר וביער״.

און ווען אין יאָרן אַרום האָט אברהם סאָקציער באַמערקט אַז זײַן בכור

זינדיקט מיט דער פען, האָט ער אים איבערגעגעבן שטיינבערג׳ס לייכטער, אויסן — זייענדיק דערמיט, אַז די שיין פון עלטערן דור זאָל אויך באַשיינען דעם וועג אויף וועלכן זיין מאָטעלע האָט זיך אַוועקגעלאָזט.

אויף אַלע וועגן און שטעגן פון זיין שעפערישן שטייגן האָט פאַר מ. סאַקציער׳ן געדינט ווי אַ סימבאָל פון מאָנונג און דערמאָנונג די צוואה פון זיין טאַטן דעם בעל מידות און משכיל:

> וועלכער זיך געקוויקט אַמאָל מיט אַ מליצהדיקן לשון קודש מאמר
> און ביז האַלבע נעכט פאַרטיפט זיך אין די שריפטן פון דעם אַמסטערדאַמער.

זייער יונג האָט מ. סאַקציער פאַרלאָזט דעם טאַטנ׳ס שטוב און זיך אַוועקגעלאָזט קיין ווין לערנען אין דעם דאַן באַרימטן העברעיִשן סעמינאַר פון ד״ר צבי חיות. דערנאָך קומט פאַריז מיט אירע עטישע און סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן.

אָנהויב דרייסיקער יאָרן קערט זיך מ. סאַקציער אַהיים שוין אַ רייפער דיכטער מיט אַן אייגענעם שעפערישן חוט השדרה. אַ דיכטער אין וועלכן עס האָט הארמאָניש זיך באַהעפט די טעמאַטיק פון דעם דרום באַסאַראַבישן שטעטל — לעאָווע מיט די אורבאַניסטישע מאָטיוון פון ווין און פאַריז. דאָס אייגנטלעך איז געווען דער סימן מובהק פון זיין ערשטער לידער זאַמלונג „דערפאַר״. (1936).

דער פאָעטישער פּאַטאָס פון דעם דאָזיקן בוך, איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון די עטיש סאָציאַלע ראַנגלעניש, וואָס זייַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לייוויק־שול אין דער ייִדישער דיכטונג. זינט זיין דעביוט האָט דער דאָזיקער אַטאַוויסטישער פּאַטאָס באַגלייט דעם דיכטער. ער איז געקומען צום אויסדרוק אין די לידער געשריבענע „מיט אַ פאַרבאָטענעם בלייַער״ (1977), — וועגן דעם סאָוועטישן עמק הבכא ווו דער איינפּאַכער מענטשלעכער זין ווערט פאַרוואַנדלט אין וואַנזין, און אין דעם לידער־בוך „דער שייטער ביים וועג״ (1978), — וואָס איז אַ פּאָעטישער פּנקס וועגן דעם תוהו ובוהו אינעם לעבן פונעם יחיד און כלל פאַר און בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער סוד און יסוד פון מ. סאַקציער׳ס שעפערישן וועג, איז דאָס אומדערמיד־לעכע זוכן אַ טרייסט פאַר די מענטשלעכע ליידן און אַ זין פאַר זייַנע פריידן. און הגם די וועלט איז פול מיט רישעות און אכזריות, און כאָטש דער פערזענלעכער גורל האָט אים אויך ניט געפּעסטעט, האָט דער דיכטער, מאָטל סאַקציער, נישט פאַרלוירן דעם גלויבן און ניט אויפגעהערט זוכן דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן. אין אַלע באַדינגונגען איז ער געווען (און געבליבן) פול מיט גלויבן אין גנאָד און גוטסקייט, גרייט געווען (און געבליבן) זיך אַוועקלייגן אויף דער עקדה, אַבי נאָר דעם מענטשן זאָל גוט זיין:

מײַן דודעלע נעמען זאָל איך צו די ליפּן,
מיט די שפּיץ פינגער עס טאָן אַ באַריר,
מײַן אָטעם אַרײַנהויכן זאָל אין איר
און בײַ הערצער מײַן ליד זאָל אַ נעם טאָן,
און אין געמיט פון מײַנס גלײַכן, צעקלעמטן
פון יאוש, גערעאָטן זאָל מיר
דעם גלויבן אין גוטסקייט, אין גנאָד צו דערוועקן,
אין ליבשאַפט וואָס גובר די שנאה וועט זײַן,
און שפּילן, און שפּילן, צו להכעיס דעם פּײַן,
ביז עס וועט זיך די האָפנונג שײַן
אין זייערע פינצטערע בליקן אַנטפּלעקן...

דער עקסטאַז פון מ. סאַקציער׳ס שאַפן טראָגט אויף זיך דעם חותם פון די ווידעראַנאַנדן אין אונדזער ווילדער און ווידערשפּרע־כלעכער עפּאָכע. די נידעריקע און אַמאָראַלישע דערשײַנונגען אין לעבן פונעם כלל שטעלט דער דיכטער אַנטקעגן די דערהויבענע מענטשלעכקייט פון יחיד, וואָס קומט אָפטמאָל אין קאָנפליקט מיט די פאַרדאַרבענע מידות און שיטות פון דער געזעלשאַפט. נישט די שטרויכלונגען, נישט די סטאַלינישע תפיסות, זענען בכוח געווען צו צעשטערן דעם עטישן יסוד פון מאָטל סאַקציער׳ס דיכטונג.

זײַן פּאָעטישן שײַטער האָט מ. סאַקציער אַוועקגעשטעלט אויף דעם פּרשת דרכים, ווו עס קרייצן זיך פאַרשיידענע צוגווינטן פון דער געשיכטע. און אין דעם טאָקע באַשטייט די בפירושע חשיבות פון זײַן דיכטונג, וואָס חוץ די יחידישע איבערלעבונגען פילט מען אויך די לופט און דעם אָטעם פון זײַן דור. און כאָטש זײַן דיכטונג איז אײַנגעראָמט אין באַשטימטע כראָנאָלאָגישע און געאָפיזישע ראַמען, וואַקסט זי אַריבער די גרענעצן פון צײַט און אָרט און פאַרמאָגט אַן אַלגעמיינעם און דויערנדיקן ווערט.

מאָטל סאַקציער געהערט ניט צו די דיכטער וואָס אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט און דאַכטן אויס אַבסטראַקטע און אילוזאָרישע וועלטן. ער שטייט אויפן באָדן פון דער רעאַליטעט, פון איר שעפּט ער זאַפטן און קראַפטן, טעמעס און סוזשעטן. ער האַלט, אַז פּאָעזיע האָט אַ געזעלשאַפטלעכע שליחות, אַ צוגאַנג וואָס איבערגעשפּיצטע עסטעטן נעגירן. אָבער פּונקט אַזוי ווי עס איז שווער זיך פאַרצושטעלן די קונסט אויסער רוים און צײַט, אַזוי איז אויך ניט גרינג זי צו באַנעמען אויסער דעם קאָמפּלעקס פון מענטשלעכע לײַדן און פריידן וואָס ווערן באַשטימט דורך אָרט און צײַט. אַפילו פּאָול צעלאַן, דער שאַפער פון לידער „וועגן יענער זײַט פון דעם מענטשן״, אַפילו ער האָט געהאַלטן

אַז דאָס ליד איז קיינמאָל ניט צײַטלאָז. ער האָט געשריבן: „געוויס האָט דאָס ליד אַ נטיה צו אומענדלעכקייט. עס זוכט אָבער צו באַגרײַפן די צײַט דורך איר און ניט אויסער איר״. שיין האָט בשעתו וועגן דעם באַמערקט יוסף באָוושאָווער: „ד פּאָעזיע, האָט ער געשריבן, איז די זינגענדיקע געשיכטע פון די צײַטן״.

יעדעס באַדײַטנדיק קינסטלעריש ווערק פאַרמאָגט אין זיך בולטע הומאַניס־טישע טענדענצן. די עסטעטיק וואָס דערגייט ניט צו עטיק, ווי שיין זי זאָל ניט זײַן, איז גלאַט אַקראָבאַטישע קונץ, אָבער ווײַט ניט קיין ערנסטע קונסט. די עטיק אין דער קונסט איז פון אַ העכערער מדרגה ווי די אין דער געזעלשאַפט. זי פאַרמאָגט אין זיך אויך די פּראָפּאָרצן פון שיינקייט. אַלץ וואָס איז ניט עסטעטיש איז שוין במילא אויך ניט עטיש, די עטישע נאָרמעס, אין קעגנזאַץ צו די ריין עסטעטישע, זענען פון אַן אייביקן ווערט. זיי פאַרטיפערן אויך דעם דויערנדיקן באַדײַט פון דער קונסט.

מאָטל סאַקציער׳ס שאַפן פאַרמאָגט אין זיך בפירוש עטישע ווערטן. ער געשטאַלטיקט זיי קינסטלעריש אָן דער איבערגעטריבענער פּאַטעטיק, אָן דער שײַנבאַרער געדאַנקלעכקייט מיט וועלכע עס זשאָנגלירן אייניקע, אַזוי גערופענע מאָדערניסטן.

ב.

אונטער די גראַטעס פון אַ סאָוועטישן צוואַנגס־לאַגער האָט דער דיכטער מאָטל סאַקציער פאַרצייכנט:

בריט בײַם אַרײַנגאַנג איז דער טויער, מײַן ליבער,
נאָר צום ארויסגייען — אַ שמאָלער ער איז.
„ביסטו אַרײַן — לאָז די האָפענונג איבער״...

די לעצטע שורה האָט מ. סאַקציער אַנטליען בײַ דאַנטען און מיט דעם אייגנטלעך ענדיקט זיך די אַנאַלאָגיע מיט דער „געטלעכער קאָמעדיע״. די גרויל בילדער וואָס דאַנטע שילדערט אין זײַן ווערק זעען אויס ווי אידיליעס קעגן דעם, וואָס עס איז געשען (און וואָס ס׳געשעט) אין אַ סאָוועטישן לאַגער. אין דאַנטעס גיהנום האָבן דאָך זיך געפינען, אין תוך, בלויז רשעים, בעת אין סאָוועטישן זענען, דער עיקר, פאַרפּײַניקט געוואָרן צדיקים.

מאָטל סאַקציערס בוך „מיט פאַרבאָטענעם בלײַער״, איז דאָס ערשטע אַרומנעמענדיק קינסטלעריש ווערק אין יידיש וועגן דער דאָזיקער דראַמע. דאָס בוך דאַרף באַטראַכט ווערן פון צוויי אַספּעקטן: פון אַן עסטעטישן און פון אַן עטישן, נאָר דאַן קאָן מען עס באַנעמען אין זײַן פולער חשיבות.

דאָס בוך איז ניט סתם אַ זאַמלונג פון גוטע אָדער בעסערע לידער. דאָס איז אַן אייגנאַרטיקע מגילת־איכה וועגן דעם סאָוועטישן גרויליקן עמק הבכא; וועגן דעם יאָמער־טאָל אין אַ וועלט פון עקדות, ווו די שענסטע מענטשלעכע

אידעען ווערן געלעסטערט און די בעסטע בויער און שאַפער פאַרגוואַלדיקט און פאַרטיליקט.

צווישן דעם בוך „מיט פאַרבאַטענעם בלײַער", וואָס איז דערשינען אין תל־אביב 1977, און מאָטל סאַקציערס ערשטע לידער־זאַמלונג „דערפאַר" וואָס איז דערשינען אין בוקאַרעשט 1936, ציען זיך דראַמאַטישע פערציק יאָר. אין דעם דאָזיקן גורלדיקן צײַט אָפּשניט שלענגלט זיך דער דערנער־וועג פון אונדזער דור.

די פּועטע פון מ. סאַקציערס ערשטן בוך איז רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס, אידעאַליזם און ראָמאַנטיק. דער דיכטער איז שטאָלץ מיט דעם וואָס אים איז באַשערט צו זײַן „ניט (קיין) פוילער אָפּפאַל ביי דער זײַט פון מענטש פאַרמעסטונג". ער האָט דאַן געהאַט פאַר זיך אַ „ווהין", אַ האָפענונג און אַ גלויבן, וואָס האָט אים אויפגעהויבן און געצויגן ווײַטער, העכער צו אַ ליכטיקן מאָרגן.

די באַגעגעניש מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט אָבער, האָט אַלץ חרוב געמאַכט. דער אײַנריס צווישן דעם אידעאַלן און רעאַלן איז געווען אַ שווידערלעכער. די האָפענונגען און דער גלויבן פון אַמאָל האָבן איבערגעלאָזט אונטער זיך בלויז אַ ווײַט־דומפּיקן ווידערקול. מיט פּאַטעטישער אויפריכטיקייט און עטישער ריינקייט פאַרצייכנט דער דיכטער מיט אַ פאַרבאַטענעם בלײַער זײַנע שטרויכלונגען און אַנטוישונגען. אין זײַנע שאַפונגען איז פאַראַן פאַר־ביטערונג אָבער ניט קיין יאוש. די נסיונות און איבערלעבענישן אויף דער „פרײַ" און אין פאַרשיקונג האָבן ניט צעבראָכן זײַן אינערלעכע וועלט. די אָבני גוף און דערנער אין וועג זענען ניט געווען ביכולת צו פאַרשטאָפּן דעם קוואַל פון ליבע צום לעבן, צו מענטשן:

— — אויך הײַנט, נאָך דעם וואָס אָפּגעריכט
כ'האָב זיבן גלות־יאָר אין ווײַטן צפון,
כאָטש באַדראָענדיק דער חרם־שטן קריכט
מיר נאָך פוס־טריט,
כ'דאַרף ניט באַהאַלטן מײַן געזיכט — —
געטאָן אָן פניות תמיד כ'האָב מײַן פליכט,
מײַן טיר ווי אויך מײַן האַרץ פאַר מענטשן תמיד אָפן...

מאָטל סאַקציערס שאַפן איז לויט איר נאַטור אַן אָפּטימיסטישע. אונטער די גרויע פלאַסטן פון גרויל שילדערונגען ריזלט אַ העלער קוואַל פון האָפענונג, אַז דאָס בייזע און מיאוסע וועט פאַרשווינדן און דאָס גוטע און שיינע מוז און דאַרף סוף־סוף באַזיגן דאָס שלעכטע און העסלעכע:

דו מיינסט, אַז אַ זון און אַ פרײַהײַט
ליגט די נשמה אין גליווער פאַרטײַעט?
— — — — — —
דו מיינסט, אַז טאָמער
ליגט אויף די פליגל
פון אַכזרישע פּענטעס דער זיגל
און כ'האָב זיי פון לאַנג ניט צעשפּרייט,
האָב איך פאַרגעסן פון פליען די פרייד,
האָב איך אין די יאָרן
דעם אימפּעט, דעם דראַנג אַנגעוואָרן,
די לוסט צו דערלאַנגען די רוימען
די לויטערע, בלויע? — — —
ביסטו מײַן ליבער זיך טועה...

מ. סאַקציער איז ניט גלאַט אַ האָפערדיקער זינגער, נאָר — און דער עיקר — אַ מאָנער און ריכטער. קלינגען טאַקע אַ סך פון זײַנע לידער ווי אָנקלאָגעס אויף די רויבער און פאַרדאַרבער פון די עטישע און סאָציאַלע מידות.

דאָס האַרץ וויל ניט פאַרגעבן
פאַר דעם צעטראָטענעם לעבן — — —
טענהט עס
שרײַט עס
טוט עס פאַרצווייפלט זיך וואַרפן.
וועט קיינער קיין חשבון
ניט אָפּגעבן דען?
פאַרענטפערן דען
ניט באַדאַרפן?

די טעמעס און פּראָבלעמען פון מ. סאַקציערס בוך „מיט פאַרבאָטענעם בלײַער" זענען באַדינגט פון רעאַלע צײַט און אָרט אומשטענדן. ער פירט אונדז אַרײַן אין די פאַרהוילענע ווינקלען פון דעם סאָוועטישן רעזשים, וואָס איז לויט זײַן נאַטור און עצם וועזן די פאַרקערפּערונג פון ליגן און באַטרוג. אַ רעזשים וואָס באַשרענקט און באַרויבט די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט.

עס ווערט לעצטנס אָפּגעמערקט דער יובל פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. ווי עס זענען פאַרקריפּלט געוואָרן די אָקטאָבער אידעען איז באַוווּסט. דער ייִדישער סך־הכל אָבער, איז דער טראַגישסטער — אַ פּערמאַנענטע ליקווידאַציע

אליעזר פאָדריאַטשיק

פון דער ייִדישער קולטור און אַכזריותדיקער מאָרד פון אירע בויערס און שעפערס, אַן אומאויפהערלעך העסלעכע פאַרמינערונג פון ייִדן און ייִדישקייט און אַ מיאוסע אַנטיסעמיטישע העצע קעגן מדינת ישראל.

און איר, מײַנע טײַערע, זיך וווּנדערט
וואָס איך צאָרן, וואָס איך ברויז,
וואָס איך שעלט דעם שטראָפער
גרויזאַם בייזן.
ווײַל ער האָט באַשרענקט מײַן וועלט,
מיר די טיר צו איר פאַרשטעלט,
ניט געלאָזט קיין טרייסט מיר
(פּרווו ניט שעלטן)
אַז ס׳קאָן עמעץ דיך דערלייזן...

✶

יעדער דיכטער פאַרמאָגט זײַן באַליבטע פאַרבן פּאַליטרע וואָס דריקט אויס זײַן געמיט — צושטאַנד. ביַי איציק מאַנגערן, למשל, דאָמינירט דאָס גראָ און בלאָ, וואָס סימבאָליזירן פאַרשיידענע גײַסטיקע מדרגות. מאַנגערס ייִד וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון מעטאַפיזישע פרייד. דער מעדיום פון מאָטל סאַקציערס בוך „מיט פאַרבאַטענעם בלײַער״, איז דער כּף הקלע פון מענטשלעכע ליידן. איז עס טאָקע אינגאַנצן אײַנגעטונקען אין גאָלע גרויע פאַרבן.

בײַם צייכענען דעם פּאָרטרעט פון דעם פּאָעט מאַרטירער משה בראָדערזאָן שרײַבט מאָטל סאַקציער:

איך טונק מײַן פּענדזל אין גראָ־אַש
פון צער וואָס טיף זיך אײַנגעזויגן
האָט ער אין זײַן האַרץ — —
איך טונק אים אין זײַן ווייטיק גרויסן
וואָס שפּאַרט ארויס אין דרויסן
אויף זײַן גראָ געוואָרענעם געזיכט — — —
און וויפל גראָווס איך וועל ניט געבן
צום פּאָרטרעט צו זײַנעם,
כ׳לעבן,
וועט אַלץ ווייניק זײַן,
וועט אַלץ זײַן קאַרג...

ג.

מ. סאַקציער איז קודם־כל אַ פּראָבלעמען דיכטער; דאָס איז בולט אין זײַן בוך „טויבן אויף אַנטענע". (1982) איינע פון זײַנע צענטראַלע טעמעס אין דעם בוך איז ישראל אויפן מילשטיין פון דער געשיכטע. מ. סאַקציער דערשײַנט דאָ ווי אַ פּאָעט, אַ בירגער און פּאַטריאָט. מען דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר די ווערטער, מכּל שכּן ווען זיי טראָגן מיט זיך אַ הומאַניסטישן וועלט־געפיל און זענען אויסגעדריקט מיט קינסטלערישן מאָס און טאַקט. חוץ אַלעמען, זענען זיי בײַ מאָטל סאַקציערן אַן אויסדרוק פון אַן אינערלעך־גײַסטי־קער עמאַנסיפּאַציע; אַ דערוואַכונג פון נײַע שעפערישע כּוחות, וואָס האָבן יאָרן געהיים געשלומערט אין זײַן געמיט:

יונגער דראַנג נאָך אין די בלוטן זידט,
און טראָגן פרייד אין לאָגלען פון ליד
איך קען נאָך צו מײַן פאָלק פון ריינסטע קוואַלן,
און טאָן די פליכטן ניט געטאָענע ווי אַ ייִד —
איז דען שפּעטלעך שוין? איז דען פאַרפאַלן?

מען דערציילט אַז ערב זײַן טראַגישן אומקום האָט מען געפרעגט בײַ איזאַק באַבעל פאַרוואָס ער שרײַבט אַזוי ווייניק? אויף דעם זאָל ער האָבן געענטפערט: „אדרבא, איך שרײַב איצט זייער אַ סך, נאָר אין זשאַנער פון שווײַגן"... אויך מ. סאַקציערן איז אין סאָוועטרוסלאַנד אויסגעקומען אַ סך צו שרײַבן אין זשאַנער פון „שווײַגן", און נאָך מער אין „זשאַנער" פון פאַרשווײַגן טעמעס, אידעען און פּראָבלעמען. קומענדיק קיין ישראל זענען זיי מיט אַ באַזונדערער קראַפט אַרויס אויפן פאָדערגרונט פון זײַן יצירה. זײַנע ישראל־לידער פאַרמאָגן אין זיך די פרייד פון באַנײַונג, די פרייד פון נײַעם זײַן:

און אַלץ וואָס איך האָב אויסגעליטן,
דעמפט זיך אויס אַצינד פון די געבליטן,
ווי די נעפּלען אין דער פרי
פון דעם אתרוגים־טאָל,
און אויסגעלײַטערט ווערן רייד
און די געפילן ריינע,
און גלײַך פון ים וואָלט הערן איך אַ קול
מיך רופן איצט מיט עכאָס אָן אַ צאָל,
אַ שרײַ טאָן וויל זיך מיר:
הנני!...

איז ער דאָ, דער דיכטער — בירגער מאָטל סאָקציער, וואָס דריקט אין זײַנע לידער אויס איבערגעגעבנקייט און זאָרג פאַרן גורל פון דעם אַלט־נײַעם היימלאַנד, אין וועמעס קיום ער זעט אַ זין און תכלית.

איז ער דאָ, דער פּאָעט־פּאַטריאָט, וואָס האָט זיך אָרגאַניש באַהעפט מיטן דראַמאַטיש־העראָישן געראַנגל פון דער ייִדישער מדינה. און „טאָג נאָך טאָג" גייט ער נאָך די שפּורן פון די אַמאָליקע חלוצים וואָס האָבן כוחות געשפּאָרט,

מיט שווייס געהייליקט דאָס אָרט,
אין חרובער נעסט
ס'האָט די שכינה,
און דורך נעפּלען פון צײַט
דורך ערשטע קנאָספּן די גרינע,
אויפגיין געזען פון דער ווײַט
ווי דער פעניקס פון אַש, די מדינה...

עס זענען אים האַרציק ליב און נאָענט די סאַברעס, די ווײַטער־שמידער פון דער וווּנדער־וואָר:

איך גלויב, עס וועלן נאָך לעגענדעס
אויך וועגן זיי ווי וועגן ערשטן דור
— — — — — —
דאָס פאָלק אַמאָל דערציילן מיט התפּעלות
פון זייער מוטיקייט פאַרגאַפט...

מיט אַ באַזונדערער כוונה האָב איך אויסגעטיילט מ. סאָקציערס פּאַטער־לענדישער יצירה. די פּראָבלעם האָט אַ שײַכות נישט נאָר צו אים גופא, נאָר צו דער היסטאָרישער שליחות פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין מדינת ישראל. די הײַנטצײַטיקע עברית ליטעראַטור איז צעקריגט מיט די באַגריפן „פּאַטערלאַנד", „פּאַטריאָטיזם". זיי באַטראַכטן עס ווי אַן אויסדרוק פון פּראָווינציאַליזם. אַפילו וועגן אַזאַ פּאָעט ווי נתן אַלטערמאַן האָט באַמערקט דער שרײַבער משה שמיר: הוא אהב את הארץ ודבק בה ולחם למענה. אבל כשאמר „ארצי", חש כדורך על נחש..., איז, אם בארזים נפלה השלהבת... וואָס זשע קען מען שוין דערוואַרטן פון די, אַזוי צו זאָגן, מאָדערנע, כלומרשט הײַנטצײַטיקע. זיי זענען שוין אינגאַנצן אַוועק צו ווײַטע אַבסטראַקציעס. דער פּאָעט נתן זך האָט געשריבן אין זײַן בוך „צפונית מזרחית": כל אשר קורות אותי לחיים הוא: הרחוק, הריק, השאיננו... (ז' 91) און וואָס שייך „מולדת", „פּאַטערלאַנד", דאָס באַפּרוכפּערט שוין ניט דעם מאָדערנעם, טאַלאַנטפולן העברעיִשן פּאָעט. ווי

זאָגט ער אין זײַן נאָר וואָס דערמאָנטן בוך: המולדת אינה מצמיחה, / אלא כּמיהה לדבר אחר / לא מולדתי... (ז' 107).

דעם דאָזיקן וואַקום, וואָלט איך געזאָגט, אין דער ליטעראַטור פון דער מדינה, פאַרפולט די יצירה אין ייִדיש. בײַנאַנד מיט מאָטל סאַקציערן פאַרנעמען די פאַטערלענדישע מאָטיוון אַ בולט אָרט אינעם שאַפן פון אַ סך באַדײַטנדיקע ייִדישע פּאָעטן, פון די ראשונים ביז די פּאָעטן — עולים אין דער לעצטער צײַט.

אין אָפּשאַצן אברהם סוצקעווערס שאַפן אין ייִדיש אין שײַן פון דער עברית פּאָעזיע (א. שלאָנסקי, ע. זוסמאַן, לאה גאָלדבערג און נ. אַלטערמאַן) האָט דער שרײַבער משה שמיר באַמערקט: היקלטות ארץ ישראל באדמת מטעו היתה רהוטה יותר, מחובקת יותר — מן הנורמה הידועה לנו בספרות העברית... יידיש בשורשיותה המעשית, היומיומית — הצליחה, כנראה, לעבור ביתר פשטות מסמטאות העיירה אל אדמת ארץ ישראל. (מעריב, 19.8.1983).

ובכן, מאָטל סאַקציערס בוך: „טויבן אויף אַנטענע", איז אַ פּאַטריאָטיש פּאָעטישער פּינקס וועגן לעבן אין דער ייִדישער מדינה. ווי אַ געטרײַער כראָניקער האָט דער דיכטער אין אים אַלץ פאַרצייכנט: די מלחמה און דעם שלום, די וואָך און דעם יום־טוב, די אַרבעט און די רו.

ער זעצט זיך פאַרטאָג אַוועק אין אויטאָ און באַגלייט דאָס מיידל מיט דעם „געשניצטן גופל ווי אַ תימן־קרוג", וואָס אײַלט זיך צו דער אַרבעט, און דעם סברא, וואָס איז „שוואַרץ ווי אַ צעדער" און זײַן „שוואַרצער קאָפּ קאַראַקול". ער פאַרזעצט אויך ניט זײַן שכן וואָס רעדט לאַדינאָ. ער האַלט אַז אַלע זענען מיר די זעלבע ייִדן,

לויטן גורל, דעם מהות,
וואָס אונדז איין טיגל
דאַרף ערשט איבערשמידן,
איבערשמעלצן אין איין נצחדיקן גוס...

דער דיכטער פּאַטריאָט, מ. סאַקציער, פאַרזעט נישט די יורדים, וואָס זוכן גליקן אין דער פרעמד. ער פּרוּווט אויך באַפרײַען די נושרים פון זייערע אילוזאָרישע כימערעס:

וווהין טראָגט אײַך דער ווינט?
איר באַגייט דאָך אַ זינד
וואָס אײַערע קינדער
אײַך וועלן אַ מאָל ניט פאַרצײַען!

דאָס אַלץ איז מעיד וועגן אַ נײַעם עטאַפּ אין דעם דיכטערס שעפערישן וועג. ער אַליין שטרײַכט בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן אונטער אַז „באַך

זײַן בלאַנדזשען צווישן שיטות, כיתות, מענטשן", האָט ער „אויף דער אייגענער ערד זיך דערפילט אַ דערלייזטער". און אַז דאָס פאָלק און די מדינה שפּײַזן איצט מיט קלוגשאַפט און מוט זײַן זיך אויסגעגלײַכטן גײַסט:

זאָל מײַן ליד דאָס פאָלק כאָטש ניט אַנטוישן
וואָס האָט מיר אויפגעמאַכט די טיר
ווען די שרעק האָט מיך געבראַכט
אַהער צו טראָגן,
און איך האָב אַ רו־פּלאַץ — דאָ געקראָגן... —
— — — —
און ליב געוואָרן ס'איז מיר דאָס לאַנד,
און איך האָב צו אים מיך צוגעבונדן,
און מיך מיט די פאַרבן אָנגעצונדן
פון זײַן לאַנדשאַפט,
פון זײַן שטייגער,
פון זײַן ליד
און פון זײַנע מעשיות,
איך — — — דער ייִד,
וואָס פון מערבֿס נאָפּל מיט די נעגל
און מיט די ציין
כ'האָב אָפּגעריסן זיך אליין — — —

*

ווי געזאָגט איז מאָטל סאַקציערס שאַפן דורכגעדרונגען מיט דעם גײַסט און טראָגט אויף זיך דעם חותם פון די עטישע און סאָציאַלע ראַנגלעניש, וואָס זענען אייגנטימלעך פאַר דער ה. לייוויק־שול אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג.

גלײַך מיט זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור האָט מ. סאַקציער דערקלערט: „מיך פאַרכאַפּט אין לייוויקס לידער, נישט אַזוי די פּײַן און אַפילו נישט די טרייסט, נאָר פאַר אַלעמען די אָן מוראַדיקייט פונעם געליטענעם, וואָס אים שרעקט נישט דער שײַטער... אָט דער כּח, איז דאָס די טרייסט און די שליחות פון ה. לייוויקס דיכטונג". אַ שליחות, וואָס איר זין און באַדײַט איז דער דיכטער מאָטל סאַקציער ווערדיק ממשיך שוין איבער אַן האַלבן יאָרהונדערט.

בשעתו האָט שלמה ביקל געשריבן אַז מ סאַקציער „איז פון זײַן פּאָעטישער נאַטור נישט קיין לעסטערער, נישט קיין האַפּערדיקער אויסטענהער, נאָר אַ טרויעריקער זינגער, מיט ליבשאַפט און וועגן ליבע..." און באמת, מאָטל סאַקציערס לידער צו און וועגן דער פרוי, וואָס פאַרנעמען אַן אָנזעעווודיק

אָרט אין זײַן ליריק, רירן מיט זײער לירישער צאַרטקייט און דערשיטערן מיט זײער מאָראַלישן סך הכל. די געשטאַלט פון דער פרוי שײַנט אַרויס פון סאַקציערס לידער ווי די פאַרקערפּערונג פון די שענסטע מענטשלעכע מידות. צו איר, צו דעם „לאַקנדיקן ווונדער אין דעם עטער פון דער וועלט" (האַפּשטיין) דאַוונט ער זײַן „ווערטערלאָזע שטילע, מן המיצר תפילה"...

אין מ. סאַקציערס פערזן איז פאַראַן אַ ספּעציפישער רעטשיטאַטיוו וואָס שאַפט אין זײ אַ באַזונדערע ריטמישע קאָמפּאָזיציע. ער געהערט צו דער ריכטונג אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג, וואָס האָט געבראָכן די צוימען פון אַלטע פּאָעטישע קאַנאָנען. זײַן שאַפן געשטאַלטיקט זיך אין נײַע פאָרמען און ריטמען. גלײַך מיט זײַן דעביוט — האָט ער פּאָעטיש דערקלערט:

> ענג געוואָרן ווי פאַר רחבות־שיכּורע און אומגעצוימטע אַלבאַטראָסן.
> וויל איך נישט און כ'קאָן נישט מער, ווי די אַלטע פורעם־קנעטער,
> אַרײַנפּרעסן מײַן ליד אין אָפּגעצוימטע, אויסגעזוונגענע פּאָעטיק־מאָסן.

די אינערלעכע שײַכותן פון מ. סאַקציערס ריטמען און אימאַזשן ליגן נישט שטענדיק אויף דער אויבערפלאַך. מע באַדאַרף באַזיצן אַ באַשטימטע ליטעראַרישע קולטור כּדי צו געפינען דעם שליסל צו זײ. זײַן פּאָעטישער נוסח דערמאָנט אין יעקב שטערנבערגס אינטעלעקטואַליזם און משה נאַדירס שכלדיקן ליריזם.

מאָטל סאַקציערס דיכטעריש וואָרט פאַרמאָגט אַן אינהאַלט און אַן אַנהאַלט, טראָגט אין זיך וואָגיקייט און לויטערקייט:

> — — — — כ'לײַטער זײ, און גלי זײ אויס די ווערטער,
> מיט דער שאָפונגס — פרייד און לייד, דער מיר באַשערטער,
> אַז דורכזיכטיק זײ זאָלן זײַן — בורשטין,
> דעם קערן זאָלן זײ אין זיך נישט דרויבן,
> און קלינגען זאָל אין זײ דער זין פון אַלץ,
> מיט וואָס איך לעב און וואָס מיך טוט דערהויבן...

דער מעטעאָר

צופֿוסנס פֿון אַ באַרג אויף וועלכן עס האָט זיך הדרתדיק אָוועקגעלייגט דער וואַלד „דעאַ“ — געפֿינט זיך דאָס דרום־בוקאָווינער שטעטל — קימפּולונג. פֿון דאָרט האָט צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט קובי וואַהל אַרויסגעשאָלט צו דער גרויסער וועלט זײַנע ערשטע הילכיקע פּאָעטישע פּרוּוון אין דער דײַטשער שפּראַך. דער גורל האָט אים נישט באַשערט קיין לאַנגע יאָר; קורץ איז געוועזן זיין לעבן — 24 יאָר. נאָך קירצער זײַן שעפֿערישער וועג — אינגאַנצן 2 — 3 יאָר. אָבער, דאָס ווייניקע וואָס ער האָט באַוויזן צו שאַפֿן און פּובליקירן האָט געמאַכט אַ רושם און אַרויסגערופֿן אויפֿמערקזאַמקייט אין די ליטעראַטור קרײַזן פֿון יענער צײַט.

שוין אין קובי וואַהלס ערשטע געדרוקטע לידער (אין דער יִדישער איבערזעצונג פֿון י. פּאַנער) האָבן זיך אָנגעמערקט בולטע סימנים פֿון זײַן פּאָעטישן טעמפּעראַמענט, וואָס איז באַשטאַנען אין דעמאַסקירן די קאָנווענציאָנעלע עטיק און פּאָעטיש באַזינגען דעם געראַנגל פֿאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

קובי וואַהל האָט באַנעמען דיכטונג ווי אַ שלאַכט־מיטל אין קאַמף קעגן דעם בייזן און שלעכטן אין דער געזעלשאַפֿט און די פּאָעטן, ווי אַמאָל די נביאים, די פֿאָנען־טרעגער פֿון דעם גערעכטן געראַנגל:

דאָרטן — ווּ סע קרייצן זיך צײַטן
שטייען נביאים דערהויבן,
אין איין האַנט דער לײַכטנדער פֿאַקל,
אין צווייטער — די שטאָלענע שווערד. — — —

אין אַ בריוו צו דעם יִדיש־דײַטשן פּאָעט, אַלפֿרעד מאַרגול שפּערבער, האָט דער יונגער קובי פֿאָרמולירט זײַנע פֿאַרשטעלונגען וועגן דער פּאָעטישער יצירה: „דיכטונג קאָן איך נישט אַנדערש באַנעמען נאָר ווי אַן אויסלייזונג; אַן אויסלייזונג פֿון אַלץ נישט געזאָגטן און נישט דערזאָגטן; אַן אויסלייזונג פֿון די ווילד פֿאַרקראַמפּטע בענקשאַפֿטן אין די טיפֿענישן פֿון דער מענטשלעכער מיסטעריע;

אַן אויסלייזונג פון דיליידן און ווייען אין דער שטומער נאַטור, און פון דעם פאַרהוילענעם און סודותדיקן אין דער וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום".

קובי וואַהלס לידער פאַרמאָגן אַ באַזונדערן קאָליר. זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער האַמערדיקן ריטם און בונטאַרישן טאָן. ער האָט דערווידערט קעגן די, וואָס האָבן באַטראַכט זײַנע לידער ווי „פּאָליטישע דיכטונג": „איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן די צוויי באַגריפן": דיכטונג און פּאָליטיק". ער איז בפירוש באַהערשט פון די אידעען וועגן דער וועלט דערלייזונג. די בענקשאַפט נאָך דערלייזונג האָט, לויט אים, אַרויסגעשריען פון זיך שוין דער ערשטער מענטש אין דער וועלט. זי הערט זיך אויך אין דעם עכאָ פון דעם גאַלגן־געלעכטער בײַ די מיטלאַלטערלעכע העלדן און מאַרטירער ביז צו די בלוטיק אויסגעשטרעקטע הענט פון דעם פאַרשקלאַפטן און טויזנט מאָל געקרייציקטן מענטשן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ווי אַ מעטעאָר האָט קובי וואַהל זיך באַוויזן אויף די ליטעראַרישע האָריזאָנטן פון דער בוקאָווינע. שוין אין זײַנע ערשטע ליטעראַרישע קנאָספּן האָבן זיך אָנגעמערקט דרײַ כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זײַן אויפגייענדיקן טאַלאַנט: פּאַטאָס, פּאַטעטיק און עקסטאַז. די דאָזיקע פּאָעטישע אויסדרוק פאָרמען רופן זיך בײַ אים ערטערווײַז איבער, זיי זענען אָבער נישט הינו הך. פּאַטאָס איז נישט פּאַטעטיק און באַטייט אוודאי נישט באַנוצן זיך מיט שטאַרקע ווערטער, הויכע קלאַנגען און שרײַענדיקע פאַרבן. אויך שווײַגן פאַרמאָגט אין זיך פּאַטאָס. קינסטלערישער פּאַטאָס מאָלט זיך מיר שטענדיק ווערטיקאַל. אויך קוביס גײַסטיקער פּאָרטרעט מאָלט זיך אין מײַן דמיון און זכרון אויס ווערטיקאַל; ווי ער וואָלט זיך געצויגן אַלץ העכער און העכער צו די הימלען. אפילו זײַן פיזישער שטעל און אויסזען האָט אויסגעזען שלאַנק ווי אַן אויסגעטאָקטע גאָטישע געשטאַלט.

קובי וואַהלס נטיה צו פּאַטעטישע עקספּרעסיעס דערמאָנט אין געוויסע הינזיכטן דעם טראַגיש יונג אומגעקומענעם דײַטשן פּאָעט געאָרג טראַקל. בײַ ביידע דיכטער איז פאַראַן אַן ענלעכע גײַסטיקע מענטאַליטעט, זיי רופן זיך אויך איבער אין זייערע וועלט שפּירונגען וועגן דער עלנטקייט פון דעם מענטשן און פון דער נאַטור. דער עכאָ פון טראַקלס דיכטן הערט זיך גוט אין קובי וואַהלס דאַכטן. צי איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דירעקטע השפּעות? נישט אויסגעשלאָסן. נאָר גיכערשט פון אַלעמען איז דאָס, דאַכט זיך, אַ רעזולטאַט פון דעם „צײַטגײַסט", וואָס באַקומט אַן ענלעכן אויסדרוק בײַ שעפער פון פאַרשיידענע גײַסטיקע ספערן און סביבות.

אין אַ בריוו צו א. מאַרגול־שפּערבער שרײַבט קובי וואַהל: „שמערצלעך איבערלעב איך די שרעקן פון דער וועלט, בעת אַנדערע איבערלעבן די שיינקייטן

פון דער זעלבער וועלט. דאָס מאַכט מיך נאָר אַנדערש, אָבער נישט מינדער. אויף וויפל אַנדערש וועלן עס שוין מײַנע ביאָגראַפן באַשרײַבן (אויב זיי וועלן באַשרײַבן)״.

צו וועלכער ליטעראַטור געהערט קובי וואָהל? — ווי באַוווּסט האָט ער דעם גרעסטן טייל פון זײַנע לידער געשריבן אין דײַטש. כדי אין אַ פולער מאָס באַנעמען זײַנע פּאָעטישע נטיות דאַרף מען נישט פאַרזען די ייִדיש־דײַטשע שרײַבערס פון דער בוקאָווינע צווישן ביידע וועלט מלחמות אין וועמענס סביבה קובי וואָהל האָט געלעבט און געשאַפן און אונטער וועמענס השפעה עס האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט זײַן פּאָעטישע אינדיווידואַליטעט. די דאָזיקע שרײַבערס קאָן מען אײַנטיילן אין דרײַ דורות, דרײַ גײַסטיקע מעדיומס. צו דעם ערשטן געהערן די דיכטער און איבערזעצער איזאַק שרײַער און אַלפרעד שפּערבער. צום צווייטן — ראָזע אויסלענדער און אַלפרעד קיטנער און צום דריטן עמנואל ווײַסגלאַס, אַלפרעד גאָנג און דער מערקווערדיקער פּאול צעלאַן. דער דיכטערישער געבורט פון דער לעצטער, דריטער גרופּע, איז געווען שוין נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה. יעדער איינער פון זיי האָט דורכגעמאַכט דעם דערנער וועג פון די נאַציסטישע געטאָס און קאָנצלאַגערן. דאָס האָט זיי אָבער נישט געשטערט זיך באַהעפטן מיט דער דײַטשער שפּראַך און מיט איר פאַרבינדן זייער שעפערישן גורל.

קובי וואָהל געהערט כראָנאָלאָגיש צו דער צווייטער גרופּע. נישט קוקנדיק אָבער אויף דעם, וואָס אַ טייל פון זײַן ליטעראַרישער עיזבון איז אין דײַטש, געהערט ער מער דער ייִדישער ליטעראַטור. ערשטנס, ווײַל ער אַליין האָט עס באַגערט; ער האָט זיך אַקטיוו באַהעפט מיט דער אידעען־וועלט און מיט די ווערטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אַפילו באַוויזן אָנהייבן שאַפן ייִדיש. אין דער בלאָסער קולטור ספּערע פון דער דעמאָלטיקער טשערנאָוויצער ייִדישער אינטעליגענץ, מיט איר נעגאַטיווער באַציִונג צו ייִדיש און ייִדישער קולטור, איז דאָס געווען נישט קיין געוויינטלעכע דערשײַנונג. אַפילו פּאול צעלאַן דער באַדײַטנדיקסטער פון די פריער דערמאָנטע ייִדיש דײַטשע שרײַבערס פון דער בוקאָווינע, אַפילו ער האָט געהאַלטן אַז ייִדן האָבן זייער קולטור געבאָרגט פון דער פרעמדע. אין זײַן איין־און־איינציקן פּראָזע ווערק „דאָס געשפּרעך אין די בערג״, אין וועלכן די גרונט טעמע איז דער עצם וועזן פון זײַן אַ ייִד, זענען פאַראַן אַזעלכע שורות: „דער ייִד — דו ווייסט עס — וואָס האָט ער שוין, וואָס עס געהערט באמת און ווירקלעך אים און וואָס עס איז נישט געבאָרגן, נישט אַנטליען און נישט אָפּגעגעבן...״.

קובי וואָהל האָט געאַנט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט געוווּסט אַז ייִדן זענען נישט קיין ממזרים פון דער געשיכטע, אַז זיי פאַרמאָגן אייגענע, נישט קיין געבאָרגטע און נישט קיין אַנטליענע, גײַסטיקע אוצרות; אַז זיי פאַר־

מאָגן אַ קולטור־פּאַרמעג אָן וועלכן עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן דעם אויסזען, דעם גאַנג און געשטאַלט פון דער אַלגעמיינער וועלט־קולטור. און קובי וואָהל איז דערצו דערגאַנגען גראָד אין דער צייַט ווען די ייִדיש־דײַטשע בוקאָווינע איז געווען פאַרכאַפּט פון אַ קאַרל קראוס קולט; אין אַ צייַט ווען קאָנסטאַנטין ברונער האָט באַהערשט זייערע מוחות. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ביידע, קראוס און ברונער, זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט מיקראָבן פון יודאָפאָביע און אַנטי־ציוניזם.

קאָנסטאַנטין ברונער האָט אויך געהאַט אַן עקל באַציונג צו ייִדיש־שאַפן: „די ייִדיש ריידנדיקע ייִדן שאַפן דורכאויס דיכטונגען פון ווייניק ריין וואַסער געמישט מיט אַ פּאָר טרערן. זיי האָבן גאָרנישט צו זאָגן אין זייער זשאַרגאָן... זייער ייִדיש דײַטש, אַ רויער מישמאַש פון דער דײַטשער שפּראַך מיט אַ פרעמדער שפּראַך, איז דער מיגלדיקסטער געמיש וואָס דאָס מענטשלעכע מויל קאָן אַרויסברענגען, און אָך און ווי — דעם דאָזיקן וואָקאַלן אויסבײַט"... („פאָן דען פליכטן דער יודען און דען פליכטן דעם סטאַאַטעס", בערלין 1930, ז' 35).

איך האָב דערמאָנט אין קאָנסטאַנטין ברונערס מעלה־גרהדיקע מיגל־ווערטער צוליב צוויי טעמים: ערשטנס מרמז זײַן אויף דעם מאָדנעם קוריאָז וואָס ק. ברונער, אין וועמענס ברונעם עס איז פאַראַן עיפּושדיק וואַסער פון ייִדישן זעלבסטהאַס און זעלבסטפאַרטיליקונג, שיער נישט אין גײַסט פון נאַציסטישן משוגעים־הויז, גראָד ער איז געווען דער געץ פאַר דער ייִדיש־דײַטשער אינטע־ליגענץ אין דער בוקאָווינע. והשנית שטרײַכט עס בולטער אונטער דעם באַדײַט פון קובי וואָהלס אָפּגאַנג פון דער דאָזיקער סביבה, זײַן פאַרבינדן זיך מיט דער ייִדישער פאָלקס־שפּראַך און מיט דער ייִדישער פאָלקס־קולטור.

קובי וואָהל האָט זיך געצויגן צו ייִדישקייט. פאַר אים איז זי נישט געווען קיין „מיגלדיקער און רויער מישמאַש", נאָר אַ וויטאַלער קוואַל פון דעם פאָלקס שעפערישקייט. ער האָט נישט נאָר געשטרעבט צו דערקענען דעם פענאָמען וואָס הייסט ייִדישע קולטור, נאָר אויך געטרוימט ווערן איינער פון אירע שעפער און בויער. דערפאַר געדענקען מיר אים, דערפאַר דערמאָנען מיר אים צום גוטן.

אָשר שוואַרצמאַנס גילגול

איבער זעכציק יאָר ווי די ליטעראַטור־פאָרשונג באַשעפטיקט זיך מיט דער שעפערישער ביאָגראַפיע פון אָשר שוואַרצמאַן און דאָך זענען פאַראַן אַ סך פרטים וואָס זענען ניט אין גאַנצן אויסגעקלאָרט. צי האָט עמעצן געקאָנט קומען אויפן זינען זוכן זייערע שפּורן אויך אין ישראל און דערצו נאָך זיי געפינען אויף אַזאַ באַזונדערס אויסטערלישן אופן ?!.

ומעשה שהיה כך היה:

אַנומלטן, גריבלענדיק זיך אין אַלטע ספרים אין דעם תל־אביבער בוקיניסטישן טויער, אַלענבי 88, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין דער ערשטער אויסגאַבע פון אשר שוואַרצמאַנס „אַלע לידער״, וואָס זענען דערשינען אין קיעוו, 1923. מיט דעם דאָזיקן בוך האָט אין משך פון אַלע יאָרן, זעט אויס, זיך קיינער ניט באַנוצט. זײַנע זײַטן זענען געבליבן אפילו נישט פונאַנדערגעשניטן. און ווען איך האָב עס געפּרווט טאָן האָבן זיי זיך גענומען קרישלען פון אַלטקייט. פּלוצעם און אומפאַרהאָפט זענען פון די צווישנשיידן אַרויסגעפאַלן צוויי פאַרגעלטע בייגעלעך פּאַפּיר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אשר שוואַרצמאַנס אַן אייגנהאַנטיקער מאַנוסקריפּט. מיט שטוינונג האָב איך באַטראַכט די געציקלטע און געשלענגלטע אותיות. עס האָט זיך געדאַכט אַז עס קוקט פון זיי אַרויס שוואַרצמאַנס שלאַנקע געשטאַלט און בעט דערציילן וועגן דעם דאָזיקן אומפאַר־האָפטן געפינס...

צום אַלעם ערשטן איז אויפגעשווומען די פראַגע: ווער האָט עס געקאָנט זײַן דער אַנאָנים, וואָס האָט פאַרהיט דעם כתב־יד און סאַראַ גלגול־מחילות האָט ער דורכגעמאַכט ביז ער איז מגולגל געוואָרן צום מוכר־ספרים פון תל־אביב ? דאָס וועט אָבער לאַנג נאָך בלײַבן אַ סוד. ווי האָבן אין אַזאַ פאַל געזאָגט חז״ל — תיקו !

נאָך דער ערשטער אויבנאויפיקער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער כתב־יד באַשטייט פון אשר שוואַרצמאַנס צוויי לידער. דאָס ערשטע ליד — געווידמעט אַ געוויסער ב. א. און געחתמעט אָשר — איז אַ לחלוטין אומבאַקאַנטער וואַריאַנט פון ליד „קינד ביזט יונג און דאָך וויפל טרויער אין

דײַנע אויגן". דאָס צווייטע ליד „דער שניטער", האָב איך ניט געפונען אין קיין איינער פון די פינף אויפלאַגעס פון אָשר שוואַרצמאַנס ליטעראַרישן עזבון, וואָס זענען דערשינען אין סאָוועט־רוסלאַנד ביז דער צווייטער וועלט מלחמה. עס האָט זיך נאָר אײַנגעגעבן אויסזוכן אַ וואַריאַנט פון דעם ליד, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער מאָסקווער „אייניקייט", 14־טן דעצעמבער 1944, צום 25־סטן יאָרצײַט פון אָשר שוואַרצמאַן.

פאַרגלײַכנדיק דעם טעקסט פון דער „אייניקייט" מיט דעם אין תל־אביב געפונענעם כתב־יד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער מאָסקווער פובליקאַציע פעלט די סטראָפע:

„ווי אַ ליעבענדעס האַרץ,
ליעגט די לאַנקע פערשפרייט,
און דאָס פריש־גרינע גראָז
נור צום שנײַדן שטעהט גרייט".

אין דער מאָסקווער פובליקאַציע פעלט אויך די דעדיקאַציע, וואָס בעט זיך פשוט דרשני. און לייענט זיך די דעדיקאַציע אַזוי: „געווידמעט מײַן קינדהײַטס און יוגענד חברתה׳רין — בליומע אָווערבוך. פון אָשר שוואַרצמאַן". אונדז האָט, פאַרשטייט זיך, אינטערעסירט זיך דערוויסן ווער עס האָט געקאָנט זײַן די דאָזיקע בליומע, וואָס די טהרה־משרתים פון מאָסקווע האָבן זיך פאַר איר דערשראָקן. היות אשר שוואַרצמאַן ווײַזט אָן אַז דאָס איז געווען זײַן „קינדהײַטס און יוגענד חברתה׳רין", האָבן מיר זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַ קורצן שפּאַציר צו זײַן פריער יוגנט.

ווי באַוווּסט האָט אָשר שוואַרצמאַן פאַרבראַכט זײַנע קינדער־יאָרן אין קאַראָסטישעוו. אין דעם דאָזיקן קליינעם שטעטעלע האָט אין יענע יאָרן געפּראַוועט חסידות דער רבי רב משהלע טווערסקי, וואָס איז געווען אַן אָפּצווײַג פון דער טשערנאָבילער חסידישער דינאַסטיע. אָשר שוואַרצמאַנס טאַטע, מאיר, איז געווען דער מלמד פון דעם רביגס קינדער און זײַנער אַ פעטער דער גבאי ראשון. אין דעם גרויסן חסידישן הויף פון דעם קאַראָסטישעווער „גוטן יידן" האָט דער יונגער אָשר באַגלייך אָנגעהויבן לערנען און אײַנגעזאַפּט אין זיך זײַנע ערשטע וועלט שפּירונגען, וואָס האָבן אים באַגלייט אַלע יאָר, ביז זײַן טראַגישן אומקום.

אַזוי ווי פון מלמדות איז שווער געווען מפרנס צו זײַן די משפּחה, איז אָשר שוואַרצמאַנס טאַטע געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ וואַלד און זיך באַזעצט אין דערפל באַווינקע. דאָרטן האָבן געלעבט בלויז דרײַ יידישע פאַמיליעס. די שוואַרצמאַנס האָבן זיך באַזעצט בשכנות פון דער משפּחה אָווערבוך.

אין באַווינקע האָט אָשר שוואַרצמאַן פאַרבראַכט זײַן קינדהייט און יוגנט. צוזאַמען מיט שבח אָווערבוכס מעזינקע, בליומע, האָט ער געלערנט בײַ איין

מלמד, ביי מאַניש מיט די גלעקלעך. ביי בליומען און אָשרן האָט פרי זיך אָנגעהויבן אויסשפּינען אַן אינטימע פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרגעזעצט אין קיעוו, וווהין די משפחה אָווערבוך איז אַריבערגעפאָרן אין 1909. פאַר איר, פאַר בליומען, האָט שוואַרצמאַן אויסגעגאָסן זיינע אינטימע איבערלעבענישן אין לידער — צו ערשט אין אוקראַיניש, און דערנאָך אין לשון פון שיר־השירים.

פאַר איר, פאַר בליומע אָווערבוך, האָט אשר שוואַרצמאַן אויך אָנגעשריבן אין יידיש זיין ערשטע ליבע־ליד. און דער וואַריאַנט פון דעם ליד וואָס איז געפונען געוואָרן אין תל אביב לייענט זיך אַזוי:

קינד, ביסט יונג און דאָך אוי וויפל
טרויער ליגט אין דיינע אויגן,
אין די שטילע סאַמעט — אויגן.
וועלכע האָבן מיך ניט איין מאָל,
ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגן.
כ'וויס: עס איז אַ וועל פון לעבן
פרי געקומען, גיך פאַרשוווּמען;
ביסט געבליבן אַ פאַרבענקטער
אָפּטמאָל שעפּטשנדיק איר — נאָמען.
ווייטער גאַרניט...

לאַנגע שעהן

ציט אין הימל דעם בלויען
זיך אַ וואָלקנדל אַ גרויער,
און עס ווערט מיין האַרץ פאַרצויגן
פונעם בליק פון דיינע אויגן
מיט האַרצרייסנדיקן טרויער.

בלויז געציילטע פון אשר שוואַרצמאַנס יוגנט־לידער האָבן זיך פאַרהיט מיט זיין אויטענטישער האַנטשריפט. דער גרעסטער טייל פון זיינע יוגנטלעכע לידער זענען פאַרפאַלן געגאַנגען ביי זיינע עלטערן, בעת אַ פּאָגראָם אין דעם דאָרף זאַכאַז. זיי זענען צו אונדז דערגאַנגען לויט קאָפּיעס פון זיינע פריינד און פאַרערער. באַזונדערס די וואָס עס האָט געמאַכט זיין נאָענטער חבר ב. ספּיוואַק. אין אַ סך פון זיי זענען אַריינגעפאַלן פאַרשיידענע שבושים און שנויים. אויך דאָס דאָזיקע יוגנטליד איז אייניקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן „פאַרריכט און פאַרבעסערט". איצט ווערט דאָס ליד צום ערשטן מאָל געדרוקט לויט אָשר שוואַרצמאַנס אויטענטישער האַנטשריפט.

וועגן די באַציונגען צווישן דער משפחה אָווערבוך און אָשר שוואַרצמאַן,

וועגן זײַן פֿרײַנטשאַפֿט מיט בליומען, איז צו אונדז דערגאַנגען זייער אַ קנאַפּע מעמואַריסטישע ליטעראַטור. וועלן מיר זיך דערלויבן ברענגען אייניקע פּרטים, וואָס האָבן אַ געוויסע שײַכות צו דעם כתבֿ־יד, וואָס איז דורך וועגן און אומוועגן מגולגל געוואָרן קיין תל־אָביבֿ.

אין זײַנע זכרונות האָט נחמן מײַזיל פֿאַרצייכנט:

„אין קיעוו אויף קוזנעטשנאַ גאַס, אין איינעם פֿון די גרויסע הויפֿן, איז געוועזן דאָס הויז פֿון שבֿח אָווערבוך, דער שוואָגער פֿון חיים־נחמן ביאַליק. — — — דאָרטן אַרום די אָווערבוך־טעכטער, פֿלעגן זיך זאַמלען יונגעלײַט, וואָס יעדער איינער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף עפּעס וויכטיקס. אין הויז איז שטענדיק געווען פֿריילעך. און באַזונדערס, ווען חיים־נחמן ביאַליק האָט דאָרטן פֿאַרבראַכט. פֿאַר ביאַליקן האָט מען אין יענער צײַט פֿאַרגעלייענט שוואַרצמאַנס לידער. זיי זענען ביאַליקן שטאַרק געפֿעלן, און איין מאָל האָט אַפֿילו ביאַליק געזאָגט אויף שוואַרצמאַנען אַז ער וואַקסט „אַ ייִדישער ביאַליק". — — מיר אַלע האָבן גוט אויפֿגענומען אָשר שוואַרצמאַנס (צווייט) ליד „דער שניטער", ווו ער האָט געמאָלט אַ תּבֿואה שניטער אין פֿעלד. מיר האָבן דאָס ליד געקאָנט אויף אויסנווייניק, געשטאָלצירט מיט דעם און געווען גליקלעך ווי פֿון גאָר אייגנס. און עס איז געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט אין קאָפּיעס..."

אין אַ ביסל אַן אַנדער נוסח דערציילט וועגן דעם נחום אויסלענדער. עס איז כּדאַי גלויבן איך, ברענגען אויך זײַן גבֿית־עדות: „צו יענער צײַט (1909), געדענק איך, איז פֿאָרגעקומען בײַ אָשרן אַ וויכטיקע באַגעגעניש מיט ח. נ. ביאַליק. געקענט שוואַרצמאַנען האָט ביאַליק נאָך פֿון פֿיל יאָרן צוריק. אָבער צום ערשטן מאָל האָט אָשר באַקומען מוט אַרויסצוטרעטן פֿאַר ביאַליקן ווי אַ דיכטער. מיר דאַכט, אַז אָשר האָט בכלל יענעם אָוונט צום ערשטן מאָל קאָנקרעטיזירט אין זיך דעם געדאַנק וועגן זײַן אייגענעם דיכטערישן באַרוף. ביאַליק האָט געלאָזט דעם יונגן שוואַרצמאַנען זייער פֿיל גוטס הערן. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און מיט התפּעלות אויסגעשריען: — „איר זײַט אַ דיכטער!" (נחום אויסלענדער: „וועג אײַן — וועג אויס", קיעוו 1924, ז' 81־82).

אָשר שוואַרצמאַן איז, אַזוי אַרום, אונטער די השפּעות פֿון ח. נ. ביאַליק געקומען צו זײַן שעפֿערישער זעלבסט־באַשטימונג. ח. נ. ביאַליק איז אויך געווען דער וואָס האָט אים געזאָלבט פֿאַר אַ דיכטער אין דעם הויז פֿון זײַן שוואָגער און פֿון שוואַרצמאַנס „יוגענד חבֿרתה'רין" — בליומע אָווערבוך.

די השגחה האָט אָבער פֿאַר יעדן איינעם פֿון זיי צוגעגרייט אַן אַנדערן גורל. שוואַרצמאַן איז פֿאַרשניטן געוואָרן אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון דער וועלט־מלחמה. (1919). בליומע איז געוואָרן די פֿרוי פֿון יאַן גאַמאַרניק, וואָס איז שפּעטער געווען אַ הויכער מיליטער־מאַן אין דער רויטער אַרמיי. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מען אויך אים, גאַמאַרניקן, אַרעסטירט און באַשולדיקט

אין ציוניזם און אַנטיסאָוועטישער טעטיקייט. ער האָט דעם צער און צאָרן ניט אויסגעהאַלטן און באַגאַנגען זעלבסמאָרד. און בליומעס טריט זענען פאַרפרוירן געוואָרן ערגעץ ווו אין די סאָוועטישע זאַווערוכעס.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין בית־ביאַליק זוכן ידיעות וועגן בליומעס דערנער־וועג. איך האָב אָבער בלויז געפונען צוויי מאָגערע שורות אין מאַניע ביאַליקס „פרקי זכרונות": „היתה לי אחות בת שנה וקצת (לאחר שנים נישאה ליאן גאמארניק). ילדה יפה מאוד היתה. ערה ובריאה, אבל יש שבלילות היתה פורצת בצריחה".

אויך ח. נ. ביאַליק דערמאָנט בליומען אין זײַנע ייִדישע בריוו פון מאָסקווע (1921), ווען ער איז געפאָרען זיך באַגעגענען מיט מאַקסים גאָרקי ער זאָל אים העלפן באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. אין אַ בריוו וועגן זײַן באַזוך אין קיעוו אויפן וועג קיין מאָסקווע האָט ביאַליק צווישן אַנדערן געשריבן: „בײַ דעם שוועגער צו הויז איז אַלץ אין אָרדענונג. איבער דער באָרד, פאַרשטייט זיך, רינגט ניט — נאָר מע קומט אויס. — — בליומע — יאַניסעס — זיצט אין צוויי שיינע, גרויסע, ליכטיקע, וואַרעמע צימערן, מיט וואָגע און אַלע איבעריקע באַקוועמלעכקייטן. יאַני איז אָפּגעפאָרן לחאַרקאָוו און פון דאָרט למאָסקווע. מעגלעך, אַז איך זאָל זיך מיט אים דאָ באַגעגענען. — — — יאַני האָט צוגעזאָגט אין מאָסקווע אויפן סיעוד טאָן אַלצדינג, צו באַקומען אַ ידיעה".

אגב, אין בית ביאַליק זאָל זיך האָבן פאַרהיט אַ גרויסער פּאָרטרעט פון יאַן גאַמאַרניק.

און איצט, לאָמיר זיך אומקערן צו דעם אין תל אביב געפונענעם כתב־יד; ווער האָט עס פאַרט געקאָנט זײַן דער אַנאָנים, וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן אין דעם צווישנשייד פון בוך? צי האָט אפשר בשעתה בליומע געשיקט דעם בוך צו איר שוועסטער קיין תל־אביב? עס קאָן גרײַלעך געמאָלט זײַן. דער כתב־יד דערמאָנט דאָך דעם בראשית פון אשר שוואַרצמאַנס שאַפן און געהערט צו זײַן ראָמאַנטישן פעריאָד ווען ער איז געווען נאָענט פאַרבונדן מיט זײַן „קינדהײַטס און יוגענד חברתה'רין — — בליומע אָוערבוך"".

✶

אין אַ ליד וועגן אָשר שוואַרצמאַן האָט געשריבן אברהם סוצקעווער:

זײַן לעבן איז געווען אַ זעונג
און אמתדיק, ווי ברויט מיט מילך.
ער האָט פאַרויסגעזען געשעונג
אין קליידער פּשוטע, פון דרילך.

אַשר שוואַרצמאַנס זעונגען „פון גאָלדענע ווייטן", זײַנע ריטמען און פאַרבן האָבן אים אין אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, און אין דער ערשטער ריי מיט חיים נחמן ביאַליק.

אין איינעם פון זײַנע בריוו צו ח. נ. ביאַליק האָט דוד האָפּשטיין געשריבן: „נעבן מיר ליגט אַשר שוואַרצמאַנס ביכעלע, איך פיל די פעדים וואָס ציען זיך פון אײַך צו אַלץ וואָס איז דאָ בײַ אונדז מעכטיק צאַרטס און ביטער שיינס".

אַשר שוואַרצמאַן איז פון דער נאַטור אויס געווען אַ ראָמאַנטיקער און געטרוימט „מיט אַ צווייענדיק ליכטיקער נשמה" וועגן אַ „כּישוף לאַנד מיט באַגילדעטע וועגן", וואָס איז אײַנגעהילט „אין ערפורכטיקע בלויע האָריזאָנטן". זיך אַליין האָט ער באַטראַכט ווי אַ הירש וואָס טראָגט זיך איבער „באַגילדעטע סטעפּעס". די באַדינגונגען פון אָרט און צײַט האָבן אָבער דעם האָפערדיק ראָמאַנטישן פּאָעט פאַרוואַנדלט אין אַ מקונן פון מענטשלעכע לײַדן. אָנשטאָט די אַטאַוויסטישע געשטאַלטן פון „שבת מלאכים אויף זײַדענעם בלוי", אויפן אָרט פון דער נביאישער וואָרזאָגערישייט „און כ'וועל אין לאַנד צוריק ניט קערן, ביז וואַנען איך וועל דאָס אויסלייזוואָרט, דאָס פולע, ניט דערהערן", ווערט זײַן דיכטונג אַלץ מער דורכגעדרונגען מיט גרויע בילדער פון מענטשלעכע לײַדן. דער מונטערער זינגער קייטלט זיך בהדרגהדיק אַרײַן אין דער גרויסער שרעקנגע דיכטער פון וועלט שמערץ:

אויף וועלטן און אויסוועלטן מײַן צער הייבט אָן וואַקסן.
און שווער ווערט מיר און ווי פאַר דער גאַנצער וועלט,
וואָס פאַרן חלף האָט אַ תּפילה אויף די ליפּן...

אַשר שוואַרצמאַנס שאַפן שטאַמט פון אַן עטישער טיף. עס איז אָנגע־זעטיקט מיט מענטשלעכקייט. ער קלאָגט ניט אַזוי וועגן שוידער פון טויט, ווי וועגן דעם גרויל אין לעבן. ער שרײַבט וועגן דער רעוואָלוציע. ער ווערט אָבער ניט איר באַזינגער. אין דער רעוואָלוציע האָט ער קודם דערהערט דעם פּײַן און דערזען דאָס בלוט וואָס ווערט דורך איר פאַרגאָסן:

איך ווייס: ס'וועט צאַרטעס מענטשנלײַב נאָך ציטערן
אין אַ געמיש פון קויט און בלוט,
און ניט קיין יום־טוב האָט באַלײַכט
אינמיטן נאַכט די האָריזאָנטן,
נאָר עמעץ וויל די פּײַן,
און עמעץ וויל דאָס בלוט.

אַשר שוואַרצמאַן איז געווען דער וואָס האָט צוקאָפּנס פון דער ייִדיש־סאָוועטישער דיכטונג אָוועקגעלייגט דעם פּאַטאָס פון תנך, זײַנע עטישע פּרינ־

ציפֿן און קאָסמישע שפּירונגען, אין זײַן באַרימט ליד „די שוואַרצע מוטערנאַכט", וואָס ווערט באַטראַכט ווי די ערשטע קנאָספּ פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטע־ראַטור, הערט זיך לויטער דער עכאָ פֿון די פּסוקים ד־ה, תהילים קכ"ז: כחיצים ביד־גבור, כן בני הנעורים: אַשרי הגבר אשר מלא את־אשפתו מהם לא־יבושו, כי־ידברו את אויבים בשער. אין נוסח יהואש באַטײַט עס: פֿײַלן אין דער האַנט פֿון גיבור. אַזוי זענען קינדער פֿון דער יוגנט. ווויל צו דעם מאַן, וואָס האָט אָנגעפֿילט זײַן פֿײַלבײַטל מיט זיי! זיי וועלן ניט פֿאַרשעמען, אַז זיי וועלן רעדן מיט די פֿײַנט אין טויער.

אָט דער איבערגענומער תהילים־טאָן באַדײַט, אַז „אַשר שוואַרצמאַן האָט מיט פֿולע האַרץ־עמערס געשעפּט פֿונעם אַלט ייִדישלעכן דיכטונג־קוואַל ...און דעריבער, און דערפֿאַר איז ער, אַשר שוואַרצמאַן, אַן עכטער מאָראַלישער ייִדישער דיכטער". (י. דאָברושין) און דאָס אַלץ איז געקומען אויפֿן זינען לייענענדיק דעם כתב־יד וואָס איז אויף אַזאַ אויסטערלישן אופֿן געפֿונען געוואָרן אין תל־אביב.

אין וועלט פון בוך

		זײַט
.1	מאַקס עריק	99
.2	שלמה סוסקאָוויטש	108
.3	חיים בעז	114
.4	ישראל צינבערג	119
.5	היסטאָרישע הערות	133

דער פייַער־פויגל

„ווי אַ פייַער־פויגל האָט זיך מאַקס עריק באַוויזן אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון פוילן, און ווי אַ פייַער־פויגל איז ער שנעל פאַרברענט געוואָרן אין דער פאָליטישער שׂרפה פון סאָוועט־רוסלאַנד" — אַזוי האָט ד"ר יעקב שאַצקי אָנגעהויבן זייַן מאמר וועגן מאַקס עריק.[1]

די האָריזאָנטן פון מאַקס עריקס וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען זענען כּולל דעם גאַנצן היסטאָרישן שטח פון דער ייִדישער ליטעראַטור: אָנהייבנדיק פון איר עמבריאָנאַלן מצב, מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק, ביז צו איר מאָדערנער קינסטלערישער עמאַנאַציע אין די ווערק פון שלום אַש, דוד בערגעלסאָן, יוסף אָפּאַטאָשו און משה קולבאַק.

מאַקס עריק איז געווען דער קאָלאָמבוס פון אַ סך פאַרהוילענע ספערן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. און ביז הייַנט זענען זייַנע אַנטפּלעקונגען אַקטועל. אַ באַווייַז קאָן דינען דער פאַקט, וואָס אין ניו־יאָרק האָט דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס אַרויסגעלאָזט אַ נייַע אויפלאַגע פון זייַן געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור — פון די עלטסטע צייַטן ביז דער השׂכּלה־תּקופה. די ערשטע אויפלאַגע פון דעם דאָזיקן ווערק איז אַרויס מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אין וואַרשע (1928). חוץ דעם גרינטלעך וויסנשאַפטלעכן ווערט, פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע מערקווערדיקע ווערק בולטע ליטעראַרישע מעלות, וואָס פאַרשאַפן אויך אַ ריין עסטעטישן גענוס.

אין דער ייִדיש־פאָרשונג פון יענער צייַט האָט מען דער עיקר גערעדט און דערציילט וועגן ליטעראַטור, מאַקס עריק האָט מער געטראַכט און באַדאַכט איר היסטאָרישן גילגול, איר אינעווייניקסטן דיאַלעקטישן גורל. זייַן סינטעטישער אופן פון טראַכטן, זייַנע נטיות צום אינטעלעקטואַליזם און צו ליטעראַטור־פילאָסאָפישע פאַראַלגעמיינערונגען האָבן גורם געווען, אַז אין זייַנע היסטאָרישע אַרבעטן האָט ער געשאַפן נישט בלויז בילדער פון דער ליטעראַטור־געשיכטע, ווי עס האָט, למשל, זיך נוהג געווען מאַקס ווייַנרייַך, — נאָר אויך פאָרמולירט קאָנצעפּציעס וועגן ריכטונגען, שולן און סטילן.

מאַקס עריקס היסטאָרישער צוגאַנג צו דער ייִדישער ליטעראַטור און זייַנע

אויפטוען אין דעם געביט זענען מער־ווייניקער באַקאַנט. פֿאַראַן וועגן דעם אַ גענוג רײַכע ליטעראַטור. ווייניקער באַקאַנט זענען זײַנע ליטעראַטור־עסטעטישע קאָנצעפּציעס, וועלן מיר פּרוּוון אין קורצן זיי דעפֿינירן.

זײַן שעפֿערישן וועג האָט מאַקס עריק אָנגעהויבן נישט מיט קיין ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן, נאָר מיט פֿילאָסאָפֿיש־עסטעטישע עסייען. ער האָט דעביוטירט אין די יִדישע זאַמלביכער פֿון י. מ. ווײַסנבערג (וואַרשע 1920) מיט פֿראַגמענטן פֿון אַ גרעסערער פֿאָרשונג וועגן דעם נעאָראָמאַנטיזם. אין אָנהייב פֿון די צוואַנציקער יאָרן האָט ער אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אייניקע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן וועגן שרײַבערס פֿון דער וועלט־ליטעראַטור (דזשעק לאָנדאָן, לויִס סינקלער און אַנדערע). אָבער דער עיקרדיקער אויפֿטו פֿון מאַקס עריק, אין ערשטן פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן, באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אין אַ סעריע טעאָרעטישע אַרטיקלען פֿאָרמולירט די גרונטפּרינציפּן פֿון די מאָדערנע וועגן אין דער יִדישער עסטעטיק.

אין זײַנע עסטעטיש־פֿילאָסאָפֿישע קאָנצעפּציעס פֿון יענער צײַט, איז מאַקס עריק געווען אונטער דער השפּעה פֿון אַנרי בערגסאָנס אינטויִציאָניזם. נישט צופֿעליק האָט ער דעמאָלט איבערגעזעצט דאָס בוך „דער געלעכטער״, אין וועלכן אַנרי בערגסאָן האָט פֿאָרמולירט זײַנע פֿילאָסאָפֿיש־עסטעטישע פּרינציפּן.

כּדי צו שאַפֿן אַ באַשטימטע פֿאָרשטעלונג וועגן עריקס געדאַנקען־גאַנג און אָבסערוואַציעס איבער קונסט און ליטעראַטור, וועלן מיר, פֿון זײַנע פֿאַרשיידענע פֿאָרשונגען זיך אָפּשטעלן בלויז אויף פֿיר, דהײַנו אויף די עסייען: „נעאָראָמאַנטיזם״, „באַטראַכטונגען וועגן פּאַטאָס״, „וועגן אײַנפֿלוסן אין דער ליטעראַטור״ און „די שפּראַך פֿון יִדישן עקספּרעסיאָניזם״.

די דאָזיקע פֿיר אַרבעטן זענען, אַזוי צו זאָגן, די אַרבע טורים, די פֿיר בערג אויף וועלכע דער דעמאָלט נאָך יונגער מאַקס עריק האָט געקלעטערט צו די הייכן פֿון דעם אייראָפּעיִש־פֿילאָסאָפֿישן און עסטעטישן געדאַנק. מיר וועלן אים נאָכגיין בהדרגה, פֿון עסיי צו עסיי און אָנהייבן מיטן „נאָעראָמאַנטיזם״,[2] וועלכן מאַקס עריק האָט באַטראַכט ווי אַ סינטעז פֿון דעם רעאַליזם און ראָמאַנטיזם.

די ראָמאַנטיקערס האָבן, ווי באַוווּסט, געשילדערט אויסנעמיקע און אויסדערוויילטע העלדן, אַריסטאָקראַטישע טיפּן און די קונסט האָבן זיי באַטראַכט ווי אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דעם אומענדלעכן און אייביקן, ווי אַ פֿאַרמיטלער צווישן מענטשלעכן און איבערמענטשלעכן.

דער רעאַליזם ווידער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער רעאַלער וועלט, מיט די טאָג־טעגלעכע געוווינהייטן, ליידן און פֿריידן פֿון דעם פּשוטן מענטשן.

אויב דער ראָמאַנטיזם איז וועדליק עריקן געווען דער שיר השירים פֿון דעם יום־טוב אין מענטשן, איז דער רעאַליזם דאָס ליד פֿון דעם קליינעם

מענטשעלע אין דער וואָכן. און אין דעם טאָקע איז, ווערליק עריקן, באַשטאַנען די באַגרענעצטקייט פוןביידע ליטעראַרישע ליניעס, וואָס האָבן נישט באַשאַפן קיין בריק צווישן דעם רעאַלן און דעם אידעאַלן. די אַנטוויקלונג פון דעם לעבן און פון דער ליטעראַטור האָט געפאָדערט אַ סינטעטישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען און דאָס האָט גורם געווען דעם אויפקום פון נעאָראָמאַנטיזם. די נעאָראָמאַנטיקערס האָבן אין זיך פאַראייניקט ביידע טענדענצן און געשאַפן אַ ליטעראַטור פון אַן אַרומנעמיקן הומאַניזם, וואָס האָט אין זיך קולט געווען סיי די ליידן, סיי די פריידן פון דעם כלל און פון דעם יחיד אין דעם גורלדיקן קרייַז פון קאָנווענציאָנעלע לעבנס־נאָרמעס.

די שפּעפּערישע גרענעצן פון דעם ראָמאַנטיזם און נעאָראָמאַנטיזם האָט מאַקס עריק באַהאַנדלט אויך אין זײַן אַרבעט „באַטראַכטונגען וועגן פּאַטאָס״.[3] ער האָט געהאַלטן אַז מען באַדאַרף נישט פאַרווישן די גרענעצן צווישן די באַגריפן: פּאַטאָס, עקסטאַז און פּאַטעטיק. צי איז עקסטאַז אַ מדרגה פון פּאַטאָס? — פרעגט מאַקס עריק און ענטפערט — ניין „עקסטאַז איז נישט קיין אויסדרוק־פאָרעם פון פּאַטאָס. גיכערשט זענען דאָס צוויי פאַרשיידענע גײַס־טיקע צושטאַנדן״. פּאַטאָס, האַלט עריק, איז אַ בולטער אויסדרוק פון דער אינדיווידואַליטעט, בעת אין עקסטאַז פאַרווישט זיך די אינדיווידואַליטעט און פאַרלירט איר ווילן.

אויך פּאַטאָס און פּאַטעטיק זענען נישט הײַנו־הך. פּאַטעטישקייט האָט אין זיך עלעמענטן פון פּאַטאָס, ווי אינטעליגענטישקייט האָט אין זיך עלעמענטן פון אינטעליגענץ. פּאַטעטיק איז די מעגלעכקייט פון פּאַטאָס, אָבער נישט זײַן ווירקלעכקייט. „פּאַטאָס — פירט אויס מאַקס עריק — איז אַ קלאַסישע פּסיכישע דערשײַנונג וואָס איינע פון אירע אינטעלעקטואַליסטישע סטאַדיעס איז — פּאַטעטיק״.

אַ רײַכע פּאַליאַ פון פילאָסאָפישע און עסטעטישע פאָרמולירונגען געפינען מיר אין מאַקס עריקס אַרבעט „וועגן אײַנפלוסן אין דער ליטעראַטור״.[4]

נישט פאַראַן קיין שרײַבער אָן השפעות. און כדי צו באַשטעטיקן דעם דאָזיקן טעזיס אַנאַליזירט מ. עריק די שאַפונגען פון אַ גרויסער צאָל שרײַבערס, קאָריפייען פון דער יידישער און פון דער וועלט־ליטעראַטור.

„עס איז נישטאָ — פירט ער אויס — קיין ספּעציעלע פּסיכאָלאָגיע פונעם באַאײַנפלוסער אין דער קונסט, וואָרעם באַאײַנפלוסן איז דער מהות פון דער קונסט, איר נשמה, כלי־זיין און ציל״.

מאַקס עריק פּאָלעמיזירט מיט אַנגעזעענע שרײַבערס און פאָרשערס. ער פרעגט אָפּ קאָנאָניזירטע הנחות און נעמט אַראָפּ דעם אָרעאָל פון געקרוינטע אויטאָריטעטן. אַזוי, למשל, האָט ער געהאַלטן אַז מען האָט איבערגעטריבן דאָס חשיבות פון אַלעקסאַנדער בלאָק. „ער איז קיין מאָל — האָט מאַקס עריק

געשריבן — קיין גרויסע קינסטלערישע דערשײַנונג ניט געווען. דערפאַר איז נאָך גרעסער דער וווּנדער פון זײַן צוועלף, וואָס איז אַ ווערק מיט אַ געוואַלדיקער קינסטלערישער אָנשטרענגונג".

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז מאַקס עריק ווען ער גייט אַריבער באַהאַנדלען קאָנקרעטע פאַלן פון השפּעות. געוויינט דאָס צו אילוסטרירן מיט איין דוגמא פון דער יידישער ליטעראַטור: „דער פאַל האָמסון — בערגעלסאָן". ווי באַקאַנט האָט אונדזער ליטעראַטור־קריטיק בשעתו געקריינט בערגעלסאָנען ווי דעם יידישן קנוט האַמסון. מאַקס עריק האָט געהאַט אַן אַנדער צוגאַנג צו דער פּראָבלעם. נישט קוקנדיק אויף די דרויסנדיקע אַנאַלאָגיעס צווישןביידע שרײַבערס, איז האַמסונס השפּעה אויף בערגעלסאָנען אַן אייבערפלאַכיקע און צופעליקע. צווישן ביידע שרײַבערס, האָט געהאַלטן מ. עריק, קלאַפּט אַן אָפּגרונט: „אַלע ווערק האַמסונס, נישט קוקנדיק אויף זייער טרויעריקן סוף, שרײַען צום לעבן. און בערגעלסאָנס העלדן קומען נאָך אַלעמען. האַמסונס העלדן לעבן אויפן גאַנצן שטח פונעם ראָמאַן. בערגעלסאָנס שטאַרבן אָפּ ביסלעכווײַז, ווערן אויסגעליידיקט פון לעבן, און ס'בלײַבט פון זיי בלויז דער לעצטער, נאָגנדיקער מידער רוף — — צום טויט. — — מיד ווינקט ער זיי מיט די לעצטע האָפענונגען.

האַמסונס אײַנפלוס האָט געמוזט בלײַבן אויף דער אייבערפלאַך. און אפשר האָט דאָס דעצידירט וועגן בערגעלסאָנס אָריגינאַליטעט און בערגעלסאָנס גרויסקייט".

דוד בערגעלסאָן האָט אויסגעוועבט זײַנע געשטאַלטן מיט אַ דממה־דקהדיקער הייליקייט, „פון דאַנען קוואַלט די שטילקייט וואָס הערשט אין זײַנע ווערק. פון דאַנען די געוואַלדיקע בערגעלסאָנישע ציכטיקייט. קיינער אין אונדזער ליטעראַטור איז ניט געווען אַזוי ווײַט פון ניבול־פּה, קיין שום פעדער איז ניט געווען אַזוי צניעותדיק — — ווי דוד בערגעלסאָנס".

בכלל איז מען בײַ אונדז גוטה צו האַלטן אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ מאָנאָליטישע. אין דער אמתן זענען פאַראַן פאַרשיידענע שטראָמען. עס ווירקן אין איר אַלערליי ריכטונגען, סטילן און טענדענצן. ווי אין אַלע ליטעראַטורן זענען אויך אין דער יידישער פאַראַן סימבאָליקערס און רעאַליסטן, ראָמאַנטיקערס און נעאָראָמאַנטיקערס, אימפּרעסיאָניסטן און עקספּרעסיאָניסטן.

מיט די לעצטע צוויי ריכטונגען האָט זיך מאַקס עריק באַזונדערש באַשעפטיקט. ער האָט געהאַלטן אַז אין די יאָרן 1907—1914 „זעגלט זיך די יידישע ליטעראַטור מיט פולן דאַמף אין די אימפּרעסיאָניסטישע וואַסערן". עס איז די צײַט פון י. ל. פּרצעס „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פון א. ווײַטערס „פאַרטאָג", פון בערגעלסאָנס אולטראַ אימפּרעסיאָניסטישן ראָמאַן „נאָך אַלעמען".

וואָס איז, ווערדליק מאַקס עריקן, געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן אימפּרעסיאָניזם?

א) אָפּנייגונג פונעם פּאַטאָס. „קיין מאָל איז נאָך אַזוי שטיל, אַזוי פּאַרווייגנג־דיק שטיל נישט געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אין די דאָזיקע זיבן יאָר".

ב) דאָס אַבסאָלוטע פעלן פון ווילן. „מען האָט גאַרנישט געוואָלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון דעם דאָזיקן פּעריאָד..."

אַפילו י. ל. פּרץ, האָט געהאַלטן מאַקס עריק, אַפילו ער האָט אויפגע־הערט צו וועלן. אַ באַווייַז וועגן דעם איז דער ערשטער וואַריאַנט פון דער דראַמע „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק". פאַרן חקרן פּרץ, פאַרן דענקער פּרץ, איז דער אימפּרעסיאָניזם געווען אַ שווערע לאַסט. „וואָרעם זייַן לופט — איז פּראָבלעמען־לופט. זייַן אַטמאָספער פאַרהעלטעניש־אַטמאָספער. און דער אימפּרעסיאָניזם אָפּערירט תמיד מיט סיטואַציעס וואָס זענען מלכתחילה פאַרענט־פערט".[5]

די געשיכטע וועגן די פיר וואַריאַנטן פון „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק", איז די געשיכטע וועגן דעם ווי י. ל. פּרץ ראַנגלט זיך מיטן אימפּרעסיאָניזם.

אימפּרעסיאָניסטן זענען, ווערדליק עריקן, געווען שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, דוד איינהאָרן, לייב ניידוס. און אין דער קריטיק — שמואל ניגער. די דאָזיקע שרייַבערס זענען אין תוך אָבער געווען און געבליבן יורשים פונעם קלאַסישן רעאַליזם. און נישט קוקנדיק אויף זייערע גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען האָבן זיי זיך דאָך נישט דערהויבן צו ווערן גרונטלייגערס פון נייַע שיטות אין דער ליטעראַטור. ווי אַ בולטע דוגמא האָט מאַקס עריק אָנגעוויזן אויף שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו. „אָפּאַטאָשו איז אַ רעאַליסט און זייַנע רעאַליסטישע זאַכן האָבן געעפנט אַ נייַע תקופה אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער פּראָזע. ווי אַ ראָמאַנטיקער איז אים אויסגעקומען צו זייַן אַן עפּיגאָנער, אָפּשליסן די תקופה 1910—1914 פון דער ייִדישער ליטעראַטור".[6]

מאַקס עריק האַלט אַז אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט י. ל. פּרץ געשאַפן די אימפּרעסיאָניסטישע קאָנסטרוקציע, דוד בערגעלסאָן — די אימ־פּרעסיאָניסטישע שטימונג און משה קולבאַק — דאָס עקספּרעסיאָניסטישע בילד.

פון אַלע ריכטונגען איז מאַקס עריקן צום נאָענטסטן געווען דער עקספּרע־סיאָניזם. דערצו האָט אַ סך גורם געווען די השפּעה פון דעם בערגסאָניזם. צוויי דענקערס האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דעם אייראָפּעיִשן עקספּרעסיאָ־ניזם אין ערשטן פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט: אַנרי בערגסאָן און... אַלבערט איינשטיין. אויבנאויפיק קאָן דער דאָזיקער שידוך אויסזען אפשר אויסטערליש. עס איז אָבער אַ פאַקט אַז אַנרי בערגסאָנס אינטויציאָניזם אין דערקענען דאָס אַבסאָלוטע און אַלבערט איינשטיינס טעאָריע וועגן קאָסמאָס, וואָס באַווייַזט אַז דער חומר איז נישט, ווי מען האָט ביז דעמאָלט געהאַלטן, אָן נשמה, אָן לעבן, נאָר פאַרקערט, פול מיט ענערגיע, באַוועגונג און דעריבער

מיט לעבן, מיט גײַסט. דאָס אַלץ האָט האַרמאָנירט מיטן וועלטבאַנעם און מיטן וועלטגעפיל פון די עקספּרעסיאָניסטן, וואָס האָבן אין צענטער פון דער קאָסמי־שער אומענדלעכקייט מיט איר אייביק אומאויפהערלעכער שאַפערישקייט אַוועק־געשטעלט דעם מענטשן. „די וועלט — האָט פּראָקלאַמירט דער עקספּרעסיאָניסט פראַנץ ווערפל — הייבט זיך אָן אינעם מענטשן, מיטן מענטשן".

דערמיט האָבן די עקספּרעסיאָניסטן זיך איבערגערופן מיט די הומאַניסטישע טענדענצן פון דעם שפּעטן רענעסאַנס. נאָך בשעתו האָט פּיקאָ דעלאַ מיראַנדאָלאַ געהאַלטן אַז „דער מענטש איז נישט הימליש, אָבער נישט נאָר ערדיש. ער איז נישט שטערבלעך, אָבער נישט אומשטערבלעך".

אפשר לוינט זיך דאָ צו מאַכן אַ קורצע דיגרעסיע וועגן דעם, אַז אין דער עקספּרעסיאָניסטישער ריכטונג פון די פאַרשיידענע ליטעראַטורן אין אייראָפּע, האָבן ייִדן געשפּילט אַ גרויסע און וויכטיקע ראָלע. אין זײַן בוך „דער עקספּרע־סיווער מענטש און די דײַטשע פּאָעזיע פון דער קעגנוואַרט" (1972) האָט דער פאָרשער י. פּ. שנײַדער געשריבן, אַז דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס די ייִדישע מענטאַליטעט איז נאָענט צו דעם מהות פון דער עקספּרעסיאָניסטישער ריכטונג. שווער אָנצונעמען די דאָזיקע הנחה. צי' האָבן די גרויסע מײַסטער פון דער עקספּרעסיאָניסטישער שול אין דער דײַטשער ליטעראַטור: געאָרג טראַקל און געאָרג הײַם, ערנסט סטאַדלער און קאַרל שטערנהײַם אויך געהאַט אַ ייִדישע מענטאַליטעט? און אַחוץ דעם: אין דער נאַציאָנאַל־ייִדישער ליטעראַטור איז דער עקספּרעסיאָניזם אויפגעקומען גראָד ווי אַ ווידערשפּעניקונג צו דער קאָנ־ווענציאָנעלער ייִדישער מענטאַליטעט און דעם אָרטאָדאָקסאַלן ייִדישן אופן פון שרײַבן און טראַכטן.

ווען עס האָבן זיך בײַ אונדז באַוויזן די שרײַבער־עקספּרעסיאָניסטן: אורי־צבי גרינבערג, פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש, וואָס האָבן געלייגט דעם טראָפּ אויפן בילד, אַזוי ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער אינדיווידועלער פאָרשטעלונג פונעם שעפער. די שרײַבערס, וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַראייניקן צוויי עקסטרעמע שטרעמונגען: די גרויסע אַבסטראַקציע און די גרויסע רעאַליטעט — האָט מען באַטראַכט זיי ווי אַ „לעסטער־כאַליאַסטרע" און זייער דיכטונג, ווי די „פאַר־קריפּלטע עסטעטיק",[7] וואָס פאַרפירט דעם מענטשן, „פון גאָט צום טײַוול".[8]

„מיט אַלע פיבערן פון זייער גלידער־געבײַי" זענען גרינבערג, מאַרקיש און ראַוויטש אַרויסגעטראָטן „קעגן דער פאַראומווערדיקונג פון דעם מיט בלוט און מאַרך אויסגעטראָגענעם עקספּרעסיאָניזם". אורי־צבי גרינבערג האָט פּאַטעטיש געמאָלדן אַז דער עקספּרעסיאָניזם דריקט צום שטאַרקסטן אויס די ייִדישע נאַטור, און אַז ייִדן זענען אַן עקספּרעסיאָניסטיש פאָלק אין פולסטן באַטײַט פון דעם דאָזיקן וואָרט (עם האקספרסיוניזמוס במלוא מובן המלה).[9] ער האָט דערקלערט: „דערווײַל זענען מיר נאַקעטע, אויפגעוויקלטע, אַ שווידער־ און

שאַנד־עוואַנגעליע פון סאַמע אַדערן און עצמות פון תוהו־ובוהודיקן דור — — דערפאַר דאָס גרויזאַמע אינעם ליד, דערפאַר דאָס כאַאָטישע אינעם בילד, דער־פאַר דער אויסגעשריי פון בלוט״.[10]

די יידישע עקספּרעסיאָניסטן האָבן נעגירט דעם טעזיס, אַז די קונסט איז אַ ריין עסטעטישער פענאָמען. זיי האָבן געהאַלטן אַז זי האָט אויך אַן עטישע און סאָציאַלע שליחות. אין זייער „אַלאַ וואַנזיניקע דיכטונג״ האָבן זיי אויס־געדריקט די גרויל־געשיכטע פון מלחמה־ רעוואָלוציע־ און פּאָגראָמען דור:

אוּן גרויס איז דער דור און ווילד איז דער דור
אין גרויסן צעפאַל — —
און גרעסער פון פאַל און ווייער פון ווי
איז דער מענטשן־געשריי.[11]

זייערע פאַרשיידענע מאַניפעסטן און פּראָקלאַמאַציעס זענען וויכטיקע היס־טאָרישע דאָקומענטן וועגן דער דעמאָלטיקער שוידערלעכערווירקלעכקייט: „אונדזער מאָס — האָט פּראָקלאַמירט פּרץ מאַרקיש — איז ניט די שיינקייט — נאָר די שוידערלעכקייט. שוידערלעכע ווייגעשרייען פון אָפּגעריסענע לאַווינעס, וואָס טראָגן זיך אין אָפּגרונט — דאָס איז די הפלגהשע שפּראַך אין דעם אָפּגעריסענעם מגדל פון אונדזער מוח — דאָס איז אונדזער דיכטונג״.[12]

מאַקס עריק איז געווען דער ערשטער אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק וואָס האָט באַנומען דעם היסטאָרישן און עסטעטישן באַטייט פון די נייע שטרע־מונגען אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג. און אין זיינע אַרטיקלען באַווייזט ער זיך ווי דער סניגור סיי פון די עקספּרעסיאָניסטן, סיי פון די אינזיכיסטן, וואָס זענען אין דער זעלביקער צייט אויפגעקומען אין ניו־יאָרק.

פּונקט ווי די עקספּרעסיאָניסטן, זענען אויך די אינזיכיסטן נעגירט געוואָרן פון דער קאָנסערוואַטיווער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.[13] אַ באַזונדערן גרימ־צאָרן האָט אַרויסגערופן זייער ערשטער מאַניפעסט: „אינטראָספּעקטיוויזם״, אין וועלכן זיי האָבן פּראָקלאַמירט אַז פאַר זיי עקסיסטירט די וועלט בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי שפּיגלט זיך אָפּ אין זיי, אויף וויפל זי רירט זיי אָן. די ווערט אַן אַקטועלע זאַך בלויז אין זיי און דורך זיי.[14]

שוין אין די ערשטע פּאָעטישע שפּראָצן פון די אינזיכיסטן האָט מאַקס עריק אַרויסגעהערט „מעכטיקע קלאַנגען״. ער האָט געשריבן: „דאָס איז די ריטמיק פונעם נייעם לעבן, וואָס האָט די אַלע נייע פּאָעטן פון זיך אַרויס־געגעבן. — — דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר אינעם ליד פון יידישע דיכטערס דערפילט — אַמעריקע. אַ סימבאָל און אַ צוקונפט פאַר דער אַלטער גוטער אייראָפּע״.[15]

מיט אַ באַזונדערן פּאַטאָס האָט מאַקס עריק פאַרטיידיקט די עקספּרעסיאָ־

ניסטן. פּאַקטיש געהערט ער צו די, וואָס האָבן געשאַפן אַ טעאָרעטישן באַזיס פאַר דער דאָזיקער ריכטונג אין דער ייִדישער פּאָעזיע, אַ ריכטונג וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט רחבותן אין דער ליטעראַטור; רחבות פון אידעען, רחבות פון געדאַנק און רחבות פון בילד. וועגן דעם האָט מיט טעמפּעראַמענט פּראָפּאַגאַנדירט אורי־צבי גרינבערגס „מאַניפעסט צו די קעגנער פון דער נײַער דיכטונג",[16] פּרץ מאַרקישעס פּראָקלאַמאַציע „די עסטעטיק פון קאַמף אין דער מאָדערנער דיכטונג",[17] מלך ראַוויטשעס טעזיסן „די נײַע, די נאַקעטע דיכטונג"[18] און מאַקס עריקס אַנאַליז „די שפּראַך פון ייִדישן עקספּרעסיאָניזם".[19]

אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט מאַקס עריק פאָרמולירט די פּרינציפּן און גרונטשטריכן פון דעם ייִדישן עקספּרעסיאָניסטישן סטיל. „קײַלעכיקייט, מוזי־קאַלישקייט אַלס דאָמינאַנטע", זענען, ווערדליק אים, ניט קיין עקספּרעסיאָניס־טישע שטריכן. להיפּוך, פאַר זיי איז כאַראַקטעריסטיש „שינאה צום קײַלעכיקן, מוזיקאַלישן פּערז". די עקספּרעסיאָניסטן האָבן געהאַט אַ באַזונדערש טיפע סימפּאַטיע צום „קנאַכיקן, שווערן, וואָגיקן וואָרט". זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער דיכטונג אַ סך העברעיִשע ווערטער, וואָס האָבן איר צוגעגעבן היסטאָרישע וואָר און וואָגיקייט. דעם עקספּרעסיאָניזם האָט מאַקס עריק באַט־ראַכט ווי אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער גײַסטיקייט; „אַ בלאַט וואָס איז געשיכטע, וואָס מאַכט געשיכטע. — — פאַר אונדזערע אויגן געשעט דאָס ווונדער פון ווענוס..."

און געשריבן האָט ער דאָס אַלץ אין דער צײַט ווען דער עקספּרעסיאָניסטן־דור האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן אויף דער געשיכטלעכער אַרענע.

הײַנט, אין אַ היסטאָרישער רעטראָספּעקטיוו, ווען מיר האָבן פאַר זיך דעם קינסטלערישן באַרג־אַרויף פון פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש און, אורי־צבי גרינבערג, באַוווּנדערן מיר מאַקס עריקס טיפע אינטויִציע, וואָס האָט עס שוין פאָרויסגעזאָגט גלײַך אין דעם בראשית פון זייער שאַפן.

הערות

1. זאַמלביכער נומ' 8, ניו־יאָרק 1952, זז' 41—54.
2. ייִדישע זאַמלביכער, וואַרשע 1920.
3. מאַקס עריק: קאָנסטרוקציע־סטודיעס, וואַרשע 1924, זז' 60—66.
4. ליטעראַרישע בלעטער נומערן 25, 26, 27, 30, 33, וואַרשע 1924.
5. מאַקס עריק: קאָנסטרוקציע־סטודיעס, וואַרשע 1924, זז' 37—39.
6. מאַקס עריק: „יוסף אַפּאַטאָשוס טריאָלאָגיע", די יודישע וועלט, נומ' 4, ווילנע יולי 1928.

7. הלל צייטלין: „די פאַרקריפּלטע עסטעטיק און דער האַנדל מיט קונסט", מאָמענט, וואַרשע 9.10.1921.
8. ש. ניגער: „פון גאָט צום טײַוול", טאָג, ניו־יאָרק 10טער יוני 1925.
9. אורי־צבי גרינבערג: „כּלפּי תשעים ותשע", עמ' ח, תל־אביב תרפ"ח.
10. אַלבאַטראָס נומ' 1, וואַרשע 1922.
11. אורי־צבי גרינבערג: מעפיסטאָ, לעמבערג 1921, ז' 19.
12. מלך ראַוויטש: „אַ קורצע געשיכטע פון אַ דינאַמישער גרופּע...", פּנקס נומ' 3, ניו־יאָרק 1972, ז' 66.
13. ש. ניגער: „א. וועגן דער אינזיך טעאָריע; ב. טעאָריע און פּראַקטיק." טאָג, ניו־יאָרק 21 און 28 מערץ 1920.
14. געדרוקט אין דער ערשטער קאָלעקטיווער לידער־זאַמלונג „אין זיך", ניו־יאָרק 1920.
15. י. בירנבוים: „דער זשורנאַל „אינזיך"", פּנקס נומ' 2, ניו־יאָרק 1972, ז' 42.
15א. א. לעיעלעס: ליטעראַרישע מעמואַרן, די גאָלדענע קייט 39, 1961, ז' 155.
16. אַלבאַטראָס נומ' 1, וואַרשע 1921.
17. פּרץ מאַרקיש: „די עסטעטיק פון קאַמף אין דער מאָדערנער דיכטונג", רינגען נומ' 10, וואַרשע 1922.
18. מלך ראַוויטש: „די נײַע, די נאַקעטע דיכטונג", אַלבאַטראָס, נומ' 1, וואַרשע 1922, זז' 15—16.
19. אַלבאַטראָס נומ' 2, וואַרשע 1922.

דער געדאַנקען־שלײַפער

שלמה סוסקאָוויטש איז אַ יחיד־במינו אין אונדזער הײַנטיקער קולטור וועלט. אויף פילאָסאָפישע טעמעס האָבן אויך געשריבן אַהרן שטיינבערג, לעאָ פינקעל־שטיין, אַברהם קאַראַלניק, און פון די ראשונים דאַרף דערמאָנט ווערן חיים זשיטלאָווסקי, וואָס האָט אפילו אָנגעשריבן אַ בוך אין צוויי טיילן וועגן דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק. בײַ זיי אַלע איז אָבער פילאָסאָפיע ניט געווען דער עיקר. דער ערשטער און, דאַכט זיך, דער איינציקער בײַ אונדז, וואָס שרײַבט אויף ייִדיש כמעט דורכויס וועגן פילאָסאָפיע איז שלמה סוסקאָוויטש.

חיים זשיטלאָווסקי האָט זײַן בוך „די פילאָסאָפיע" באַטראַכט בלויז ווי אַן אַרײַנפיר צו אַ גרעסער ווערק וועגן די פילאָסאָפישע פּרינציפּן און זייער היסטאָרישן גורל אין פאַרשיידענע צײַטן און בײַ פאַרשיידענע דענקערס. אין דער הקדמה ספקט ער אָבער צי אים וועט זיך אײַנגעבן צו שאַפן דאָס דאָזיקע ווערק. ער האָפט אָבער אַז עס וועלן קומען פאַרשערס וואָס וועלן ממשיך זײַן דעם אָנהייב זײַנעם. און דערבײַ דריקט ער אויס זײַן באַגער: „באַזונדערס גליקלעך און שטאָלץ וואָלטן מיר געווען, ווען דאָס זאָלן זײַן ייִדישע דענקערס, וואָס דריקן אויס זייערע געדאַנקען אין ייִדיש".

שלמה סוסקאָוויטש איז טאַקע דער ווערדיקער יורש פון חיים זשיטלאָווסקי. דאָס איז בולט אין זײַנע גרונטיקע שטודיעס און מאָנאָגראַפיעס, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „דווקא", די דרײַ חדשים־שריפט פאַר דעם פילאָסאָפישן עסיי, וואָס ער רעדאַקטירט זינט 1949. ביז הײַנט זענען שוין אַרויס 83 נומערן: די ערשטע 81 אין בוענאָס־אײַרעס, ווו סוסקאָוויטש לעבט; פון 82־סטן און ווײַטער, ווערט די שריפט אַרויסגעגעבן אין תל־אָביב.

זײַנע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען בויט אונדזער שרײַבער־פילאָסאָף ניט אויף שכלדיקע ספּעקולאַציעס, נאָר אויף שכלדיקע אָבסערוואַציעס און וויסנשאַפ־טלעכע באַווײַזן. אין אַנאַליזירן פילאָסאָפישע פּראָבלעמען איז ער זיך סומך אויף קאָנקרעטע פאַקטן אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פונעם מענטשלעכן געדאַנק. און גערעכט איז געווען מלך ראַוויטש, ווען ער האָט געשריבן אַז

„דווקא״ איז ממש אַן אוניווערסיטעט־קאַטעדרע פון פילאָסאָפיע, „אַ גרינטלעכע אינפאָרמירנדיקע קאַטעדרע״.

דעם הויכפּונקט פון זײַנע פילאָסאָפישע פאָרשונגען האָט ש. סוסקאָוויטש דערגרייכט מיט זײַן בוך „ליכט און שאָטן אין ספּינאָזאָס לעבן און שאַפן און שײַן פון הײַנטיקן וויסן״ (בוענאָס־אײַרעס, 1977), אַ סינטעטיש ווערק, וואָס סובטיליזירט אַ סך פון די גרונטטעזיסן וואָס סוסקאָוויטש האָט פאָרמולירט אין זײַנע פאַרשיידענע אַרבעטן אין משך פון יאָרן. פאַראַן אין דעם בוך ניט בלויז וויסנשאַפטלעכע אַנאַליזן פון ספּינאָזאָס פילאָסאָפישע אידעען, נאָר אויך אַ גרונטיקע שקלא־וטריא וועגן דעם היסטאָרישן גילגול פון ספּינאָזיזם.

ער פאָרשט אין זײַן אַרבעט דעם אויפקום און די אַנטוויקלונג פון ספּינאָזישע אידעען פאַר ספּינאָזאַן, זינט די בראשיתן פון דער פילאָסאָפיע, און זייער מעטאַמאָרפאָזע אין די לעצטע דרײַ הונדערט יאָר נאָך ספּינאָזאַ.

אין ספּינאָזאַ זעט סוסקאָוויטש „דעם נביא פון דער צוקונפט״. אין זײַן עסיי „די השפעה פון פילאָסאָפיע אויפן לעבן״ (דווקא, נומ׳ 63, ז׳ 239) שרײַבט ער: „ספּינאָזאָס פילאָסאָפיע איז אייגנטלעך אַ משיחישע אידעע. דער אידעאַל פון זײַן עטיק, איז די דערלייזונג פון מענטש. זײַן איינציקער געבאָט איז ,דערקען זיך אַליין׳, דערקען די סיבות פון דײַן געפאַלנקייט. דער באַוווסטזײַן פון אָט דער דערקענונג גיט אונדז דאָס געפיל פון אַזאַ פרײַהייט און פרייד, גלײַך מיר וואָלטן זיך דערוווּסט דעם סוד־היצירה, גלײַך מיר וואָלטן געוועז שותפים צו מעשה־בראשית״.

בשעתו האָט הײַנריך הײַנע געשריבן, אַז אַלע פילאָסאָפן פון זײַן צײַט האָבן געזען די וועלט דורך דיברילן וואָס ספּינאָזאַ האָט געשליפן. אַן ענלעכע מחשבה געפינען מיר אויך בײַ ש. סוסקאָוויטש: „אין ספּינאָזאָס וועלט־אַנשויונג איז ניט פאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס די הײַנטיקע וויסנשאַפט זאָל אָפּלייקענען״. די השגות פון דעם מאָדערנעם מענטשן זענען ווײַט אים ניט אין סתירה צו ספּינאָזאָס קאָנצעפּציעס.

ניט געקוקט אויף דער גרויסער פאַרערונג, פאַרזעט ניט דער מחבר ספּינאָזאָס סתירות און שאַטנזײַטן. ער האָט דאָך אין לעצטן סך־הכל איבער־געגעבן דעם מענטש אין די אָרעמס פון דעם פאַטום. אויב „אַלץ איז דעטערמינירט דורך דער נויטווענדיקייט פון דער געטלעכער נאַטור צו עקסיסטירן און צו פּראָדוצירן אַ וועלכן ס׳איז עפעקט אויף אַ וועלכן ס׳איז אופן״, באַטײַט עס דאָך, אַז אויך דעם מענטשנס עקסיסטענץ און זײַנע האַנדלונגען זענען דיקטירט פון אַ פאַרבאָרגענעם כוח; באַטײַט עס דאָך, אַז אַלץ איז פון פאָרויס באַשטימט, אַז אַלץ איז פאַטאַל, און מען מוז זיך אונטערוואָרפן דעם פינצטערן גורל.

צו די שאַטנזײַטן פון ספּינאָזאַ געהער אויך, ווערדליק סוסקאָוויטשן, זײַן גלויבן אין אומשטערבלעכקייט. די מענטשלעכע נשמה, האָט געטענהט ספּינאָזאַ,

„קאָן ניט אַבסאָלוט צעשטערט ווערן מיטן גוף, נאָר עס בלײַבט פון איר עפּעס וואָס איז אייביק" (עטיק 5, פּראָפּאָזיציע 23).

ברוך ספּינאָזאַ קאָן זיך אָבער ניט באַגיין אָן סתּירות. ער איז געווען, למשל, דער שאַרפסטער באַקעמפער פון דעם אַנטראָפּאָמאָרפיזם, און ער אַליין האָט זיך באַנוצט מיט באַגריפן ווי „גאָטס פאַרשטאַנד", „גאָטס ליבע".

אין דעם בוך זענען פאַראַן אָריגינעלע מעדיטאַציעס וועגן ספּינאָזאָס השפּעות אויף גײַסטיקע שטרעמונגען פון אונדזער צײַט. ספּינאָזאָס פאָרמולירונגען וועגן דעם מהות פון זאַכן זענען, למשל, דער יסוד פון איינער פון די אינ־טערעסאַנטסטע פילאָסאָפישע שיטות פון 20־סטן יאָרהונדערט — דער פענאָ־מענאָלאָגיזם, וואָס האַלט אַז די אמתע פאַרשטעלונג וועגן זאַכן באַקומען מיר ניט פון זייער פיזישן אויסזען, נאָר לויט דעם מהות וואָס זיי טראָגן מיט זיך. אויך די עקסיסטענציאַליסטן האָבן אַ סך געירשנט פון ספּינאָזאַ.

אין דעם בוך וועגן דעם היסטאָרישן גילגול פון דעם ספּינאָזיזם, ווי אויך אין אַנדערע פילאָסאָפישע שטודיעס, האָט ש. סוסקאָוויטש מרמז געגען אויף די השפּעות פון ספּינאָזאָס אידעען אויף דער קינסטלערישער ליטעראַטור. און ניט בלויז די שיינע ליטעראַטור, נאָר אויך די פילאָסאָפיע פון דער ליטעראַטור האָט זיך אויספאָרמירט אונטער דער השפּעה פון ספּינאָזאָס אידעען־וועלט, און געגנוג צו דערמאָנען יאָהאַן גאָטפריד הערדער און פּערסי ב. שעלי.

וועדליק אַ טייל פאָרשערס, זענען די בולטסטע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם באַראָק־גײַסט געווען אין דער ליטעראַטור שעקספּיר און אין דער פילאָסאָפיע ספּינאָזאַ. אָט די גאונים זענען אָבער אַ צײַט ווי פאַרגעסן געוואָרן און זענען פון דאָס נײַ אַנטפּלעקט געוואָרן דורך די ראָמאַנטיקערס. אַ דאַנק אויגוסט שלעגעלס איבערזעצונגען, איז שעקספּיר באַקאַנט געוואָרן אין כּמעט אַלע אייראָפּעישע ליטעראַטורן. און לעסינג, הערדער, געטע האָבן באַפרײַט ספּינאָזאַן פון די בילבולים וואָס זענען וועגן אים פאַרשפּרייט געוואָרן. זיי זענען אויך געווען די ערשטע וואָס האָבן אַראָפּגענומען דעם חרם פון זײַן פילאָסאָפיע.

ס'איז באַקאַנט דער סענסאַציאָנעלער שמועס צווישן לעסינג און דעם ספּינאָזאַ־קעגנער פרידריך ה. יאַקאָבי אין וועלכן לעסינג האָט צום ערשטן מאָל דערקלערט: „ניטאָ קיין אַנדערע פילאָסאָפיע ווי די פון ספּינאָזאַ". דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פאַרן רענעסאַנס פון ספּינאָזיזם. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן לײַדנשאַפטלעכע וויכּוחים אַרום ספּינאָזאָס אידעען. ס'זענען אויך פּובליקירט געוואָרן אַ ריי פּראָ־און קאָנטראַ־שריפטן: בעת, למשל, יאַקאָבי האָט אין זײַן בראָשור „איבער ספּינאָזאָס לערע" (1785) זיך באַמיט אויפצווײַזן אַז ספּינאָזאַ איז געווען אָן אַטעיִסט און גאָט־לעסטערער, איז דער ברענפּונקט פון הערדערס פאַרטיידיקונגס־שריפט „גאָט" (1787) געווען דאָס פאַרקערטע, און ווי אַזוי מע דאַרף ריכטיק פאַרשטיין זײַן פּאַנטעיִזם.

אין דער פּאָלעמיק האָט אויך אָנטייל גענומען געטע מיט אַ ספּעציעלן חיבור: „פילאָסאָפישע שטודיעס", וואָס איז אין תוך אַ פּאַטעטישע אָדע צו ספּינאָזאַן און דעם ספּינאָזיזם.

אין זײַן בוך פירט אונדז סוסקאָוויטש אַרײַן אין די לאַבירינטן פון פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע פילאָסאָפישע שולן און שיטות. און ער אַנטפּלעקט זיך אין זיי ניט בלויז ווי אַ געטרײַער אויסטײַטשער און קאָמענטאַטאָר, נאָר אויך ווי אַ זעלבשטענדיקע שעפערישע אינדיווידואַליטעט מיט אַן אייגענעם, פאַרגאַנצטן פילאָסאָפישן וועלטבאַנעם.

ווי אַ געטרײַער תּלמיד פון ספּינאָזאַן, וואָס האָט געקוקט אויף אַלע איינצלנע פּאַסירונגען אין ליכט פון דער אייביקייט (סוב ספּעציאַ עטערניטאַטיס), פאַרשט ש. סוסקאָוויטש אויך אויס די באַזונדערקייטן פון דער ייִדישער מענטאַליטעט אין באַנעמען זאַכן און־געשעענישן אין שײַן פון זייער אומענדלעכקייט און אומבאַגרענעצטקייט. ווערדליק אים, באַנעמען ייִדן דעם באַגריף צײַט ניט היסטאָריש. בײַ ייִדן איז די צײַט אויך מיטאָס־צײַט, אין וועלכער ס'ווערן אָפּגעווישט די גרענעצן צווישן עבר, הווה און עתיד. דער ייִד לעבט איינצײַטיק אין פאַרשיידענע צײַטן און תּקופות.

ער האָט אויך אַ באַזונדערע קאָנצעפּציע וועגן מיטאָס בכלל און וועגן ייִדישן מיטאָס בפרט. ער קוקט אויף דעם מיטאָס ווי אויף אַן אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער נאַטור, פּונקט ווי די שפּראַך. דאָס היסטאָרישע שליחות פון ייִדישן מיטאָס, ווי ער איז געקומען צום אויסדרוק אין ספר בראשית און אין זוהר, באַשטייט אין דעם, וואָס אין אים איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַשאַפן געוואָרן דער באַגריף מענטש ווי די קרוין און תּכלית פון דער וועלט־יצירה.

כּל זמן, ווערט געזאָגט אין זוהר, עס איז נאָך נישט געווען דער צלם אָדם, האָבן די וועלטן פאַר אים נישט געקאָנט האָבן קיין קיום... דער מענטש איז די העכסטע מדרגה און אויך דער עצם און תּוך פון אַלע באַשעפענישן. אַזוי שנעל ווי דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, — איז שוין אַלץ געווען פאַרענדיקט, דער עולם של מטה און דער עולם של מעלה, ווײַל דאָס אַלץ געפינט זיך אין מענטשן; ער נעמט אין זיך אַרײַן אָט די אַלע פאָרמען.

ש. סוסקאָוויטשעס בוך „די צוויי קוואַלן פון מאָראַל" (בוענאָס־איירעס 1963) איז אין אַ באַשטימטער מאָס אַ פּאָלעמיק מיט אַנרי בערגסאָנס הנחות אין זײַן בוך מיטן זעלביקן נאָמען. בײַ בערגסאָן ווערן אין לעצטן סך־הכּל פאַרגליווערט די מאָראַלישע נטיות. ער טיילט אײַן די מאָראַל אין צוויי קאַטעגאָריעס: אַ סטאַטיש געשלאָסענע און אַ דינאַמיש אָפענע; ש. סוסקאָוויטש האַלט אַז ס'איז פאַראַן אַן אייביק איינהייטלעכע מאָראַל, וואָס וואַקסט אַרויס פון ריין הומאַ־ניטאַרישער נויטווענדיקייט, אַ מאָראַל וואָס איז איבער אַלע באַדינגונגען. און

אַט דאָס אַבסאָלוטע געזעץ איז דער קוואַל פון עכטן הומאַניזם און איז ביכולת אויסצולייזן דעם מענטש פון זײַן געפּאַלנקייט. אין זײַן שטודיע „עטישע עקוויוואַלענטן" (1944) לייענען מיר: „זוכן מיר אַ זינען פאַר אונדזער פּלאַץ אין דעם קאָסמאָס, פאַר אונדזער גורל אין דער וועלט, קאָנען מיר אים ניט געפינען אויסער די ראַמען פון דער מאָראַלישער עמפּינדלעכקייט; אויסער די עטישע ווערטן איז ניט מעגלעך קיין אינדיווידועלע אָדער סאָציאַלע עקסיסטענץ".

דערבײַ איז אונדזער פאָרשער ניט גלאַט קיין זײַטיקער אָבסערווירער. ער מאַכט אויך אויספירן וואָס זענען נוגע רעאַל־היסטאָרישע און געזעלשאַפטלעכע געשעענישן. שרײַבנדיק וועגן דיאַלעקטיק, אַ מעטאָד מיט וועלכן ס'האָבן זיך באַנוצט ניט בלויז פילאָסאָפן, נאָר אויך אַלערליי פּאָליטישע אידעאָלאָגן, פון רעכטס און פון לינקס, קומט ער צום אויספיר, אַז דער דיאַלעקטישער מעטאָד איז געוואָרן דער גרעסטער שווינדל און פאַרברעכן וואָס די פילאָסאָפיע איז באַגאַנגען: „צום אומגליק פון דער מענטשהייט, זענען גראָד אַט די אידעען ניט געבליבן בלויז אין דער טעאָריע, נאָר מען האָט זיי אָנגעווענדט אויפן מענטשן און אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ס'איז גאָר ניט פאַראַן אַזאַ פאַרברעכן וואָס מע זאָל אים דיאַלעקטיש ניט באַרעכטיקן".

די היסטאָרישע קאַטאַקליזמען צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָבן באַשטעטיקט סוסקאָוויטשעס דיאַגנאָז: האָט דען אָסוואַלד שפּענגלערס דיאַלעקטישער אידעאַליזם ניט געשאַפן די טעאָרעטישע באַזיס פאַר דער היטלעריסטישער פּראַקטיק אין פאַרטיליקן די אונטערגייענדיקע מערב־קולטור, און קודם אירע ייִדישע גײַסטיקע מקורים? און צי האָט דען דער סטאַליניזם און זײַן מערדערישע פּראַקטיק זיך ניט סומך געווען אויף די אידעען פונעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם?

אין אָפּשאַצן די ליטעראַטור רופט זיך סוסקאָוויטש איבער מיט די ראָמאַנטיקערס, וואָס האָבן די פילאָסאָפיע אַרײַנגערעכנט אין דער ספערע פון דער קונסט; געווען צווישן זיי אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט די קונסט העכער פון דער פילאָסאָפיע. ווען מען האָט סוסקאָוויטשן קריטיקירט וואָס אויך ער שטעלט אַוועק די קונסט אויף איין אָרט מיט דער פילאָסאָפיע האָט ער געענטפערט: „איך ווייס ניט מיט וואָס איז די קונסט חשובער... און מיט וואָס ווערט די פילאָסאָפיע דערנידעריקט, ווען מען רעכנט זי צו צו דער ספערע פון קונסט" (דווקא 29, ז' 349). איז טאַקע שלמה סוסקאָוויטש בײַ אונדז דער איינציקער וואָס אַנאַליזירט קינסטלערישע ליטעראַטור פון אַ פילאָסאָפישן אַספּעקט. ווי אַ מוסטער קאָן דינען זײַן פאַרטיפטער עסיי „די מעטאַפיזישע אידעען בײַ י. ל. פּרץ" (דווקא, 8, ז' 385). ווערדליק אים איז י. ל. פּרץ מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט מקדים געווען דעם עקסיסטענציאַליזם פון מאַרטין הײַדעגער און זשאַן־פּאָל סאַרטר.

דאָס מעטאַפיזישע בײַ י. ל. פּרץ באַשטייט, ווערדליק סוסקאָוויטשן, ניט

אין אויפדעקן די פּסיכאָלאָגיע פון זײַנע העלדן, נאָר אין דעם וואָס ער האָט אַנטפּלעקט דעם גורל פון יידישן מענטש וואָס טראָגט אויף זיך דעם עול פון פאַרשוווּנדענע און קומענדיקע דורות און אויף וועמען עס ליגט דאָס אַחריות צו זײַן דער גאָלדענער רינג, וואָס האַלט זיי געבונדן.

אין דער לעצטער צײַט שרײַבט שלמה סוסקאָוויטש ווינציק וועגן ליטעראַטור. דאָס צוטיילן אים דעם איציק מאַנגער־פּרײַז וועט אפשר גורם זײַן ער זאָל אויף ס׳נײַ באַרײַכערן אונדזער ליטעראַטור־וויסנשאַפט מיט זײַנע אָריגינעלע מעדיטאַציעס וועגן דער פילאָסאָפיע פון ליטעראַטור בכלל און פון דער יידישער ליטעראַטור בפרט.

עסטעטישער פּאַטאָס און היסטאָרישע פּינקטלעכקייט

עסטעטישער פּאַטאָס און היסטאָרישע פּינקטלעכקייט זענען די בולטע שטריכן פון חיים בעז בוך „אויף די וועגן פון דער ייִדישער ליטעראַטור". אין די אַנאַליזן און אויספירן וועגן דעם שאַפן פון פאַרשיידענע שרײַבערס איז ער זיך סומך ניט בלויז אויף די ווערק גופא, נאָר אויך אויף זעלטענע אַרכיוו־מאַטעריאַלן, בריוו, זכרונות, טאָגביכער וכדומה.

בײַם פאָרשן די שײַכותן צווישן דעם שאַפער און זײַנע ווערק, פאַרזעט ער ניט דעם היסטאָרישן צוגאַנג וועגן המשכדיקייט און דיאַלעקטיק פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג. ער זוכט ניט בלויז ריין עסטעטישע ווערטן, נאָר אויך „אַ גוט וואָרט וועגן בידנעם מענטש". ער האַלט אַז בעת די שרײַבערס און דענקערס פונעם רענעסאַנס און פון דער אויפקלער־באַוועגונג האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע פאָרשטעלונג וועגן מענטש, איז אין דער נײַער צײַט פאָרגעקומען אַן איבערבראָך אין באַנעמען דעם מהות פון מענטש. דער פּראָמעטעיִשער מענטש ווערט פאַרלייקנט; ס׳זענען געשאַפן געוואָרן קינסטלערישע ווערק, וואָס זענען ממש ענציקלאָפּעדיעס פון מענטשלעכער רישעות (דאָסטאָיעווסקי, סאַרטער, קאַמי). און דאָס איז ניט מחמת יצר לב האדם רע מנעוריו, נאָר אַ פּועל־יוצא פון דער אָפּגעפרעמדטקייט צווישן מענטשן, אין רעזולטאַט פון די עטישע און סאָציאַלע נאָרמעס אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

חיים בעז באַטראַכט אין זײַנע אַרבעטן פאַרשידענע ריכטונגען און סטילן אין דער מאָדערנער ליטעראַטור און ווײַזט אַרויס אַ באַזונדערע סימפּאַטיע צו די סימבאָליסטן. מער פון אַלע האָבן, ווערדליק חיים בעז, די סימבאָליסטן צענומען די גרענעצן פון דער רעאַליאַ און זיך דערהויבן צו די סודותדיקע ספערן פון יענער זײַט צײַט און רוים.

אין זײַנע שטודיעס ברענגט דער מחבר אַנאַלאָגיעס פון דער וועלט־ליטעראַטור וועגן באַניצן זיך מיט „אידעאַלע מאַסקעס", דורך וועלכע דער קינסטלער דריקט אויס זײַנע אייגענע עמאָציעס. אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן אַ רײַכע גאַלעריע פון מאַסקע־געשטאַלטן,

ווו ס'איז פֿאַראַן די היסטאָרישע לופֿט, וואָס קומט דורך פֿאַרהוילענע קאַנאַלן און פֿאַראייניקט מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע דורות און צײַטן. דאָס איז חל אויף אַזעלכע געשטאַלטן ווי דער מהר״ל, ווי אַבעלאַר און העלאָיז (בײַ ה. לייוויק), נחמן בראַצלאַווער (בײַ יעקב גלאַטשטיין), ספּינאָזע (בײַ מלך ראַוויטש), וועלוול זבאַרזשער (בײַ איציק מאַנגער).

אינטערעסאַנט זענען די באַרירפּונקטן אויף וועלכע חיים בעז ווײַזט אָן צווישן ה. לייוויק און רײַנער מאַריאַ רילקע. ביידע פּאָעטן זענען אַרײַנגעדרונגען אין די פּחדים פֿון לעבן, האָבן געשילדערט דעם צער פֿון די לײַדנדיקע און געזוכט פֿאַר זיי אַ תּיקון. בײַ ביידע געפֿינען מיר ענלעכע מאָטיוון און טעמעס.

איינע פֿון די גרונטפּראָבלעמען וואָס אינטערעסירט דעם פֿאָרשער חיים בעז, איז די פּראָבלעם וועגן די שײַכותן צווישן טראַדיציע און דעם מאָדערנעם עלעמענט אין קינסטלערישן שאַפֿן. אין זײַנע אויספֿירן רופֿט ער זיך איבער מיט דעם אָריגינעלן ייִדיש־אַמעריקאַנישן דענקער לייאָנעל טרילינג: „יעדע ליטעראַטור איז היסטאָריש אין דעם זינען, וואָס זי איז על־פּי נויט קלאָר וועגן איר אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט. אויב דאָס איז ניט אַלע מאָל אַ באַוווסט־זיניקער פּראָצעס, איז דאָס באַוווסטזײַן פֿון טראַדיציע דאָך אַלע מאָל פֿאַראַן.״ די שאַפֿונג פֿון יעדן דיכטער ווירקט שטאַרק, ווײַל זי איז אין עצם פֿאַרבונדן מיט די שאַפֿונגען פֿון פֿריִערדיקע דורות. זי איז הן אַ המשך און הן אַן אָפּנייג, דאָס וואָס מיר רופֿן אָן אָריגינעלקייט איז בעיקר אַ ספּעציעלע און אָריגינעלע שײַכות צו דער טראַדיציע.

דער צײַטיקסטער בוים אין דער ייִדישער יצירה, האַלט חיים בעז, איז די פּאָעזיע. אין איר קומט צום אויסדרוק דאָס געמיט פֿונעם הײַנטיקן ייִדישן מענטש, זײַנע ליידן און פֿריידן.

גיט ער טאַקע אָפּ דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן בוך דער פּאָעזיע און די פּאָעטן. ער פֿאָרשט ניט בלויז דעם סטיל, נאָר אויך די טעמעס און זשאַנערן. אין זײַנע באַטראַכטונגען וועגן באַזונדערן איכות פֿון דער ייִדישער באַלאַדע, אַנאַליזירט ער אָט דעם זשאַנער בײַ ה. לייוויק, יעקב גלאַטשטיין, חיים גראַדע, אַברהם סוצקעווער און קומט צום אויספֿיר אַז די ייִדישע באַלאַדע — דיכטערס האָבן איבערגעריסן די אָנגענומענע פֿאָרמעלע סימנים און אויספֿאָרמירט די באַלאַדע לויט ייִדיש־מאָראַלישע השגות. פֿאַר דער ייִדישער באַלאַדע איז כאַראַקטעריסטיש דער זיווג פֿון קאָנטראַסטן: ליכט און שאָטן, לעבן און טויט, שטראָף און חסד.

אין דער טראַדיציאָנעלער באַלאַדע פֿון דער וועלט־ליטעראַטור זענען ס'רוב פֿאַראַן העלדן און געשעענישן פֿון ווײַטן עבר. דער דערציילער איז אַ מין קאַלטער און אָביעקטיווער באַטראַכטער, וואָס געפֿינט זיך אין גאַנצן מחוץ די דראַמאַטישע האַנדלונגען. אין דער ייִדישער באַלאַדע אַנטפּלעקן זיך געשטאַלטן

און געשעענישן פון דער היַינטיקייט, צו וועלכע דער פּאָעט האָט אַ נאָענטע און אינטימע שייַכות. בפרט אין די באַלאַדן אויף דער חורבן־טעמע, ווו ס'ווערט אויסגעזונגען דער גיהנום פון דער צייַט. ניט דער שוידער פון טויט, נייַערט די הייליקייט פון לעבן האָבן אין זינגען די יידישע באַלאַדן־זינגערס. זיי ברענגען אַ טרייסט אין אַ וועלט פון גרויל און אומקום, ווען דער פשוטער מענטשלעכער זינען ווערט פאַרוואַנדלט אין משוגעת.

דער קאַפּיטל וועגן פיר יידישע דראַמעס איז באַלערנדיק און אינפאָרמאַטיוו. וועגן מירעלע אפרת ווערט געבראַכט אַ סך־הכּל וואָס וועגן דער דראַמע איז געשריבן געוואָרן, בעיקר נח פּרילוצקיס באַגייַסטערטן עסיי.

אַנאַליזירנדיק דעם דיבוק, ווייַזט אָן דער קריטיקער וואָס ש. אַנ־סקי האָט געלערנט בייַ די אייראָפּעיִשע סימבאָליסטן. ווייַטער שטעלט ער אויף די אידעען־וועלט פון ה. לייוויקס רעאַליסטישער דראַמע שמאַטעס. אין דער אַרבעט וועגן די גאָלדענע קייט, באַשרייַבט ער דעם גייַסטיקן באַדן אויף וועלכן עס האָבן זיך אויסגעכאַוועט די טיפן פון י. ל. פּרץ. ער שטעלט זיך ברייטער אָפּ אויף דער געשטאַלט פון דעם גבאי ראשון ר׳ ישראל, וואָס איז, ווענדליק אים, אַ רעפּרעזענטאַנט פון דעם קאָלעקטיוון יידישן באַגער צו לעבן.

אויב די עטיודן וועגן אַברהם ליעסין, מלך ראַוויטש, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס, אליעזר גרינבערג האָט חיים בעז געצייכנט מיט קורצע פּעדערשטריכן, זענען זייַנע פּאָרטרעטן וועגן די דרייַ ווילנער — חיים גראַדע, אַברהם סוצקעווער און משה קולבאַק — היקפּדיק און פּילפּאַרביק. דער קריטיקער שטרייַכט אונטער דעם ראָמאַנטיזם אין קולבאַקס שאַפן און אַנאַליזירט אויספירלעך זייַן פּאָעמע דיסנער טשייַלד האַראָלד, אין פאַרגלייַך מיט בייַראָנס טשייַלד האַראָלד. בעת אין בייַראָנס פּאָעטישער פּאָעמע ווערט געאורטיילט דאָס בייזע אין דער אייראָפּעיִשער רעאַליטעט פון אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט, איז קולבאַקס פּאָעמע דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן פאָרויסגעפיל פון דער קאַטאַסטראָפע אין דער ערשטער העלפט פון 20־סטן יאָרהונדערט. דעמאָלט האָט קולבאַק ניט פאָרויס־געפילט, אַז ער אַליין וועט פאַלן אַ קרבן אין דער דאָזיקער מהומה. וועגן קולבאַקס טראַגישן גורל אין ראַטן־פאַרבנד ברענגט חיים בעז ה. לייוויקס עלעגיע: „דער מאַן פון ליד".

גאָר באַריכות ברענגט דער מחבר אַרויס מחשבות וועגן חיים גראַדעס פינף פּאָעטישע ווערק אין וועלכע ער האָט מיט קינסטלערישער וויזיע און היסטאָרישן באַוווסטזייַן פאַראייביקט דעם יידישן גורל אין געראַנגל מיט די דראַמאַטישע קאַטאַקליזמען. גראַדעס פּאָעזיע איז אַ פאַראייביקונג פון בילד און עמאָציע, חזיון און מחשבה.

פון אַ גרויסן באַטייַט זענען חיים גראַדעס בריוו צו ה. לייוויק און יוסף אָפּאַטאָשו, פון וועלכע בעז ברענגט גרעסערע פראַגמענטן. אין זיי אַנטפּלעקן זיך

גראַדעס אידעען־וועלט, זיין גלויבן און זיינע ספקות. ווערדליק זיי קאָן מען אויך בעסער פאַרשטיין די קוואַלן פון זײַן אינספּיראַציע און די ליטעראַרישע ריכטונגען וואָס האָבן משפיע געווען אויף זײַן קינסטלערישער אַליין־באַשטימונג.

ווײַטער מאָלט חיים בעז די געשטאַלט פון אַברהם סוצקעווער אין דער מאָדערנער פּאָעזיע: „זײַן פּאָעזיע איז אַזוי ווי אויף דער גרענעץ פון סוף און אין־סוף; פון פאַרהוילענער שווײַגעניש און פון בענקעניש וואָס שײַנט פּלוצלינג אַרויס דורך די שורות". זײַן פּאָעזיע איז אויך געבענטשט מיט פאָלקישער אַחריות, מיט אַ באַגער צו דערקענען דעם זינען פון זײַן.דער קריטיקער שטעלט זיך אָפּ אויף סוצקעווערס מערקווערדיקע וואָרט־זיווגים, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך אַ גײַסטיקע ספּערע מחוץ דער רעם פון געוויינטלעכער שפּראַך. כּדי דאָס אַלץ משיג צו זײַן, דאַרף מען קאָנען אויך דערהערן דאָס שווײַגן וואָס דער פּאָעט וועבט אַרײַן צווישן די ווערטער, מחמת דער צאַפּל פון דעם דאָזיקן שווײַגן פירט צום סוד פונעם בילד און זײַנע שײַכותן. חורבן, גאולה און אמונה — זענען דער דערקען צייכן פון אונדזער דראַמאַטישער תּקופה און דאָס איז, אין לעצטן סך־הכּל, אויך דער סימן־מובהק פון סוצקעווערס יצירה.

פאַראַן אויך אינעם רײַכן ספר צוויי עסייען וועגן יוסף אָפּאַטאָשו און יצחק באַשעוויס. חיים בעז מערקט אָן שטריכן, וואָס מ'האָט זיך אויף זיי ביז איצט ווייניק אָפּגעשטעלט. בעז באַטראַכט אָפּאַטאָשוס „אין פוילישע וועלדער" אויפן הינטערגרונט פון די פּעסימיסטישע דאָקטרינעס אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. אין אָפּאַטאָשוס ראָמאַן איז דער טרעגער פון די דאָזיקע שטימונגען דער קאָצקער, וואָס האָט יאָרן זיך אָפּגעזונדערט פון מענטשלעכער רישעות און תּאווה. דער אידעיִשער חוט־השדרה פון דעם ווערק איז אָבער אַ הומאַניסטישער.

די צעשפּאָלטנקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור איז אויך איינע פון די גרונט־טעמעס אין דעם שאַפן פון יצחק באַשעוויס. זײַנע ווערק זענען אַ מין „פּעסימיזם פון פּראָטעסט' קעגן קאָנווענציאָנעלע מידות און טרוקענעם ראַציאָנאַליזם. דער קריטיקער אָקצענטירט אויך, אַז באַשעוויסעס ווערק „פאַרמאָגן אַ מאָראַלישן צוועק און אַ מוסר".

אין אַ זײַט פון ריין ליטעראַרישע פּראָבלעמען געפינט זיך דער עסיי „ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און די פּראָבלעם ,ייִד און מענטש'". זשיטלאָווסקי ווערט באַצייכנט ווי דער גרויסער ייִד, דער אומרויִקער גײַסט פון אונדזער יאָרהונדערט, „וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם וועג פון אַנטיטעזע צו סינטעזע, דאָס הייסט פון פאַרלייקענונג צו באַיאָונג פון ייִדישן לעבן". ער האָט הויך געהאַלטן דעם ווערט פון אידעען און געגלייבט אַז ס'איז פאַראַן אַן איינהייטלעכע אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור, אַז אירע אידעען זענען גילטיק פאַר אַלע פעלקער און פאַר אַלע צײַטן. אַ סך פון זײַנע פאָרמולירונגען —

טענהט אָבער דער מחבר — געהערן צו דעם אויפקלערערישן קאָסמאָפּאָליטיזם פון סוף 19־טן יאָרהונדערט. זיי זענען געווען מער אויסגערעכנט פאַר דעם אַמאָליקן יידישן קיבוץ פון מיזרח־אייראָפּע, ווי פאַר די באַדינגונגען פון הײַנטיקן יידישן לעבן אין אַמעריקע.

קיין באַזונדערע אַרבעט וועגן שמואל ניגער איז ניט פאַראַן אין בוך. זײַן געשטאַלט לעבט אָבער צווישן די שורות. אין די קאַפּיטלען וועגן ניגערס בריוו איבערשרײַב מיט ה. לייוויק און אַהרן צייטלין איז פאַראַן אַ שפע מאָמענטן און שטריכן צו דערקענען די דרײַ באַדײַטנדיקע שרײַבערס און דענקערס. חיים בעז אַנטפּלעקט פאַר אונדז, וואָס אין לעבן און אין דער ליטעראַטור פאַראייניקט זיי און וואָס טיילט זיי פונאַנדער. און פונאַנדערגעגאַנגען זענען זיי זיך אין פאַרשידענע גרונט פּראָבלעמען. ש. ניגער האָט געהאַט אַן אָפּטימיסטישן צוגאַנג צום יידישן לעבן, בעת ה. לייוויק האָט אין אים געזען מער טראַגיזם.

אויפן סמך פון די בריוו בויט אויס דער מחבר די שטאַפּלען פון שמואל ניגערס אַרויפשטײַגן אויפן לייטער פון דער קריטיק און שאַפט דעם קלימאַט בײַם אויפשטעלן זײַנע מאָנומענטאַלע קריטישע פאַרשונגען. מיט וויסן און געוויסן פאַרמולירט ער אויך אייניקע פון שמואל ניגערס עטישע און עסטעטישע פּרינציפּן.

חיים בעז איז אַ געטרײַער און פלײַסיקער יורש פון דעם נוסח אין דער ליטעראַטורפאָרשונג וואָס געבראַכט האָט אים שמואל ניגער. זײַנע עסטעטישע אידעען און עטישע פּרינציפּן זענען פאַר חיים בעז געווען דער עמוד־האש, ווען ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער בקי און חריף

...און אָנהייבן וועלן מיר מיטן סוף, מיטן טראַגישן סוף פון דעם גרויסן בקי און חריף אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי ייִדן — ד"ר ישראל צינבערג, ווי ס'האָט אונדז אין אַ נאַכט פון השתפכות־הנפש דערציילט הלל אַלעקסאַנדראָוו, דער לעצטער היסטאָריקער פון די רוסישע ייִדן. וואָס ווייטער די צייט האָט זיך אוועקגערוקט פון יענער נאַכט, האָבן מיר זיך געהאַלטן אין איין פרעגן: צי טאַקע אַזוי האָט הלל דערציילט? אָבער ווען מיר האָבן ענלעכס געהערט פון דעם אַלטן פועלי־ציון טוער, פון דעם אסיר־ציון בנימין מאַכלין, האָבן מיר געפּועלט ביי זיך עס איבערצוגעבן ווי ס'האָט זיך פאַרהיט אין זיכרון.

מיט יאָרן פריִער, פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז הלל אַלעקסאַנדראָוו געווען י. צינבערגס אַ תלמיד אין דער פעטערבורגער הויכשול פאַר אָריענטאַלישע שטודיעס פון באַראָן גינזבורג. נאָך דער רעוואָלוציע, אין דער סאָוועטישער צייט, האָט ער געאַרבעט אין דעם ייִדישן סעקטאָר פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין מינסק; שפּעטער איז ער געווען וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר אין דעם אינסטיטוט פאַר געשיכטע ביי דער אַלפאַרבאַנדישער אַקאַדעמיע אין לענינגראַד. און דערנאָך, יאָרן־לאַנג, אַן אַרעסטאַנט אין צוואַנגלאַגערן.

אין האַרבסט 1938 האָבן די דאָקטוירים פון לאַגער אים באַפרייט פון קאַטאָרגע אַרבעט. מע האָט אים אוועקגעזעצט רעגיסטרירן די ,עטאַפּן' פון אַרעסטאַנטן וואָס מ'האָט געבראַכט פון אַלע עקן רוסלאַנד. די ,עטאַפּן' האָט מען דער עיקר געבראַכט ביי נאַכט. ניט־דערשלאָפן, אַ הונגעריקער, איז אַלעקסאַנדראָוו לאַנגע חדשים געזעסן אין אַ ביידל און געטאָן זיין אַרבעט. סוף דעצעמבער 1938 האָט מען געבראַכט אַ נייעם ,עטאַפּ' אַרעסטאַנטן. דער קאָנוווי האָט זיך געאיילט. מיט נאַגייקעס פון דראָט האָט ער געטריבן די אַרעסטאַנטן, זיי זאָלן לויפנדיק אַריינשרייען זייערע נעמען אין דעם פענצטערל פון ביידל און אַלעקסאַנדראָוו האָט זיי בחפזון באַדאַרפט פאַרשרייבן. פלוצעם איז אים די פען פון האַנט אַרויסגעפאַלן: איינער פון די אַרעסטאַנטן האָט מיט אַ קול ווי פון יענער־וועלט, קוים־קוים זיין נאָמען אַרויסגעמורמלט: סערגיי לאַזאַרעוויטש צינבערג!

די בליקן פוןביידע היסטאָריקערס האָבן זיך באַגעגנט. זיי האָבן זיך דער־

קענט. דער קאָנוווי איַילט, טריַיבט מיט די דראָטענע נאַגיַיקעס און באַגלייט זיַין רישעות מיט ניבול־פּה און קללות. צינבערג רירט זיך ניט פון אָרט: הלל, הלל — מורמלט ער — ווערסט אפשר זוכה זיַין איבערלעבן דעם גיהנום, זע מע זאָל וויסן וועגן דעם. מע טאָר עס ניט פאַרגעסן...

צינבערג האָט ניט באַוויזן אַרויסענדיקן זיַינע ווערטער. דער קאָנוווי האָט אים אַריַינגעשליַידערט אין דער תּהומיקער חשכות פון לאַגער.

צו מאָרגנס האָט אַלעקסאַנדראָוו זיך אָוועקגעלאָזט זוכן צינבערגן. ער האָט אים אָבער ניט געפונען. אין דער זעלביקער נאַכט האָט מען אים ערגעץ פאַרשלעפּט, ווו ער האָט אין אַ קורצער ציַיט אַרום אויסגעהויכט זיַין פאַרפּיַיניקטע נשמה (דעם 26סטן דעצעמבער 1938).

מיטן חלף אויפן האַלדז האָט צינבערג געטראַכט וועגן גורל פונעם אַרכיוו, וועגן די ייִדישע קולטור־אוצרות, וואָס ער האָט יאָרן געזאַמלט און געהיט. וועגן דעם האָט אויך דערציילט בנימין מאַכלין אין זיַינע זכרונות: „אין איינעם פון די סאָוועטישע לאַגערן האָט אַלעקסאַנדראָוו בלויז אויף געציילטע מינוטן באַגעגנט ישׂראל צינבערגן, וועלכן מע האָט געפירט מיטן עטאַפּ. צינבערג האָט מיט ווייטיק אויסגערעדט עטלעכע ווערטער וועגן זיַין איבערגעלאָזענער אַרבעט" [בנימין מאַכלין: „מיט הלל אלעקסאַנדראָוו אין לענינגראַד", ביַי זיך 5, ז' 100 תל אביב 1977].

ס'דאַרף ערשט קומען דער קינסטלער, וואָס זאָל מאָלן דעם שטומען דיאַלאָג פון די צוויי ייִדישע היסטאָריקערס אין אַ קאַלטער, פינצטערער סיבירער נאַכט, אונטערן געקנאַל פון דער ביַיטש אין די הענט פון אַ סאָוועטישן קאָנוווי. עס איז אָבער סימבאָליש, וואָס צינבערגס לעצטע ווערטער רופן זיך איבער מיט די ווערטער פון דעם היסטאָריקער מאַרטירער שמעון דובנאָוו, ערב די ברווינע בעסטיע האָט דערשטיקט זיַין קול: „מענטשן פאַרגעסט ניט, מענטשן פאַרשריַיבט!"

פיזיש האָבן די סאָוועטן אומגעבראַכט צינבערגן, זיי זענען אָבער ניט בכח געווען צו פאַרטיליקן זיַין וואָרט, זיַין גײַסט; ער לעבט אין זכרון פון פאָלק, אין דעם באַוווסטזיַין פון דער ליטעראַטור — פאָרשונג אין ביידע לשונות — אין ייִדיש און העברעיִש. זיַין געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביַי ייִדן, איז דערשינען מחוץ די גרענעצן פון סאָוועטרוסלאַנד אין דריַי אויפלאַגעס (פאַר דער מלחמה אין ווילנע און נאָך דער מלחמה אין ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס). דאָס ווערק איז אויך דערשינען אין העברעיִש (אין די יאָרן 1955 — 1960, 1971) אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון ד. כּנעני און מיט באַמערקונגען און הוספות פון פאַרשיידענע ישׂראל פאָרשער. און אין אַמעריקע, איז ביַים אוניווערסיטעט פון קליוולאַנד געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט אַרויסצוגעבן אין ענגליש צינבערגס ווערק אין צוועלף בענד.

נאָכן דערשײַנען פון די ערשטע פינף ביכער (1972—1974) אין דער איבער־זעצונג פון ד״ר בערנאַרד מאַכטין, זענען זיי פּרעמירט געוואָרן פאַרן הויכן ניוואָ פון זייער קינסטלערישער אויסשטאַטונג.

דער באַזונדערער אינטערעס צו צינבערגס ווערק קומט דערפון, וואָס עס וואַקסט אַריבער די ראַם פון בלויז שײנע ליטעראַטור. י. צינבערג שילדערט אין זיי כּמעט אַלע סוגים און געביטן אין וועלכע דער ייִדישער אופן דענקען איז געקומען צום אויסדרוק; אין דער פילאָסאָפיע, ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער, פּרעסע און פאָלקלאָר. זײַנע ווערק זענען ווײניקער היסטאָריאָסאָפיע און מער היסטאָריאָגראַפיע. י. צינבערג באַשעפטיקט זיך ניט מיטן פּאַרוואָס עס זענען בײַ ייִדן אַנטשטאַנען די אָדער יענע שיטה אין דער פילאָסאָפיע, אין דער ליטעראַטור; אויך ניט פאַרוואָס זי האָט זיך געשטאַלטיקט אַזוי און ניט אַנדערש. י. צינבערג האָט געפאָרשט וואָס עס איז אין משך פון דורות געשאַפן געוואָרן פון ייִדן וועגן ייִדן אין די פאַרשיידענע שפּראַכן פון זייערע פאַר־שיידענע גלות׳ן. ער ברענגט אַרויס די פאַרבינדונגען צווישן די יצירות פון פאַרשיידענע צײַטן און קולטור־סביבות, אַנאַליזירט זייערע אינערלעכע שײַכותן און צייכנט אָן דעם־ מאַניסטישן גאַנג און געשטאַלט פון דעם ייִדישן גײַסט אין דער וועלט־געשיכטע.

י. צינבערג האָט אָנגעמערקט צוויי שיטות אין דער געשטאַלטיקונג פון דער ייִדישער גײַסטיקייט, פון יהדות; יהדות הרגש און יהדות השכל. די דעמאָקראַטישע רעליגיע פון געפיל און דער גײַסטיקער אַריסטאָקראַטיזם, אָדער ווי צינבערג רופט זי אויך אָן דער טרוקענער ראַציאָנאַליזם. די צוקונפט פון דער ייִדישער יצירה און מחשבה באַשטייט לויט צינבערגן אין אַ סינטעז צווישן די צוויי שיטות, ווען די רעליגיע פון הארצן „מיט איר קולט פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט״ וועט זיך פאַראייניקן „מיט דעם ליכטיקן שײַן פון אינטעלעקט, אמת און מענטשלעכע עולם־הזה יושר״. (י. צינבערג: קולטור־היסטאָרישע שטודיעס, ניו־יאָרק 1949, ז׳ 85).

זײַן „געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן״ הייבט י. צינבערג אָן פון דעם היסטאָרישן פּעריאָד ווען די העגעמאָניע פון דער ייִדישער קולטור האָט זיך אַריבערגעפּעקלט פון נאָענטן מזרח און צפון אַפריקע קיין אייראָפּע. און הגם די ייִדיש־אייראָפּעיִשע קולטור, איז אַ המשך פון דער ערשטער מיזרחדיקער קולטור, איז צווישןביידע קולטור־ספערן פאַראַן וועזנטלעכע אַנדערשקייטן. איינע פון די מערקווערדיקע אונטערשיידן באַשטייט אין דעם, וואָס פאַר דעם אָריענטאַלישן קולטור־מעדיום איז כאַראַקטעריסטיש קאָלעקטיווע און אַנאָנימע שאַפונגען: תּנ״ך, משנה, תּלמוד, מדרש אד״ג. אַנדערש געשעעט אין דעם צווייטן גײַסטיקן מעדיום, אין דעם אייראָפּעיִשן, ווען אויף דער היסטאָרישער אַרענע דערשײַנט די אינדיווידועלע שעפערישע פּערזענלעכקייט: דער רמב״ם

און יהודה הלוי, קרשקש און דילמדיגאָ, דער ווילנער גאון און דער בעש״ט, אחד העם און י. ל. פּרץ, מענדעלע און ביאַליק.

דער אייראָפּעיִשער קולטור־מעדיום האָט גורם אַן אַנדערן גאַנג אין דעם כאַראַקטער פון ייִדישן שאַפן ווען „דער יחיד האָט גובר דעם קיבוץ, ווען די ליטעראַטור פון ייִדישן פאָלק האָט אויפגעהערט זײַן אַנאָנים, אָן אייגענע נעמען, האָט אויפגעהערט צו טראָגן דעם אויסשליסלעכן שטעמפּל פון כּלל. ניט דער קיבוץ, נאָר דער יחיד, דער דיכטער, דער דענקער, דער פאָרשער, וואָס שטייט איבער דעם קיבוץ, שאַפט אויף זײַן אייגענעם חשבון, זאַמלט אונטער זײַן אייגענעם נאָמען נאַציאָנעלע אוצרות״ (י. צינבערג: די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, ערשטער באַנד, ווילנע 1929, ז׳ 24).

אויפן פאָן פון די אינדיווידועלע יצירות מאָלט י. צינבערג דעם איינהייט־לעכן גלגול פון ייִדישן גײַסט, וואָס גיט זיך איבער דורך פאַרהוילענע קאַנאַלן מדור לדור און געשטאַלטיקט זיך אין אַלערליי שפּראַכן בכל אתר ואתר.

וואָס איז אייגנטלעך די צענטראַלע אַקס אַרום וועלכער עס קרײַזן זיך די טעמעס און פּראָבלעמען פון י. צינבערגס ווערק? וועלכער איז דער עיקר־פּרינציפּ לויט וועלכן י. צינבערג שאַצט און איבערשאַצט ליטעראַטור־קינסט־לערישע און פילאָסאָפישע ווערטן בײַ ייִדן? אונדז דאַכט זיך אַז דער היסטאָ־ריזם — איז דער עמוד־האש וואָס האָט באַלײַכט פאַר אים די פאַרהוילענע וועגן און שטעגן פון דער ייִדישער גײַסטיקייט.

דער היסטאָריזם איז, ווי באַוווּסט, אַ שיטה וואָס באַטראַכט די קולטור־געשיכטע ווי אַ דעטערמינירטע פון פאַרשיידענע עטישע און סאָציאַלע גע־זעצן; זי איז גורס, אַז אַ פאָלק אָן אַ היסטאָרישן זיכּרון האָט ניט קיין קלאָרע אָריענטאַציע אין דער קעגנוואַרט און פאַרלירט די פּערספּעקטיוון וועגן דער צוקונפט.

דער היסטאָרישער באַוווּסטזײַן, איז פון די וויכטיקסטע סעקטאָרן אין דעם קרײַז פון די הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. ניט פאַראַן קיין גײַסטיקער צווײַג מחוץ היסטאָרישן רוים און צײַט. און די ליטעראַטור־געשיכטע איז דער פאָקוס דורך וועלכן עס ברעכן זיך דורך די שטראַלן און די פאַרבן פון דעם מענטשלעכן גײַסט, זײַן עטיק און עסטעטיק.

אין די ברייטע לײַוונטן פון זײַנע גרויסע ליטעראַטור־היסטאָרישע פאָרשונ־גען שטרײַכט י. צינבערג אונטער צוויי עיקר־מאָמענטן אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע: איר היסטאָרישע אײַנגעוואָרצלקייט און איר אינעווייניקסטע גײַסטיקע גאַנצקייט.

דאָס ייִדישע שאַפן איז אַ פּועל־יוצא פון אַ געשיכטלעך־אויסגעפאָרמירטער קולטור־ענערגיע. ניט געקוקט אויף די היסטאָרישע זיגזאַגן און דער געאָ־גראַפישער צעשפּרייטקייט, איז פאַראַן אין איר אַ נאַטירלעכע פאַרבינדונג. די

ליטעראַריש־קינסטלערישע דענקמעלער געשאַפֿענע אין פֿאַרשיידענע צײַטן און סביבות, דריקן אויס דאָס בשותפותדיקע אין גילגול און גורל פֿון דעם ייִדישן מענטשן און זײַן גאַנג אין דער געשיכטע.

פֿאַראַן, לויט פֿרידריך העגעל, דרײַ אַרטן פֿון שרײַבן געשיכטע: אַן אורשפּרינגלעכע, אַ רעפֿלעקטירנדיקע און אַ פֿילאָסאָפֿישע. די ערשטע פֿאַרשט די פֿאַקטישע היסטאָרישע רעאַליטעט, די צווייטע־רעפֿלעקטירט אויף איר היס־טאָרישע מעטאַמאָרפֿאָזע און די דריטע באַזינט די געשיכטע פֿילאָסאָפֿיש. י. צינבערג האָט אין זײַן ווערק סינטעזירט דעם ערשטן און צווייטן מין שרײַבן געשיכטע — די אורשפּרינגעלעכע און די רעפֿלעקטירנדיקע.

י. צינבערג האָט געהאַלטן, אַז אין געביט פֿון היסטאָריאָגראַפֿיע איז שטרענגע אָביעקטיוויטעט „אַ דבר שאי אפשר", וואָרעם בײַם באַלײַכטן די היסטאָרישע פֿאַקטן מוז זיך דערבײַ אויך אָנטפּלעקן דער וועלט־באַנעם פֿונעם פֿאָרשער גופא. (זאמלביכער 5, ניו־יאָרק 1943, ז' 294).

וואָס־זשע איז געווען דער וועלט־באַנעם פֿונעם גרויסן פֿאָרשער ישראל צינבערג, און וואָס איז ער ביכלל אויסן געווען מיט זײַנע היקפֿדיקע קולטור־היסטאָרישע שטודיעס? ווי ישראל צינבערג האָט מעיד געווען האָט ער אַ צײַט „געדאַוונט" פֿון אַ „מאַרקסיסטישן סידור". ער האָט אָבער גיך אײַנגעזען אַז אין „דעם סידור פֿעלן זייער וויכטיקע תּפֿילות" און דעריבער האָט ער אויפֿגעהערט פֿון אים צו דאַווענען. (זאמלביכער 8, ניו־יאָרק 1952, ז' 56). דעם מאַרקסיסטישן דאָגמאַטיזם האָט ער פֿאַרביטן אויף דעם אַקטיוון הומאַניזם פֿון די רוסישע נאַראָדניקעס (ניקאָלײַ מיכאַלאָווסקי, פּיאָטער לאַווראָוו א"א). ווי די דאָזיקע דענקער־הומאַניסטן שרײַבט אויך י. צינבערג צו אַ באַזונדערע ראָלע אין דער געשיכטע דער קריטיש־דענקנדיקער פּערזענלעכקייט, דער שעפֿערישער אינדיווידואַליטעט. דאָס איז באַזונדערס בולט אין די קאַפּיטלען פֿון זײַן ווערק ווו ער באַשרײַבט מיט באַגײַסטערונג די, אַזוי צו זאָגן, גערודפֿטע דענקער — אוריאל אַקאָסטאַ, ברוך שפּינאָזאַ, שלמה מײַמאָן וכדומה.

אייניקע אַספּעקטן פֿון זײַנע קולטור היסטאָרישע קאָנצעפּציעס, האָט י. צינבערג פֿאָרמולירט שוין אין איינעם פֿון זײַנע, אין העברעיש געשריבענע, ערשטע מאַמרים: השאלה ופתרונה, געדרוקט אין דעם זאַמלבוך תּלפּיות, בערדיטשעוו תרנ"ה (1895). אין דעם מאמר אַנאַליזירט י. צינבערג די פּראָבלעם צדיק ורע לו רשע וטוב לו, ווי זי ווערט באַהאַנדלט אין די ספֿרים איוב, קוהלת און אויך אין די ווערק בײַ פֿאַרשיידענע שרײַבערס פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. י. צינבערג האָט געהאַלטן אַז דאָס איז אַ צענטראַלע טעמע, וואָס „שלענגלט זיך דורך אַלע ווינקעלעך און קעמערלעך" אויך פֿון דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור.

דער גרונט־מאָטיוו און דער לעבנס־נערוו פֿון דער ייִדישער יצירה, האָט

י. צינבערג געהאַלטן, איז פון תמיד אָן געווען אויסצוקלאָרן דעם ציל און דעם צוועק פון דעם מענטשלעכן לעבן. די דאָזיקע פּראָבלעם פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט אין י. צינבערגס צען בענדיקער „געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן". גלײַך נאָך דעם שער — בלאַט, אין דעם וואָרט פונעם מחבר לייענען מיר:

„דאָס איז די עקשנותדיקע פראַגע וועגן דעם צוועק און תכלית פונעם לעבן; צו וואָס לעבט דער מענטש? אין וואָס באַשטייט דער ציל פון זײַן לעבן? מיט וואָס קאָנען באַרעכטיקט ווערן דעם מענטשנס צער? די אומענדלעכע לײַדן פונעם „אויסדערוויילטן פאָלק"? ווי איז צו דערקלערן, ווי איז צו באַגרײַפן דאָס טראַגישע רעטעניש פון דער וועלט? ווי קאָן מען פאַרענטפערן דעם גרויסן פלאָנטער, די טיפע סתירה: דער באַשעפער, דער רבונו של עולם, אַן אל מלא רחמים — און אײַנגעטונקען אין רישעות און פאַרדאָרבנקייט איז די וועלט? און די סתירה מוז פאַרענטפערט ווערן: גערעכט מוז דאָך זײַן דער סדר אין דער וועלט — בכדי ניט צו פאַרלירן דעם מוט און די קראַפט צו טראָגן דעם טיפן צער פון לעבן און ניט אָנצווווערן דערבײַ די האָפענונג און דעם גלויבן"... (ז' 7).

ווי אַקטועל קלינגען די דאָזיקע ווערטער נאָך דעם שוידער פון טרעמבלינקע און מײַדאַנעק, נאָך די גרוילן פון סטאַלינס צוואַנגס-לאַגערן און היטלערס קרעמאַטאָריעס.

י. צינבערג האָט געהאַט אָן אייגענעם צוגאַנג וועגן דעם גאַנג און אַנט־וויקלונג פון דער ייִדישער יצירה אויף די פאַרשיידענע קרײַז-וועגן פון דער וועלט-געשיכטע. אַ רמז וועגן דעם איז שוין פאַראַן אין דעם נאָמען פון זײַן ווערק „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן". נישט נאָר די העברעיִשע, נישט נאָר די ייִדישע, נאָר ביכלל די ליטעראַטור-יצירות פון ייִדן, וועגן ייִדן און פאַר ייִדן, קיין חילוק ניט ווו, ווען און אין וועלכער שפּראַך זיי זענען געשאַפן געוואָרן.

אַ סך אַנדערע פאָרשערס, האָבן גורס געווען, אַז די ייִדישע קולטור-געשיכטע האָט דורכגעמאַכט די זעלבע אַנטוויקלונג-פאַזן ווי די קולטור בײַ אַנדערע פעלקער צווישן וועלכע ייִדן האָבן געלעבט. י. צינבערג האָט געהאַט אַן אַנדערע פאַרשטעלונג וועגן דעם גאַנג פון דער ייִדישער קולטור. איר היסטאָרישע רעאַליטעט פירט, לויט אים, צו אַנדערע היסטאָרישע אויספירן. אויב די אַנטדעקונג פון אַמעריקע, דאָס אַנטשטיין פונעם דרוק-וועזן האָבן גורם געווען אַ גײַסטיקע איבערקערעניש און געבראַכן די נאַכט פון דעם פינצטערן מיטלאַלטער. אין ייִדישן לעבן, איז עס גראָד געווען אַ פינצטערע תקופה, אַ תקופה פון נאַציאָנאַלן חורבן; עס איז די צײַט ווען די ייִדן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניע און אויף די אויטאָדעפעס פון אייראָפּע האָט מען זיי לעבעדיקערהייט פאַרברענט ווי ערעטיקער.

אָדער אין זיבעצעטן יאָרהונדערט, ווען די אייראָפּעיִשע וועלט האָט זיך באַגײַסטערט פֿון דער דענקענדיקער מענטשלעכער פֿערזענלעכקייט. אין דער צײַט ווען דעקאַרטס פֿאָרמולירונג: קאָגיטאָ ערגאָ סום — דאָס הייסט: איך דענק אַ סימן אַז איך עקזיסטיר, איז געווען די לאָזונג פֿון דער צײַט. פֿאַר ייִדן אָבער איז די צײַט געווען אַ שטאָק פֿינצטערע; דער דרײַסיקיאָריקער קריג אין מערב־אייראָפּע, די כמעלניצקי־פּאָגראָמען אין מזרח־אייראָפּע האָבן פֿאַרשניטן אַ גרויסן טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק. עס איז די צײַט וועגן וועלכער נתן־נטע האַנאָווער האָט געשריבן אין זײַן בלוטיקער כראָניק „יוון מצולה״ (1653): „מיר שעמען זיך אַלץ אַרויסצושרײַבן, וואָס די קאָזאַקן האָבן געטאָן מיט די ייִדן, כּדי מיר זאָלן נישט פֿאַרשעמען דעם מין מענטש, וואָס איז געבוירן אין גאָטס געשטאַלט״.

מען קען אויך לויט י. צינבערגן אָנווײַזן אויף ליכטיקע אויפֿשטראַלונגען אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע. פֿון דעם צענטן ביזן דרײַצענטן יאָרהונדערט, ווען גאַנץ אייראָפּע האָט זיך נאָך געפֿינען אין אַ גײַסטיקן דרימל, זענען די שפּאַנישע ייִדן, צוזאַמען מיט זייערע אַראַבישע שכנים, געווען די איינציקע טרעגער פֿון בילדונג, קונסט און וויסנשאַפֿט. די ייִדישע קולטור האָט דעמאָלט דערגרייכט אוניווערסאַלע מאַסשטאַבן, זי האָט אַריבערגעשפּרײַזט די גרענעצן פֿון דער ייִדישער סביבה אין שפּאַניע און דערגאַנגען אַפֿילו ביז גרוזיע.

אין זײַן פּאָעמע „שאָטאַ רוסטאַוועלי״ האָט דער ייִדיש סאָוועטישער פּאָעט משה כאַשטשעוואַצקי געשריבן און געפֿרעגט:

און ס׳דאַכט זיך מיר, אַט קומסטו באַענט צו,
און אַט וועל איך בײַ דיר זיך באַלד צעפֿרעגן;
צי האָסטו ניט געזען אויף דײַנע וועגן
אויך מײַנע דיכטער דאָרטן ערגעץ־ווו?

נישט געוווּסט האָט, זעט אויס, משה כאַשטשעוואַצקי, אַז רוסטאַוועלי האָט ניט נאָר געוווּסט וועגן די ייִדישע דיכטער פֿון יענער תּקופֿה, נאָר אַז ער האָט זיך אַפֿילו סומך געווען אויף זיי („מײַנע עדות זענען; דער חכם דיאָניסי און עזרא״) און אַז אין זײַן באַרימטן עפּאָס „דער גיבור אין אַ טיגער־פֿעל״ האָט ער געבראַכט שורות פֿון משה איבן עזרא:

אינעם דיוואַן — דער קוואַל פֿון וויסן — לערנט אונדז איבן עזרא:

פֿאַרשעמט איז די בלום — ווען דאָס אײַז באַהערשט זי.

דער הײַנטיקער גרוזינישער פֿאָרשער לאַדאָ באַכטריאַנעלי האַלט שאָטאַ רוסטאַוועליס פֿאָרמולירונגען אַז „אַ יושרדיקער געריכט איז אַ געטלעכער אַקט״ רופֿן זיך איבער מיט יהודה הלויס „שבתדיקן שיר השירים״(?). [סאָוועטיש היימלאַנד 11, 1980 ז׳ 157].

ווי אַזוי יהודה הלויס און איבן עזראַס אידעען זענען מגולגל געוואָרן ביז צו דעם גרוזינישן קלאַסיקער וועט מסתמא בלײַבן אַן אייביקער תיקו. נישט נאָר גרוזינישע פאָרשערס אויך י. ציִנבערג, דער גרויסער בקי און חריף אין די פאַרהוילענע גילגול־מחילות פון געדאַנקען און אידעען בײַ ייִדן, האָט אויף דעם נישט געהאַט קיין באַשייד.

עס וועט אויך בלײַבן אַ רעטעניש ווי אַזוי איבער פינף הונדערט יאָר, איז די גאַנצע סכאָלאַסטישע פילאָסאָפיע פון אייראָפּע געווען פאַרבונדן מיטן בוך „פאָנס וויטאַ" און דעם מחבר באַטראַכט פאַר אַ קריסטלעכן אָדער אַראַבישן פילאָסאָף מיטן נאָמען אַוויצעבראָל. צווישן זיי זענען עס געווען אויך אַזעלכע דענקער ווי פאָמאַ פון אַקווין, דזשאָרדאַנאָ ברונאָ און אַפילו ברוך ספּינאָזאַ. בעת אין דער אמת'ן, איז דאָס אַ לאַטייניש איבערזעצונג פון שלמה איבן גבירולס פילאָסאָפיש ווערק „מקור חיים".

דעם דאָזיקן היסטאָרישן פּאַראַדאָקס שילדערט י. ציִנבערג פאַרכאַפּנדיק אין זײַן ווערק. אגב, מען האָט נישט נאָר פאַרגרײַזט דעם נאָמען פון דעם מחבר. אויך אייניקע פון זײַנע גרונט אידעען זענען נישט ריכטיק געטײַטשט געוואָרן. אַזוי למשל האָט מען געהאַלטן אַז שאָפּענהויערס דעפיניציעס וועגן דעם מענטשלעכן ווילן רופן זיך איבער מיט די אידעען פון אַוויצעבראָלס „פאָנס וויטאַ". דער אמת איז אָן אַנדערער; בײַ שאָפּענהויערן איז דער ווילן אַ בלינדע סטיכישע קראַפט, בײַ איבן גבירול איז דער ווילן די מאַניפעסטאַציע פון אַ באַוווסטזיניק דאָמינירנדיקע טרײַב־קראַפט פון דער עקזיסטענץ, וואָס איז אַנגעגלײַזט מיט אַ געטלעכן שכל.

זעלטן ווער צווישן די ייִדישע קולטור היסטאָריקער איז אויסן געווען אַזוי ווי י. ציִנבערג, אַרויסצווײַזן די פּערזענלעכע קאָנטאַקטן און השפעות פון ייִדישע גײַסט־מענטשן אויף די אַנגעזעענסטע דענקער און שעפער פון דעם אייראָפּעיִשן רענעסאַנס. זײַנע רעליעפע שילדערונגען וועגן די באַציונגען צווישן אליהו דילמעדיגאָ (1460—1497) און פּיקאָ דע־מיראַנדעלאָ, יוחנן אַלעמאַנאָ (1435—1527) און יאָהאַן אַלברעכט ווידמאַנשטאַט א"א זענען גרינטלעכע שטודיעס וועגן ייִדישן בײַטראַג אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַלגעמיינעם פילאָסאָפישן געדאַנק אין אייראָפּע.

נישט געווען נאָך אַזאַ געלערנטער בײַ ייִדן וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו געבן אַ מיגלעך־פולשטענדיק בילד פונעם גאַנצן ייִדיש גײַסטיקן און קולטורעלן שאַפן אין פאַרשיידענע זשאַנערן און שפּראַכן. אין דעם וואָרט פון מחבר צום ערשטן באַנד האָט י. ציִנבערג אָנגעוויזן: „מיר וועלן זיך ניט באַגנוגענען מיט דער געשיכטע פון בלויז, דער אַזוי גערופענער, שיינער ליטעראַטור אַליין. די אַנטוויקלונג פון די פאָעטישע פאָרמען וועט אויסגעפאָרשט ווערן אויפן יסוד פון דער גאַנצער קולטורעלער ייִדישער סביבה, מיט אירע

גײַסטיקע און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען, ענג פֿאַרבונדן מיט דער אַלגעמיין־אייראָפּעיִשער קולטור.״

שאַפֿנדיק אַ פֿאַרביקע פּאַנאָראַמע וועגן דער ייִדישער גײַסטיקער געשיכטע אין אייראָפּע פֿון איבער טויזנט יאָר, האָט י. צינבערג נישט פֿאַרזען איר מעטאַמאָרפֿאָזע אויך אין לשון ייִדיש. זײַנע היקפֿדיקע פֿאָרשונגען וועגן דעם פֿענאָמען זענען אַקטועל און באַדײַטנדיק. זיי טיילן זיך אויס מיט זייערע ברייטע האָריזאָנטן, מיטן רײַכן פֿאַקטישן מאַטעריאַל און, ועל כולם, מיט דעם וואָס י. צינבערג, אין אונטערשייד פֿון אַנדערע פֿאָרשערס, באַטראַכט די יצירה אין ייִדיש נישט ווי אַן אָפּצווייג פֿון דעם אײנהייטלעך־מאַגיסטראַלן דרך המלך פֿון דער ייִדישער גײַסטיקייט, נאָר ווי איינע פֿון אירע אָרגאַנישע און נאַטירלעכע אויסדרוק־פֿאָרמען. „צו דער געשיכטע פֿון דער אַלט ייִדישער ליטעראַטור, האָט י. צינבערג אָנגעוויזן, גיי איך צו פֿון איבעווייניק און באַוויַז — ווי איינע און די זעלבע טעמעס מאַכן דורך פּאַראַלעל די זעלבע גלגול־מחילות, — — פֿון מדרש צו פּיוט, פֿון פּיוט צום וועלטלעכן עפּאָס״. (ז״ב 5, ניו־יאָרק 1943 ז׳ 277).

בשעתו האָט שלמה ביקל פֿאַרגליכן י. צינבערגן מיט רש״יִן. און בפֿירוש, לאָמיר זיך גוט אַרײַנטראַכטן וואָס מיינט עס.

אין עלפֿטן יאָרהונדערט, איז רש״י געווען דער גרויסער פּרשנדתא פֿון טויזנט יאָר ייִדישער יצירה אין נאָענטן מזרח; אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז י. צינבערג געווען דער גרויסער פֿאַרטײַטשער פֿון טויזנט יאָר ייִדישער גײַסטיקייט אין אייראָפּע. רש״י און צינבערג זענען צוויי העלע פֿאַקלען אויף דעם ליקוי־חמהדיקן וועג פֿון דער ייִדישער קולטור אין אייראָפּע. דער ערשטער — רש״י — בײַ איר וויגעלע, ערב איר גרויסן אויפֿגאַנג. דער צווייטער — צינבערג — ערב איר אונטערגאַנג, בעת איר טראַגישער שקיעה.

ישראל צינבערגס אויפֿטו, איז געווען אַן אַקט פֿון גײַסטיקער גבורה, אויב נאָך האָבן אין זינען, אַז ער איז צושטאַנד געקומען אין די באַדינגונגען פֿון דער סאָוועטישער אינקוויזיציע.

ביז דער אָקטאָבער איבערקערעניש איז י. צינבערג געווען פֿון די ווירקנדיקסטע געשטאַלטן אין דער ייִדישער קולטור־וועלט פֿון פּעטערבורג. פּאַראַלעל מיט זײַנע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן האָט ער געדרוקט אין דער ייִדישער און ייִדיש־רוסישער פּעריאָדיק אַרטיקלען וועגן אַקטועלע ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען.

אין דעם סאָוועטישן פּעריאָד האָט ער אויף זיך גוזר געווען שתיקה. אַלע יאָרן געלעבט ווי אַ נזיר, אָפּגעזונדערט פֿון דעם בײַעם ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין פּעטערבורג. [וואָס מען האָט אינצווישן משנה־שם געווען אויף

לענינגראַד]. ער האָט זיך אינגאַנצן דערווײַטערט פון דער גאַנצער יידיש־סאָוועטישער טעטיקייט.

אין אַ ווידוי בריוו צו י. אָפּאַטאָשו פון 22 פעברואַר 1934, האָט י. ציִנבערג צווישן אַנדערן געשריבן:

„נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע איז — — דאָס יידישע פּעטערבורג אַראָפּ פון זײַן קולטורעלער מדרגה. עס זענען אין ראַטן־פאַרבאַנד אויסגעוואַקסן נײַע יידישע קולטור־צענטערן פון אַ גאַנץ אַנדער שניט און נוסח. — — — דאָס יידישע לענינגראַד האָט אינגאַנצן זײַן פּרצוף אָנגעוואָרן. — — — און איך, איינער פון די אַמאָליקע „יונגע", פון די אַמאָליקע „ראַדיקאַלע", בין איצט איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער! דעמאָלט, אין זעלביקן פּעטערבורג, האָב איך שטענדיק אַ טריבונע געהאַט — — — געשריבן קריטישע אַרטיקלען, זיך אָפּגערופן אויף די פאַרשיידנסטע קולטור־פּראָבלעמען; דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל. הײַנט, הײַנט שרײַב איך בלויז וועגן אונדזער עבר, וועגן דער קולטור, וואָס אונדזערע אָבות אַבותינו האָבן אונדז געלאָזט בירושה". (דאָרטן, ז' 285).

און געטאָן האָט עס ישראל ציִנבערג בסוד סודות אין די שאָטנדיקע טונקלקייטן פון זײַנע חדרי־חדרים; און בלויז אין די נעכט, קיינער זאָל ניט זען און קיינער זאָל ניט וויסן.

פון פאַך איז י. ציִנבערג געווען אַ כעמיקער, און זינט 1898 ביז זײַן טראַגישן אַרעסט אין 1938, איז ער געווען פּאַרוואַלטער פון דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע אין איינעם פון די גרעסטע זאַוואָדן אין רוסלאַנד. זײַן בוך וועגן כעמישע אַנאַליזן אין דער מעטאַלורגיע, איז דערשינען אין צוויי אויפלאַגעס (1929, 1931) און איז געווען פאַררעכנט צווישן די וואָגיקסטע ווערק אין דעם געביט.

אין אַ ספּעציעלן בוך וועגן דער „געשיכטע פונעם קיראָווער (פּוטילאָווער) זאַוואָד" (לענינגראַד 1965), איז אויסגעטיילט אַ באַזונדער אָרט פאַר י. ציִנבערגן און זײַנע גרויסע פאַרדינסטן ווי דער לאַנגיאָריקער כעמיקער פון דעם זאַוואָד.

זײַנע אַ פאַך קאָלעגין, סאָפיאַ דובראָווסקאַיאַ, מאָלט אין דעם בוך אַזוי זײַן פּאָרטרעט:

„אַ דאַרלעכער, נידעריקער פון מיטעלנוווקס, מיט אַ גרויען קאָפּ האָר. שטענדיק אינעם בלויען כאַלאַט, דער האַנטעך מיט די פילפאַרביקע כעמישע פלעקן אויפן אַקסל, די אַלטמאָדישע פּענסנע אויף פּנים — אַ שמייכל פון אַ גוטן מענטשן. מיט דעם שמייכל פלעגט ער יעדערן באַגעגענען און אַלעמען באַגלייטן פון דער אַרבעט. קומען אין דער לאַבאָראַטאָריע פלעגט ער פריער פון אַלע. אַ טאָג אָפּשטיין אויף די פיס — אַ באַוועגלעכער, ענערגישער, קיינמאָל

ניט אַרויסוויַיזן קיין מידקייט... ער פלעגט אַפילו קיין צײַט ניט האָבן צו עסן וואַרעמעס און פלעגט שטענדיק זיך באַגנוגענען מיט אַ גלאָז טיי און אַ פּוטער־ברויט. אָוועקגיין פון דער לאַבאָראַטאָריע פלעגט ער דער לעצטער...".

אין די שורות אַנטפּלעקט פאַר אונדז סאָפיאַ דובראָווסקאַיאַ די סימפּאַטישע געשטאַלט פון דעם כעמיקער ד"ר סערגיי לאַזאַרעוויטש ציִנבערג. זי און די אַנדערע אַרבעטער אין דער לאַבאָראַטאָריע האָבן ניט געוווּסט, אַז נאָר ביַיטאָג איז זייער ליבלינג, סערגיי לאַזאַרעוויטש, באַשעפטיקט מיט איַיזן, מיט בראָנדזע, מיט זייער שמעלצן און כעמישע פאַרבינדונגען. אין די טיפע נאַכט שעה'ן אָבער, קיינער זאָל ניט זען און קיינער זאָל ניט הערן, ווערט דער באַוווּסטער סאָוועטישער כעמיקער פאַרוואַנדלט אין אַ סופר בישראל און אין די טונקלקייטן פון זיַינע חדרי חדרים האָט ער צו טאָן מיט דעם צויבער פון דער קבלה, מיט דעם בעל שם־טובס גאָט זוכענישן, מיט דער עקזאַטישער פאַנטאַסטיק פון רב נחמן בראַצלאַווער און מיט די טרוימער פון סאָציאַלן יושר משה העס, פערדינאַנד לאַסאַל, קאַרל מאַרקס א"א.

„איך פיר, ווי דער שטייגער ביַי ייִדן, אַ דו־פּרצופּימדיקע עקזיסטענץ און לעב אויף צוויי פאַרשיידענע וועלטן, האָט י. ציִנבערג געשריבן וועגן זיך, ביַיטאָג — דער הו־האַ פון דער פאַבריק, וויסנשאַפטלעכע, כעמיש־מעטאַלורגישע עקספּערימענטן. דערצו נאָך זיצונגען, באַראַטונגען, קאָנסולטאַציעס, אא"וו. און ערשט אין אָוונט און גאַנץ אָפּט — ערשט שפּעט אין אָוונט, ווערט מען מגולגל פון אַן אינזשענער אין אַ סופר בישראל. — — — בליַיבט אָבער פאַר דער דאָזיקער וועלט קנאַפּלעך צײַט. באַרגט מען אַ ביסל ביַים שלאָף, ביַי די שעה'ן פון רו. עס קלעקט אָבער אַלץ ניט. און אַפילו ביַי אַ זייער גרויסער אַרבעט־פעיִקייט, בליַיבט מען דאָך אַ בעל־חוב ביַי זיך גופא, ווײַל די מעגלעכקייטן זענען צו קליין לגבי די פאַרטראַכטע פּלענער"... (דאָרטן ז' 281).

און „די פאַרטראַכטע פּלענער" מיינט ניט נאָר נאָכגיין די אַמאָליקע היסטאָרישע וועגן פון דער ליטעראַטור ביַי ייִדן, נאָר אויך נאָכפאָלגן אירע ניַיע און ניַיעסטע שטרעמונגען אין דער לעצטער צײַט. אין י. ציִנבערגס אַרטיקלען און באַזונדערס אין זיַין גרויסער (תרתי משמע) עפּיסטאָלאַרער ירושה, זענען פאַראַן אָפּשאַצונגען וועגן די מאָדערנסטע ייִדישע שאַפער: אליעזר שטיינבאַרג און יצחק באַשעוויס, איציק מאַנגער און חיים גראַדע אד"ג. ביַים שאַצן די מאָדערנע שריַיבערס מאַכט ציִנבערג צו מאָל אומפאַרהאָפטע ליִרישע אינטערמעצאָס, אַ דאַנק וועלכע מיר קאָנען טיפער אַריַינדרינגען אין די אינטימיטעטן פון זיַין אינערלעכער גיַיסטיקער וועלט. אַזוי למשל לייענען מיר אין אַן אָרט: „איך האָב דאָך אַ חולשה: יעדן שריפטשטעלער, וואָס איך באַהאַנדל — — ער מעג מיר זיַין ווי באַקאַנט און ווען אַפילו ס'איז מיר

אויסגעקומען אַ מאָל וועגן אים צו שרײַבן, — מוז איך אים אויפסנײ שטודירן. און ערשט דעמאָלט ווען איך געפין מיך מיט אים אין ענגן קאָנטאַקט, קען איך געבן אים אַ געהעריקע אָפּשאַצונג". (דאָרטן ז' 288).

און אין אַן אַנדער אָרט, שרײַבנדיק וועגן א. לעיעלעס דראַמאַטישער פּאָעמע „מולכו" גיט י. צינבערג צו: ... „איך שעם מיך ניט צו דערציילן, אַז בעת איך האָב וועגן מולכון אין מײַן פּערטן באַנד געשריבן, האָב איך אים איין מאָל אין חלום געזען, אים, דעם יונגן, עקזאַלטירטן מיסטיקער און משיח טרוימער, פאַר וועלכן דער גאון התורה דער בעל „בית יוסף" טוט מיט אַזאַ הדרת קניען מיט די ווערטער: „שלמה בחירי"... „שלמה חביבי"... (דאָרט ז' 284).

אין זײַנע מאמרים איז י. צינבערג שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די פֿײַערדיקע חסידים פון רעאַליזם, וואָס פאַרהאַלטן זיך מיט גרויס חשד צו די ווערטער: סימבאָל, סימבאָליזם, באַשר דאָס שמעקט שוין מיט מיסטיק... ער האָט געשריבן: „אמתע קונסט באַגנוגנט זיך קיין מאָל מיטן בלויזן אויבערפלאַך, מיט די צוויי שטחן פונעם ציפערבלאַט, נאָר זי גראָבט אין דער טיף, זוכט נאָך דעם פאַרבראָגענעם, אַלץ וואָס איז פילבאַדײַטנדיק און אין סוד אײַנגעהילט... — — — האָט דאָך דער אַלטער ייִדישער דיכטער יהודה הלוי שוין געוווּסט דעם סוד, אַז אמתע פּולקאָמע שיינקייט באַווײַזט זיך קיינמאָל ניט נאַקעט און אַנטבלויזט"...

פאַראַן פּאַראַדאָקסן אין דער געשיכטע, וואָס מיטן פשוטן שכל איז זיי שווער צו באַנעמען. איינער פון זיי איז דער פאַקט, וואָס צינבערגס גרויס ייִדיש — ייִדישלעך ווערק, איז געשאַפן געוואָרן אין סאָוועטרוסלאַנד. גראָד דאָרט, ווו ייִדישע אמונה, ייִדישע מחשבה און טאַט, איז פאַראורטיילט און פאַרדאַמט. גראָד דאָרט, ווו ייִדישע שרײַבערס און פאַרשערס זענען אַכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן; אין דעם לאַנד ווו די ייִדישע קולטור און ציוויליזאַציע איז גרויזאַם פאַרטיליקט; אין דעם לאַנד ווו בתי מדרשים און קלויזן מיט אַלטע האַלצשניטן און מאַלערײַען, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סקלאַדן און „מאַסלאָבוידעס" און הייליקע ערטער מיט רײַכע פאַלקס אָרנאַמענטן פון טאַלאַנטירטע מצבה־שלאָגערס — אין פאַרקן און שפּיל־פּלעצער. גראָד דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ גרויס און מאָנומענטאַל ווערק. איז עס ניט קיין סוד און רמז פון נצח ישראל?!

פאַראַן ידיעות אַז י. צינבערג האָט זיך ניט גאָר היימלעך געפילט אין דעם סאָוועטישן היימלאַנד: ווו „אויסגעלאָשן איז גאָטס וואָרט. ושח אדם ונשפל איש — קליין און נידעריק איז דער מענטש געוואָרן. די הייליקטימער צעשטערט, די לוחות צעבראָכן, און נאַקעט און בלויז, פּעסט אַרומגעאָרעמט, מיט אַ געלעכטער פול חוצפה, שפּאַנען איבער דער פאַרבלוטיקטער ערד די צוויי

צווילינג־שוועסטער: די רויטע זינד און שוואַרצע שאַנד" („געדאַנקען פון אַ מטורף").

י. צינבערג האָט געזוכט וועגן און אומוועגן צו אַנטלויפן פון דאָרט, זיך ראַטעווען. נאָך אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט ער געשריבן ש. ניגערן: „אויס פילע טעמים — האָב איך שטאַרק חשק באַקומען, זיך געזעגענען מיט פעטערבורג און ביכלל מיט רוסלאַנד. — און וויבאַלד עמיגרירן, האַלט איך אַז דאָס גליַיכסטע וואָלט פאַר מיר געווען זיך באַזעצן אין אַזאַ גרויסן ייִדישן צענטער ווי ניו־יאָרק. אָט מהאי טעמאַ ווענדע איך זיך צו איַיך"...

און אין אַ בריוו צו ח. נ. ביאַליק אין סוף פון די צוואַנציקער יאָר לייענען מיר: לאַט, לאַט לי ידידי — — — כתר לי כמה חדשים ואראה איך יפול הדבר. אולי גם אעשה כמוך. הן מבני בניו של אברהם אבינו גם אני, ואקיים גם אני את שצוו לאברהם המנוסה: לך לך מארצך, ממולדתך"...

י. צינבערגן איז ניט באַשערט געווען זיך צו ראַטעווען פון דעם סאָוועטישן „גן עדן". מען האָט געלויערט נאָך אַלע זיַינע שריט און טריט. און ווי באַוווּסט, סוף 1938, האָט די קג"ב אים פאַרשלעפּט ערגעץ קיין סיביר, ווו ער איז אכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן. און קיינער ווייסט ניט ווו זיַין געביין איז אַהינגעקומען.

✶

ווען מען רעדט וועגן ישראל צינבערגס טראַגישן גורל דאַרף מען לכל הפחות דערמאָנען דריַי מענטשן, מחמת אָן זיי וואָלט ער ניט מסוגל געווען צו רעאַליזירן זיַינע שעפּערישע פּלענער. און קודם דאַרף דערמאָנט ווערן זיַין פרוי ראָזע, וואָס איז אין די סאַמע שווערסטע יאָרן געווען זיַין אמתער עזר כנגד בייַם איבערשריַיבן און בייַם צוגרייטן צום דרוק דעם כּתב יד פון זיַין גרויס ווערק.

אַ סך האָט אים געהאָלפן דער ייִדיש־העברעיִשער פּאָעט און געלערנטער דער קדוש יחיאל רבֿרבֿי. ער איז געווען זיַין איבערגעגעבענער מרגל אין פאַרשיידענע ביבליאָטעקן און אַרכיוון, ווו ער האָט אויסגעזוכט און צוגעשטעלט די זעלטענע ספרים און ציַיט־שריפטן. י. צינבערג האָט געהאַפט אַז י. רבֿרבֿי וועט זיַין דער העברעיִשער איבערזעצער פון זיַין ליטעראַטור־געשיכטע.

אויך י. רבֿרבֿי האָט וועגן דעם געטרוימט. אָבער ניט צינבערגס האָפענונג און ניט רבֿרבֿיס טרוים זענען מקוים געוואָרן, וועגן דעם האָט שוין געזאָרגט די קג"ב...

אַ ביסל טרייסט אין זיַין טראַגישן דערנער־וועג אינעם סאָוועטישן דזשונגל האָט י. צינבערג געפונען אין זיַין בת־יחידה תמר, וואָס איז געווען די ערשטע און אפשר אויך די בעסטע אינטערפּרעטאַטאָרין פון זיַין ווערק. זיַיענדיק אַן

אייגנאַרטיקע מאָלערין האָט זי עס אויף איר אופן געטײַטשט מיט אייגנאַרטיקע און אײַנדרוקפולע צייכענונגען. צום באַדויערן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אירע אילוסטראַציעס נאָר צום ערשטן באַנד פון דער ערשטער אויפלאַגע (1929), נישט אין אַלע שפּעטערע אויפלאַגעס און אויסגאַבעס אין פאַרשיידענע שפּראַכן, זענען זיי רעפּראָדוצירט געוואָרן.

היות דער ערשטער באַנד פון דער ערשטער אויפלאַגע איז הײַנט אַ יקר המציאות, איז כּדאַי כאָטש אַ פּאָר שורות וועגן די צייכענונגען פון דער בת קדוש, דער מאָלערין תמר ציגנבערג, ווי זי האָט געטײַטשט דאָס ווערק פון איר גרויסן פאָטער.

דעם קאַפּיטל וועגן די אָנהייבן פון דער ייִדישער יצירה אין אייראָפּע באַגלייט תמר מיט אַ צייכענונג פון צוויי לייבן וואָס טראָגן אַוועק אין דער טונקלער, אומבאַשטימטער ווײַטקייט אַ ריזיקע מנורה. דעם קאַפּיטל וועגן דעם ערשטן אייראָפּעיִשן דיכטער פון וועלט שמערץ — שלמה איבן גבירול — האָט זי אילוסטרירט מיט אַ וויינענדיקער סאָווע און רשין מיט אַ רײַטער וואָס יאָגט זיך נאָך אַן אין צער אײַגעבויגענעם ייִדן. מיט אַ האַסטיק לויפנדיקן הירש קעגן אַ שאַרף־שפּיציקער שפּיז, האָט זי געזען יהודה הלוויס וועג צום כּותל מערבֿי און דעם וועג פון דעם וואַנדערנדיקן פּאָעט יהודה אַלחריזי האָט זי באַגלייט מיט אַ קעמל אין מדבר. און צי קאָן דען זײַן אַ טרעפלעכערער אײַנפאַל פון איינהילן דעם רמב"ם אין אַ פּאַנאַנדערגעראָלטן פּאַרמעט מיט אותיות מחכימות, פּסוקים און מימרות און די חכמי פּראָוואַנס, וואָס האָבן לויטן מוסטער פון זייערע נישט ייִדישע טרובאַדורן, געפּראָוועט געפּעכטן און פרייִלעכע פּאָעטישע אַרגיעס — האָט תמר ציגנבערג אילוסטרירט מיט פלאַטערנ־דיקע ייִדישע אותיות אַרום אַ צויבערנדיקער באַקעטער פּרוי.

ווען עס וואָלט מעגלעך געווען שאַפן רעפּראָדוקציעס פון די דאָזיקע צייכענונגען און זיי אַרויסגעבן אין אַ ספּעציעלער מאַפּע, וואָלט דער לעקסיקאָן פון ייִדישע מאָלערס באַרײַכערט געוואָרן מיט אַן אייגנאַרטיקער, אומבאַקאַנטער קינסטלערין — תמר ציגנבערג.

דער גרויסער פאַרשנדתא פון דער ייִדישער יצירה פאַר די לעצטע טויזנט יאָר — ישראל ציגנבערג — האָט ניט זוכה געווען קומען צו קבר ישראל, דאַרף געזאָרגט ווערן ער זאָל בלײַבן לזכר ישראל. עס וועט אויך זײַן אַ חסד של אמת ווען עס וועלן ניט פאַרגעסן ווערן אויך זײַנע געטרײַע באַגלייטער און העלפער. זאָלן די שורות זײַן אַ סימבאָליש בלימעל אויף זייערע פאַריתומטע און אומבאַקאַנטע קבֿרים. והי"ד.

היסטאָרישע הערות [1]

אין די אַכט בענדער פון דער נײַער סאָוועטישער ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיע, איז אָפּגעגעבן ניט ווייניק אָרט דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור. עס איז אין זיי פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען און ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן וועגן פאַרשיידענע שרײַבערס. אויך אַ גרעסערער איבערזיכט, וואָס כאַפּט אַרום די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ יידן, אָנהייבנדיק פון די אוראַלטע צײַטן ביזן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

קלאָר, אַז אין אַן ענציקלאָפּעדיע־אַרטיקל איז ניט לײַכט צו באַלײַכטן דעם גאַנצן היסטאָרישן וועג פון אַ ליטעראַטור, וואָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון טויזנטער יאָר. אָבער אירע הויפּט־עטאַפּן און די גרונט־ווערק, ווי אויך דער היסטאָרישער באַדײַט און דאָס אָרט, וואָס די דאָזיקע ווערק פאַרנעמען אין דער וועלט־ליטעראַטור דאַרפן אָנגעצייכנט ווערן.

דער היסטאָרישער אינהאַלט און ווערט פון דער ליטעראַטור בײַ יידן ווערט אָבער אין דער סאָוועטישער ליטעראַרטור־ענציקלאָפּעדיע געשילדערט אין לויטער שוואַרצע פאַרבן מיטן ציל צו מינימיזירן איר אוניווערסאַלע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט. אייניקע יסודותדיקע און פּרינציפּיעלע בלויזן וועלן מיר פּרוּוון אויסקלאָרן אין די ווײַטערדיקע שורות.

האַלטנדיק זיך בײַ דעם היסטאָריש־כראָנאָלאָגישן סדר, וועלן מיר זיך צוערשט אָפּשטעלן אויף דעם איבערזיכט וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַלטערטום און מיטלאַלטער (מחבר משה בעלענקי).

דער „גלות בבל" איז באַשטימט געווען אַ וויכטיקע און אַנטשיידנדיקע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע. אָבער בלויז לויט אָט דעם סימן אײַנטיילן די אוראַלטע העברעיִשע ליטעראַטור אין צוויי פּעריאָדן, הייסט אַרײַנלייגן מער ווי טויזנט יאָר ליטעראַריש שאַפן אין אַ סדום־בעטל. דער געשיכטלעכער וועג פון דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור צו אַן אַנטוויקלטער הומאַניסטישער פאָלקס־קולטור, ווייסט צו דערציילן פון אַ רײַכערער און קאָמפּלי־צירטער פּעריאָדיזאַציע.

---

1. דער מאמר איז בשעתו דערשינען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" 8, 1965.

בערך מיט 3000 יאָר צוריק קומען די העברעער אין באַרירונג מיט די אין יענער צײַט הויך אַנטוויקלטע קולטורן פון די מזרח־פעלקער. שוין אין יענער תקופה שאַפן זיי וויכטיקע און אָריגינעלע ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק. „דאָס גרויסאַרטיקע דבורה־ליד", ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט ליאָן פויכטוואַנגער, איז אַ פאַרגאַנצט קינסטלעריש ווערק, איינער פון די עלטסטע ליטעראַרישע דענקמעלער אין דער וועלט ליטעראַטור. אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיע ווערט עס אָבער בלויז אַגב אורחאדיק דערמאָנט ווי אַ פאָלקלאָריסטישע שאַפונג. דער „תהילים", די פּאָעטיש־דראַמאַטישע פּאָעמע „איכה", זענען ביכלל ניט פאַרצייכנט. אויך די ביכער פון די נביאים, רײַכע מיט סאָציאַלן פּאַטאָס, הומאַניסטישע טענדענצן און מיט אַ שפע משלים און אַלעגאָריעס, זענען אין דעם איבערזיכט ניט זוכה געווען ווי עס געהערט דערמאָנט צו ווערן. פאַרשוויַיגן אַזעלכע ווערק באַטײַט דאָך פאַרזען דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס האָט באַשײַנפּערלעך געהאַט אַ באַפרוכפּערנדיקע ווירקונג אויף דער גאַנצער וועלט־קולטור. אָפּגערעדט שוין פון דער יִדישער, פון די עלטסטע צײַטן אָן ביז דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, אײַנשליסנדיק די יִדיש־סאָוועטישע.

אָנהייבנדיק פון דריטן יאָרהונדערט — פאַר אונדזער צײַט רעכענונג, קומט אויף אַ העלעניסטישע שטרעמונג אין דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור. אויף דער גרענעץ פון דעם אַלטערטום און דעם אָנהייב פון דער נײַער צײַט־רעכענונג ווערן באַשאַפן די אַזוי גערופענע אַפּאָקריפישע און פּסעוודאָ־אַפּאָקרי־פישע ביכער. אויך אין דעם דאָזיקן פעריאָד ווערן געשאַפן ווערק, וואָס וואַקסן אַריבער די צײַטלעכע און נאַציאָנאַלע ראַמען. אין אַ שפּעטערן היסטאָרישן עטאַפּ ווערן זיי זיך אַרײַן אין דער נײַער אויפקומענדיקער אייראָפּעישער קולטור. וועגן דעם אַלעמען ווערט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור ענציק־לאָפּעדיע קיין וואָרט ניט געזאָגט. ניט דערמאָנען אָבער אַזעלכע ליטעראַרישע שטרעמונגען באַטייט פאַרשמעלערן דעם היסטאָרישן אינהאַלט פון דער אַלטער ליטעראַטור ביי יִדן.

דאָס פעלן פון אַ קאָנקרעטן געשיכטלעכן צוגאַנג צו דעם היסטאָרישן וועג פון דער יִדישער קולטור באַמערקט זיך באַזונדערס אין דער אָפּשאַצונג פון דעם תלמוד. עס ווערט גאָרניט געזאָגט וועגן זײַן סטיל, געבוי און כאַראַקטער. עס ווערן אויך ניט אָנגעמערקט זײַנע צוויי גרינטלעכע ליטעראַרישע טיפּן; די הלכה און אַגדה, דורך וועלכע עס איז געקומען צום אויסדרוק די רעאַלע וועלט און די וועלט פון אַצילות אין אַ לאַנג היסטאָרישן פעריאָד פון יִדישן לעבן.

די צוויי גרונטיילן פון תלמוד — די משנה און די גמרא, זענען אַנטשטאַנען

אין פאַרשיידענע צײַטן, אין פאַרשיידענע שפּראַך־ספערן און שפּיגלען אָפּ פאַר־שיידענע תקופות.

די הלכה און אַגדה זענען צוויי ליטעראַרישע סטילן, וואָס האָבן אין תלמוד באַקומען זייער בולטע און פאַרענדיקטע פאָרם און האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דעם ייִדישן שאַפן אין משך פון דורות. עס איז אײַנגעאַטן פאַרזען די אוניווערסאַלע און הומאַניסטישע טענדענצן אין תלמוד וועגן וועלכע עס האָט בשעתו אַזוי טרעפלעך זיך אויסגעדריקט דער רוסישער שרײַבער מאַקסים גאָרקי:

„הללס חכמה, האָט געשריבן מ. גאָרקי, האָט מיר געגעבן אַ שטאַרקע שטיצע פאַר מײַן לעבנס־וועג... איך גלויב אַז די ייִדישע חכמה איז, מער ווי יעדע אַנדערע אַלגעמיין־מענטשלעך און אוניווערסאַל..., צוליב דעם שטאַרקן מענטשהײַט־געפיל פון וועלכן זי איז דורכגענומען און אויך צוליב איר הויכער ווערטשאַצונג פונעם מענטשן.״...

נאָך דעם מזרחדיקן צײַט־אָפּשניט פון דער ייִדישער געשיכטע טראָגט זיך, צוליב פאַרשיידענע היסטאָרישע סיבות, דער שווערפּונקט פון דעם ייִדישן־שאַפן אַריבער קיין אייראָפּע. אויפן אָרט פון די גרויסע קאָלעקטיווע און אַנאָנימע שאַפונגען קומען אויף אינדיווידועלע ווערק פון רעאַל־היסטאָרישע פּערזענ־לעכקייטן. וועגן אָט דעם וויכטיקן, גײַסטיקן איבערבראָך, וועגן דעם אָנהייב פון אַ נײַער תקופה אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע, קומט דער מחבר פון דעם איבערזיכט אָפּ מיט אַ פּאָר מאָגערע פראַזן וועגן דער פאַרמיטלונגס־ראָלע פון די ייִדן בײַם אַריבערפלאַנצן די גריכישע און אַראַבישע קולטורן אין דער אייראָפּעיִשער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור.

אויך דאָרט וווּ עס ווערן כאַראַקטעריזירט די נײַע שעפער, פעלט דער ערנסטער וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג. צי וועט דעם לייענער געבן וועלכן־ניט־איז באַגריף וועגן משה אבן עזרא, דעם גרויסן ליריקער, דעם שאַפער פון פּרעכטיקע נאַטור־און ליבע־לידער אַזאַ מין כאַראַקטעריסטיק: „אַן אויסגעצייי־כנטער סטיליסט. אַרויסגעטראָטן ווי דער מחבר פון אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון דער העברעיִשער פּאָעזיע און טעכניק פון ליד... און וועגן דעם גרעסטן העברעיִשן דיכטער פון יענער צײַט, יהודה הלוי, דער מחבר פון קלאַסישע נאַטור־און ים־לידער, ווערט געזאָגט: „מיט קינסטלערישער שלימות טיילן זיך אויס זײַנע פּיוטים, אָנגעשריבן אין דעם מאַניר פון וועלטלעכער פּאָעזיע. מיט משיחיזם זענען באַפאַרבט זײַנע ציון־לידער...״ אויך דער „היינריך היינע, פינף הונדערט יאָר ביז היינען״, — דער אָריגענעלער רענעסאַנס־דיכטער, עמנואל הרומי, דער מחבר פון די באַרימטע אַכט־און־צוואַנציק „מחברות״, אין וועלכע עס „זענען פאַראַן פּערלען פון הומאַניסטישער דיכטונג״ (מאיר ווינער), ווערט אין תוך פאַרגעשטעלט ווי אַן עפּיגאָן, און אַז זײַנע וויכטיקסטע

פּאַרדינסטן באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט „געשריבן סאָנעטן לויטן מוסטער פון דער איטאַליענישער פּאָעזיע".

עס איז אויך שווער צו וויסן, פונוואַנען האָט די סאָוועטישע ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיע גענומען, אַז קלונימוס בן קלונימוס האָט אָנגעשריבן „אַ פּרעכטיקע פּאַראָדיע אויפן תלמוד" (?) צו אונדז זענען דערגאַנגען זײַנע דרײַ געדרוקטע ווערק: „אבן בוחן", „מסכת פורים" און אַ זאַמלונג איבערזעצונגען פון אַראַבישע משלים מיטן נאָמען „צער בעלי חיים". זײַנע „אַ פּאַראָדיע" אויפן תלמוד, איז פון קיין איין ביבליאָגראַף און ליטעראַטור־פאָרשער, אויף וויפל אונדז איז באַוווּסט, נישט פאַרצייכנט געוואָרן.

דאָס בילד פון דער מיטלאַלטערלעכער העברעיִשער ליטעראַטור קאָן ניט געמאָלט זײַן אָן אליעזר הקליר, וואָס האָט געשאַפן אַ גאַנצע פּאָעטישע שול, אָן דעם פּילפּאַרביקן און גײַסטרײַכן אברהם אבן עזרא, דעם מחבר פון גראַציעזע הומאָריסטיש־עפּיגראַמאַטישע לידער און אָן דער גליענדיקער דיכטונג פון ישראל נג׳רה און שלמה אלקבץ א"א. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס עס פעלן אין דעם איבערזיכט גאַנצע ליטעראַרישע זשאַנערן: די דראַמאַטישע ליטעראַטור, דער משל א"א.

עס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט באַדאַרפט אויספעלן אַזאַ באַדײַטנדיקער משלים שרײַבער ווי ברכיה הנקדן, „איינער פון די טאַלאַנטפולסטע דיכטער פון אייראָפּעיִשן מיטלאַלטער" (י. צינבערג) און אויך די קאָלירפולע פּערזענ־לעכקייט יהודה אַבאַרבאַנעל.

אונטערן נאָמען לעאָ העברעאָ איז אַבאַרבאַנעל פּאָפּולער געווען אין דער הומאַניסטישער ליטעראַטור פון אייראָפּע. זײַנע „דיאַלאָגן וועגן ליבע" — אַ באַגײַסטערטער הימן דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — איז פון די באַדײַטנדיקסטע ווערק אין דעם איטאַליענישן רענעסאַנס. „באַרירסטו די ליבע־פּראָבלעם — האָט וועגן די דיאַלאָגן געשריבן סערוואַנטעס, — ווענדע זיך צו לעאָ העברעאָ, ער וועט דיך באַלערנען אין אַ פולער מאָס...".

די ייִדישע מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור, סײַ אין העברעיִש, סײַ אין ייִדיש, האָט זיך אַנטוויקלט ניט איזאָלירט פון דער אַלגעמיינער אייראָפּעיִשער קולטור און ליטעראַטור, ווי עס קאָן זיך באַקומען פון דעם איבערזיכט. די ווירקונגען פון די רענעסאַנס־אידעען אויף דער ייִדישער קולטור און פאַרקערט, די ראָל פון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער טעטיקייט פון אַ סך אַנגעזעענע הומאַניסטן איז באַהאַנדלט געוואָרן פון פיל אָנגעזעענע ליטעראַטור־פאָרשער.

אין דעם איבערזיכט ווערט אויך געמאַכט אַ פּרווו צו אינפאָרמירן וועגן דעם אויפקום און דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. דאָ איז מען שוין אַזוי שפּאַרעוודיק, אַז מער ווי וועגן איבערגעזעצטע דײַטשישע

ריטער־ראָמאַנען און אייניקע פּאָעמעס אויף ביבלישע טעמעס האָט מען ניט אויסגעפינען וועגן וואָס צו דערציילן.

צו יענער צײַט האָבן מיר שוין אָבער אַ פאַרצווײַגטע פאָלקסטימלעכע ליטעראַטור אין ייִדיש וואָס איז רײַך מיט פאַרשיידענע זשאַנערן און טעמעס. בלויז אײַן אייזיק וואַליכט לידער־אַנטאָלאָגיע (1595) זאָגט עדות וועגן אַ פילפאַרביק ייִדיש פּאָעטיש וואָרט. די רײַכע זאַמלונג פון נאָוועלן און דער־ציילונגען אין דעם „מעשה־בוך" שטייען ניט אָפּ פון דעם „געסטום ראָמאַנאָרום" און אַנדערע ווערק, וואָס זענען זייער פאַרשפּרייט געווען אין דער דעמאָלטיקער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

אין דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור זענען פאַראַן ביבלישער און וועלט־לעכער עפּאָס, אָריגינעלער און איבערגעזעצטער, ריטער־ראָמאַנען און אַנדערע דערציילערישע פּראָזע, פּאָעטישע שאַפונגען אין פאַרשיידענע זשאַנערן, אייגנ־אַרטיקע ליטעראַריש פאָלקלאָרישע טעאַטער־שפּילן, אַ שלל פון מעשיות און לעגענדעס, נאָוועלן און דערציילונגען...

אין דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור געפינען מיר אויך מאָטיוון און טעמעס, וואָס האָבן באַקומען אַ ווײַטערדיקע קינסטלערישע אַנטוויקלונג אין דער מאָדער־נער ייִדישער ליטעראַטור; אין דעם נסתר'ס „געדאַכט", דוד איגנאַטאָווס „וווּנדער מעשיות פון אַלטן פּראָג", יוסף אָפּאַטאָשו „אין שאָטן פון דורות", „אַ טאָג אין רעגענסבורג", „אליהו בחור" א"א.

צי האָבן מיר ניט אין אַ טייל נאָוועלן פון „מעשה־בוך" אַ ווײַטן אָנדייט אויף אייניקע מקורים צו י. ל. פּרצ'ס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן"? געוויסע מאָטיוו־ענלעכקייטן פון דער צווייטער נאָוועלע אין דעם „מעשה־בוך" מיט י. ל. פּרצ'ס „בײַם גוסט צוקאָפּנס" זענען, ווי עס דאַכט זיך, אָן עדות דערפון. שוין אָפּגערעדט פון דער ענלעכקייט וואָס עס איז פאַראַן אין דער הונדערט צוויי און פערציקסטער נאָוועלע אין דעם „מעשה־בוך", „די זיבע גוטע יאָר" מיט י. ל. פּרצ'ס דערציילונג מיט דעם זעלבן נאָמען.

דעם קוואַל פון וואַנען מענדעלע מוכר ספרים האָט אַנטליען דעם מאָטיוו פון אַ ווינטשפינגערל קאָן מען אויך געפינען אין דער צוויי הונדערט אַכט און צוואַנציקסטער נאָוועלע פון „מעשה־בוך".

אין דעם איבערזיכט ווערן דערמאָנט אליהו בחורס איבערזעצונגען פון דעם „בבא־בוך" און „פּאַריז און וויענע". עס ווערט אָבער ניט דערמאָנט זײַנע אָריגעלע בײַסיקע פּאַמפלעטן, זײַנע ערנסטע פילאָלאָגישע און לעקסי־קאָלאָגישע פאָרשונגען. מיר האָבן ניט פאַר זיך דעם אליהו לעוויטא וואָס איז געווען פּאָפּולער אויך אין די ניט־ייִדישע הומאַניסטישע קרײַזן פון אייראָפּע.

דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור זענען אין דער סאָוועטישער ליטע־ראַטור־ענציקלאָפּעדיע געווידמעט דרײַ אַרטיקלען: „די ייִדישע ליטעראַטור

אין רוסלאַנד" (איינשליסנדיק דעם סאָוועטישן פעריאָד, מחבר ה. רעמעניק), די ייִדישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן" (בער גרין), און „די ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן" (בער מאַרק).

אין די דאָזיקע דריי אַרטיקלען איז פאַראַן אַן אינפאָרמאַטיווער מאַטעריאַל און ליטעראַטור היסטאָרישע פאַראַלגעמיינערונגען. עס זענען אָבער אויך אין זיי פאַראַן וועזנטלעכער פּרינציפּיעלע בלויזן.

ס'איז באַשטימט ה. רעמעניקס אַ פאַרדינסט, וואָס ער האָט אין זיין אַריינפיר צו די איבערזיכט אַרטיקלען פאָרמולירט אַ נייעם צוגאַנג צו דער קולטור־ירושה, וואָס האָט זיך היסטאָריש אויסגעפאָרעמט אין דער העברעיִשער און ייִדישער שפּראַך. זיכער זענען ניט געווען גערעכט יענע סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס האָבן ניט איינגעזען, אַז די קולטור־ירושה אין לאַנגע פעריאָדן פון דער געשיכטע איז „וואָס שייך דערקענטעניש און קולטור ביכלל און וואָס שייך דער אויפקלערערישער וועלט־אָנשויונג, בפרט אין דער ייִדישער סביבה, פאָרמולירט געוואָרן אין העברעיִש..." (מ. ווינער).

אין דעם איבערזיכט באַקומט זיך אָבער אַ געוויסער וואַקום צווישן דעם דרייצעטן און אַכצעטן יאָרהונדערט. עס זענען אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן די קינסטלערישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע שאַפונגען פון משה זכותא, משה־חיים לוצאַטו, דער סאָנעטן דיכטער שמשון מדונא, די סאַטיריקער יעקב און עמנואל פראַנסיש א"א.

עס איז אינגאַנצן פאַרזען די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור. די שאַפונגען פון די העברעיִשע שרייבער אין סאָוועט רוסלאַנד, פּוילן און אַמעריקע באַרייכערן אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן ייִדישן לעבן און אַן זיי איז ניט פאַראַן קיין פול בילד וועגן דער קולטור פון די ייִדישע פאָלקמאַסן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

די ליטעראַטור אויף ביידע שפּראַכן איז אויסגעוואַקסן געוואָרן אויף דעם באָדן פון ייִדישן פאָלקסלעבן. ביידע ליטעראַטורן האָבן יאָרנלאַנג געהויזט צוזאַמען און זיך קעגנזייטיק באַווירקט.

דער אַנטאַגאָניזם צווישן ביידע שפּראַכן איז אויפגעקומען אין אַ שפּעטערן היסטאָרישן עטאַפּ און איז געווען אַן אויסדרוק פון באַשטימטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טענדענצן אין דעם ייִדישן לעבן.

עס איז דאָך אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די סאָציאַליסטישע אידעען אין דער ייִדישער סביבה זענען צו ערשט אויפגעקומען אין העברעיִש (מ. ל. ליליענבלום, יהלל, א. שערעשעווסקי, א. ראַבינאָוויטש אל. צוקערמאַן א"א).

י. קאַמינער, למשל, האָט קונציק אויסגענוצט „דעם העברעיִשן מיטל־אַלטערלעכן פּיזמון, כדי אויסצודריקן הייַנטיקע אונדזערע ליידן און קאַמף און האָפענונג..." און אהרון ליבערמאַן „האָט דער ערשטער גענומען ריידן

וועגן סאָציאַליזם צו די ייִדן און דעם לשון פון ישעיה בן אמוץ..." (מ. ווינטשעווסקי). אַליין דער זיידע פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, מאָריס ווינטשעווסקי, האָט זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין העברעיִש.

עס איז לחלוטין פאַלש ה. רעמעניקס באַהויפּטונג, אַז אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור איז קיין באַדײַטנדיקע פּראָזע נישט פֿאַראַן. מע קאָן דאָך, חוץ די ווערק פון אברהם מאַפו, פּרץ סמאָלענסקי, ראובן־אָשר ברוידעס, אָנווײַזן אויף די שאַפונגען פון מ. ד. בראַנדשטאַטער, מ. ז. פײַערבערג, יהודה שטיינבערג, א. נ. גנעסין, גרשון שאָפמאַן, ש״י עגנון א״א.

די קעגנזייטיקע השפּעות פוןביידע ליטעראַטורן אין נײַנצענטן, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז אַ באַזונדערס רײַך און אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע. ביז הײַנט איז ניט אויסגעפאָרשט אַלץ, וואָס האָט געווירקט אויף דער אויספאָרמירונג פון דוד בערגעלסאָנס סטיל אין ערשטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן. חוץ די ייִדישע און רוסישע, זענען אויך קענטיק די אײַנפלוסן פון דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור, ווי למשל פון אורי־ניסן גנעסין (וואָס איז, אגב, געווען דער פּראָטאָטיפּ פון דער הערץ־געשטאַלט אין ד. בערגעלסאָנס ראָמאַן „נאָך אַלעמען").

אין די אַרטיקלען וועגן דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור פעלט, דער אייגנהייטלעכער היסטאָרישער גײַסט פון דער ייִדישער קולטור. שאַפן קינסטלעכע מחיצות צווישן דעם ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן אין רוסלאַנד, פּוילן און אַמעריקע, הייסט פאַרגוואַלדיקן די גײַסטיקע פאָלקס־איינהײַט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז עס פעלן אויס איניקע באַדײַטנדיקע רינגען אין דער גאָלדענער קייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס זענען גראָד אויפגעקומען אין די קלענערע קולטור־צענטרען.

אליעזר שטיינבאַרג, דער פאַבוליסט־גאַוואָנאָר, וועלכער האָט סײַ אין דער פאָרעם, סײַ אידעיִש, ראַדיקאַל איבערגעשטאַלטיקט דעם משל, איז צווישן ביידע וועלט מלחמות פאַרבונדן געווען מיט דער ייִדישער ליטעראַטור פון רומעניע. דערפאַר מסתמא איז ער אַרויסגעפאַלן פון דער אויפמערקזאַמקייט פון די מחברים פון די איבערזיכטן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיע. צוליב די זעלבע סיבות, זעט אויס, איז אין דעם איבערזיכט גאָרנישט ניט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם ייִדיש ליטעראַרישן שאַפן אין פראַנקרײַך, דרום־אַמעריקע און ישראל, עס איז אינגאַנצן דורכגעלאָזט געוואָרן די שרײַבער פלעיאַדע פון גאַליציע און די אייגנאַרטיקע גרופּע „יונג ווילנע".

דאָס אײַנקלאַמערן זיך אין ענגע פּאָליטישע ראַמען פון איין זײַט, און דאָס אויפשטעלן קינסטלעכע געאָגראַפישע גרענעצן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור פון דער אַנדערע זײַט האָט באַשאַפן קינסטלעכע באַריערן פאַר אַ סך פּראָבלעמען, וואָס האָבן אין אַלע צײַטן געוואַנדערט אָן פעסער פון איין

קולטור צענטער אין צווייטן. געהערט דען דאָס שאַפן פון י. ל. פּרץ, נאָמבערג, ווייַסנבערג, אַברהם רייזען נאָר צו דער ייִדישער ליטעראַטור פון פּוילן? אָדער מענדעלע, שלום עליכם, בערגעלסאָן, דער נסתּר, האָפשטיין צו דער ייִדישער ליטעראַטור פון רוסלאַנד? האָט דען ניט אין ניו־יאָרק י. אָפּאַטאָשו דערהערט דעם אומרו פון די „פּוילישע וועלדער"? אויף איסט־סײַד האָט דאָך ה. לייוויק אויסגעטראָגן זײַנע דיכטערישע וויזיעס פון „סיבירער שנייען" און מאַני לייב זײַנע „סלאַווישע מאָטיוון".

די ערשטע ייִדישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע האָבן אין זייערע וואַליזעס מיטגענומען ניט נאָר די שנײַדער־צוזאָטן און שטעפּ־מאַשינעס פון די אַלטע היימען, נאָר אויך דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס פון דער אַלטער היים, וואָס האָט יאָרנלאַנג אַרויפגעלייגט זײַן שטעמפּל אויף דער נײַער אויפקומענדיקער ייִדישער ליטעראַטור אין די נײַע צענטערן.

פון דעם ביז איצט געזאָגטן איז קלאָר, אַז די אַרטיקלען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־ענציקלאָפּעדיע וועגן דער ליטעראַטור בײַ ייִדן געבן ניט קיין ריכטיקע און פולע פאָרשטעלונג וועגן איר קינסטלערישער, נאַציאָנאַלער און אוניווערסאַל היסטאָרישער באַדײַטונג.

רשימות פון טאָגבוך

זייט

א. פון טאָגבוך תשמ״ג:

1.	יצחק באַשעוויס	143
2.	מרדכי געבירטיק	147
3.	הערץ גראָסבאַרד	150
4.	מרדכי חסיד	153
5.	מלכה חפץ־טוזמאַן	155
6.	משה יונגמאַן	157
7.	ייִדישער עטאָס	160
8.	מרדכי צאַנין	166
9.	שלמה רויטמאַן	169
10.	יעקב שטערנבערג	174

ב. פון פאַרשיידענע צייטן:

1.	מ. שאַץ־אַנין	178
2.	איסאַק וויניקאָוו	181
3.	אריה שמרי	184
4.	הירש אָשעראָוויטש	186
5.	חוה טורניאַנסקי	188
6.	ק. א. ברתיני	189
7.	צבי אײַזמאַן	190
8.	בינעם העלער	191
9.	א. ווערגעליס	193
10.	פּרץ מאַרקיש	196
11.	איציק בן מרדכי	198

א. רשימות פון טאָגבוך תשמ״ג

י״ג תשרי תשמ״ג

עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע השערות וועגן די מקורים פון יצחק באַשעוויסעס צו מאָל אויסטערלישע טעמעס און מיסטעריעזע מעשיות. וויל זיך אויך מאַכן אַ השערה און מרמז זײַן אויף אַ מקור וואָס איז, דאַכט זיך, ביז איצט באַמערקט געוואָרן. איך האָב אין זינען די פעדעם וואָס פאַרבינדן באַשעוויסעס מעשיות מיט די מעשיות פון נחמן בראַצלאַווער. צווישןביידע שעפער איז פאַראַן אַן ענלעכקייט אין דער נטיה און אין דעם אופן פון מעשהענען; ביידע לאָקט דאָס געשעפענסטיקע, ביידע זענען מיטגעריסן פון דער יידישער דעמאַנאָלאָגיע מיט אירע שדים, רוחות און „לעבעדיקע מתים״.

די לעבעדיקע מענטשן ביים בראַצלאַווער זענען בלאָנדזשער און זוכער פון פאַרלוירענע אמתן. אויך י. באַשעוויסעס פאַרשוינען זענען התועים בדרכי החיים — זיי בלאָנדזשען אין די וועגן פון לעבן. קומען מיט זינדיקע תאוות און דערגיין צו פרומקייט, צו תשובה.

נחמן בראַצלאַווער דערציילט ניט נאָר וועגן מאַמינים, וועגן ניסים ונפלאות פון צדיקים; אים האָט אינטערעסירט אויך די „קאַטאָוועסן״ פון פשוטע מענטשן. ער קוקט אַרײַן אין „טרינקהײַזער״ און אַהין ווו „הורן הוליען״. אין זײַנע „סקאַזקעס״ פּראָוועט מען „מינינעסן״, בעלער; מע שפּילט „קומעדיעס״ און ווען די מעשה פאָדערט עס, האָט דער פרומער רב נחמן אויך הנאה פון אַ יפת־תואר: „וואָס האָט אַלערליי חנען פון דער וועלט. און מחמת איר גרויס שיינקייט זענען אַ טייל געבליבן אין חולשות האהבה״...

דער פרומער רב נחמן רעדט אויך וועגן „סעקס״. אין „ליקוטי מוהר״ן״ קאָנען מיר לייענען: „ווען דער מענטש פירט אַ ריין געשלעכט לעבן און ווערט אָפּגעהיט פון גאווה, איז ער זוכה צום ליכט, וואָס לײַכט אים אַרײַן אין זײַן תשובה. — — — דורך ריינעם געשלעכט־לעבן איז דער מענטש זוכה צו הלכה, צו קבלה און צו די העכסטע רזין דרזין. — — — די תאווה פון ניאוף האָט אין זיך אָבער עפּעס, וואָס איז אַלגעמיין. אין אַט דער תאווה זענען

אויפגעזאַמלט און קאָנצענטרירט אַלע בייזקייטן פון אַלע פעלקער. (הלל צייטלין: ר׳ נחמן בראַסלאַווער, נ״י 1952, ז״ז 285, 291).

יצחק באַשעוויס האָט געקענט געפינען ביים בראַצלאַווער דעם רעקוויזיט און די בוטאַפאָריע פאַר אַ סך פון זיינע מעשיות. פאַראַן אויך מערקווערדיקע ענלעכקייטן אין זייער לשון. ווען מען פרווט פאַרגלייכן זייער דערציייל־נוסח קאָן מען זיי צו מאָל פאַרבייטן. ווי למשל: „אַ מעשה. איך בין אַ מאָל אַריינגעקומען אין אַ שטאָט אַריין האָב איך געזען: עס קומען מענטשן זיך צונויף, צו זיי נאָך מענטשן, ביז עס ווערט אַ רעדל־מענטשן און מע זאָגט ווייטער ווערטלעך און מע לאַכט און מע שפּאַסט. האָב איך זיך צוגעהערט: וואָס שמועסן זיי? האָב איך אויסגעפינען אַז זיי רעדן ניבול־פּה. איינער זאָגט אַ ווערטל פון ניבול־פּה. אַ צווייטער זאָגט עס אַ ביסל איידעלער. דער לאַכט, דער האָט הנאה און דעסט גלייכן, ווי דער שטייגער איז״. צי קאָן זיך אויבנאויפיק ניט דאַכטן אַז דאָס זענען שורות פון באַשעוויס אַ מעשה? אין דער אמתן אָבער געהערן זיי דעם בראַצלאַווער. (סיפורי מעשיות, בוענאָס־אײַרעס 1967, ז״ז 78, 79).

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, וועזנטלעכע אונטערשיידן, טעמאַטישע, געדאַנקלעכע און קינסטלערישע. זיי זענען אויף אַזוי פיל אַנדערש, אויף וויפל עס האָט זיך געענדערט דער קולטור־פּייסאַזש פון דער היסטאָרישער רעאַליטעט. דעם בראַצלאַווערס מעשיות זענען אויסגעשטערנט מיט אמונה, באַשעוויסעס — מיט סקעפּטיציזם. ביים בראַצלאַווער איז דאָס מיסטישע רעאַל, ביי באַשעוויסן ווערט דאָס רעאַלע — מיסטיש. דעם בראַצלאַווערס מחשבות זענען געווענדט צום שפּיץ באַרג ווו עס געפינט זיך דאָס הארץ פון דער וועלט צו וועלכן עס ציען זיך יחידי סגולה. באַשעוויסעס בליקן זענען געווענדט צום שאול תחתיה פון מענטשן מיט צעקאַליעטשעטע נשמות און פאַרדאַרבענע מחשבות.

נחמן בראַצלאַווער גלייבט אין דעם שכל הישר, אָדער ווי ער רופט אים „שכל המאיר״, [שיינענדיקער שכל], ער נויטיקט זיך כּלל ניט אין די חקירות פון די חכמות חיצוניות צו דערווייזן די עקזיסטענץ פון גאָט. און יצחק באַשעוויס האַלט אַז „גלייבן אין שכל הישר איז פונקט אַזאַ עבודה־זרה ווי גלייבן אין אַ געץ״. ווי זיין העלד ד״ר ביבער, אין דער דערציילונג „קאַפקאַס אַ פריינד״, האַלט אויך באַשעוויס אַז „הכל הבל, אַלע פילאָסאָפן זענען זיך טועה, אַלע אידעען זענען נאַריש און היפּאָקריטיש, דער מענטש איז ניט מער ווי אַ כיטרע מאַלפּע״...

צו באַשעוויסעס גייסטיקן מעדיום זענען פאַראַן דריי שליסל: אַ ביאָגראַפישער, אַ קינסטלערישער און אַ היסטאָריאָסאָפישער. וועגן די ערשטע צוויי איז, ווי זאָגט מען עס, לית מאן דפליג. ער באַצויבערט מיט זיין קינסטלערישן כח־גברא. אויב ניט שטענדיק מיטן וואָס עס ווערט דערציילט, אָבער מיט דעם

ווי אַזוי עס ווערט אַלץ געשטאַלטיקט, דערקלײַבט זיך י. באַשעוויס, ווי זעלטן ווער, צו די טונקלקייטן אין דער מענטשלעכער נשמה. אַ האַרבע פּראָבלעם איז אָבער זײַן היסטאָריאָסאָפיע, זײַן באַנעמען די וויטאַלע ווירקנדיקע כּוחות פֿון דער ייִדישער גײַסטיקייט, באַזונדערס פֿון דעם סעקולערן סעקטאָר. י. באַשעוויס האַלט: „די אידעע אַז די ייִדישע ליטעראַטור און די ייִדישע קולטור קאָנען טראָגן אַ וועלטלעכן כאַראַקטער, זײַן ווי בײַ לײַטן גלײַך, איז פֿון אָנהייב־אָן געווען געבויט אויף מיספאַרשטענדעניש״... טעמע און פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער קולטור לויט י. באַשעוויס „איז און עס בלײַבט דאָס געטאָ, די פֿרומע אײַנגעשלאָסנקייט אין זיך, די ייִדישע אָפּגעזונדערטקייט פֿון די אומות העולם״ (סביבה 2, נ״י 1943).

דער גאַנג און געשטאַלט פֿון דער ייִדישער קולטור אין משך פֿון דורות, און באַזונדערס זינט דער אויפֿקלערונג־באַוועגונג, ווײַזט אויף אַנדערע טענדענצן. די ייִדישע קולטור איז קיינמאָל ניט געווען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פֿון דער וועלט קולטור. מיר האָבן פֿון איר אַ סך גענומען און ניט ווייניק געגעבן. שיין האָט אין אַן אָרט באַמערקט מאַרק שאַגאַל: „וואָס מער מיר זענען פֿרײַ — מער ייִדן זענען מיר. און וואָס מער ייִדן — מער מענטשן זענען מיר״. (אברהם סוצקעווער — יובל־בוך, תל־אביב 1963, ז' 16).

י. באַשעוויסעס קאָנצעפּציעס האָבן גורם געווען ער זאָל באַטראַכטן און געשטאַלטיקן אַזעלכע ווינקלען פֿון דער ייִדישער רעאַליאַ וואָס ליגן ניט שטענדיק אויפֿן דרך המלך פֿונעם ייִדישן לעבן און זענען ווייניקער טיפּיש פֿאַרן ייִדישן שטייגער און מחשבה.

פּונקט ווי די אַלגעמיינע נאַטור איז אַן אייביק עקזיסטירנדיקע קאַטעגאָריע, אַזוי איז אויך אין דער נאַטור פֿון אַ פֿאָלק פֿאַראַן אייביקע נטיות וואָס געבן זיך איבער דורך פֿאַרהוילענע קאַנאַלן מדור לדור. און איינע פֿון די הויפּט מיסיעס פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, איז צו אַנטפּלעקן און געשטאַלטיקן די מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון דעם פֿאָלקס אַטאַוויזם. מיט איבער הונדערט יאָר צוריק האָט אונדז שוין מענדעלע געלערנט: „...אַ פֿאָלק און זײַן ליטעראַטור פֿאַרבינדן זיך אין איינעם צו זײַן סײַ אַ ווירקונג, סײַ באַווירקט, און זײַענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט די ליטעראַטור אויך צוריק אַ ווירקנדיקער פֿאַקטאָר, און דערין ליגט איר קראַפֿט, פֿון זיך אַליין צו ווערן אַ נויטווענדיקייט און אייגנס פֿונעם פֿאָלק. אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס האָט נישט קיין שײַכות צום פֿאָלק און צו זײַן נויט און וואָס ווערט פֿון דעם נישט באַווירקט — קאָן אויך קיינעם נישט באַווירקן. זי איז איבעריק אינעם לעבן...״ (עין משפּט, זשיטאָמער 1867, ז' 9, 10).

י. באַשעוויס האָט אַן אַנדערן קוק אויף דער שליחות פֿון דער קינסטלערישער

ליטעראַטור. ער האַלט „דער שרײַבער איז אַ פּאַרווײַלער, ער ווייסט אַז די מערהײַט מענטשן לײַדן פון לאַנגווײַל, ווײַל ער זיי פאַרווײַלן".*

דערפון איז צו דרינגען: אויב ס'איז אפשר פאַראַן אַ ווײַטע קרובהשאַפט אין י. באַשעוויסעס און דעם בראַצלאַווערס אופן מעשהגען, איז עס בלויז אַן אויסערלעכע. נחמן בראַצלאַווער האָט סוף אַכצעגטן י"ה געהאַט אַנדערע כוונות מיט זײַנע מעשיות. ער האָט געזאָגט זײַנע חסידישע צוהערער: „איך בין געגליכן צו איינעם וואָס בלאָנדזשעט אום טאָג און נאַכט אין אַ מדבר און מאַטערט זיך צו מאַכן פונעם מדבר אַ ישוב. ווארעם אין יעדן פון אײַך איז דאָס הארץ אַ וויסטעניש און עס איז נישטאָ דאָרט קיין רו־אָרט פאַר דער שכינה און קיינער פּרווט נישט צו געפינען עפּעס אַ תיקון אין זייער הארצן און אַן אָרט פאַר דער שכינה... ווי מוז מען אַרבעטן און האָרעווען ביז מען קען פון אַ לײַדיק אומפּרוכטיקן בוים מאַכן כלים וואָס זאָל ניצן מענטשן!... אַט אַזוי מוז איך האָרעווען און מאַטערן זיך מיט איטליכן פון אײַך, ביז וואַנען איך קען פון אים מאַכן עפּעס רעכטס"...

י. באַשעוויסעס דואַליסטיש פאַרשטעלן די נאַטור פון דעם מענטשן, ווי אַ נעסט פון אַנטיפּאָדע און צעשטערערישע כוחות, איז לעניות דעתי, נישט שטענדיק אין איינקלאַנג מיט דעם ייִדיש־מאָניסטישן וועלט באַנעם. אמת, שוין אין די תנכישע וויזיעס ווערט דער מענטש באַטראַכט ווי אַן אַרענע פאַרן געראַנגל צווישן גוטן און שלעכטן. אָבער שוין אין תנ"ך, ווי ביכלל אין ייִדישן מיטאָס, ווערט דעם מענטשן צוגעטיילט אַ פרײַער ווילן אָפּצוטיילן דאָס גוטע פונעם שלעכטן. ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה: ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע. — — — נתתי לפניך הברכה והקללה ובחרת בחיים. (דברים ל', ט"ו, ט"ז). דאָס מיינט, אַז גאָט אַליין האָט איבערגעלאָזט פאַרן מענטשן דעם פרײַען ווילן, ער זאָל אַליין זיך אויסוויילן זײַן וועג אין לעבן, צום גוטן אָדער שלעכטן, צו אמונה אָדער, רחמנא ליצלן, צו כפירה.

י. באַשעוויסעס מענטשן נוצן זיך ווייניק מיט דער דאָזיקער געטלעכער פּריווילעגיע. זייערע מעשים זײַנען דעטערמינירט און אונטערטעניק פאַטאַלע און דעמאָנישע כוחות. זיי זינקען אין טונקלע תאוות און עס שרעקט זיי די שײַן פון טאָג. אין דעם איז כאַראַקטעריסטיש ברענגען זײַן מעשה וועגן דער שדישער מאַמע — שידאַ און איר זינדל דאָס שדל — כוזיבאַ. שידאַ האָט אַ לײַב פון שפּינוועבס, הינערישע פיס און פליגל פון אַ פלעדערמויז. כוזיבא — איר זינדל, האָט אייזלשע אויערן מיט וואַקסענע הערנער. און

---

* זע פריער זײַט 34, 35.

ווען כוזיבא איז אַמאָל געשלאָפֿן מיט אַ שלאָף פֿון אַ שלאָפֿן, האָט ער זיך פּלוצעם איבערגעוועקט:

— מאַמע, כ׳האָב מורא!
— פֿאַר וועמען האָסטו מורא, זינדעלע?
— פֿאַר ליכט. פֿאַר מענטשן!

ביכלל, באַוועגן זיך באַשעוויסעס העלדן, ווי ער אַליין באַצייכנט עס, צווישן מורא און שרעק, צווישן הייליקייט און נאַקעטקייט, צווישן טומאה און טהרה: „אין מײַנע דערציילונגען איז איין טראַט פֿון בית־דין שטוב ביז נאַקעטקייט, און נאַקעטקייט צו דער בית־דין שטוב. — — — איך בין געבליבן פֿאַראינטערעסירט מיט לײַב און לעבן אין די ביידע פּאָזן פֿון מענטשלעכקייט"... דער אופֿן ווי י. באַשעוויס זעט „די ביידע פּאָזן פֿון מענטשלעכקייט" רופֿט אַרויס קאָנטראָווערסאַלע מיינונגען, דעריבער קאָן געמאָלט זײַן די פֿראַ און קאָנטראַ אָפּשאַצונגען וועגן י. באַשעוויסעס גאַנג אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

ג׳ בחשון תשמ״ג

די מעמוּאַריסטן דערציילן אַז מרדכי געבירטיק פֿלעגט זאָגן: „מײַנע לידער האָב איך ניט פֿאַרפֿאַסט פֿון מח, נאָר זיי האָבן זיך בײַ מיר אַרויס־געזונגען פֿון האַרצן". אין דעם בפירוש איז דער סוד פֿון זייער ווירקונג, מחמת דברים היוצאים מן הלב, געזאַנגען וואָס קומען פֿון האַרץ גייען אַרײַן אין האַרץ. די מעמוּאַריסטן פֿאַרצייכענען אויך, אַז געבירטיק האָט קיין מוזיקאַלע בילדונג ניט געהאַט. יאָ, ער האָט קיין מוזיק־שול ניט באַזוכט, ער האָט אָבער געפֿינען דעם סוד פֿון כל עצמותי און עס איז ניט פֿאַראַן אַזאַ קאָנסערוואַטאָריע אין דער וועלט, וווּ מען זאָל זיך קאָנען אויסלערנען אָדער זיך צואייגענען די דאָזיקע זעלטענע, געטלעכע גאָב.

קיין פּיאַנאָ האָט מ. געבירטיק נישט געשפּילט, דערפֿאַר האָט ער מיט זײַן פּשוטן פֿאַסטעך־פֿײַפֿעלע פֿאַרכּישופֿט זײַנע צוהערער. אין בוך „פֿאַרלאָשענע שטערן" שילדערט יאָנאַס טורקאָוו דעם ציטער אין די גלידער ווען מען האָט געהערט די פֿאַרבענקטע מעלאָדיעס, וואָס געבירטיק פֿלעגט אויספֿײַפֿן מיט זײַן פֿײַפֿעלע. ער דערציילט אויך וועגן די טרערן, וואָס אַלעקסאַנדער גראָנאַך האָט פֿאַרגאָסן בעת געבירטיק האָט אים מיטן פֿײַפֿעלע אויסגעשפּילט זײַנע ניגונים.

דער בעסטער אויספֿילער פֿון זײַנע לידער, האַלטן די ביאָגראַפֿן, איז געווען מ. געבירטיק אַליין. זיי ווייסן אויך צו דערציילן, אַז ווען די באַרימטע מאַלי פּיקאָן האָט אין אַ קראָקעווער אַרבעטער קלוב צום ערשטן מאָל געהערט

געבירטיקן זינגען זײַנע לידער „הוליעט, הוליעט קינדערלעך", און „קינדער־יאָרן", איז זי אַרײַן אין גרויס התפּעלות, אַרױפֿגעשפּרונגען אויף דער בינע און אים הייס געקושט אונטער דעם אַקאָמפּאַנעמענט פֿון די אַפּלאָדיסמענטן פֿון אַלע פֿאַרזאַמלטע אין זאַל, און זינט דעמאָלט (1922) האָבן די צוויי לידער, אין משך פֿון יאָרן, פֿאַרנומען אַן אַנגעזעען אָרט אין איר רעפּערטואַר.

די וואָס שטרײַכן באַזונדערס אונטער מרדכי געבירטיקס פֿאָלקסטימלעכקייט זענען אויסן, אַז זײַן ליד און ניגון פֿאַרמאָגט די נאַטירלעכקייט פֿונעם פֿאָלקלאָר אין וועלכן עס הערשט דער קאָלעקטיווער פֿאָלקס־גײַסט. דאָס איז אַן אמת, אָבער ניט דער גאַנצער אמת. אין מ. געבירטיקס לידער ווערן נישט פֿאַרווישט די אינדיווידועלע שעפֿערישע אינטימיטעטן פֿון זייער באַשאַפֿער. מ. געבירטיק האָט דערגרייכט אין זיי די מדרגה, ווען דאָס פּערזענלעכע גיסט זיך צונויף מיטן אַלגעמיינעם. דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דעם, וואָס ער האָט די ריטמען פֿון זײַנע לידער אויסגעטאַקט אין טאַקט פֿון דעם פֿאָלקס נשמה. און דאָס פֿאָלק האָט אים דערהערט און ליב באַקומען. דער גורם דערצו זענען אויך געווען זײַנע טעמעס: ניטאָ קיין ווינקל פֿון דעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן געבירטיק זאָל וועגן אים ניט זינגען און זאָגן. ער באַגלייט מיט זײַן ליד דעם ייִדישן מענטש אין אַלע גראַדן פֿון זײַן גורל: פֿון אָנהייב לעבן ביז זײַן אָפּלעבן; ער זינגט אויף זײַן ברית און גייט מיט אים אין חדר אַרײַן. ער פֿרייט זיך אויף זײַן חתונה און באַווײנט אים אויף זײַן לוויה.

הגם מ. געבירטיקס לידער זענען פֿאַרבונדן מיט קאָנקרעטע צײַט און אָרט געשעענישן פֿון דעם אַמאָליקן ייִדישן שטייגער, רעדן זיי צו אונדזער געמיט אויך הײַנט. ווען מען לייענט זיך גוט אַרײַן אין זײַנע טעקסטן, באַזונדערס ווען מען הערט זיי זינגען, פֿילט מען אַז צווישן טראָף און טראָף, צווישן קלאַנג און וואָרט, איז קיין וואַקום ניט פֿאַראַן. איבער דעם גאַנצן שטח פֿון זײַנס אַ ליד שוועבט אַרום אַ באַזונדערע האַרמאָניע, אַז עס איז ניט גרינג צו באַשטימען די גרענעצן צווישן אות און מעלאָס. זײַן ליד איז כולו ניגון.

י. ל. פּרץ האָט בשעתו גורס געווען: „פֿאַראַן ניגונים וואָס זינגען זיך אינעווייניק, אין האַרצן, אין די געדערעם" און עס זענען „פֿאַראַן מענטשן מיט אַ שטיקל ניגון. אַנדערע — מיט אַ האַלבן ניגון. נאָר יחידים — פֿאַרמאָגן אַ גאַנצן ניגון". צו אָט די אויסדערוויילטע יחידים האָט געהערט דער פֿאָלקס־דיכטער — מרדכי געבירטיק.

פֿאַראַן טעאָרעטיקער פֿון דער פּאָעטיק וואָס שטרײַכן אונטער די שײַכותן פֿון דער מוזיק מיט דער פּאָעזיע. בײַ אונדז האָט עס געטאָן איציק מאַנגער, וואָס האָט ביכלל באַטראַכט דיכטונג ווי אַז אויסדרוק און אַ המשך פֿון די מוזיקאַלישע אורקוואַלן וואָס זענען אַנטשטאַנען מיטן בראשית פֿון דעם מענטש. די פּאָעזיע, לויט מאַנגערן, איז „אַ וועלט־ניגון אָפּגעשפּיגלט אין נאַציאָנאַלן טעמפּעראַמענט".

ביכלל איז בײַ ייִדן נגינה באַטראַכט געוואָרן ווי אַ קאָמפּאָנענט פֿון נבואה. דער נביא אלישע למשל, האָט געבעטן מען זאָל אים צושטעלן אַ מנגן כּדי ער זאָל דערפֿילן איבער זיך גאָטס האַנט. (ועתה קחו לי מנגן. והיה כנגן המנגן ותהי עלי יד ה׳. מלכים ב׳, ג 15).

געווען צײַטן ווען אונדזער ליטעראַטור אין ביידע לשונות, איז געווען אַ געזונגענע. אין ייִדיש האָבן עס געטאָן די באַרימטע שפּילמענער פֿון 14־טן ביז 16־טן יאָרהונדערט. אין העברעיִש זענען עס געווען יענע משוררים, וואָס האָבן לויטן מוסטער פֿון זייערע פּראָוואַנסאַלער פֿען־קאָלעגן אײַנגעאָרדנט פּאָעטישע טורנירן אויף לידער וועגן ווײַן און ווײַב. זייערע געזאַנגען האָבן זיי באַגלייט מיט פֿאַרשיידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. די עפּיטעטן מנגן ומשורר קומען אָפּטמאָל צוזאַמען אין דער ליטעראַטור פֿון יענער צײַט.

אַבי כּל תופשי כּינור, גדול הפורטים עלי נבל. דאָס מיינט: דער פֿאָטער פֿון די פֿידלערס און גרויסער האַרפֿן־שפּילער — אַזוי האָט אין 13־טן י. ה. זיך פֿאַרגעשטעלט דער פּראָוואַנסאַלער העברעיִשער פּאָעט יצחק בן אברהם הגורני:

דער פֿאָטער בין איך פֿון געזאַנג;
אין אונדזער דור — דער איינציקער דיכטער.
עס שאַלט מײַן ליד — טאַנצן די בערג רונד־אַרום,
נעם איך מײַן האַרף אין די הענט — —
לאָזן זיך פֿריילעך אין אַ טאַנצנדיקן ראָד
די בנות ישראל...

מרדכי געבירטיקס דרך אין ליד איז בכן, ביודעים צי בלא יודעים, אַ המשך פֿון אַן אַלטער טראַדיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אַ טראַדיציע וואָס ציט זיך פֿון די אַלטע שפּילמענער. דורך די טרובאַדורן פֿון 16־טן י. ה., פֿון אײַזיק וואַליך ווירמײַסן און רב שלמה פֿון פּראָג, ביז צו די בראָדער זינגער, אליקום צונזער, מאַרק וואַרשאַווסקי און... איציק מאַנגער, וואָס האָט זיך באַטראַכט ווי

— — — דאָס אייניקל פֿון אונדזערע „אַלטע נאַרן",
ר׳ אײַזיק וואַליך ווירמײַסן און ר׳ שלמה פֿון פּראָגן,
פּונקט ווי זיי, האָב איך געטאָן טאָן זינגען און זאָגן
פֿון ייִדישע צערן צווישן גויִשע האַרן און געפֿאַרן...

אויך מרדכי געבירטיק האָט באַקלאָגט דעם ייִדישן גורל צווישן „גויִשע האַרן און געפֿאַרן". ער האָט מיטגעפֿילט ייִדישע פֿריידן און פֿאַרגעפֿילט זייערע ליידן. איז דען זײַן באַרימט ליד „ס׳ברענט" ניט געווען אַ פֿאַרגעפֿיל און אַ

וואָרענונג וועגן אָנקום פון דעם היסטאָרישן הוראַגאַן וואָס האָט פאַרשניטן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק?

דער מאָלער־קדוש אברהם נוימאַן האָט פאַר זײַן אומקום אין דעם קראָקע־ווער געטאָ געשאַפן זײַנעם אָן אויטאָפּאָרטרעט, ווי ער שטייט און מאָלט געבירטיקן. אויפן פאָדערגרונט פון בילד איז אַרויסגערוקט געבירטיקס קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אײַנגעהערט אין קלאַנגען וואָס קומען פון ווײַטע פאַרהוילענע טונקלענישן אין חלל און זײַן בליק איז געווענדט צו אַ בלוטיקן האָריזאָנט בעתן זון־אונטערגאַנג. קיין בעסערער פּאָרטראַכט וועגן מרדכי געבירטיקס שקיעה קאָן, דאַכט זיך, ניט געמאָלט זײַן.

י״ח בחשון תשמ״ג

דער פּענאָמען הערץ גראָסבאַרד אין איינע פון די מערקווערדיקע דערשײַנונגען אין דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור. זײַן ווירטואָזער אַרטיסטיזם וואַקסט אַריבער די ראַם פון בלויז בינע־קונסט. זײַן גראַציעזע שליטה איבער די וואָקאַלע און וויזועלע אויסדרוק פאָרמען פון ייִדישן וואָרט, איז אַ פּועל יוצא פון זײַן פאַרשאַרפטער קינסטלערישער אינטויִציע און פילאָסאָפיש באַנעמען ליטעראַטור־יצירה. מער פון אַנדערע אונדזערע סצענע־מײַסטער, איז הערץ גראָסבאַרד אין משך פון יאָרן, ניט נאָר דער בעסטער פּראָפּאַגאַנדיסט, נאָר אויך דער גרעסטער אינטערפּרעטאַטאָר און אויסטײַטשער פון דעם מאָדערנעם ייִדיש־קינסטלערישן וואָרט.

אין די לעצטע יאָרן, ווען עס ווערט אַלץ שמאָלער און שמעלער דער קרײַז ייִדיש־רעדער און ייִדיש־לייענער, פּירט הערץ גראָסבאַרד אויס אַ באַזונדערע שליחות. עס איז ניט קיין פראַגע צי מען רעדט אָדער מען פאַרשטייט ייִדיש. מיט דער רייד־שפּראַך אַליין איז שווער זיך דערהייבן צו יענע הייכן, וואָס די מאָדערנע ייִדישע דיכטונג האָט דערגרייכט. דערצו זענען בויטיק באַשטימטע אינטעלעקטועלע מיטלען, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון וויסן און לערנען צו פאַרשטיין דעם מעדיום מיט וועלכער עס אָטעמט און געדײַעט דאָס ייִדישע קינסטלערישע וואָרט. האָבן מיר דאָך ניט קיין שולן און העכערע בילדונגס אַנשטאַלטן וואָס זאָלן זיך דערמיט באַשעפטיקן. דעם דאָזיקן קולטור־וואַקום איז ממלא דער גרויס־מײַסטער — הערץ גראָסבאַרד. ער איז ממש אַ גאַנצע אַקאַדעמיע פאַרן געדאַנק, פאַרב און קלאַנג פון ייִדישן וואָרט. פון זײַנע פּלאַטן וועלן דורות דערהערן די ניואַנסן און דערזען דעם קול און ווידערקול פון דעם קינסטלערישן ייִדיש־לשון.

„איך קען נישט אַזאַ ייִדישן קריטיקער, האָט בשעתו געשריבן דער פּאָעט ש. י. אימבער, וועלכער זאָל אַרײַנדרינגען אַזוי טיף אין די סודות פון אונדזער שאַפן, ווי דאָס טוט גראָסבאַרד, וועלכער האָט צו זיך נישט קיין גלײַכן״.

הערץ גראָסבאַרד האָט אין געוויסע פאַלן מקדים געווען די קריטיקער. אין געביט פון באַנעמען אין פולן פאַרנעם דעם קינסטלערישן באַדײַט פון אַ גאַנצער ריי שרײַבערס און פּאָעטן [אליעזר שטיינבאַרג, משה נאַדיר, אהרון לוצקי, א״אַ] איז די ליטעראַטור־קריטיק הינטערשטעליק פון יענע הייכן וועלכע עס האָט דערגרייכט דער קלאַסיקער פון דער ייִדישער רעציטאַציע קונסט — הערץ גראָסבאַרד.

אין זײַנע גראַציעזע רעציטאַציעס דרינגט הערץ גראָסבאַרד אַרײַן אין דער אינערלעכן געוועב פונעם קינסטלערישן ווערק און ברענגט רעליעף אַרויס זײַנע עמאָציאָנעלע און געדאַנקלעכע וואַריאַציעס. ער ווירקט באַצויבערנ־דיק מיט זײַן סענסיטיווע, ממש ציטערדיקע באַוואָרעניש פון וואָרט, מיט זײַן אַריסטאָקראַטיש געמאָסטענעם זשעסט און מוזיקאַלישן ריטם.

ווערטיק האָט באַמערקט אַברהם סוצקעווער: „הערץ גראָסבאַרד אַנטפּלעקט נישט די סודות פון אַ גרויס ליד — נאָר די סודות סודעט ער אַרײַן אין די צוהערער און דעריבער געדענקט מען אַזוי לאַנג זײַן יעדער וואָרט־מאָדולאַציע. ער באַשאַפט אַ פּאָעטישע לופט וואָס מען אָטעמט זי יאָרן״. (די גאָלדענע קייט 22, ז׳ 142).

בכלל איז התגלות איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון הערץ גראָסבאַרדס קונסט. ער באַזיצט אַ באַזונדערע צויבער־קראַפט זיך צו דער־גרונטעווען צום פאַרהוילענעם, צום אונטערטעקסט, און אַנטפּלעקט אין אים אַזעלכע פּלאַסטן, וואָס דער שרײַבער האָט מעגלעך אפילו ניט געאַנט וועגן זיי. הערץ גראָסבאַרד איז דער קאָלומבוס וואָס אַנטדעקט די שיינקייטן פון צווישן די שורות. עס געשעט אַז ער שפּרײַזט אַריבער די גרענעץ פון דעם שרײַבערס וואָרט און דרינגט אַרײַן אין ספערן, וואָס וועקן אַנונגען פון יענער זײַט וואָרט.

ווען דער גרויסער ייִדישער שרײַבער דוד בערגעלסאָן האָט געזוכט אַ טרעפלעכע דעפיניציע פאַר דער דערשײַנונג וואָס הייסט — הערץ גראָסבאַרד, האָט ער אים באַקרוינט ווי „דער בעל תפילה פון דער ייִדישער ליטעראַטור״. און שמואל ניגער האָט געהאַלטן אַז הערץ גראָסבאַרד איז „דער מײַסטער פון אונדזער תורה שבעל פה״.

אין דיביידע דעפיניציעס איז פאָרמולירט הערץ גראָסבאַרדס קולטור היסטאָרישע מיסיע. זײַנע אויפטוען דערמאָנען אין דער היסטאָרישער געשטאַלט פון יעקב מולין, וואָס איז מער באַקאַנט מיטן נאָמען מהרי״ל. דער מהרי״ל איז געווען דער, וואָס האָט באַשאַפן דעם לייען־נוסח פון די אַשכנזישע תפילות. אין זײַן מערקווערדיקער תפילה „היה עם פיפיות שלוחי עמך״, האָט ער פאַקטיש דעפינירט די ראָל פון דעם בעל קורא, פון דעם וואָרט־קינסטלער

ווי מיר וואָלטן זיך היינט אויסגעדריקט, און ווי ער דאַרף זיך נוהג זיין ניט געשטרויכלט ווערן ביים ארויסברענגען דאָס וואָרט און קלאַנג.

דעם מהרי״לס תפילה אין דעם ראש השנהדיק דאַווענען „הנני העני ממעש״ קאָן דינען ווי אַן עמבלעם אויך פאַר דעם מאָדערנעם בעל־תפילה — הערץ גראָסבאַרד — דער שאַפער פון דעם סצעניש[ן] לייען־נוסח פאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור; אַ נוסח וואָס וועט דינען ווי אַ מוסטער פאַר דורות פאַרלייענער פונעם יידישן קינסטלערישן וואָרט.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע האָט י. ל. פרץ געשריבן, אַז אים האָבן שטענדיק גענומען און געצויגן די פינטעלעך און די פּאַסיקלעך, און אַז יעדעס פינטעלע און יעדעס פּאַסיקל האָט ביי אים אויסגעזען ווי אַ שפּאַלט אין דער מענטשלעכער נשמה.

הערץ גראָסבאַרד איז אויף זיין אופן ממשיך פרצעס דרכים. אַלץ איז ביי אים לעבעדיק, ריידעוודיק, אָנזעעוודיק. אַפילו די קאָמעס, פונקטן און פאַרבינד־שטריכן זענען ביי אים ניט שטום. די צייכנס און דאָס וואָרט דינען אים ווי סטרונעס אויסצושפּילן די מוזיק און דעם ריטם פון געפיל; פאַרטיפערנדיק דערביי די פּאָליפאָניע פון דער קינסטלערישער קאָמפּאָזיציע מיט נייע אַטריבוטן און ניואַנסן. און ער דערגרייכט עס אָן יעדן אויסערלעכן רעקוויזיט, נאָר מיט זיין אינערלעך היפּנאָטיזירנדיק שעפערישן כוח. אין דעם אופן ווי הערץ גראָסבאַרד שאַפט דעם ריטם צווישן די אותיות, די אותיות מחכימות, קומט פאַר ממש אַן עראָטישע באַהעפטונג פון די קאָנסאָנאַנטן און וואָקאַלן; אַ באַהעפטונג וואָס געבירט אַ באַזונדערע מוזיקאַלישע האַרמאָניע.

וועגן דעם עראָטיש־מעטאַפיזישן כאַראַקטער פון יידישן א״ב, איז פאַראַן אַ מערקווירדיק ספר׳ל „ספר יצירה״. —עס האָבן עס געטייטשט אונדזערע גרעסטע און בעסטע פון יהודה הלוי ביזן ווילנער גאון, אויך ניט ווייניק פאָרשער פון דער מאָדערנער צייט. יעדער האָט עס געטייטשט אויף זיין אופן. דאַכט זיך ווען די מפרשים וואָלטן זוכה געווען הערן הערץ גראָסבאַרדן, וואָלטן זיי באַקומען אַ גוטן פירוש וועגן דעם קלאַנג, געדאַנק און אידעאָלאָגיע פון יידישן א״ב.

דער באַקאַנטער וואָרט וווירטואָז קאַרל קראַוז, וואָס איז אויך געווען אַן אייגנאַרטיקער רעציטאַטאָר און פאַרפאַסט אַ טעאָרעטישע סטודיע וועגן דעם זשאַנער, האָט געשריבן אין אַן אָרט, אַז ער ווייסט ניט צי דער דיכטער האָט אַפילו געקאָנט טרוימען וועגן די ווירקונגען, וואָס דער רעציטאַטאָר קאָן זיך דערשלאָגן מיט דעם אופן ווי ער בייגט און פאַלדעוועט זיין דיכטעריש וואָרט.

הערץ גראָסבאַרדס יחיד־במינודיקער קינסטלערישער גאַנג, איז אַן אויטאָ־ריטעטע באַשטעטיקונג פון קאַרל קראַוז טעזיס.

מיט די קורצע באַמערקונגען בין איך אויסן אָנצייכענען אין פּראָפּיל בלויז געציילטע קורצע קויל־שטריכן פון הערץ גראָסבאַרדס אייגנאַרטיקן קינסטלערישן פּאָרטרעט. די דערשיינונג הערץ גראָסבאַרד וואַרט אויף איר מאָנאָגראַף.

י״ג כסלו תשמ״ג

מ. חסידס לידער, בילדער און געדאַנקען, זיין אייגנטימלעכע געשטאַלטי־קונגס קראַפט, טיילן אים אויס פון דער פּלעיאַדע דיכטער פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיין לשון־קודשדיקער ייִדיש, זיינע מחשבות און אַסאָציאַציעס זענען איינגעקעלטערט אין דעם דורותדיק ייִדישן דיכטן, איז די אַרכיטעקטאָניק פון זיינע לידער, זייער גייסט און עמאָציע אַן עמאַנאַציע פון די וועלט־שפּירונגען ביי דעם מאָדערנעם מענטשן.

דער גורל און דער גערעגל פון דעם מאָדערנעם מענטשן שטויסט זיך אָן אין פאַטאַליסטישע כוחות, וואָס זענען גורם דראַמאַטישע שטרויכלונגען און טראַגישע ווידעראַנגען. מ. חסיד איז נישט אויסן בלויז אויפדעקן די ווונדן, נאָר אויך געפינען פאַר זיי זין און תיקון. דערפון דער הומאַניסטישער סך־הכל פון זיין דיכטונג.

לאָז דיך אופן שמאָל סטעזשקעלע פון לעבן,
דו האָסט די לוחות נאָך און קענסט אין זיי נאָך גלייבן,
נעם דאָרט אין וואָרט אַריין די שאַרפע שיין
פון מדבר און פון זון, — —
ועסט זיי אַ וועלט אַזוי נאָך פורעמען דערפון.

אין מ. חסידס פּאָעטישן פּרדס בליען ניט קיין ביימער און ס'שמעקן נישט קיין בלומען; אין צענטער פון זיין דיכטן געפינט זיך דער מענטש מיט זיינע אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע וואַריאַציעס אין די באַציונגען שבין אדם לחברו, צווישן מענטש און געזעלשאַפט, מענטש און גאָט.

ווי אוניווערסאַל און מאָדערן עס זאָל נישט קלינגען מ. חסידס פּאָעטישע שטים און אפשר טאַקע דערפאַר, איז זיין ליד טיף ייִדיש. און קודם מיט דעם עכאָ פון דורות, וואָס שרייען אים אַריבער. דער פּאַטאָס פון מ. חסידס שאַפן טראָגט אויף זיך דעם חותם פון נאַציאָנאַלע און עטישע ראַנגלענישן.

די ביטערע ייִדישע דאָליע „על נהרות גויים", די שרעק פון צעמאָלט ווערן צווישן זייערע מילשטיינער, איז די טעמע פון מ. חסידס פּאָעטישע שאַפונגען.

די פּראָבלעם „ייִד — גוי" באַשעפטיקן דעם דיכטער נישט אַבסטראַקט, נאָר אין זיין קאָנקרעטן היסטאָרישן גילגול. אין זיינע לידער הערשט נישט קיין אידיליע פון „באַחרית הימים" נאָר דער צאָרן פון „שפוך חמתך".

אליעזר פאָדריאַטשיק

גוים האָבן דאָרט
אַ קרענקלעכע הנאה נאָך,
אין זייער חגא צוצוזען
ווי ס'טוט
אַ ייִד
כסדר אַ פאַרבלוטיקטער
הויך פאַר די אויגן
אין אַלע קלויסטערס
הענגען.

מ. חסידס רעפלעקסן אַרום דער טעמע „ייִד — גוי" דערמאָנען אין די מעדיטאַציעס וועגן „דער מלכות פון צלם" ביַי אורי־צבי גרינבערגן. אויך אים פּלאָגט „די שינאה וואָס איז אַריַינגעוואַקסן אין צלם".

עס איז נישט גערעכט געווען אפרים אויערבאַך, וואָס האָט בשעתו געהאַלטן, אַז מ. חסיד האָט אַ ביאָלאָגישע שנאה צו גוים. ניין, ניין. נישט מיט חיהשן האַס קומט ער צו זיי, נאָר מיט מענטשלעכע טענות און פאַרדראָסן: / „גיי איך אַרום אין חרובע טעמפּלען / אַ חרובער / אַלטער מין מאַן / אפשר שעלט / איך / אפילו / אָט דעם וואָס איך מיין / אַז / איך בענטש".

אַ האַרבער אומעט שוועבט אַרום אין מ. חסידס ביכער. „ד' סלעי ומצודתי — — גוואַלד ווי גרויס איז ער / דער טרויער". פאַראַן אין זיינע לידער אומהיימלעכע גרויל־ און שוידער־בילדער; „חרוב ווייגן וועגט אין מיר איצט", „טויטע שטאַרבן אין מיר ווידער", „קראַנק איז אַ ייִד אין מיר / הייל אויס אים שדי. / שדי / הייל אים".

צי דאַרף דערפון געדרונגען ווערן, אַז מ. חסיד איז אַ פּעסימיסט?! אַ סקעפּטיקער איז ער זיכער. ער צווייפלט אין צופעליקייטן, וויַיל ער גלייבט אין אייביקן, אין אייבערשטן. מ. חסיד האָט ברייט צעעפנט די פּאַרמעטן פונעם חומש און פריַי אַריַינגעאָטעמט אין זיַין דיכטונג די בראשיתדיקע לופט, און צוזאַמען מיט איר די אור־שפּירונגען וועגן גאָט. „איך באַהאַלט פאַר גאָט מיך אויס / אין די חומשדיקע גראָזן". און אין אַן אַנדער אָרט: „דו וועסט מיך איצט פון זיך גאָט / מיט אַלע ווינטן נישט פאַרבלאָזן".

צי איז מ. חסיד אַ גאָט־זוכער?

שייך זוכן גאָט. ער איז דאָך איבעראַל דאָ. דער גאַנצער קאָסמאָס איז זיַין אַנטפּלעקונג. גאָט דאַרף מען נישט זוכן. ער איז פאַראַן אין דיר, מיט דיר, אַרום דיר. וואָס בעסער דער מענטש דערקענט זיך, אַלץ טיפער באַנעמט ער גאָט: „לאָז מיך אייבערשטער, אַ האָר כאָטש זיך דערקענען — אפשר וועל איך אָט אַזוי אויך דיך פאַרשטיין".

די גרעסטע שאַפונגען פון דער מענטשלעכער גזע זענען די פֿאָרשטעלונגען וועגן גאָט. ער האָט מיט זיי אַרײַנגעדרונגען אין די געטלעך־מעטאַפיזישע סודות און געוואָרן אַ שותף צום בורא, צו מעשה בראשית. „דער כביכול קוקט / שטויגנענדיק / אַראָפּ, / צו דער גרויער / ערד / און איז מהרהר: — — — אדם, האָסט דען ניט מיך / ביי דיר אין האַרצן ווי אַ גאָט באַשאַפן?"

מ. חסיד איז מער זאַגער ווי מאָלער און דאָס אינטעלעקטועלע אין זײַן שאַפן האָט די אייבערהאַנט איבער דעם עמאָציאָנעלן. דער געפיל פון הערן גייט ביי אים פאָרויס דעם געפיל פון זען. אַזוי איז אויך דער סדר פון זײַנע ביז איצט דערשינענע ביכער. די ערשטע לידער־זאַמלונג הייסט: „דורות שרייען מיך אַריבער", די צווייטע „אַ שאָטן טראָגט מײַן קרוין". און די דריטע „שטויב און אייביקייט". מען באַדאַרף פאַרמאָגן אַ פאַרשאַרפטן חוש השמיעה צו דערהערן דעם געשריי פון דורות און אַן אומעטיק געמיט צו זען בלויז שאָטנס אנשטאָט אַ קרוין און פאַראייניקן שטויב מיט אייביקייט. מ. חסיד איז נישט פון די גרינגע פּאָעטן. זײַן דיכטונג לייענט זיך נישט לײַכט. ווי גוטע מוזיק, וואָס מען דאַרף עטלעכע מאָל הערן כּדי דערהערן אַלע ניואַנסן פון אירע צאַרט־ציטערדיקע נאָטן, אַזוי דאַרף מען אויך לייענען אַ פּאָר מאָל מ. חסידס פּאָעזיע צו דערפילן איר זאַפט און קראַפט.

מ. חסיד געהער אויך נישט צו די פּאָעטן וואָס שרײַבן גיך און אַ סך. ער טראָגט אין זיך לאַנג אויס זײַנע פּאָעטישע וויזיעס ביז ער געבירט פאַר זיי דעם פּאַסיקן טאָן און ריטם: „און טו איך / סוף־סוף / געפינען / ערגעצוווּ מײַן וואָרט / איז עס פאַרשלאָסן טיף אין זיך / און גלייביק / און בענקען בענקט עס טרויעריק / ווי מאַנגער וואָלט געבענקט / און לייוויק".

צי זענען די ווערטער אַ רמז וועגן זײַנע דיכטער אבות?

בכלל איז, דאַכט זיך, נישט לײַכט אויפצושטעלן מ. חסידס פּאָעטישן ייחוס־בריוו. ער אַליין באַמערקט אויף אַן אָרט: „משונהדיק זענען די קוואַלן וואָס איך שעפּ פון זיי", זיי ציען זיך „אַזש פון בראשית, אַזש פון כּנען".

י"א תמוז תשמ"ג

מלכּה חפץ־טוזמאַנס פּאָעטישע געשטאַלט דערמאַנט אין דער גריכישער סאַפאָ, אין דער אייראָפּעיִרין עלזאַ לאַסקער־שילער און אין דער יִדישער שרה בת־טובים. אין דער ערשטער און צווייטער מיט דער מאַגיק און חן פון איר וואָרט, און אין דער דריטער מיט איר טיף רעליגיעזן וועלט־געפיל. אירע לידער דערמאַנען דעם רעטשיטאַטיוו פון די אַלטע תחינות, באַזונדערס אירע מאָנאָדיאַלאָגן מיט גאָט, וואָס זי תפילהט אויס מיט מיסטישער אַכפּערונג. אין די דאָזיקע לידער שכינהט ממש אַ רעליגיעזע קדושה, הגם זיי זענען ניט בלויז ליב און לויב, נאָר צו מאָל אויך האַרב און שאַרף:

אליעזר פאָדריאַטשיק

איך נעם גאָטס צאָרן מער ניט אָן פאַר וויל און גוט
— — — —
נאָך מער — — —
איך טו אים נאָך פאַרקלאָגן,
איך שטעל זיך קעגן אים און קלאָג אים אָן
צו זײַנע צען געבאָט,
צו אונדזער וויסטן הפקר האָט ער פאַרמיטן
זײַן בּאַראָט.

סערען קירקעגאָר האָט אַמאָל געהאַלטן אַז דער דיאַלאָג מיט גאָט, איז דער העכסטער אויסדרוק פון מענטשלעכן קיום, און אַז אין אים געפינט זיך דער מענטש פנים אל פנים מיטן אייביקן און שלימותדיקן. מלכה חפץ־טוזמאַן דריקט אויס אין איר רעליגיעזער דיכטונג עפּעס אַזוינס וואָס וועט זיכער „ווידער ווידערן" אין די קומענדיקע דורות און צײַטן: „איך בין געבוירן, שרײַבט די דיכטערין אין אַן אָרט, צו אַ דור וואָס האָט געבענקט פון דור־דורות פריער נאָך צו שכינה־ליכט. האָב איך מײַן האַרץ אין ליכטיקייט געשוועבקט און די בענקשאַפט טראָגן ווײַטער זיך פאַרפליכט."

מלכה חפץ־טוזמאַנס דיכטונג איז באַשאַטנט מיט געדאַנקען און געדענקען. זי האָט אפילו אַ בוך מיטן נאָמען „שאָטנס פון געדענקען" (1965). און געדענקען געדענקט זי נישט בלויז די אויסערלעכע בוטאַפּאַריע פון פאָלקלאָריסטיש־עטנאָגראַפישע געשעענישן, נאָר, און דער עיקר, זייערע אינערלעכע ריטמען און פאַרבן. זיך אליין באַטראַכט די דיכטערין ווי „אַ קינד פאַרכישופט בײַ דעם ברונעם פון וואָלינער דאָרף" — ווו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון איר „אָפּגעשראָקענע קינדהײַט". די „זאַפטן און קראַפטן" פון יענעם קאַנט, זײַנע ליידן און פריידן באַגלייטן זי אַ גאַנץ לעבן, ווי זי איז עס מעיד אין אירס אַ ליד צו רחל קאָרן.

מלכה חפץ־טוזמאַנס דיכטונג איז אין תוך אַ דורכאויס אורבאַניסטישע, הגם עס פעלן אין איר נישט אויס קיין דאָרפישע מאָטיוון. יעקב גלאַטשטיין האָט געהאַלטן, אַז די לופט אַרום מלכה חפץ־טוזמאַנס לידער איז אַן אַמעריקאַנישע. נישט לויט דער פיזישער געאָגראַפיע, דאַרף מען אָבער באַשטימען די נשמה־לאַנדשאַפט פון איר שאַפן. מען דאַרף זי זוכן אין די ספערן פון „געדאַנקען און געדענקען" וועגן אַלגעמיין־מענטשלעכע תכונות. מלכה חפץ־טוזמאַן פאַרמאָגט אַ שאַרפן חוש הראיה און אַן איידעלן חוש השמיעה. זי דערזעט „קאָלירן מחוץ די, וואָס אונדזער אויג קאָן אויפנעמען" און דערהערט „קלאַנגען מחוץ די, וואָס אונדזער אויער קאָן אויפכאַפּן". אירע קורץ־שורה־דיקע לידער אָטעמען

ברייט. זייער סוגעסטיווער כוח איז דאָס נישט דערזאָגטע, דער אונטערטעקסט:
„מײַן שפּראַך האָט שטילע אויגן און אַן איידל קול, זי קען ניט ריידן הויך".

מלכה חפץ־טוזמאַנס דיכטונג ווירקט נישט אַזוי מיט אויסערלעכע פאַרבן ווי מיט איר אינערלעכן גלאַנץ; זי נעמט אויס נישט מיט דער ווירטואָזיטעט און שפּילעוודיקייט פון גראַם, ווי מיט דעם טעם פון איר וואָרט, וואָס פאַרמאָגט אין זיך סוד און רמז.

י"ג כסלו תשמ"ג

משה יונגמאַן איז פון די געציילטע דיכטער וואָס האָט געשריבן אויך וועגן דיכטונג. פון זײַנע פילצאָליקע עסייען איז צו זען, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרגאַנצטע אידעען־וועלט וועגן דעם וועזן און באַדײַט פון דער קינסטלערישער יצירה. דאָס זענען ניט קיין רעצענזיעס, אויך ניט קיין ליטעראַטור־קריטיק, נאָר מעדיטאַציעס פון אַ פּאָעט וועגן דעם עצם שאַפונגס־פּראָצעס פון דער פּאָעזיע. אין זײַנע מעדיטאַציעס גייט ער צו מאָל אַרײַן אין אַזאַ שעפערישן עקסטאַז אַז זיי ווערן פאַר זיך פּאָעזיע.

משה יונגמאַן טיילט אײַן די דיכטער אין צוויי קאַטעגאָריעס: אין אַזעלכע וואָס עם אַרט זיי ניט און זיי שטיין אין אַ זײַט פון דעם וואָס עם געשעט אַרום זיי; און אין אַזעלכע, וואָס עס אַרט זיי אַז זייערע סוביעקטיווע בטיות זאָלן זיך צונויף פאַלן מיט די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון זייער צײַט און סביבה. דאָס שאַפן פון די ערשטע, האַלט יונגמאַן, איז אַבסטראַקט און מער געקינצלטע פּאָזע און די צווייטע — אַן אויסדרוק פון היסטאָרישע און קינסטלערישע אמתן. **(די גאָלדענע קייט 53, ז' 219).**

משה יונגמאַן שאַצט קינסטלערישע יצירה ניט לויט די אָנגענומענע קאָנווענציאָנעלע כּללים, נאָר לויט זײַן אייגענער קינסטלערישער און אינטעלעקטועלער אינטויציע. די דרײַ תּכונות וואָס זענען די דערקען־צייכן פון זײַן יחידישער דיכטונג, זוכט יונגמאַן צו געפינען אויך בײַ אַנדערע פּאָעטן. נעמלעך: אהבה, אחריות און אמונה. אהבה צום עבר, אחריות פאַרן הווה און אמונה אין אַ צוקונפט.

מ. יונגמאַן איז דער משורר פון דער מדינה. זײַן ליד איז קולט כּמעט איר גאַנצע געאָגראַפיע. נישט פאַראַן, דאַכט זיך, אַ ווינקל אין לאַנד ער זאָל אים ניט האָבן באַזונגען. ליבע צום לאַנד זוכט ער אויך בײַ אַנדערע פּאָעטן; בײַ די וואָס זענען ווי ער פאַרליבט אין דער תּפארת פון ארץ הקודש, און שאַפן אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן ישראל סבא און ישראל סברא. ער קאַרגט למשל ניט קיין שבחים דעם דיכטער יעקב־צבי שאַרגעל, ווײַל ער האַלט, אַז

פון זײַנע לידער „שלאָגט אַרויס אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט ווי פון אַ תּפֿילה".
און זענען „די פּירזאַגערן און וואַרטזאָגערן פון אַ דור".

ליד און תּפֿילה איז לויט זייער עצם וועזן נאָענט צווישן זיך.ביידע זענען אַן אויסדרוק פון גײַסטיקן עקסטאַז און נשמה־דערהויבנקייט. אין משה יונגמאַנס אייגענער דיכטונג פּלאַטערט אַרום אַ תּפֿילהדיקע לופֿט. זײַנעביימער זאָגן תּפֿילות און די בלעטער תּחינות. שׂרה בת טובֿים, שוועבט אין זיי אַרום מיט איר טערקישן שאַל, וואָס איז כּולו שמייכל. דאָס ליד ווי אַ תּפֿילה, ווי אַן אויסדרוק פון ווידוי און ברכה, איז נאָענט משה יונגמאַנס דיכטעריש געמיט, ער איז זיך ממש מחיה ווען ער געפֿינט עס און דערפֿילט עס בײַ אַ צווייטן פּאָעט. די דיכטערין פון קול דממה דקהדיקע טענער — שׂפֿרה ווערבער — דערמאָנען אים אין די אַמאָליקע תּחינות אמהות. דאָס שווײַגן אַרום די ווערטער פון איר ליד, דריקן אויס אַ געפֿיל פון תּפֿילה, פון אַ טיפֿן גלויבן, וואָס מען דערוועגט זיך עס קוים פון די ליפּן אַרויס צו ברענגען. זײַן עסיי וועגן יחיאל האָפֿערס דיכטונג אָטעמט מיט תּפֿילה. שוין פון טיטל אַליין „הנני העני ממעש", פֿילט מען עס אַרויס. אויך בײַ משה וואַלדמאַנען געפֿינט יונגמאַן לידער תּפֿילה־זכּהדיקע, וואָס זענען אַ מין אויסשמועסן זיך מיט יענע כּוחות וואָס געוועלטיקן אָבער מען קאָן זיי ניט באַוועלטיקן.

אין משה יונגמאַנס עסייען קאָן מען געפֿינען אַזוינס וואָס די פּראָפֿעסיאָנעלע קריטיקער האָבן ניט באַמערקט. אַזוי למשל זאָגט ער אַרויס אַן השערה וועגן יוסף־חיים ברענערס השפּעה אויף דעם דיכטער אריה שמרי. ער האַלט, אַז אין שמריס שאַפֿן איז פֿאַראַן אַ טיפֿער ברענערישער הומאַניזם מיט זײַן ליבע צום באַשאַף. אַ ליבשאַפֿט וואָס טראָגט אין זיך „פֿונקען פון תּיקון". אויך די מאָטיוון פון בונטאַרישקייט בײַ שמרין, איז פון אַ ברענעריש־חלוצישן קלימאַט. אַן השערה וואָס וואַרט, פֿאַרשטייט זיך, אויף אַ פּרטימדיקער אויספֿאָרשונג.

און אויב עס גייט שוין אַ רייד וועגן השפּעות און פּאָעטישע איבערופֿן, איז כּדאַי אויך דערמאָנען יונגמאַנס אַ רמז וועגן דעם, אַז הדסה רובֿינס תּפֿילה־דיקע טענער רופֿן זיך איבער מיט די ברוסטיקע וואַרעמע טענער פון דער העברעיִשער דיכטערין — זלדה.

משה יונגמאַן אַנטפּלעקט מיט אַ באַזונדערן ליריזם די פּאָעטישע איינ־טימיטעטן בײַ אונדזערע פּרויען־דיכטער. אייניקע פון זײַנע מיניאַטורן וועגן זיי האָט יונגמאַן אָנגערופֿן „לירישע מיניאַטורן". עס פֿאָדערט זיך אַ געניטן און צוגעשפּיצטן אויער כּדי צו קאָנען זיך אײַנהערן אין דער שטילער מוזיק ווי אויך אין דעם שווײַגן אין די שורות און צווישן די שורות פון רבֿקה באַסמאַנס לידער. די ראָמאַנטיקערין רבֿקה באַסמאַן איז, לויט מ. יונגמאַן, איינע פון די שטילסטע דיכטער אין אונדזער פּאָעזיע.

משה יונגמאַן איז געשטאַנען בײַם וויגעלע פון דער שרײַבער־גרופּע „יונג

ישראל". אין זײַנע מאמרים און עסייען אין די העפטן „יונג ישראל" (1954, 1956, 1957) האָט ער פֿאָרמולירט די גרונט־פּרינציפּן פֿון דער דאָזיקער שרײַבער־גרופּע. און איינע פֿון זיי איז, אַז די יצירה אין ייִדיש וועט געדײַען אין מדינת ישראל נאָר דאַן „ווען אירע שעפֿער וועלן זיך באַהעפֿטן מיט דער מדינה, זיך אַרײַנפֿליישן אין איר בלב ונפֿש".

די ייִדישע ליטעראַטור אין ארץ ישראל, ערב מדינה, איז געווען באַגלייט פֿון אַ באַשטימטער פּאָליטישער אָריענטאַציע. די שרײַבערס זענען געווען פּאַרטייִיש אָנגאַזשירט. בעיקר פֿון די לינקע פּועלי־ציון מיט זייער פֿאַרשאַרפֿטן פּאָליטישן שפּראַכן־סכסוך. די שרײַבער־גרופּע „יונג־ישראל", איז געקומען מיט אַנדערע לאָזונגען. זיי האָבן פּראָקלאַמירט: „די אינטערעסן פֿון אונדזער ליטעראַטור פֿאַרלאַנגען פֿונעם ייִדיש־שאַפֿנדיקן אַן איין־און־איינציקע אָריענטאַציע — ליטעראַטור!... אַן אין־טראַט־גיין מיט אַזעלכע שפּראַך פּאָליטישע רעגעסאַנסן, וועט נאָר פֿאַרלאַנגזאַמען די אַנטוויקלונג פֿון דער ליטעראַטור גופֿא און אין דער גלײַכער צײַט אָפּצווײַגן די ענערגיע אירע אויף אַ געביט פֿון אַ זייער פּראָבלעמאַטישן רעזולטאַט" („יונג־ישראל", 1956, ז' 58).

די שרײַבער־גרופּע „יונג־ישראל" איז ווײַט געווען פֿון דעם „ריב הריבים" צווישן ביידע שפּראַכן. ייִדיש איז בײַ זיי נישט קיין אַנטי־טעזע. פֿאַרקערט זיי האָבן געשטרעבט צו אַ סינטעז צווישן ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. אין אַ רעפֿעראַט אויף דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פֿון דער שרײַבער־גרופּע (אָקטאָבער 1951) האָט איינער פֿון אירע אָנטיילנעמער, דער שרײַבער יאָסל בירשטיין, דערקלערט: „העברעיִש איז געווען און איז די שפּראַך פֿון מײַן פֿאָלק און דעריבער אויך מײַן שפּראַך, אַפֿילו ווען איך וועל אָננעמען, אַז איך קען זי נישט. היתּכן? וואָס איז דער שכל? קיין ענטפֿער האָב איך נישט אָבער אַ משל — יאָ: אויך דורות ייִדן זענען אין ארץ ישראל נישט געווען, און פֿונדעסטוועגן האָבן זיי געקוקט אויף דעם לאַנד ווי אויף זייער היים. ווי קאָן אַ לאַנד אין וועלכן מען האָט נישט געלעבט און וווּ מען איז נישט געבוירן געוואָרן זײַן אַ היים? עס שטימט נישט לויט די כּללים פֿון לאָגיק און שׂכל, וואָס פֿאַרטראָגן נישט קיין סתירות. אָבער איז דען דער שׂכל שטענדיק דער פּוסק אחרון". [די גאָלדענע קייט 11, ז' 164].

אין זײַנע מאמרים אין די העפֿטן „יונג־ישראל" האָט משה יונגמאַן שטענדיק געלייגט דעם טראָפּ אויף גײַסטיקער נאָענטקייט און נישט אויף שפּראַכלעכער ווײַטקייט, אײַנזעענדיק אין גײַסטיקער נאָענטקייט די בריק וואָס באַהעפֿט, פֿאַרבינדט און מאַכט איינס: „אמתע קונסט שטייענדיק אין דינסט פֿון פֿאָלק — אין זײַן דינאַמישן אַספּעקט — שרעקט זיך נישט אָפּ פֿון שפּראַכלעכע מחיצות, דינט דעם פֿאָלק מיט לײַב און לעבן, און מיט וואָס זי האָט. שטעלט דעם דגש אויף

גײַסטיקער נאָענטקייט און ניט אויף שפּראַכלעכער, זעט אין גײַסטיקער נאָענטקייט די בריק וואָס בינדט און מאַכט איינס" (יונג־ישראל 1954, ז' 36).

עס איז אפשר מער ווי אַ תמיהה, וואָס מ. יונגמאַנס מחשבות וועגן רוחניות־דיקער קרובֿישאַפֿט און אַפילו זײַן לעקסיק רופֿט זיך איבער מיט דוד האָפּשטיינס אַ מאמר אויף דער טעמע, געשריבן בעת זײַן זײַן אין ארץ ישׂראל. אין דער הקדמה צו י. ד. קאַמזאָנס בוך לידער „פֿון ספר רזיאל" [ירושלים תרפ"ו], האָט דוד האָפּשטיין געשריבן: „אומגעהײַערע איפּטרייסלונגען און ליידן פֿון די לעצטע יאָרן האָבן געבראַכט נײַע צעמענטירנדיקע שטראָמען אין אונדזער פֿאָלקספּסיכיק... דאָס געפֿיל פֿון אַלגעמיינער יִדישער פֿאָלקס־דערקענטעניש ווערט פֿאַרטיפֿט... פֿון אַלטע שמות אַרויסציען לעבנס־עקסטאַז און אַריבערשפּאַנען מחיצות, וואָס האָבן אין וויסטן יִדישן לעבן אָפּגעטיילט איין טייל פֿאָלק פֿון צווייטן"...

איך ווייס נישט צי משה יונגמאַן האָט אין זינען געהאַט דוד האָפּשטיינס ארץ ישׂראלדיקע מאמרים. און אפשר איז דער איבעררוף אַ פּועל־יוצא פֿון דעם יִדישן אַטאַוויזם צו ארץ הקודש, וואָס גיט זיך איבער, דורך פֿאַרהוילענע קאַנאַלן, מדור לדור. שרײַבט דאָך משה יונגמאַן אין איינעם פֿון זײַנע לידער:

האָפּשטיין וועט גיבן מיר זײַן האַנט אין זאַוויי,
נאָר איך וועל זי ווידער פֿאַרלירן...

ערשט אין מדינת ישׂראל האָט משה יונגמאַן ווידער געפֿינען דוד האָפּשטיינס האַנטשריפֿט און האָט פֿאַר די ריטמען און פֿאַרבן פֿון זײַנע לידער געפֿונען אַ ווינקל אין זײַן אייגענעם שירה־שײַער.

י"ז כסלו תשמ"ג

איבער דעם בײַשטידל בײַם אַרויסגאַנג פֿון דעם בית־התּפֿוצות אין תּל־אָבֿיבֿ, זענען אויסגעקריצט פֿאָלגנדיקע ווערטער: לזכור את העבר, לחיות בהווה, לבטוח בעתיד. דאָס מיינט: געדענקען דעם עבֿר, לעבן מיטן הווה און גלייבן אין עתיד. גאָלדענע ווערטער. מחמת אַ דור וואָס פֿאַרגעסט די פֿאַרגאַנגענהייט, פֿאַרשטייט נישט די קעגנוואַרט און האָט נישט קיין פּערספּעקטיוון וועגן דער צוקונפֿט. מיטן אײַנפֿירן אין בית־התּפֿוצות „שטודיר־אָוונטן" אין יִדיש ווערט, לפֿי דעתי, נישט נאָר פֿאַרפֿולט אַ וואַקום, עס ווערט אויך פֿאַרטיפֿערט דער אינהאַלט און באַזיניקט דער זין און די אידעע פֿון דעם דאָזיקן וויכטיקן קולטור־צענטער, וואָס איז גורם צו ווײַזן רעליעף דעם רעאַלן היסטאָרישן גלגול און גורל פֿון יִדן און יִדישקייט אין דער יִדישער צעשפּרייטקייט. און וואָס איז דען אַזוינס רעאַלע היסטאָרישע יִדישקייט, אויב נישט די עמאַנאַציע פֿון

דעם פֿאָלקס פּיזישע און גײַסטיקע גיטער, וואָס האָבן זיך געשטאַלטיקט אין דעם פֿאָלקס לשון.

עס איז באַשטימט געוואָרן ווידמען דער טעמע „הונדערט יאָר ייִדיש אין ישׂראל". דאָס מיינט אָבער נישט אַז לשון ייִדיש איז עולה רגל געווען קיין ארץ ישׂראל ערשט מיט הונדערט יאָר צוריק. דער עכאָ פֿון ייִדיש האָט זיך שוין געהערט אַ סך פֿריער אויף די בערג פֿון ירושלים, בײַם כותל־מערבֿי, אין צפֿת, טבריה און אין אַנדערע ערטער פֿון לאַנד. עס האָט אים געבראַכט מיט זיך די חסידישע עליה פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט. נאָך מער, פֿאַראַן פֿעדעם וואָס פֿאַרבינדן בעקיפֿין ארץ־ישׂראל מיט די בראשיתן פֿון ייִדיש־לשון און ייִדישער ליטעראַטור.

דרײַ סימנים זענען אייגנטימלעך דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור; זי איז אַן אַנאָנימע, זי איז אויסער צײַט און רוים און אירע סוזשעטן שטאַמען אָדער פֿון פֿרעמדע קוואַלן, אָדער פֿון אַלטע תנ"ך־ און מדרש־מאָטיוון. דאָס ערשטע ווערק אין ייִדיש ווו עס ווערט אָנגעוויזן דער נאָמען פֿון מחבר, אַ געגנויע דאַטע ווען עס איז געשאַפֿן געוואָרן און זײַן סוזשעט איז געבויט אויף אַ רעאַל־היסטאָרישער געשעעניש, — האָט אומדירעקט, אַ שײַכות צו ארץ ישׂראל. איך האָב אין זינען די פּאָעמע „דער קראַנקער לייב", וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין דער גניזה פֿון פֿאַסטאַט (נעבן קאַיר). לויט דער השערה פֿון דעם אַמסטערדאַמער געלערנטן ל. פֿוקס, איז דאָס אַן אַלעגאָריע וועגן דער ירידה פֿון דער מאַמעלוק־באַהריד דינאַסטיע, וואָס האָט געהערשט אויך איבער ארץ ישׂראל אין פֿערצנטן יאָרהונדערט און גערודפֿט די דאָרטיקע ייִדן. בכלל איז דעמאָלט געווען איינע פֿון די שוואַרצסטע און פֿינצטערע צײַטן אין דער ייִדישער געשיכטע. דער היסטאָריקער משה גידעמאַן האָט געשריבן: „ווער ס'וויל שרײַבן די געשיכטע פֿון ייִדן אין פֿערצנטן יאָרהונדערט מוז מאָלן אַ בית־עולם". די ייִדישע פּאָעמע ענדיקט זיך מיט פֿאָלגנדיקע שורות:

ווער דער לויטא פּײַנטשאַפֿט האָט,
דער האָט גרויסן האַס פֿון גאָט,
די ענגל אין הימל זינגט אים גראַם
און איך דער שרײַבער אברהם.
סליק. גאוות רשעים
ילבשו קרעים.
ג' כסלו קמ"ג לפּק. (אויסלייג מאָדערניזירט)

ווער „אברהם דער שרײַבער" איז געווען, ווערט מסתמא בלײַבן אַן אייביקער סוד. צי ער האָט געהערט צו יענע ייִדן וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון אייראָפּע

מחמת די רדיפות און נגישות, וועט אַוודאי בלײַבן אַ תּיקו. עס איז אָבער און עס בלײַבט אַ פֿאַקט, אַז די טעמע פֿון אַ ביכּורים־ווערק אין יידיש, איז דער אונטערגאַנג פֿון אַ רשעותדיקער מלכות וואָס האָט געהערשט איבער ארץ ישראל. און געשאַפֿן געוואָרן איז דאָס דאָזיקע ווערק, לויטן נישט־יידישן לוח, דעם נײַנטן נאָוועמבער 1382. דאָס הייסט מיט איבער זעקס הונדערט יאָר צוריק. (1984—1382).

אפשר איז אויך כּדאַי בּרענגען אַ מער דירעקטערן פּרט וועגן די שײַכותן פֿון אַן ארץ־ישראלדיקן יידן מיט יידישער ליטעראַטור און נעמלעך; איינער פֿון די ערשטע שליחים פֿון ארץ ישראל אין די תּפֿוצות צו זאַמלען געלט פֿאַר ירושלים, איז געווען אַ ייד וואָס פֿלעגט זיך חתמענען: „אני הקטן משה עשרים וארבעה — איש ירושלים". און געלעבט האָט דער דאָזיקער „איש ירושלים" אין פֿופֿצנטן יאָרהונדערט. אויף איינעם פֿון די צו אונדז דערגאַנגענע כּתב־יידן פֿון דעם קלאַסישן ווערק פֿון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור „דאָס שמואל־בוך" איז פֿאַראַן פֿאָלגנדיקע חתימה:

משה עשרים וארבעה בין איך גינאַנט,
איך האָב דאָס בוך גימאַכט מיט מײַנער האַנט.

אין דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג איז פֿאַראַן אַ גאַנצע שקלא וטריא, צי דער אויסדרוק „גימאַכט מיט מײַנער האַנט" מיינט דעם שרײַבער, צי דעם איבער־שרײַבער פֿונעם ווערק. און וועגן דעם זענען פֿאַראַן פּראָ און קאָנטראַ־מיינונגען פֿון באַדײַטנדיקע געלערנטע. ווי עס זאָל אָבער נישט זײַן, איז דער איש ירושלים — משה עשרים וארבעה געשטאַנען בײַם וויגעלע פֿון דער ליטעראַטור אין יידיש. איך דערצייל דאָס כּדי כאָטש אָנצודײַטן וועגן די טעמעס וואָס מען פֿלאַנירט דורכצופֿירן אין יידיש צווישן די באַקכישע ווענט פֿון בית התּפֿוצות.

דער ערשטער אָוונט איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַ מער־נעענטערער טעמע — וועגן די לעצטע הונדערט יאָר יידיש אין ארץ ישראל. ווײַל שוין בײַם אָנהייב פֿון דער ציוניסטישער רעוואָלוציע, וועמעס הונדערט יאָר עס ווערט איצט אָפּגעמערקט, גלײַך בײַם אויפֿקום פֿון אַ נײַער יידישער רעאַליע אין ארץ ישראל, און אויך אין די ווײַטערדיקע פֿאַזן פֿון איר אַנטוויקלונג, האָט יידיש אויסגעפֿירט אַ וויכטיקע און באַפֿרוכפּערנדיקע ראָל, טראָץ פֿאַרשיידענע שטרויכ־לונגען און אידעאָלאָגישע ווידעראַנאַנדן.

אין שײַכות דערמיט ווילט זיך ברענגען אייניקע ווייניק־באַקאַנטע שורות פֿון שלום עליכם אין דער יידישער צייטונג „אונדזער ברודער", וואָס איז דער־שינען אין ירושלים 1911: „די יידישע שפּראַך באַדינט איר עלטערע שוועסטער העברעיִש אויפֿן בעסטן אָרט, ווײַל זי פֿאַרמאָגט מער ווי צען פּראָצענט העברעיִשע ווערטער, און ווײַל זי באַדינט די שיכטן פֿון פֿאָלק, פֿאַר וועלכע

העברעיִש איז לעת־עתה לשון קודש, גאָטס שפּראַך, וואָס איז באַשאַפן נאָר אויף צו רעדן מיטן רבונו של עולם. — — שוין צײַט אַז אונדזערע רעכטע שאָוויניסטן זאָלן אָנהייבן פאַרשטיין, אַז זייער קאַמף קעגן דער שפּראַך איז אַ געלעכטער פאַר זיך און אַ פאַרברעכן קעגן פאָלק, וואָס נייטיקט זיך אין אַ פאַרשטענדלעך וואָרט אויף דער שפּראַך וואָס ער רעדט און דענקט.

פונקט ווי עס זענען לעכערלעך אונדזערע „לינקע״ שאָוויניסטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ קינדער־שפּיל־מלחמה קעגן דער אַלטער „עבריה״ און אָוועקגעזעצט זיך פילאָזאָפירן. וואָס איז פריער, וואָס איז בילכער, די האָן אָדער דאָס איי. אַזאַ פילאָזאָפיע איז נאָר אַ שאָד די צײַט פאַרטרײַבן. — — — רעדט צום פאָלק העברעיִש, יידיש — — אַבי ער פאַרשטייט נאָר — און צעטרײַבט די פינצטערע שאָטנס און לאָז אים זיין ליכטיק אין קאָפּ און אין האַרצן און אומעטום. — — — מיט ציון־גרוס צו אַלע מײַנע ברידער אָן אויסנאַם פון שפּראַך. שלום עליכם. („אונדזער ברודער״ נומער 21, 27.10.1911).

אין דעם בוך „דאָס גערנגל פאַר יידיש״ פון יצחק קאָרן, איז פאַראַן אַ רײַכער אינפאָרמאַטיווער מאַטעריאַל וועגן דער טעמע. עס וויל זיך באַמערקן אַט וואָס: די השפעות פון יידיש אין ארץ ישראל זענען געפלאָסן אין צוויי שטראָמען — בנגלה ובנסתר. און ווײַל וועגן ערשטן שטראָם רעפערירט יצחק קאָרן, וועל איך זיך באַגנוגענען מיט אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן צווייטן נסתרדיקן שטראָם. מחמת, דאָס בײַזײַן פון יידיש בײַם אָוועקלייגן די אבני יסוד פאַר אַ נײַער יידישערווירקלעכקייט אין ארץ ישראל באַשטעטיקט נישט נאָר די עקזיסטענץ פון אַ יידישער פּרעסע, פון ערשטע קנאָספּן פון ליטעראַרישער יצירה, אויך אין דעם עצם פּראָצעס פון אויפלעבן העברעיִש ווי אַ רייד־שפּראַך פילט מען דעם דופק פון יידיש. לבה המה בה, וואָלט איך געזאָגט אין אַ מליצה־תנ״כישן לשון. מען פילט עס נישט נאָר אין דעם וואָרט־אוצר, נאָר אויך אין גײַסט און אין דער סטרוקטור פונעם זאַץ־בוי. אין אָנהייב פון דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט העברעיִש פאַרמאָגט אַ שטאַרקע יידישע באַפאַרבונג, זי איז געווען „יידיש אָנגעוואָרמעט, יידיש באַהאַרצט״. צי קאָן מען אָן יידיש פאַרשטיין די העברעיִשע אויסדרוקן ווי „באים לו מעות״, „לא היה עוזב להכות אותו״, „כשבאתי ללכת״ ווי מ׳האָט אַמאָל געשריבן? דערצו דאַרף מען נאָך האָבן אין זינען אַז דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דער אשכנזישער הברה, וואָס איז אַ געזעצלעך שוועסטערקינד פון יידיש. דאָס קאַפּיטל איז נאָך נישט אויסגעפאָרשט. מען פאַרנעמט זיך בײַ אונדז ווייניק מיטן שפּראַכלעכן לבוש פון דער העברעיִשער פּרעסע און ליטעראַטור פון יענער צײַט.

אַפילו אַזאַ אָרטאָדאָקסאַלער העברעער ווי עס איז געווען אליעזר בן יהודה, אַפילו ער האָט זיך נישט געקאָנט אינגאַנצן באַגיין אָן יידישע מאָרפעמעס און זיי אײַנגעשלאָסן אין זײַן גרויסן ווערטערבוך, אַז זיי זענען „שגור בפי העם״,

פאַרשפּרייט אינעם פאָלקסמויל. אַזוי למשל, אילוסטרירט ער דאָס פּראַקטיקע יידישע וואָרט „בעלנות" מיט פאָלגנדיקער דוגמא; „זו בעלנות לעשות כּכה". ס'אַ בעלנות, הייסט עס, צו טאָן אַזוי. מען קאָן ברענגען אַ סך אַזעלכע און ענלעכע ביישפּילן פון דער שפּראַכלעכער אַטמאָספער אין וועלכער העברעיִש האָט געאָטעמט מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען יידיש איז געווען איינע פון די עלעמענטן וואָס האָבן באַפּאַרבט איר וועג צו אויפלעבונג, צו ווערן ווידער אַ טעגלעכע רייד־שפּראַך. נאָך בשעתו האָט ח. נ. ביאַליק באַמערקט, אַז תחית לשון־עברית וואָלט נישט מעגלעך געווען אָן דעם ווונדערלעכן צוזאַמענשפּיל מיט כּלערליי יידישן, און בעיקר מיט אונדזער יידיש, מיט זיין אויסעמלעכער רייכקייט. (דב סדן, טויערן און טירן, ז' 233).

אין די יאָרן 1893—1895 איז אין ירושלים דערשינען אַ יידישע צייטשריפט „דער קאָלאָניסט". איר רעדאַקטאָר איז געווען דער אַגראָנאָם מנשה מאיראָוויטש וואָס פלעגט זיינע מאמרים חתמענען „סטאַרי פּאַלעסטינעץ". וועגן דער צייט־שריפט האָט פּראָפ. דב סדן אָפּגעדרוקט אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג אין „די גאָלדענע קייט" (נומ. 16.). אין דער אַרבעט זענען פאַראַן אייניקע באַמערקונגען וועגן דער ראָל פון יידיש אין אויפלעבן דעם מאָדערנעם העברעיִש, וואָס קאָנען אונדז דינען ווי אַ אסמכתא צו דעם ביז איצט געזאָגטן. צווישן אַנדערן לייענען מיר ביי דב סדן: „דאָ (אין ארץ ישראל — ל. פּ.) איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס מיר האָבן געזען אויף אַ העכערן שטאַפּל פון דער ליטעראַטור. כ'מיין די אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער פּראָזע און איר בעל־נוסח, מענדעלע, וואָס איז געקומען צו זיין אייגענער שפּראַכלעכער רעוואָלוציע נישט נאָר אויפן געגנעטישן וועג פון השפּעה (מענדל לעפין) נאָר בעיקר אויפן דיאַלעקטישן וועג — דורך זיין יידיש, בכּוח דעם קינסטלערישן פאַרלאַנג פון אַדעקוואַטער אויסגעהאַלטנקייט, צו זיין העברעיִש" („די גאָלדענע קייט" 16, ז' 198).

און נאָך ווילט זיך באַמערקן; די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור האָט זייער פּרי אַרויסגעוויזן אַ טאַלאַנט צו ארץ ישראל. עס איז באַקאַנט י. ח. ברענערס באַרימטער מאמר „הז'אנר הארץ ישראלי ואביזרייהו", אין וועלכן ער פאָרמולירט זיינע ספקות וועגן די מעגלעכקייטן פון שאַפן קינסטלערישע ליטעראַטור וועגן דער נייער, יונגער יידישערווירקלעכקייט אין ארץ ישראל. אין דעם מאמר האָט ברענער אַפילו געחוזקט פון די שרייבער משה סמיליאַנסקי, מאיר ווילקענסקי, שלמה צמח, וואָס האָבן עס געפּרוּווט טאָן.

י. ח. ברענער האָט געשריבן אין אַן אָרט: „נאָר דער וואָס האָט זייער אַ פּאַרדעכטיקע השגה אין פּאָעזיע וואָס זי באַטייט, און אין ליטעראַטור ווי אַזוי זי ווערט באַשאַפן, קאָן מאָנען שיינע שאַפונגען דווקא פונעם לעבן אין ארץ ישראל, קאָן מאָנען אַז דווקא אָט דאָס ברעקל תוהו־ובוהו, אַז אָט דאָס פּיצל

מיש־מאַש פון איינגעזעסענע ספרדים און איינגעוואַנדערטע אשכּנזים, זאָל אונדז געבן פּאָעטן און מחברים פון גרויס געהויבענע פּאָעמעס, דראַמעס און ראָמאַנען" (י. ח. ברנר: מתוך פנקס, רביבים ג־ד, ירושלים תרע"ג).

אין דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט קאָן מען שוין אָנווייזן אויף אַ גאַנצער ריי ערנסטע ליטעראַריש־קינסטלערישע שאַפונגען אויף ארץ ישראל־טעמעס פון שלום אַש, א. ראובני, ז. י. אנוכי, ז. ברכות, א"א.

דאָס ביז־איצט־געזאָגטע געהער אָבער צו דער פרע־היסטאָריע. די פאַקטישע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אויף דער ארץ ישראל־ערד הייבט זיך אָן מיט דער דריטער עליה, מיטן שאַפן פון די שרייבערס וואָס האָבן מיט לייב און לעבן, מיט גוף און נשמה זיך באַהעפט מיטן אויפבוי־פּראָצעס פון דער אויפקומענדיקער מדינה. מער פון אַ סך אַנדערע שרייבערס אין ביידע לשונות האָט יוסף פּאַפּירניקאָוו, דער נעסטאָר פון דער יידיש־ישראל־ליטעראַטור, אויסגעדריקט דעם עטאָס פון דער דריטער עליה.

נישט יעדן שרייבער האָט דער גורל גורם געווען אַ באַשערטקייט צו סימבאָ־ליזירן דעם אָנהייב פון אַ נייער תקופה. י. פּאַפּירנדיקאָוון איז באַשערט געווען די היסטאָרישע מיסיע צו זיין דער פּיאָנער פון אַ דור פאַר וועמען ארץ ישראל איז נישט געווען „אַ טוריסטישע איבערלעבעניש, אויך נישט ווי אַ קורצער אויטאָביאָגראַפישער אינטערוואַל, לאַ־כּל־שכּן ווי אַ ראָמאַנטישער רעפלעקס וואָס האָט געקאָנט אויפקומען על כּל מיני נהרות, פון דער ווייליע ביזן האָדסאָן; נאָר ארץ ישראל ווי אַ שטענדיקע, טאָגטעגלעכע רעאַליטעט — פון אַ פאָלק אין זיין לאַנד" [ד. סדן, טויערן און טירן, זייט 135].

וועגן דעם דאָזיקן היסטאָרישן חידוש האָבן מיר אַן אויטענטישן גבית־עדות פון דעם וועטעראַן אין דער יידיש־ישראל־ליטעראַטור — יעקב צבי שאַרגעל. ער האָט געשריבן: „בלוי איז געווען דער הימל, וואָס האָט געהיימט און געשירעמט די יונגע יידיש־שאַפערס, די מיט באַגייסטערונג אָנגעשיכּורטע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען פון אייגענעם ווילן, אָן אָנווייזונגען פון כּוח־האָבנדיקע אָנווייזערס, און לא על מנת לקבל פּרס — צו באַזינגען און באַשרייבן דאָס לאַנד פון די אָבות און די בנים, אין די טעג פון אויפגיי און אויפלייכט, — — — און אַרויסגעשאָלט פאַר דער ברייטער און גרויסער וועלט — — — דאָס געזאַנג פון אויפקום און אויפבוי פון אַ היים וואָס איז אונדז צוגעזאָגט געוואָרן פון בראשית אָן". (י. צ. שאַרגעל, „קוואַלן אַרום געצעלט", זייט 316־317).

די היסטאָרישע מיסיע פון „באַזינגען און באַשרייבן" די אַלט־נייע־היים האָבן אָנגעהייבן די יידישע שרייבער־חלוצים פון די צוואַנציקער יאָרן, די פון די דרייסיקער יאָרן. מיט ווערדע האָבן עס ממשיך געווען די שרייבערס פון די ווייטערדיקע תקופות, ביז צו די שרייבערס־עולים פון דער לעצטער צייט.

די יידישע שרייבערס פון ישראל זענען באַהערשט פון דער אידעע, אַז

ייִדיש־יצירה וועט דאָ געדייען נאָר דעמלט ווען אירע שאַפערס וועלן זיך טיפער באַהעפטן מיט דער מדינה, זיך אַריינפלייסן אין איר בלב ונפש. און יעדער איינער פון זיי קאָן מיט רעכט איבערפראַזירן וועגן זיך וואָס עס האָט בשעתו געזאָגט אורי־צבי גרינבערג: ספרות ישראל ביִדיש בשר מבשרי — — כל הכאב וההתלהבות שלי — בה. אויך פאַר די יִדיש שרײַבער איז די ישראל־ליטעראַטור אין יידיש פלייש פון זייער פלייש — זייער גאַנצער ווייטיק און באַגײַסטערונג זענען אין איר.

לסוף די שורות פון הויכער אָפּשאַצונג וואָס פּראָפ׳ דב סדן האָט געגעבן די ייִדישע שרײַבערס; הרבה מסופרי יידיש מעורים במציאות, בנוף ואנשיה בארץ — רב יותר מכפי שמעורים בה הרבה מסופרי העברים.

און די ייִדיש־שאַפערס אין מדינת ישראל גרייסן זיך דערמיט.

כ"ח כסלו תשמ"ג

די טעמעס וועלכע באַשעפטיקן דעם פובליציסט, עסייִט און ראָמאַניסט מרדכי צאַנין, פאַרנעמען די פּראָבלעמען פון דער מיזרח־אייראָפּעיִש־יִדישער קולטור אַ צענטראַל אָרט. היסטאָריש, האַלט מרדכי צאַנין, האָבן די ייִדן ערשט אין זייער פאַזע פון מיזרח־אייראָפּע אויספאָרמירט זיך ווי אַ פאָלק. ביז דאַן זענען, לויט אים, די ייִדן געווען ניט מער ווי אַ רעליגיעזע עדה פון פאַרשיידענע, צו מאָל אַנטיפאָדע שבטים.

מרדכי צאַנין טרעט אָפט אַרויס מיט שאַרפע קריטיק וועגן אומגאָרמאַל־קייטן אין דער קולטור פון דער מדינה. ער האַלט, אַז בײַם לייגן די גרונט־יסודות פון דער ישראל־קולטור, איז נעגירט געוואָרן דער גײַסט פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. אין פאַרשיידענע פאָרמעס און וואַריאַציעס, סײַ אין זײַן פאַרצווײַגטער פובליציסטיק, סײַ איז זײַן גרויסער אַרטאַפּאַנוס עפּאָפּעע, באַשעפטיקט זיך מרדכי צאַנין מיט רעהאַביליטירן די קולטור און ציוויליזאַציע פון דער מיזרח־אייראָפּעיִש ייִדישער־קולטור.

זינט דעם אויפקום פון דער ייִדישער מדינה, איז אין ישראל געשאַפן געוואָרן, אין ביידע לשונות — ייִדיש און העברעיִש — אַ פאַרשיידנאַרטיקע קינסטלערישע ליטעראַטור, וואָס באַלײַכט אַלערליי שטחים אין לעבן פון דער מדינה. מרדכי צאַנינס פינפטער בוך פון זײַן אַרטאַפּאַנוס־עפּאָפּעע „דער ירדן פאַלט אַרײַן אין ים המלח" איז, דאַכט זיך, אַן ערשטע אַרומנעמענדיקע קינסטלערישע פּאַנאָראַמע פון, וואָלט איך געזאָגט, מלוכהשער אַנגאַזשירטקייט. דער היקפדיקער צײַט־שטח פון דעם ווערק, איז כולל אין זיך אַלע מלחמות פון דער מדינה.

פּאַראַלעל מיט די רעליעפע געשטאַלטן וואָס צאַנין מאָלט און די דראַמאַטישע קאַליזיעס וואָס ער שילדערט, ווערט אין דעם ווערק אויך געפירט לײַדנשאַפטלעכע

דיסקוסיעס וועגן די סאָציאַלע און עטישע פּראָבלעמען פון דער מדינה. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען פראַגן וועגן דער קולטור־ירושה ביכלל און וועגן דער פון מיזרח־אייראָפּע ביפרט. אין דעם ווערק איז פאַראַן נישט ווייניק פּעסימיניסטישע מעדיטאַציעס, אָבער אויך אַ סך אָפּטימיסטישע אָבסערוואַציעס.

כאַראַקטעריסטיש איז די פלוגתא צווישן אַרטאַפּאַנוסן מיט זײַן פּאַד־קאָלעגע דער ריין־ראַסיקער ספרדי, דער ספרדי טהור, ווי עס האָט ליב זיך פאַרשטעלן ד״ר אַרמאָזע. דער לעצטער האַלט, אַז אין מדינת ישראל, איז ניט פאַראַן קיין איינהײַטלעכע נאַציאָנאַלע קולטור. לויט אים האָבן די פאַרשיידענע שבטים אין דער מדינה קיין בשותפותדיק־ישראלדיקן דענאָמינאַטאָר. דער נײַער עולה האָט נישט מיט וואָס זיך צו באַרײַכערן אין פרט פון נאַציאָנאַלער קולטור. דער עקזיסטירנדיקער רעליגיעזער דענאָמינאַטאָר איז הײַנט צו טאָג ניט געגנוג און קיין אַנדערע נײַע קולטור־כלים זענען דאָ, אין דער מדינה, נישט צוגעגרייט געוואָרן.

אַרטאַפּאַנוס וואָס דריקט אויס, לויט אַ סך סימנים, דעם מחברס מחשבות, דערווידערט ד״ר אַרמאָזעס אויספירן: כּלים, האַלט ער, זענען שוין געווען גרייטע, מען האָט זיי אָבער צעבראָכן. די קאָמפּלעקטיווע אַשכּנזישע פּירערס, די וועלכע האָבן אייגנטלעך געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין, זענען געווען זיכער, אַז דורך פאַרמיאוסן און צעשטערן די ייִדישע מיזרח־אייראָפּעיִשע קולטור וועט דער געשאָפענער וואַקום פון זיך אַליין זיך אָנפילן מיט אַ נײַער ישראל־קולטור. דאָס, האַלט אַרטאַפּאַנוס, איז געווען אַ געפערלעכער עקספּערימענט פון צעשנײַדן אַ לעבעדיקן גוף מיט דער אַלוזיע; פון אויסגעווײלטע שטיקלעך, פון קולטור־שיריים קאָן מען שאַפן אַ נײַעם טיפּ מענטש.

מרדכי צאַנין האַלט און מיט אים זײַן העלד אַרטאַפּאַנוס, אַז די יורשים פון יוסף־חיים ברענער און בערל קאַצענעלסאָן האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז קולטור בויט זיך אויף דעם זעלבן אופן ווי עס איז געאָלאָגיש געבויט די ערד: שיכטנווײַז. יעדער העכערער שיכט פאַרמאָגט עלעמענטן פון די פריערדיקע. אויף דעם העכסטן שיכט, וואָס ווערט באַווירקט פון געוויטערס, פאַרפלייצונגען און פון דער זון־ענערגיע — פאַרמירט זיך אַ נײַער שיכט. פאַרזען אָט די סקאַלע אין דער נאַטירלעכער המשכדיקייט פון די פאַרשיידענע פלאַסטן אין דער קולטור־געשיכטע פון פאָלק, איז גורם, ביודעים צי בלא יודעים, אַ גײַסטיקן וואַקום אין וועלכן עס הערשט אומפאַרמײַדלעך דער זעלבער טאַריטשעלי־געזעץ ווי אין דער פיזישער וועלט, און דער רעזולטאַט קאָן אויך זײַן דער זעלבער...

דער ראָמאַן „דער ירדן פאַלט אַרײַן ים המלח״, איז רײַך מיט אידעיִשע אַנאַלאָגיעס, געזעלשאַפטלעכע דיאַגנאָזן און היסטאָרישע פּאַראַלגעמיינערונגען. אייניקע פון זיי קאָנען אָבער אַרויסרופן וויכוחים. ווי למשל ד״ר אַרמאָזעס דיאַגנאָז מיט וועלכן עס שליסט זיך פאַקטיש דער ראָמאַן; אַז די ייִדן זענען

געגליכן צו יענער ראַסע בעלי־חיים, וואָס האַלטן אויף זייער מין נאָר אַ דאַנק די כסדרדיקע אויסערלעכע סכּנות. אָן די סכּנות, ווען די ייִדן וועלן האָבן אַ רויִקן היסטאָרישן פּעריאָד, אָדער ווי ד״ר אַרמאַזאַ דריקט זיך אויס, אַ פּעריאָד מיט פּאָסטאָראַלע באַדינגונגען, וועלן זיי אונטערגיין, וועלן זיי זיך אויפלייזן ווי אַ לעפל אין אַ וואַסער־באַסיין.

דעם דאָזיקן טעזיס דערוווּדערט קיינער ניט, נישט דער מחבר און נישט זײַן העלד. און ווי זאָגן חז״ל: שתיקה כהודאה דמיא. שווײַגן הייסט דאָך מודה זײַן. וועגן דעם דאָזיקן דיאַגנאָז קאָן מען אָבער דיסקוטירן. כּדי אַ פֿאָלק זאָל לעבן און געדייַען זענען ניט גענוג נאָר אויסערלעכע פֿאַקטאָרן. דערצו איז נויטיק, קודם כּל, אָן אינערלעכער ווילן און באַדערפעניש, זענען נויטיק אייגענע אינערלעכע באַשפּײַז וואָרצלען, טראָץ אַלע אויסערלעכע היסטאָרישע אוראַ־גאַנען. עס קאָן גרייַלעך געמאָלט זײַן, אַז אַ געוויסן טייל פֿון פֿאָלק וועט דער אויסערלעכער געוויטער פֿאַרשלעפּן. דער געזונטער נישט פֿאַרדאָרבענער טייל פֿון פֿאָלק, זײַנע שעפֿערישע צווײַגן פֿאַראַנקערטע אין די פֿעטע זאַמען פֿון דעם פֿאָלקס־באָדן, איז אַ שטענדיקע גאַראַנטיע פֿאַר דעם פֿאָלקס־עתיד.

*

דער ראָמאַן „דער ירדן פֿאַלט אַרײַן אין ים המלח״ איז, ווי געזאָגט, געווידמעט די פּראָבלעמען פֿון דער מדינה, זינט איר אויפֿקום ביז צו דער יום־כּיפּור מלחמה. אויך די פֿריערדיקע טיילן פֿון דער עפּאָפּעע זענען אין תּוך הײַנטצײַטיק, הגם די האַנדלונגען קומען פֿאָר אין ווײַטע, אַמאָליקע היסטאָרישע צײַטן.

אַרײַנלעבנדיק זיך אינעם גײַסט פֿון מרדכי צאַנינס עפּאָפּעע, קאָן מען זיך שאַפֿן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן זײַנע קאָנצעפּציעס וועגן היסטאָרישן זשאַנער. פֿון זיי איז צו דרינגען, אַז מרדכי צאַנין האַלט מער פֿון דעם קינסטלערישן אויג ווי פֿון דעם פּראַגמאַטיש היסטאָרישן. דער קינסטלער זעט די היסטאָרישע ווירק־לעכקייט נישט נאָר אַזוי ווי זי איז געווען, נאָר פֿיל ווירקלעכער, וואָרעם ער זעט אויך איר פֿאַרהוילענעם אינערלעכן אינהאַלט, איר באַציונג און אָפּהענגיקייט, וואָלט איך געזאָגט, פֿון דעם פֿאָלקס־נשמה. אייגנטלעך האָט דער אַלטער אַריסטאָטעלעס שוין אין זײַן צײַט געהאַלטן אַז די ליטעראַטור, די דיכטונג, איז מער פֿילאָסאָפֿיש און מער ערנסט ווי די געשיכטע, מחמת די געשיכטע דערציילט וואָס ס׳איז געשען, די דיכטונג — וואָס עס קאָן געשען.

דער זשאַנער פֿון היסטאָרישן ראָמאַן אין וועלכן מרדכי צאַנין איז שעפֿעריש טעטיק, איז נישט קיין נײַעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. עס האָבן אין אים געשאַפֿן אַזעלכע מײַסטער ווי שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו, דער נסתּר און זלמן שניאור, דוד בערגעלסאָן און חיים גראַדע... מרדכי צאַנין האָט אָבער זײַן אייגענעם, באַזונדערן גאַנג אין דעם דאָזיקן זשאַנער. אין וואָס באַשטייט ער?

דער שאַפער פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן שילדערט געוויינטלעך אַ געוויסן צײַט־אָפּשניט פון אַ תקופה, פון אַ דור און אין אַ באַשטימט לאַנד־; ער שטרײַכט אונטער דאָס ספּעציפישע וואָס טיילט אויס דעם דור און זײַן צײַט פון אַנדערע צײַטן און אַנדערע דורות. די צענטראַלע אַקס פון מרדכי צאַנינס היסטאָרישע ראָמאַנען איז אַליין די געשיכטע. אין דער געאָגראַפישער און היסטאָרישער צעשפּרייטקייט זוכט ער נישט וואָס עס טיילט אויס, נאָר דאָס וואָס פאַראייניקט דורות און תקופות. ער זוכט צו אַנטפּלעקן דאָס אַטאַוויסטישע אין דער געשיכטע פון פאָלק. נישט אַזוי די כראָנאָלאָגיע פון די געשעענישן אינטערעסירט מרדכי צאַנינען, נאָר ווי אַזוי די היסטאָרישע געשעענישן האָבן זיך אָפּגעלייגט אין געמיט פון פאָלק; „ווען איז עס געשען? — פרעגט אין אַן אָרט זײַן העלד אַרטאַפּאַנוס און ענטפערט — איך געדענק נישט, נאָר איך האָב דאָס איבער־לעבעניש אין האַרצן".

פאַר מרדכי צאַנינס עפּאָפּעע איז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר היסטאָרישע המשכדיקייט נאָר אויך היסטאָרישער פּאַראַלעליזם. אין אַ שמועס מיט זײַן פרײַנט מאַטאַלדא זאָגט אַרטאַפּאַנוס:" קיין שום ייִד זאָל נישט געפּרוּווט ווערן מיט די רויכן און שרפות, מיט וועלכע איך בין אין מײַן לעבן — אין אונדזער לעבן — געפּרוּווט געוואָרן און איך האָב זיי פאַרגעפילט"...

מרדכי צאַנינס היסטאָרישע מעדיטאַציעס זענען אַ פּועל־יוצא נישט בלויז פון אַן עסטעטישן באַגער, נאָר אויך פון אַן עטישער באַדערפעניש, פון אַ ווילן צו באַזיגיקן דאָס אויבנאויפיק זינלאָזע. דער היסטאָרישער שטאָף דינט מרדכי צאַנינען פון איין זײַט אויסצודריקן זײַן באַציונג צו די שענדלעכקייטן פון הײַנט און פון דער אַנדערער זײַט זיך דערגרונטעווען צו די וויטאַלע וואָרצלען פון דער ייִדישער נאַטור און איר היסטאָרישער גילגול און גורל.

פאַר מרדכי צאַנינס עפּאָפּעע פּאַסטן זיך די ווערטער פון י. ל. פּרץ. „נישט נאָר אַ מענטש, נאָר אויך אַ פאָלק דאַרף האָבן אַ זכרון. און אַ פאָלקאָמער זכרון איז די געשיכטע. אָן געשיכטע, איז ווי אַ מענטש אָן זכרון, קאָן קיין פאָלק נישט קליגער, נישט בעסער ווערן".

י"ח שבט תשמ"ג

פיר יאָר צענדליק וואָס איך לעב בשלום מיט שלמה רויטמאַנס שאַפן. איך האָב וועגן אים געשריבן ווען ער איז געוואָרן אַ בן־חמישים דאָרט, אין דער פרעמד, אין גלות. איך האָב וועגן אים געשריבן ווען ער איז מיט מזל געוואָרן אַ בן־שישים, דאָ אין דער היים, אין ישראל. מיט אַ באַזונדערער גינציקייט שרײַב איך די רשימה צו זײַן ווערן אַ בן־שבעים.

שטענדיק איז פאַר מיר געווען אַ תמיהה: ווי אַזוי האָט ער, שלמה רויטמאַן, זיך געקאָנט פאַרהיטן און נישט אָנשטעקן זיך מיטן צרעת פון דעם סאָוועטישן

„עץ הדעת" צו באַזינגען דעם געץ, ווי עס האָבן דאָס געטאָן דאָרט דאָס רוב פון זײַן דור. אַ דור פון צעבראָכענע הערצער און צעקאַליעטשעטע נשמות.

ווי אַזוי האָט ער, שלמה רויטמאַן, געקאָנט ווידערשפּעניקן און נישט לאָזן זיך אַרײַנלייגן אין דעם סדום־בעטל פון דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט פאַרהיטן זײַן נעאָ־ראָמאַנטישע נאַטור צו באַזינגען דעם זין און גײַסט פון ייִדישן שטייגער און פאָלקלאָר. נישט אַלע דאָרט, זענען מסוגל געווען צו דעם. אין דעם בפירוש איז געווען זײַן אַנדערשקייט דאָרט. און אין דעם איז אויך זײַן באַזונדערקייט דאָ. קיין ישראל איז שלמה רויטמאַן געקומען אָן חטאת נעורים. פון די דופטיקע פּאָדאָליער „ווײַנגערטנער" ביז די זאַפטיקע „הרצליהער סטראָפּעס" ציט זיך איין און איינציק שעפערישער פאָדעם פון פאָעטישן גינגאָלד.

און אויב איך האָב ווען עס איז געטיילט זײַן שאַפן אויף „דאָ און דאָרט", האָב איך עס געטאָן, ווי מע זאָגט אין עברית, לשבר את האוזן, כדי טיפער באַנעמען די אינערלעך גײַסטיקע האַרמאָניע פון זײַן שעפערישן באַרג אַרויף; כדי אונטערשטרײַכן זײַן ווירטואָזיטעט און אָריגענאַליטעט, וואָס רופט אַרויס פרייד און פאַרגאַפונג און טוט, ווי יעקב גלאַטשטיין האָט באַמערקט, „לאַנג ציטערן אין געמיט".

אגב, עס איז דאָך פאַראַן אַ קענטיקער צייכן לויט וועלכן מען קען פונאַנדערטיילן זײַן יצירה דאָ און דאָרט. דאָס באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרט איז ער אין תוך געווען אַ דיכטער פון אַן אונטערגייענדיקער ייִדיש שעפערישער וועלט און דאָ איז ער דער באַזינגער פון אַן אויפגייענדיקער ייִדיש שעפערישער נאַטור. אַן עדות דערפון זענען זײַנע געזאַנגען וואָס דעכן מיט דער חיותדיקער לופט פון ישראל. אין אַלע זײַנע ביכער זינגט ער זײַן וואַקכיש ליד צו ישראל, צו איר הימל און ערד, צו איר פאַרב און פלאָראַ, צו אירע שעפער און בויער:

ס'איז דוכט אַ קלעזמער־כּלי מײַן געביין,
אין גלות פלעג איך מאַכן נאָר אַ וואָרע
פאַר דיר, מײַן פידל, אַז מיט דײַן געוויין
כ'זאָל אויסגיסן דאָס האַרץ מיר, ווי אַ כמאָרע:
איצט ווען איך האָב אויף זיך שוין נישט קיין פּרעה
און בין אַ בעל־הבית אויף זיך אַליין
און קען, ווי יעדער, אויף מײַן ערד שוין שטיין,
איך ברומקע זיך, איך בין שוין אַ גיטאַרע...

אין איינער פון זײַנע רשימות האָט שלמה רויטמאַן אַ מאָל פאַרצייכנט:
„מיר זענען קינדער פון אַ גרויסער דראַמאַטישער עפּאָכע, דאַרף דער מענטש

פון אונדזער צײַט געפינען אין דער פּאָעזיע אַן אמת לעבעדיק פּילזײַטיקן תּיקון... די דראַמאַטיק, די דיאַלעקטיק פון אונדזער נשמה־לעבן, דאַרף געגעבן ווערן אין דער פולער מאָס"... טוט עס טאַקע דער אויסגעמלעכער פּאָעט שלמה זינט זײַן עליה אין אַ פולער מאָס.

ווען מען וואָלט געוואָלט מיט איין וואָרט באַצייכענען שלמה רויטמאַנס פּאָעטישע נאַטור, וואָלט מען זיך באַדאַרפט באַנוצן מיטן וואָרט באַגײַסטערונג, וואָס קומט צום אויסדרוק מיט אַ באַזונדערס אייגנטימלעכן פּאַטאָס. פּאַטאָס און נישט פּאַטעטיק. זײַן פּאַטאָס, אויב זיך בילדעריש אויסדריקן, איז פון אַן אַקוסטישער פּלאַסטיק. זײַן התפעלות איז די אינטעלעקטואַליסטישע סטאַדיע פון זײַן פּאַטאָס, וואָס איז גורם דעם בולט אָראַטאָריש הימנען־כאַראַקטער פון זײַן דיכטונג.

דוד האָפשטיין, שלמה רויטמאַנס גרויסער מורה־דרך אין דער דיכטונג, האָט בשעתו גורס געווען: „הימנען פאָדערן אַ באַזונדערע קאָנצעפּציע, אַ באַזונדערע ווײַטזעעוודיקע זיכערקייט. וואָס שטאַמט פון אַנגעזאַמלטער קאָלעקטיווער ענערגיע". די דאָזיקע באַשטימונג פון דוד האָפשטיין, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר אַ גאַנץ באַזונדערער ריכטונג אין דער דיכטונג בײַ ייִדן זינט „אָז ישיר" און „האַזינו", איז ווי צוגעמאָסטן פאַר שלמה רויטמאַנס איינציקאַרטיקן פּאָעטישן גאַנג, „וואָס רײַסט אַרויס פון חושך גאַנצע וועלטן פון מענטשלעכן גײַסט".

אויבנאויפיק קאָן זיך דאַכטן אַז אין דעם טעמאַטישן קרײַז פון זײַנע ביכער, זענען פאַראַן ענלעכע טעמעס מיט וועלכע דער דיכטער־דענקער שלמה רויטמאַן באַשעפטיקט זיך קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט. אָבער פון בוך צו בוך זענען זייערע פּלאַסטישע ליניעס און גײַסטיקע דימענסיעס פון אַ באַזונדערן עספרי און אויפשטײַג.

אין אַ צווייטן, אָדער ווער ווייסט אין וועלכן גילגול רופט זיך שלמה רויטמאַן איבער מיט דער קלאַסישער טראַדיציע פון י. ל. פּרץ. ווער עס האָט אַ פאַרשאַרפטן געהער צו פאַרהוילענע דרכים אין גילגולים פון אידעען און געדאַנקען וועט דערפילן און דערהערן אין שלמה רויטמאַנס „פאָלקסטימלעכע לידער" אַן עכאָ פון דעם עטישן פּאַטאָס אין י. ל. פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

ייִדיש־פאָלק, ייִדיש־לשון, ייִדיש מדינה שײַנען אַרויס פון ש. רויטמאַנס לידער ווי איין נישט צעשטערערישע גאַנצקייט.

אין זײַן צוגאַנג אין באַנוצן זיך מיט די עסטעטישע ווערטן פון דעם ייִדישן פאָלקס־שאַפן רופט זיך ש. רויטמאַן איבער אין אַ געוויסער מאָס מיט איציק מאַנגער. צוויי דיכטער פון צוויי פאַרשיידענע דרכים אין דער ליטעראַטור, באַגעגענען זיי זיך אין דער דעה אַז „דער סאַמע וויכטיקסטער טריט צו דער

פאָלקס־דערקענטעניש, איז די דערקענטעניש פון דעם פאָלקס־נשמה. און דער בולטער אויסדרוק פון דעם פאָלקס־נשמה איז זײַן פאָלקלאָר" (מאַנגער).

דער לעבעדיקער פאָלקלאָר איז די שוואַרץ ערד פון וועלכער עס זענען אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן די ריטמען און פאַרבן פון שלמה רויטמאַנס מערקווער־דיקע פאָלקסטימלעכע לידער. אַ מערקווערדיקע מעטאַמאָרפאָזע אין זײַן שאַפן איז דער גלגול פון „דער מאַמעס ניגון", וואָס סימבאָליזירט בײַם דיכטער אַל דאָס שיינע און אַל דאָס דערהויבענע אין יידישן שטייגער און איז איינע פון זײַנע באַדאַכטע און באַטראַכטע טעמעס.

שלמה רויטמאַן האָט אַ מעטאַפיזישן צוגאַנג צו דער טעמע. ער באַטראַכט דאָס מוטערלעכע ווי אַ קאָסמישע דערשײַנונג, וואָס סימבאָליזירט אַלע געבירנ־דיקע און באַפרוכפּערנדיקע כוחות אין קאָסמאָס. אפילו די ערד איז בײַ אים אַ מאַמע. זײַן האַניק־טרעגער לייענט פון די בלומען אַרויס „דעם כתב פון מאַמע־ערד און איר באַשאַפער". דאָס מוטערלעכע איז חל אויפן גאַנצן אוניווערס צו וועלכע שלמה רויטמאַן האָט אַ באַזונדערע נטיה. ווי זאָגט ער אין אַן אָרט: „און וואָס איז דען די זון, אויב נישט קיין אָם קיין אַרבעטזאַמע / און וואָס איז דען דער גאַנצער מענטש, אויב נישט קיין מאַמע". דער מאַמע־מאָטיוו סימבאָליזירט אין ש. רויטמאַנס שאַפן די אייביקייט און חכמה פון פאָלק. מיט די פעדלען פון דער יידישער פאָלקס־פיקחות, אַ ירושה פון דער מאַמעס געדע־כעניש און לער, באַצירט דער דיכטער זײַנע „פאָלקסטימלעכע לידער":

פון מאַמעניוס „גאָט פון אברהם" אין אָוונט,
ווען ס'שיידט זיך דער שבת פון אונדז ווי פאַרקלערט,
ווי ס'וואָלטן די שטערן געגאַן אויף דער ערד.
איר וואָרט איז — ווי פערעלעך וואָלט זי דאָ קלײַבן,
איר קול — גלײַך ווי קערעלעך קאָרן זי שיט.

די חכמה פון יידישן פאָלקס־שאַפן איז די לופט מיט וועלכער עס אָטעמען רויטמאַנס פּאָעטישע שאַפונגען. די גילדענע פּאַווע, די עמבלעם פון יידישן פאָלקסליד, איז אויך די עמבלעם פון זײַנע פאָלקסטימלעכע לידער.

די גאָלדענע פּאַווע סימבאָליזירט בײַ רויטמאַנען פון איין זײַט דעם גרויסן יידישן בראָך און חורבן אין גלות: „עס קומט געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע / אין דעם אייגענעם לאַנד. / פעדערן גילדענע, קוטשעראַווע, / פאַר־לוירן זי האָט צו איר שאַנד. / נישט אַזוי די פעדער, — דעם פליגל / האָט זי צעבראָכן דאַך, / און קוקט זי צום הימל — ווי אין איר שפּיגל, / זעט זי איר גאַנצן בראָך".

און פון דער אַנדערער זײַט סימבאָליזירט די גאָלדענע פּאַווע אויך דעם נײַעם

אויפּבלי פון דעם פאָלקס שעפערישע כּוחות אין דער אויפסניי אויפלעבנדיקער ייִדישער מדינה:

נעמט צו אונדז מיט גליק זיך קערן
שוין די פּאווע ווידער,
און די שאיבה לאָזט זיך הערן
יומטובדיק מיט לידער.
— — —
שאיבה קומט צו מיר מיט שטראָמען
וואַסער אָפּצושייַדן
מיך פון גריבער, יאָרן תהומען,
פול מיט מייַנע ליידן.

שלמה רויטמאַן האָט אַ וואָך־געהער צו די אידיאָמען פון דער פאָלקסשפּראַך. אין זייער בראַנדטיגל האָט זיך אויסגעוואָרעמט זייַן פּאָעטיש געמיט. דערפון די זאַפטיקייט פון זייַנע אימאַזשן און דער אַפאָריסטישער כאַראַקטער פון זייַנע מעטאַפאָרן. ווי אין דעם פאָלקס עפּאָס פאַריגלען זיך נישט זייַנע גראַמען, זיי קייטלען זיך איינער אין דער אַנדערער און שאַפן די אייגנאַרטיקע מוזיקאַלישקייט פון זייַנע פאָלקסטימלעכע לידער.

לויט דער געדאַנקלעכער בילדערישקייט זענען שלמה רויטמאַנס לידער אַלעגאָריעס, רעפלעקסן, ריכטיקער עמאַנאַציעס, אָפּשפּיגלונגען, מחמת די שיינ־קייטן וואָס דער דיכטער מאָלט פון די עקסטעריערע לאַנדשאַפטן זענען אַן אָפּגלאַנץ פון זייַן אייגענער אינערלעך פּאָעטישער תּפארת.

שלמה רויטמאַנס דיכטערישע נאַטור איז אַ זוכערישע. ער איז נישט אויסן בלויז אויפדעקן דעם ווייַ און ווונד פון דער צייַט, נאָר אויך געפינען פּאַר זיי אַ זין, דערפון דער הומאַניסטישער סך־הכּל פון זייַן שאַפן. דער אויסערלעכער פּאַטאַליזם פון די געשילדערטע געשעענישן זענען נישט מסוגל פאַרשטומען דעם אינערלעך אָפּטימיסטישן פּאַטאָס פון דעם אויסנעמלעכן פּאָעט — שלמה רויטמאַן.

כ״ז ניסן תשמ״ג

די דאָזיקע רשימה וויל זיך אָנהייבן מיט די באַפליגלטע ווערטער פון יעקב גלאַטשטיין: „מיר קאָנען זיך פאַרגינען צו פרייען זיך מיט יעקב שטערנבערגן און אים אָן שום ציטערניש אַרייַנציילן אין דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור ווי איינעם פון אירע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן״. (אידישער קעמפער, 17־טער מאַי 1963).

יעקב שטערנבערג געהערט בפירוש צו דער קאָהאָרטע גרויסע דיכטער (אורי־צבי גרינבערג, פרץ מאַרקיש, משה קולבאַק, משה־לייב האַלפּערן), וואָס האָבן געלייגט די גרונט שטיינער פאַר דער אורבאַניסטיש־אַוואַנגאַרדישער ריכטונג אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג.

דאָס שטעטל האָט אים, לויט זיין אייגענער פאָרמולירונג, „מיט בלוט פון האַלדז אַרויסגעשפּיגן און אַריינגעוואָרפן אין גומען פון גרויס שטאָטישן אומרו". די מאָס פאַר זיין שאַפן איז געוואָרן בישט די קליינשטעטלדיקע שיינקייטן נאָר די אַפּאָקאַליפּטישע שווידערלעכקייטן פון דער גרויסער שטאָט; דערפון דאָס גרויזאַמע אין זיין ליד און דאָס דעמאָנישע אין זיין בילד.

יעקב שטערנבערגס צווייטע היסטאָרישע ראָלע באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געווען דער רעפאָרמאַטאָר פונעם מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער; פון די ערשטע וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער „אַמעריקע־קאַליעריקע" שונד, וואָס האָט פאַרפלייצט די ייִדישע בינעס פון אייראָפּע; דער ערשטער וואָס האָט, לויט איציק מאַנגער, „געקלאַפּט אויף דער גאָלדפאַדן רעוויזיע" און אָנגעזאָגט די רעסטאַווראַציע פון זיינע טראַדיציעס. און געטאָן האָט עס יעקב שטערנבערג פריער פון דער ווילנער טרופּע אין פּוילן און מאָריס שוואַרץ אין אַמעריקע, פריער פון דער „הבימה" אין מאָסקווע און פון דעם „גאָסעט" אין לענינגראַד. אין אַ סעריע אַרטיקלען אין דער רומענישער צייטשריפט „סצענאַ", און דער עיקר אין דער פּאַראָדיע אויפן שונד־טעאַטער אין זיין ערשטער רעוויסטע „צימעס", האָט יעקב שטערנבערג שוין אין 1917 פּראָקלאַמירט דאָס אומקערן זיך מיטן פּנים צו גאָלדפאַדענען.

די גרעסטע דערגרייכונגען פון ייִדישן טעאַטער אין אייראָפּע, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז געווען דער „דיבוק" אין דער „הבימה", „די כּישופמאַכערין" אין „גאָסעט" און דער „זינגער פון זיין טרויער" ביי דער ווילנער טרופּע.

משה בראָדערזאָן האָט דעם רעזשיסאָר פון דער לעצטער פאָרשטעלונג, יעקב שטערנבערגן, געקרוינט ווי „דער זינגער פון אונדזער פרייד". ער האָט געשריבן: „אַ פּרעכטיקע, אַ ווונדערלעכע פאָרשטעלונג, פון וועלכער עס שטראָמט אַרויס מיט עכטן, לעבעדיקן גינגאָלד פון טאַלאַנט, פון וועלכער עס שפּרודלט מיט זיבן זונען פון קרישטאָלענעם, דיכטערישן ווילן, פון וועלכער עס ווילט זיך וויינען פאַר גוטסקייט, פאַר תמימות... פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שטיק מעגלעכקייט פון ייִדישן טעאַטער, אַ רייצנדיקע יונגע שיינקייט... (וואָס) האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין דעם גאַנצן תפארת, צאַרטקייט, עלאַסטישקייט. און ווי זעלטן, ווי ווויל דער פאַרגעניגן איז געווען צו פילן, און מיטן פולן מויל און מיט דער האַנט אויפן האַרצן צו זאָגן: — הנך יפה רעיתי! (געציילטע ווערטער 4, קראָקע 1930).

און איציק מאַנגער, ווען ער האָט באַשטימט אַרויסלאָזן זײַנע „געציילטע ווערטער”, מיטן ציל „צוריק אָנטאָן די קרוין דער גערודפטער שיינקייט” דעם יידישן ליד און דעם יידישן טעאַטער, האָט ער דעם ערשטן נומער פון זײַן צײַטשריפט אין מיניאַטור אָנגעהויבן מיט יעקב שטערנבערגן און, אים צו לענגערע יאָר, מיט הערץ גראָסבאַרד, וועמעס אויפטריטן מאַנגער האָט באַטראַכט ווי אַ „טריומף־מאַרש נישט נאָר פאַרן רעציטאַטאָר, נאָר פאַר דער גאַנצער מאָדערנער יידישע ליטעראַטור”.

יעקב שטערנבערג איז פאַר איציק מאַנגערן געווען „דער אַפּאָקאַליפּטישער רײַטער פון דעם מאָדערנעם שטורעם און דראַנג פון דער יידישער פּאָעזיע”. ער האָט אים אָוועקגעשטעלט אויפן פּאָעטישן פּיעדעסטאַל אין איין ריי מיט משה־לייב האַלפּערן.

בשעתו האָב איך געפּרווּוט שרײַבן וועגן יעקב שטערנבערגס אורבאַניזם און בעיקר וועגן די שעפערישע פעדעם צווישן אים און איציק מאַנגער. די טעזיסן פון מײַן פלאַנירטער אַרבעט האָב איך צוגעשיקט יעקב שטערנבערגן, אויף דעם האָט ער מיר צווישן אַנדערן געשריבן: „...אײַערע כּוונות וועגן וועלכע איר שרײַבט, זענען נאָבעלע, בלאַגאָראָדנע — בלע”ז. — — — מאַנגער, לעבנדיק נאָך אין רומעניע, האָט קיין סוד נישט געמאַכט פון דער השפּעה פון מײַנע גראָטעסקן און באַלאַדעס אויף אים. — — — ער האָט אויך מיט זײַן שאַרפן ליטעראַרישן קאָפּ, זייער עמפּינדלעך רעאַגירט אויף מײַן טעאַטער, זיך גוט צוגעקוקט צו אים. אַפילו אויף די רעפּעטיציעס געקומען. דאָס האָט זיך דערנאָך אָפּגערופן אויף דעם שפּילמאַנישן כאַראַקטער פון זײַנע פאַלקסמאַטיוון. און אַ ביסל מער קאָנקרעטער: זײַן קולט פאַר די בראָדער זינגער, זבאַרזשערן און גאָלדפאַדן האָט ער דירעקט בײַ מיר גענומען, וועלכע איך האָב אַרויסגע־פירט רעגולער אין מײַנע ערשטע רעוויסטעס ווי אויך אין מײַנע לעקציעס. — — ער אַליין האָט אין זײַנע ערשטע פאָרטראַגן אין וואַרשע פּראָקלאַמירט שטיינבאַרגן, אַלטמאַנען און דעם שרײַבער פון די שורות — געטאָן דאָס, וואָס איך האָב געטאָן לגבי זבאַרזשערן, די בראָדער און גאָלדפאַדן, און שפּעטער, איך מיט אַלטמאַנען לגבי שטיינבאַרגן. מיט דעם האָבן מיר אין ייחוסלאָזן רומעניע געזוכט ייחוס־אָבות. דאָס זעלבע, אָט דעם „ייחוס־אָבות” (השפּעות בלע”ז) האָט מאַנגער פּריוויליק אויף זיך גענומען אין באַצוג צו זײַנע דרײַ עלטערע חברים. ער האָט עס אויך פײַערלעך געטאָן. מערקווערדיק, אַז אין זײַנע לעצטע טראַגישע יאָרן, שוין אין ישראל, האָט ער זיך ווידער אומגעקערט אין זײַנע אַרויסזאָגונגען צו אונדז דרײַ — זײַנע ערשטע פרײַנט און מיטגייער.

וואָס איז נוגע אָבער אײַער טעזיס: שטערנבערג, קולבאַק, האָפשטיין (אין צוזאַמענהאַנג מיט אורבאַניזם), בין איך נישט אין גאַנצן אויף דער זײַט פון אײַערע פאָרמולירונגען. מײַן „חצות” האָט נישט קיין שום שײַכות צו האָפּ־

שטיינען. צו משה־לייב האַלפּערנס „נאַכט" — יאָ. מיט קולבאַקן רופט זיך נאָך אויך אין אַ געוויסער מאָס איבער מײַן אורבאַניזם. האָפּשטיינס אורבאַניזם איז פון אַן אַנדערן דרך, ער האָט באַגײַסטערט אויפגענומען די שטאָט, ווען איך און האַלפּערן האָבן — בײַ דער גאַנצער ליבע צו דער שטאָט — זי געשאָלטן, איינצײַטיק — געזען דאָס אַפּאָקאַליפּטישע — דעם הײַנטצײַטיקן — בורזשואַזן בבל צי סדום"... (מאָסקווע, יאַנואַר 1970).

איך האָב געבראַכט דעם גרעסערן אויסצוג פון יעקב שטערנבערגס בריוו צוליב די פּרטים וועגן זײַן באַציונג צו איציק מאַנגער און ועל כולם צוליב די ידיעות וועגן דעם ווי ער אַליין האָט פאַרשטאַנען די אורבאַניסטישע לידער פון זײַן בוך „שטאָט אין פּראָפיל" (בוקאַרעשט 1935).

בכלל איז יעקב שטערנבערגס גרויסע דיכטונג אייגנאַרטיק, נישט בלויז מיט איר טעמאַטיק, נאָר אויך מיט אירע אימאַזשן און פילאָסאָפיש־אינטעלעקטו־אַליסטישע אַסאָציאַציעס. די וואַלצן אויף וועלכע עס וויקלען זיך שטערנבערגס פּאָעטישע ידיעות זענען פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַרב פון צומאָל היפּוכדיקע עלעמענטן: מיסטעריע און ראַציאָנאַליזם, סימבאָ־ליק און רעאַליזם.

וועגן יעקב שטערנבערגס גרויסשטאָטישקייט, וועגן זײַן אורבאַניזם, האָט מען אַ סך געשריבן, ווייניקער אָבער וועגן זײַנע נאַטור לידער, וואָס זענען ניט ווייניקער אייגנאַרטיק ווי זײַנע לידער וועגן דער גרויס־שטאָט. די נאַטור איז פאַר יעקב שטערנבערגן תמיד געווען אַנטפּלעקונג, באַזינונג און פאַר אַלעמען דערקענטעניש.

בײַ דעם פאַרשריגענעם אינטעלעקטואַליסט, שטערנבערג, דערשײַנט די נאַטור נישט אַ ראַציאָנאַליסטיש־דעפאָרמירטע, נאָר ווי אַן אינטויִטיוו — רעפאָר־מירטע. אין דער הינזיכט רופט ער זיך איבער מיטן פראַנצויזישן דיכטער עמיל ווערהאַרן. פּונקט ווי בײַ ווערהאַרן הערט מען אויך פון יעקב שטערנבערגס שטאָט־לידער אַרויס אַ באַשטימטע מעטאַליסטישקייט, בעת זײַנע נאַטור לידער זענען פון אַ פּיאַניסימאָ־טאָן.

דער מיסטישער געפלעכט פון מענטש, חיה און נאַטור שאַפט די אָרקעסטראַ־ציע פון יעקב שטערנבערגס דיכטונג, וואָס איז פון זײַנע אָנהייבן אָן געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן גלויבן אין דעם מענטשלעכן שכל הישר. אַ גלויבן, אַז דער מענטש איז מסוגל אַליין צו באַשטימען זײַן גורל.

אין זײַנע לעצטע יאָרן אָבער, אין דער סתירותדיקער סאָוועטישער ווירקלע־כקייט, איז ער אַלץ מער באַהערשט געוואָרן פון אַ גלויבן אין אַ פאַטום, אין דער עקזיסטענץ פון איבער נאַטירלעכע סודותדיקע כּוחות, וואָס דער מענטשלע־כער שכל איז נישט מסוגל צו באַנעמען. אין זײַן שאַפן הייבט אָן אַלץ מער פּרעוואַלירן אַ קוהלתדיקער פּעסימיזם:

איך טו נישט לחלוטין זיך שעמען
צו זאָגן גאַנץ אָפן, אַז כ׳וויס ניט מיט וועמען
מײַן דיספּוט מײַן לעצטן צו פירן איך דאַרף
ווען ס׳בלאַנקט איבער מיר שוין פון חלף די שאַרף,
מיט גאָט פון שפּינאָזע? מיט גאָט פון די אָבות?
זאָל הייסן אַז ווידער איך גאָט האָב דערקענט!
אויב ניט, איז צו וועם זשע? צו וועם, איך פרעג, איז געווענדט
מײַן גאַליקער ביטערער שמועס, וואָס שיער נישט דאָס מויל מיר
פאַרברענט.

און אַזוי טאַקע איז ער, יעקב שטערנבערג, פאַרברענט געוואָרן ניט ענדיקנ־דיק זײַן „גאַליק־ביטערן דיספּוט״ וועגן מענטש און גאָט. אין זײַנע לעצטע לידער הערן זיך טענער פון השארת הנפש, פון אונטער ערדישע גילגולים, פון תחית המתים און, ועל כולם, פון בענקשאַפטן זיך באַהעפטן מיטן לאַנד פון די אָבות:

ציון הלא תשאַלי לשלום אַסיריך,
— — —
אין מיר הער איך, שרײַ איך,
מיט טרערן מיט בלוטיקע וויין איך.
נאָר פּלוצעם כ׳וועל האַלץ און ווער שטיין איך:
צו ריידן פון פאָלק. פון זײַן לאַנד און משיח.
מײַן האַרץ איז אַ סידור פול גרײַזן.
צי מעג דערפון דאַווענען איך,
צי מעג איך עס עפענען, ווײַזן?
ציון הלא תשאַלי לשלום אַסיריך,
— — — —
אין מיר הער איך, העכער נאָך שרײַ איך.
מיט טרערן געלײַטערטע וויין איך.
האַלב נאַקעט און באָרוועס וויל גיין איך...

דער גורל האָט אָבער נישט געוואָלט ער זאָל דערגיין קיין ציון. יעקב שטערנבערג האָט אויסגעהויכט זײַן לעצטן לעבנס אָטעם אין מאָסקווע, דעם צענטן אַפּריל 1973, האַלטנדיק אין דער האַנט די לאַנג געגאַרטע דערלויבעניש עולה צו זײַן קיין ארץ ישראל.

די רשימה שרײַב איך טאַקע הײַנט כ״ז ניסן, דעם צענטן אַפּריל 1983, אין דעם טאָג ווען עס פאַלט אויס דער צענטער יאָרצײַט פון דעם גרויספּאַרנע־מיקן ייִדישן שעפער — יעקב שטערנבערג.

ב. טאָגבוך רשימות פון פאַרשיידענע צײַטן

יוני 1965

עס וועט נאָך אויסקומען זיך פונאַנדערקלײַבן אין די ביכער וואָס מ. שאַץ־אַנין האָט געשריבן אין משך פון יאָרן. הײַנט וויל זיך פאַרצייכענען אַ באַזוך בײַ אים און דערציילן ווי אַזוי זײַן נאָמען איז דערגאַנגען צו אונדז אין די שטעט און שטעלעך פון אַמאָליקן באַיאַרישן רומעניע.

...געשען איז עס אין די דרײַסיקער יאָרן. פון די קליינע באַסאַראַבער שטעטלעך האָבן מיר מיט אָרעמע קלומעקלעך זיך אַוועקגעלאָזט קיין טשערנאָוויץ, געלעבט ווי אַסקעטן, געגעסן... אין בוידעם־שטיבלעך און אין נאַסע קעלער־וווינונגען. דאָס חיות דערהאַלטן מיט קאַרטאָפל־זופּ אין די אַרבעטערקיכן פונעם „מאָרגן־רויט" און „שנײַדער־הויז". גאַנצע טעג פאַרפאַלן געוואָרן אין די ביבליאָטעקן און אין די אָוונטן זיך אַרומגעאַמפּערט איבער פאַרשיידענע פּאָלי־טישע און קולטור־פּראָבלעמען אין די סעמינאַרן פון דעם „ייִדישן שול־פאַראיין"; געזוכט אַ תיקון פאַר זיך און פאַר דער וועלט. דער אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם האָט שוין דאַן געמאַכט מיט אונדז די ערשטע רעפּעטיציעס פון זײַנע מעשים תעתועים, וואָס ער האָט דערנאָך בעת דער מלחמה, אין די לאַגערן און געטאָס פון טראַנסניסטריע, אַזוי אכזריותדיק פאַרגעזעצט. אויף די גאַסן, אין די קראָמען זענען געהאַנגען פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן: „עס זאָל גערעדט ווערן נאָר רומעניש!" נישט נאָר דאָס געדרוקטע ייִדישע וואָרט איז געוווען פאַרווערט, פאַר רעדן ייִדיש אויף דער גאַס האָט געדראָט שטראָף. אָט אין יענע חושכדיקע יאָרן איז פון ריגע אויף פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן דערגאַנגען צו אונדז אַ דינינקער אַלמאַנאַך אונטער נאָמען „יונג ייִדיש". שוין פון די ערשטע שורות אין דעם אַרײַנפיר־וואָרט צום אַלמאַנאַך האָט אַ ווײַ געטאָן מיט האָפענונג און מוט:

„דורך שטורעם און צער שלענגלט זיך דער וועג פון אונדזער דור. און פיל מער שטורעם און צער לויערט אויפן שוועל פון מאָרגן. אָבער איבער תקופות פון שטורעם און קאַמף גייט אונדזער איבערררוף צו דורות פון פרײַען, נײַעם ליכטיקן מאָרגן. און עס טראָגט זיך דער איבערררוף פון אַלעמען צו

אַלעמען: שאַפט. בויט די יונגע יידישע פעסטונג פון באַפרייַטער אַרבעט און באַנייַטער קולטור״.

ווי פרישער טוי אויף פאַרטריקנטע גראָזן זענען די ווערטער געפאַלן אויף אונדז. זיי האָבן געקלונגען ווי אַ לאָזונג נישט אַראָפּצולאָזן די קעפּ, נישט פאַרלירן די האָפענונג. און שטילערהייט, אין געהיים האָבן זיי אויך געהאָלפן פונאַנדערצושפּרייטן אונדזערע דאָן נאָך יונגע, אומבאַהאָלפענע פליגל. זייער פּאַטעטישער נוסח האָט צעבלאָזן די פונקען, וואָס האָבן דאָן געטליעט אין אונדזערע הערצער.

„מיר קומען פון ווייַטן און —
צילן נאָך ווייַטער...

אויף די חורבות פונעם אַלט יידיש ווערט אויפגעבויט דאָס נייַע יונג יידיש... און אומעטום, ווו יידישע אַרבעט ברעכט דורך נייַע וועגן, דורך טויזנטיעריקן געטאָ־מדבר — אומעטום שלענגלט זיך אויף נייַע וועגן און שטעגן די יונגע יידישע קולטור.

נישט קריכן, נאָר פליען.

אין די קלאָג־לידער פון צער און פּייַן, אינעם בית־מדרש מינאָר — רייַסט זיך אַרייַן דער מאַזשאָר־שטראָם פון לעבנס־פרייד און שאַפונג־לוסט.

נישט קריכן, נאָר פליען.

דאָס אַלט־יידישע איכה־וואָרט, פון יאוש און יאָמער, ווערט פאַרהילכט דורך שטורמישן ריטם פון אויפשטייג און זיג.

גענוג חושך — מער ליכט.
מיר קומען פון ווייַטן און —
צילן נאָך ווייַטער...״

אונטער אָט די געפליגלטע ווערטער זענען געשטאַנען די איניציאַלן ש. א. ווער עס באַהאַלט זיך אויס אונטער זיי, האָבן מיר דאָן נישט געוווּסט. ערשט אין דרייַסיק יאָר אַרום איז מיר אויסגעקומען זיי פונאַנדערשיפרירן.

איך בין יאָרן געווען זייַנער אַ שכן אין ריגע. דערמאָנט זיך ווי בעת איינעם אַ באַזוך האָט זייַן געטרייַע לעבנסבאַגלייטערין, די מוטיקע און קלוגע פאַניע אויפן טיש אוועקגעלייגט די ביכער, וואָס ער האָט אין לויף פון יאָרן פאַרעפנט־לעכט און די זשורנאַלן, וואָס ער האָט רעדאַגירט און אַרויסגעלאָזט, האָב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אָט יענעם דינינקן אַלמאַנאַך „יונג יידיש״. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָב איך זיך צו אים צוגעריכט. און שאַץ־אָנין „דער נאָבעלער ריטער פון אמתער סאָציאַליסטישער קולטור״, ווי פּרץ מאַרקיש האָט אים בשעתו פייַערלעך באַקרוינט, איז מיר באַזונדערס נאָענט און אייגן געוואָרן. נישט קוקנדיק דערויף וואָס אויך מייַן קאָפּ איז שוין געווען אייַנגעהילט אין

זילבער, האָט דאָס דאָזיקע דינינקע אַלמאַנאַכל, די ראַשי־תיבות וואָס די צײַט איז נישט ביכולת געווען אויסצומעקן, אויפגעוועקט אין מיר די ראָמאַנטיק פון אַמאָל, פון דער יוגנט־צײַט.

אויך איצט, ווען די דיסטאַנץ פון עלטער האָט פאַרלוירן דעם באַדײַט און מיר זיצן און שמועסן ווי אַ גלײַכער מיט אַ גלײַכן. ווען עס קומט אַפילו אויס אַ סך מאָל נישט מסכים צו זײַן מיט זײַנע אויספירן, הער איך אָבער נישט אויף צו באַוווּנדערן זײַן יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט און צײַטמעסיקן אַרט דענקען. פּונקט ווי אַמאָל איז זײַן שפּראַך, פּאַטעטיש, איבערגעפּלאַכטן מיט אַלעגאָריעס, פּאַעטיש דערהויבן. מיט ברען ענטפערט ער אויף מיינע פראַגן.

ער רעדט און איך פאַרשרײַב:

„...דער מעכטיקער געראַנגל פון אונדזער תקופה האָט פאַרכאַפּט דעם קינסטלערס נשמה, זי דורכגעטריבן דורכן גיהנום פון דער וועלט־שחיטה, האָט אין איר דורכגעקנאָטן לעבן און טויט, האָט אָנגעשפּאַנט ווי אַ סטרונע אַלע געפילן, אַרויסגעטריבן פון די באַהעלטענישן אַלע לײַדנשאַפטן. און דער קינסטלער זוכט אַן אויסדרוק פאַר אָט דער קאָלאָסאַלער אָנגעשפּאַנטקייט. יאָגט עס און עס טרײַבט אים רוחותדיק, פיבערהאַפט אין זוכעניש פון אַ נײַעם סינטעז פאַר אונדזערע געדאַנקען, שטימונגען, געפילן״...

איך פאַל אַרײַן מיט אַ וואָרט און ער זעצט ווײַטער פאָר און איך פאַרשרײַב:

„...אויב אַן אמת קונסט־ווערק רופט אַרויס התלהבות איז דאָס אפשר קודם כל צוליב דעם, וואָס דאָס ווערק דריקט אויס אין סימבאָלן דעם שטאַרקן פאַר־געפיל פון מאָרגנדיקן שאַפן און צינדט אַזוי אַרום אָן דעם מענטשן־גײַסט, שפּאָרנט אָן זײַן ווילן.

אין יעדן אמת־קונסט־ווערק ברענט אָט יענץ אוראַלט פײַערל, וואָס פּראָמעטעוס האָט אַראָפּגעגנבֿעט פון הימל פאַר דער ערד...

„אין דער קונסט איז דער מענטש שוין נישט מער קיין שפּילעכל פון די נאַטור־כוחות. דאָ איז ער שטענדיק — דער פרײַער שאַפער. ער קאָמבינירט די נאַטור־עלעמענטן לויט זײַן פּלאַן און סדר. די נאַטור איז אין דער קונסט אין תוך שטענדיק עסטעטיש אַבסטראַקט, אָבער סוף כּל סוף ליגט דער ווײַטער־דיקער ציל אינעם פּראַקטישן געזעלשאַפטלעכן לעבן״...

שטענדיק ווען איך האָב געהערט אים רעדן, אָדער געלייענט זײַנע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געדרוקט אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, האָבן זיי אויפגעוועקט זיכרונות פון אַ מאָל, פון דער יוגנט צײַט. איך האָב דערהערט אין זיי אַ ווײַטן עכאָ פון אַמאָליקע אייגענע בענקשאַפטן.

ער רעדט און איך פאַרשרײַב:

„...גײַסט איז וויסן. גײַסט וואַקסט פון אינעווייניק. זויגט אַרײַן פון דרויסן

ליכט און שיינקייט. שפּרינגט ראַשי־פּרקימדיק איבער צײַט־בּרעקלעך צו אייניגהייט־גאַרהייט״.

פּלוצים שטייט ער אויף. דרייט זיך אָפּ אין אַ זײַט, טוט זיך אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין שטערן און ווי צו זיך אַליין: „וואָס קאָן שענער זײַן פון שווײַגן? — אין זיך קלײַבן. טיף פאַרזייען יושר־זאָמען. אַלץ דערלעבן. אומעטום. און פון אַלע קרומע, שמאָלע וועגן צו צילן ווײַטע, הויכע...״

לאַנג אָבער זײַן מיט זיך אַליין קאָן ער נישט. זײַן אַקטיווע נאַטור דערלאָזט עס נישט.

ער זעצט זיך אַוועק צוריק. טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פון זיך אָפּטרייסלען אַ נישט גערנדיקע מרה־שחורה און מיט פאַרחלומטקייט פון אַ שלמה מולכו זעצט ער ווײַטער פאָר:

„...דער גרויסער מעכטיקער פּאַראַגראַף לעבט, רעשט אין אונדז, אין די, וואָס שטייען אויפן שוועל און דאַרפן, אויב נישט אַליין ווערן, איז זען דעם דור פון גרויסער באַנײַונג. עס קומט אַ נײַער וועלט־מענטש מיט אַ נײַער איינהייט פון דענקען, וועלן און פילן. דורך דער וועלט־גאַר טראָגט זיך אַן אַקטיווער כּוח. דער טרעגער פון דעם כּוח איז דער מענטש״.

איך זיץ, קוק אויף אים און קלער, צי שטייט פאַר מיר אַ בעל־חלומות, צי אַ רעאַל־פּאָליטיקער, וואָס איז אַלע יאָרן פאַרבונדן געווען מיט דער צײַט, אײַנגעטויכט אין אירע פּראָבלעמען, געראַנגלט זיך מיט שטערונגען, געפּרוווט אַפילו אַן אייגענע טעאָריע באַשאַפן אונטער דעם קלינגענדיקן לאַטייניש נאָמען „טעמפּאָראַליזם״.

„...צײַט איז דער גרעסטער און העכסטער באַגריף פון לעבן. נאָר אין דער צײַט און דורך דער צײַט ווערט די וועלט מעגלעך אַלס איינהייט, אַלס פּראָצעס. די העכסטע קאַמפּס־אַרענע צווישן רוים און צײַט, נאַטור און קולטור איז דער מענטש. אינעם מענטשן קומט פאָר די פאַרצײַטלעכונג פון רוים. די קווינטעסענץ פון דער געשיכטע, דער אַליין־באַוווסטווערן פונעם קאָסמאָס...״

יולי 1966

עס זענען באַקאַנט פּראָפעסאָר איסאַק וויניקאָווס גרינטלעכע אַרבעטן וועגן דער העברעישער און אַראַבישער לינגוויסטיק, וואָס זענען וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען אויף דעם געביט. איך בין נישט אויסן איצט דערציילן וועגן זײַנע אויפטוען. איך וויל נאָר פאַרצייכענען איין עפּיזאָד צו זײַן אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק, אַזוי ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט בעת אונדזער איינמאָליקן קאָנטאַקט אין יאָר 1966 אין לענינגראַד.

ומעשה שהיה כך היה: אויף דער אַלפאַרבאַנדישער קאָנפערענץ פון סע־

מיטאָלאָגן, וואָס איז אין יענעם יאָר פאַרגעקומען אין טביליס (גרוזיע), האָט פּראָפעסאָר אי. וויניקאָוו געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן די ביכער קעגן דעם יודאיזם, וואָס האָבן ווי שוועמלעך זיך אָנגעהויבן פאַרמערן אין פאַרשיידענע שפּראַכן און אויסגאַבעס. פּראָפעסאָר אי. וויניקאָוו האָט אין זיין פאָרטראַג אַנאַליזירט אייניקע ביכער, וואָס באַהאַנדלען די אַנטשטייונג, דעם מהות און די ראָל פון דער יידישער רעליגיע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ער האָט זיך נישט באַשעפטיקט מיט די קאָנצעפּציעס און אויספירן פון די מחברים; ער האָט זיך באַגנוגנט בלויז מיט באַטראַכטן דעם צוגאַנג זייערן צו די קוועלן, און מיט אויסקלאָרן ווי וויַיט זיי באַהערשן דעם מאַטעריאַל, אויף וועלכן סמך זיי מאַכן זייערע פאַלשע טעאָרעטישע אויספירן.

אַנאַליזירנדיק די ביכער האָט פּראָפ. וויניקאָוו פעסטגעשטעלט, אַז די מחברים האָבן נישט די געהעריקע פאַרשטעלונג וועגן דער שפּראַך פון די קוועלן, וואָס זיי ציטירן און אינטערפּרעטירן אויף די פאַרשיידנסטע אופנים. פּראָפ. אי. וויניקאָוו האָט געבראַכט אַ שפע פון בייַשפּילן, וואָס האָבן באַשטעטיקט אַז די מחברים זענען איינפאַכע עם־הארצים און אַז זייערע ביכער זענען אָנגע־פּיקעוועט מיט ציטאַטעס אין וועלכע עס איז זעלטן צו טרעפן אַ ריכטיקע און געוויסנהאַפטע פאַרופונג.

ווען איך בין אַרייַנגעקומען צו פּראָפ׳ וויניקאָוו, איז ער געווען פאַרטאָן אין די „פאַלעסטינער זאַמלביכער" ווו עס האָט זיך געדרוקט זיין קאָנקאָרדאַנץ פון תלמוד. אין אַ באַזונדער ווינקל פון דער ביבליאָטעק האָבן זיך געפונען זייַנע פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויפן געביט פון פאָלקלאָר, לינג־וויסטיק און עטנאָגראַפיע. איך האָב זיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט מיט זייַנער אַן אַרבעט: „אַ פּרווו פון אַ ווערטער־בוך און קאָנקאָרדאַנץ פון דער פאַלעסטינער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור". די אַרבעט איז דערשינען נאָך אין 1960 און איז געווידמעט דעם אָנדענק פון זיין זון, ישראל, וואָס איז אין עלטער פון 22 יאָר אומגעקומען בייַם פאַרטיידיקן לענינגראַד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

נאָך אַ קורצער פאַרמעלער באַקאַנטשאַפט זענען מיר אַריבער צו דעם עצם ענין פון מייַן באַזוך. אין דעם לאַנגען און אינטערעסאַנטן שמועס האָט פּראָפ׳ וויניקאָוו צווישן אַנדערן געזאָגט פאָלגנדיקעס: דאָס ערגסטע באַשטייט אין דעם וואָס, ווי שטייט געשריבן אין ישעיהו, מהרסיך ומחריביך ממך יצאו. דאָס טראַגישע אין דעם פאַל איז דאָס, וואָס די קיטשקאָס שפּייַזן זיך טיילווייַז מיט די ביכער, וואָס עס האָבן אין דער לעצטער צייַט אַרויסגעלאָזט יידישע מחברים. די שולד איז דאָ אַ דאָפּלטע, אַן אָביעקטיוו־עטישע און סוביעקטיוו־נאַציאָנאַלע. דערבייַ פאַרמאָגן נישט די יידישע מחברים מער וויסן און פּיעטעט צו די יידישע אַלטערטימלעכקייטן ווי זייערע נישט־יידישע קאָלעגן.

נעמט, למשל, די בראַשור „וואָס איז אַזוינס תלמוד?" פון משה בעלענקי. אויף זייט 32 רעדט זיך וועגן אַ נישט־עקזיסטירנדיקן בוך „יוחסין". אויף זײַט 54 ווערט ציטירט אַ מסכתא „תנחום". אין תלמוד איז אָבער אַזאַ מסכתא נישט פאַראַן. אויך אויף זייט 37 ווערט ציטירט אַ ניט עקזיסטירנדיקע שריפט „שמא רבא". אויף דעם זעלבן זײַטל געפינען מיר צווישן אַנדערע אַזאַ מין „פערל": עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז דער טראַקטאַט „אָבות רבי נתן" איז אַ מין קצור פון דעם גאַנצן גמרא־מאַטעריאַל. בעת אין דער אמתן איז „אבות דרבי נתן" אַ דערגאַנצונג צו די „פרקי אָבות".

מ. בעלענקי אין אַן עפּיגאָן און איז נישט אָריגינעל. אַ מוסטער פון געוויסנלאָזער הפקרות איז דער „פּראָפעסאָר" מ. י. שאַכנאָוויטש.

לאָמיר אויף טשיקאָווע אַרײַנקוקן אין זײַן בוך „דער רעאַקציאָנערער מהות פון יודאיזם". אויף זײַט 42 לייענען מיר: „דער פיניקיישער אורו — סאַלים, איז אידענטיש מיטן ביבלישן גאָט שלמו, וואָס לכבוד אים איז אָנגערופן די שטאָט ירושלים. דאָס איז יענער גאָט שלום (שלמה), וועמען ס'זוכט אַזוי לײַדנשאַפטלעך די געטין „שולמיתא" (שולמית). דאָס איז גלאָט אַן אומפּאַראַנט־וואָרטלעכע פלאַפלעריי. און אויב מיר האָבן אָנגעהויבן מיט געטער איז לאָמיר וועגן דעם ממשיך זײַן: מ. שאַכנאָוויטש ווייסט צו דערציילן, אַז „אין דער ביבל ווערן דערמאָנט די געטין פון טויט „מוות", די געטין פון חכמה „מלכת השמה" (אַ קעניגין פון הימל" — ז"ז 52). ווי איר ווייסט מסתמא ווערט אין תנ"ך אין ערגעץ נישט דערמאָנט קיין געטינס פון טויט און פון חכמה.

און וואָס האָבן די ווערט אַזעלכע אויסטײַטשונגען ווי, אפיקומן — סימבאָ־ליזירט מיט זיך דעם קערפּער פון אַ פעלד־גײַסט (ז"ז 54) און תפילין — זענען „כישוף־פאַפּירלעך מיט פערזן פון דער תורה" (ז"ז 141).

מיט אַזעלכע פלוידערייען איז פול דאָס גאַנצע בוך. איך וויל, צו דער פולער כאַראַקטעריסטיק פון מ. שאַכנאָוויטש „וויסנשאַפט" ברענגען נאָך צוויי בײַש־פּילן פון דעם דאָזיקן בוך, האָט אי. וויניקאָוו ממשיך געווען.

אויף זײַט 80 לייענען מיר: „זאַמלונגען פון די פּראַטאָקאָלן פון די אמוראים־סטודיעס זענען דערשינען אין דער צווייטער העלפט פון דריטן יאָרהונדערט און ווערן אָנגערופן „ירושלימער גמרא" (ירושלמי); צוזאַמען מיט דער פּאַלעס־טינישער משנה בילדן זיי דעם תלמוד". וועל איך זיך נישט אַרײַנלאָזן אין אַ פּאָלעמיק וועגן דער אומגעלומפּערטער כאַראַקטעריסטיק פון תלמוד. איך וויל בלויז אָנווײַזן אויף דעם, אַז דער תלמוד ירושלמי איז אויסגערעדאַגירט געוואָרן ניט אין דריטן יאָרהונדערט, נאָר אָנהויב פינפטן יאָרהונדערט.

און לסוף, אויף זײַט 71 ווערט געזאָגט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז דער בוך „קהלת" איז „נישט אַרײַן אינעם יודאישן ביבל — קאַנאָן".

פון דעם איז גענוג קלאָר אויף וויפל די דערמאָנטע מחברים זענען בכלל

באַקאַנט מיטן תנ"ך און מיט דעם תלמוד, וואָס קריטיקירן זיי איז די הויפּט־טעמע פון זייערע ביכער. איין קאַפּיטל פון זײַן בוך האָט מ. שאַכנאָוויטש אָנגערופן: „דער אמת וועגן תלמוד". אויב דאָס איז אמת, וואָס זשע איז שוין שקר?

פאַראַן אַ מימרא „שקר אין לו רגלים". אין דעם פאַל איז עס פונקט פאַרקערט. די דאָזיקע שקרים און שעדלעכע ביכער ווערן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן פאַרשפּרייט אין דער לענג און ברייט אין לאַנד פון די סאָוועטן און פאַרשפּרייטן סם אין באַטרוג.

אלה הדברים — דאָס זענען געווען די רייד פון דעם יידיש סאָוועטישן געלערנטן איסאַק וויניקאָוו אין חודש יולי 1966.

26.7.76

אריה שמרי איז איינער פון די באַדײַטנדיקסטע און אָריגינעלע יידישע דיכטערס פון אונדזער טראַגיש־העראָישער תקופה. די פּאַליוסן פון זײַן פּאָעטישן שאַפן זײַנען חורבן און גאולה — דער טראַגישער אונטערגאַנג פון אייראָ־פּעישן יידנטום און דער העראָישער אויפקום פון מדינת ישראל. אין זײַנע ווערק האָט ער געשטאַלטיקט די געוווּנטשענע האַרמאָניע פון אַלטער יידישער גײַסטיקייט אין די תפוצות מיט די נײַע קולטור־קנאָספּן אין ארץ־ישראל. דער דיכטער האָט אַ סך געשריבן וועגן דער חורבן־תקופה, געשילדערט די קדושים מיט זייער שבתדיקער קדושה און וואָכעדיקע זאָרגן. פון אַ באַזונדערער היסטאָרישער חשיבות איז אריה שמרים באַפּרוכפּערנדיקער צושטײַער צו דער יידיש־יצירה אין דעם זיך אויפבויענדיקן ישראל. מיט זײַן אייגנאַרטיקן טאַלאַנט, מיט וואָרט און טאַט, האָט דער דיכטער דאָ פאַרפעדעמט און פאַרקערנט דאָס דיכטערישע וואָרט אין יידיש־לשון. „דאָ אויף די ביימער־קרוינען — / מיט נײַ־צעבליטן אַראָמאַט — / ווערטער יידישע, מאַמע־חנען, / מיט אות צעשײַנט אויף יעדן בלאַט".

אריה שמרים פּאָעטישע וויזיעס זענען פון איין זײַט באַצירט מיט סימבאָלן פון קבלה און חסידישן רמז, און פון דער אַנדערער זײַט מיט רעליעפע פאַרבן און ריטמען פון דער חלוצישער פּראַצע. אין זײַן שאַפן האָט א. שמרי אײַנגעגעקעלטערט ניגון און מחשבה פון דער אַמאָליקער ייחוסדיקער מסורה פון יידיש פוילן און דעם קולט פון גבורה און אַרבעט פון דער פינפטער עליה. זײַן ווערק איז אַ מאָנומענטאַלער אויסדרוק פון דער יידישער גײַסטיקייט אין גאַנג פון דורות, וואָס באַפּרוכפּערן איינער דעם צווייטן און זײַנען הא בהא תליא אין רוח און חומר; פּשיסכע און קאָצק, צפת און עין־שמר האָט דער דיכטער מזווג געווען אויף אַ וווּנדערלעכן אופן. נישט פאַראַן צווישן זיי קיין גײַסטיקע

מחיצות און געאָגראַפישע באַריערן. זיי זענען רינגען פון דער איינציק־איינהייט־לעכער גאָלדענער קייט פון ייִדישן גורל. זעלטן ווער אין אונדזער ליטעראַטור אין ביידע לשונות — העברעיִש און ייִדיש — האָט אַזוי האַרמאָניש אַרײַנגעוועבט אין די געבליטן פון זײַנע ווערק די אַלטע וואָרט־ווערטן פון די תּפוצות און דאָס נײַע געזאַנג פון די עבודה־וועלטן אין ישראל — ווי אריה שמרי. זײַן שאַפן איז אַ סינטעז און אַ המשך פון די ייִדישע תּיקון־באַגערן צו תּפארת און גאולה. מיט זײַן שאַרפן פּאָעטישן דמיון דרינגט ער אַרײַן אין די לאַבירינטן פון דער וועלטס רעטעניש. ער באַדאַכט דעם אייביקן מאַקראָקאָסמישן סוד — גאָט, און באַזינגט די שטענדיק־מיקראָקאָסמישע מיסטעריִע — מענטש. ער אַליין אַטעסטירט זיך ווי „אַ קינד פון וואָגל־דור״ אויף וועמעס גומען עס ברענט גאָטס אַש..

אריה שמריס פאַנטאַזיִסטישע וועלט־שפּירונגען, זײַן פילן די פרייד פון בליען און דעם טרויער פון וועלקן, העלפן אים אַנטפּלעקן די שיינקייטן פון חי און צומח. ער פילט זיך מישפּחהדיק־היימיש מיט דער נאַטור; „סודיק רופט אַ ברודער־בוים, מיר זאָלן ביידע בוימען״. א. שמרי איז דער באַזינגער פון קאָסמישע שיינקייטן. אין דעם דומם און חיה, אין גאַנצן אַרום, געפינט ער „פונקען פון תּיקון״, און בײַם מגלה זײַן זייער וווּנדער, איז ער מחדש די ליטעראַטור מיט געדאַנקען־טיפקייטן און קינסטלערישע נײַקייטן. ער הילט אײַן דאָס רעאַלע מיט סוד־סימבאָלן און דאָס פאַרהוילענע אין רעליעף־בילדער.

אריה שמריס דיכטערישער לעקסיקאָן איז אײַנגעוואָרצלט אין דער מסורה פון דורות. ער איז רײַך מיט אַלטער וואָרט־אָרנאַמענטיק און נײַע שפּראַך־פאָרמען. לויט זײַנע פּאָעטישע פּירות וועלן די קומענדיקע דורות זיך קאָנען שאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן די ווידעראַנאַנדן פון אונדזער דור.

גלויבן און צווייפל, ליבשאַפט און אייפער,
כ׳האָב קיינעם נישט געפּיעשטשעט ווי אַ בכור.
כ׳בין וווּנד און חלום, ברונעם און שריפה,
איך בין אַזוי ווי מײַן דור.

אריה שמרי איז אַ ווערדיקער פאָרזעצער פון די סימבאָליש־ראָמאַנטישע טראַדיציעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. זײַן ליד איז אַ בפירושער גילגול פון י. ל. פּרצעס ניגון. דער סימן מובהק פון זײַן יצירה איז אויך עטיציזם און אינטעלעקטואַליזם.

אריה שמריס שירה־שײַער, זײַנע לאַנדשאַפטן און קלימאַטן זענען די הימלען פון די אַלטע מקובלים און די ערד פון די נײַע חלוצים. אָנהייבנדיק פון „לייזער ציפּרעס״ ביז זײַן לעצטן, נײַנטן, בוך — „רינגען אין שטאָם״ — איז אריה שמרי דער זינגער און זאָגער פון דער שעפערישער אינדיווידואַלי־

טעט. דאָס יחידישע אין זײַן שאַפן פאַרהוילט אָבער נישט דעם אַלעמענטשלעכן כאַראַקטער פון זײַן ווערק.

27.6.1977

הירש אָשראָוויטש איז באַשײַמפּערלעך אַ ווערדיקער פאַרזעצער פונעם ליטווישן נוסח אין דער יידישער ליטעראַטור — אַ דיכטער וואָס האָט זיך טיף אײַנגעלעבט אין דער מסורה פון דורות און זי אייגנאַרטיק אַרויסגעלעבט אין הויך־קינסטלערישע פּאָעטישע יצירות. זײַן שאַפן איז אַן אויסשטראַלונג פון יידישן אָרט דענקען און פון זײַן אָרט אין דער געשיכטע. וואָס טיפער דער דיכטער דרינגט אַרײַן אין דעם יידישן פאָלקס־גײַסט און ברענגט אים צום אויסדרוק אין זײַנע ווערק, אַלץ העכער דער עכאָ פון זײַן אַל־מענטשלעכן פּאַטאָס. דער געפיל פון אומענדלעכקייט און דער אַטאַ־ווינזם האָבן גורם געווען דערצו, אַז בײַ הירש אָשראָוויטשן האָט זיך דאָס נאַציאָנאַלע און אַלעמנטשלעכע אָרגאַניש מזווג געווען: „איך בין אַ ייד. / איך מיין ניט רימען זיך דערמיט, / לאַ־כל־שכן שעמען זיך דערמיט. / — — — און אויב איך בין אַ מענטש וואָס לײַדט, / בין איך אַ מענטש פון אונדזער צײַט, / בין איך אַ מענטש פון יעדער צײַט / דאָס דאַרף באַטייטן: / איך בין דער ייד פון אַלע צײַטן״.

הירש אָשראָוויטש האָט אַ טיפן און לעבעדיקן זין פאַר געשיכטע. די וואָרצל־אָדערן פון זײַנע ווערק ציען זיך איבער צײַטן און דורות ביז צום אוראַלטן כנען: „איך הער״, — איז מעיד דער דיכטער — „דעם גאַנג פון דורות אין מײַן דופק. / אין יעדן גליד מײַנעם / רופט אָפּ זיך זייער אָטעם״.

דאָס שאַפן פון הירש אָשראָוויטש איז רײַך מיט וויזיעס און מחשבות וועגן די עיקרדיקע „קנופּ־סטאַנציעס״ אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט. די דימענסיעס פון זײַן יצירה ציען זיך „פון קלעם אַרויס״, דורך „זונענגאַנג״ מיט „בליץ און דונער״, אין אַ „וועלט פון עקידות״ — ביז צו זײַן גרויסן „געזאַנג אין לאַבירינט״, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טיפער באַזינונג פון אינדיווידועלן גורל און נאַציאָנאַלן חשבון־הנפש.

אין זײַנע ווערק דערשײַנט הירש אָשראָוויטש ווי אַ טראַכטער און באַט־ראַכטער פון די לעבנס־דערשײַנונגען אין זייער פילגעשטאַלטיקייט און פילפאַר־ביקייט. דער סוד און יסוד פון זײַן פּאָעטישן גאַנג איז דאָס זוכן אַן עטישן תיקון פאַר די לײַדן פון דעם מענטשן אין אַ וועלט פון עקדות.

הירש אָשראָוויטשעס פּאָעטישע שילדערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט אָטעמען מיט לעבעדיקן אָטעם פון אונדזער צײַט. דער היסטאָרישער לבוש דינט פאַרן דיכטער בלויז ווי אַ מיטל אויסצודריקן מיט אַן אייגנטימלעך־שע־

פערישער דינאַמיק די סאָציאַלע און עטישע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט. די פּאַנאָראַמע פון דורות, וואָס איז זיך נתגלה אין זײַנע ווערק, שאַפט די באַדינגלעך־סימבאָלישע אַטמאָספער טיפער צו באַנעמען דעם ניגלה און דעם ניסתר פון אונדזער ווידערשפּרעכלעכן דור.

הירש אָשעראָוויטשעס פּאָעטישער לעקסיקאָן איז אַ מאָדערנער און גלײַכ־צײַטיק אָן אײַנגעוואָרצלטער אין דער טראַדיציע פון ייִדישן אַרט דיכטן און טראַכטן. ער איז רײַך מיט דער שפּראַך־אָרנאַמענטיק פון די חז״ל און מיט נײַע, פון אים געשאַפענע, אידיאָמען. זײַנע אויסדרוק־פאָרמען זענען אייגנאַרטיק, דער סטיל — אַ מאָנומענטאַלער; די אידעען, אַסאָציאַציעס און אימאַזשן ממש אויסגעשליפענע. אין זײַנע פּערזן, אויסגעטאָקטע מיט בילדערישער געדאַנ־קלעכקייט און אינטעלעקטועלער עמאָציע, איז פאַראַן אַ פולע האַרמאָניע פון קלאַנג און פאַרב.

דער ייִחוד פון זײַן דיכטונג איז נאָך שטאַרקער געקומען צום אויסדרוק אין זײַן שאַפן אין ישראל און וועגן ישראל. דאָס איז אַ באַזונדערס וואָגיק קאַפּיטל פון זײַן שאַפערישער ביאָגראַפיע. זײַנע נטיות צו היסטאָרישע אַסאָציאַ־ציעס און פילאָזאָפישע פאַראַלגעמײנערונגען האָבן אין די אַ שאַפונגען דער־גרייכט זייער קולמינאַציע־פּונקט. הירש אָשעראָוויטש דערשײַנט אין זיי אַלס באַזינגער פון דער אייביקער ייִדישער באַנײַונג. אין די יאָרן פון גלותן, צווישן פרעמדע קולטורן און שפּראַכן, איז דער ייִדישער גײַסט איינגעהילט געוואָרן אין אַ סך פרעמדע שעטנזן: „ווײ! ווײ! ווײ! ווי דער גלות האָט עס אַרײַנ־געממזרט / פרעמדע השגות אין אונדזער מוח!״...

דאָס פרעמדס און דאָס שלעכטס, וואָס האָט אַרײַנגעדרונגען אין דער ייִדישער סביבה, איז אָבער ניט ביכולת געווען צו פאַרדאַרבן אירע וואָרצלען. די ייִדן זענען ניט געוואָרן קיין ממזרים אין דער געשיכטע און האָבן ניט פאַרלוירן די אמונה אַז נצח ישראל לא ישקר. „ניין — ניין־ עס איז דער המשך־פאַדעם ניט צעריסן!״

דאָס אומקערן זיך פון דעם פאָלק אין זײַן היסטאָריש פאָטערלאַנד, „די היים פון גרויסן וועלט־געוויסן״, זײַן אײַנרינגלען זיך צוריק אין דער גאָלדענער קייט פון די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס איז, לויט הירש אָשעראָוויטש, אַן אויסדרוק פון וויטאַלע כּוחות און פון אַ שטאַרקן גלויבן אין דעם „ייִדן־עתיד״: „אויף ברוינעם באָדן דײַנעם כ׳טרייסל־אָפּ פון מײַנע פיס / די איבערבלײַבענישן פון איירָאָפּעס שוואַרצערד. / בײַ דײַנע שמונה־עשרה־שטייענדיקע פאַלמעס / כ׳בין זיך מתיחד מיט מײַן ענדלעך־אָנגעקומענעם / מאַראַניש־אויסגעבענקטן ייִדן־עתיד״.

10.5.78

מיין רבי רב מאַטעס זצ״ל פלעג זאָגן: וואָס ייִנגער אַ דור, אַלץ עלטער זײַן זכרון. אין יעדן דור שפּיגלען זיך די פריערדיקע דורות. וואָס מער דורות מער שפּיגלען. על כן זאָלט איר יעדע מסיבה אָנהייבן מיטן לעצטן יונגען דור. איר וועט אין אים דערזען זיך אַליין״. וויל איך גיין אין די וועגן פון מײַן רבין און אָנהייבן די רשימה מיטן יונגען, אָבער נישט לעצטן דור ייִדישע שרײַבערס און פאָרשערס.

אין אַ צײַט ווען עס געוועלטיקן ממש אַקראָבאַטישע קונצן אין דער קונסט און אין דער וויסנשאַפט, איז זיכער אַ סימן פון גײַסטיקער גבורה זיך צו פאַרנעמען מיט, אַזוי צו זאָגן, אַלטמאָדישע ווערק, פאָרשן די „טעריכטע ביכער״, ווי מען פלעגט אַמאָל רופן געוויסע ספרים פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור. דאָס איז, קודם כל, אַ באַווײַז פון באַזיצן אַ געזונטן חוש צו היסטאָרישע קולטורווערטן. איך האָב אין זינען חוה טורניאַנסקיס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין דעם געביט פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור. און באַזונדערס וויל זיך אויסטיילן איר ערנסטע אויספאָרשונג וועגן און אַרום דער „צאינה וראינה״ (1622) — אַ ווערק וואָס האָט געוועקט די פאַנטאַזיע און געוואָרעמט דאָס געמיט פון דורות ייִדישע פרויען.

דער פאָרשער און קדוש מאַקס עריק, האָט דעם מחבר פון דער „צאינה וראינה״, יעקב בן יצחק יאַנאָווער (אשכנזי), אָנגערופן: „לוטער פון דער מיטעלער־תקופה פון דער ייִדישער שפּראַך״. דאָס דאָזיקע מערקווערדיקע ווערק האָט דורכגעמאַכט אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטע מעטאַמאָרפאָזע. עס איז אויך איבערזעצט געוואָרן אין דײַטשיש, ענגליש, פראַנצויזיש א. א. שפּראַכן.

די פאָרשערין חוה טורניאַנסקי פאָלגט נאָך די גילגולים פון דעם בוך. זי מאַכט אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען און אויספירן וועגן די פילצאָליקע באַאַרבעטונגען ווי די מחברים, אַדאַפּטירנדיק די אַלגעמיינע רעם פון דער „צאינה וראינה״, האָבן אין איר אַרײַנגעלייגט אַ נײַעם אינהאַלט און טענדענץ. חוה טורניאַנסקי גייט נאָך פוס־טריט דער דאָזיקער דערשײַנונג, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער דײַטשמערישער באַאַרבעטונג מיט איבער הונדערט פופציק יאָר צוריק (1817) ביז דער לעצטער העברעיִשער, וואָס איז דערשינען אין ירושלים מיט דרײַ יאָר צוריק — 1975. זי אַנאַליזירט די ביכער, פאַרגלײַכט זיי מיטן אורטעקסט און פאַרצייכנט דערבײַ אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע שטריכן, וואָס אַנדערע פאָרשערס האָבן ביז איר נישט באַמערקט. און דאָס אַלץ מאַכט זי מיט אַ סך וויסן און געוויסן. זי וועט נאָך אונדז פאַרחידושן מיט נײַע חידושים אין פאָרשן די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור, וואָס איז צום באַדויערן, אומבאַקאַנט נישט נאָר דעם ברייטן עולם, נאָר אויך דעם אינטעליגענט און אַפילו דעם שרײַבער.

12.5.78

די ביבליאָגראַפיע איז בכלל, אַזוי צו זאָגן, די ברילן פון דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט. די איבערזעצונגס־קונסט — די אויגן מיט וועלכע מיר קוקן אַרײַן אין פרעמדע שפּראַכן און קולטורן. פיל צווייפלען אין דער מעגלעכקייט צו דערזען דורך איבערזעצונגען די ניואַנסן און די אינטימיטעטן פון אַ פרעמדער שפּראַך און ליטעראַטור. דאַנטע, סערוואַנטעס, וואַלערי, פּרוסט א. א. האָבן געהאַלטן, אַז עס איז נישט מעגלעך איבערצוזעצן קינסטלערישע ווערק, עס זאָל דערבײַ נישט פאַרמינערט ווערן זייער אײַנערלעכער גלאַנץ. ח.נ. ביאַליק זאָל האָבן געזאָגט, אַז אַ לייענער פון איבערזעצונגען איז געגליכן צו איינעם וואָס קושט זײַן געליבטע דורך אַ טאַשנטיכל.

דאָך, וואָס מען זאָל נישט זאָגן וועגן דער נישט־גאַנצקייט פון די איבערזעצונגען איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי די וועלט וואָלט אָן זיי אויסגעזען. ווער ווייסט ס'אַראַ פּנים די מענטשהייט וואָלט געהאַט אָן דער סעפּטואַגינטע, אָן דער וווּלגאַטאַ, אָן דעם אינדישן עפּאָס פּאַנטשאַטאַנדראַ, אָן לוטערס און אַנדערע תנ״ך־איבערזעצונגען אין די אייראָפּעיִשע שפּראַכן פון זעכצנטן יאָרהונדערט. און ווער ווייסט ווי דאָס יידישע פאָלק וואָלט אויסגעזען אָן דעם „חובות הלבבות”, אָן דעם „מורה נבוכים”, אָן דעם „ספר הכוזרי” ווען די דאָזיקע ווערק וואָלטן נישט איבערגעזעצט געוואָרן פון אַראַביש אין העברעיִש.

די איבערזעצונגס־קונסט איז דער גײַסטיקער פאָדעם וואָס פאַרבינדט מענטשן און פעלקער, אָפּטמאָל אַפילו פון דיאַמעטראַלע קולטור־ספערן. איר שליחות איז, אַזוי אַרום, נישט בלויז אַן עסטעטישע, נאָר אויך אַ סאָציאַל עטישע.

דער פּינעס־פּרייז האָט הײַיאָר געפּרײַזט אַ שעפער פּאָר זײַן איבערדיכטן קינסטלערישע ווערק נישט פון אַ פרעמדער שפּראַך און אוודאי נישט פון אַן אַנטיפּאָדער קולטור. יידיש און העברעיִש פאַרמאָגן נישט נאָר אַ בשותפותדיקע וועלט פון מחשבה און אַסאָציאַציע, נאָר אויך אַ געמיינזאַמען היסטאָרישן גילגול און גורל. נישט קוקנדיק אויף דעם, געשעט אַז איבערזעצן יידישע ווערק אין העברעיִש איז צומאָל אַ סך שווערער ווי פון אַנדערע שפּראַכן, און קודם טאָקע צוליב די שותפותדיקע לשון־קודש מאָרפעמעס, וואָס האָבן אין יידיש באַקומען נײַע באַטײַטן, ריטמען און פאַרבן.

דער געפּרײַזטער פּאָעט און איבערזעצער ק. א. ברתיני האָט אין דעם געביט אַרויסגעוויזן אַ סך שעפערישע איינפאַלערישקייט. אין דעם העברעיִשן לבוש, וואָס ער האָט אָנגעטאָן די ווערק פון ה. לייוויק און יעקב פרידמאַן, לײַכט זיך דורך דער קלאָריט און דער גײַסט פון דעם אָריגינאַל. זײַנע איבערדיכטונגען זענען אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען זעט נישט דאָס גלאָז — ווי גאָגאָל

האָט בשעתו באַצייכנט גוטע איבערזעצונגען. דאָס איז אַ פּועל־יוצא דערפון וואָס ק. א. ברתיני איז קודם אַ שעפעריש־פּאָעטישע אינדיווידואַליטעט.

אַ גוטער איבערזעצער איז אויך אַ גוטער אויסטײַטשער פון אַ קינסטלעריש ווערק. און די העברעיִשע לעקסיק מיט וועלכער ק. א. ברתיני האָט איבערגע־דיכטעט די ווערק פון ה. לייוויק און יעקב פרידמאַן העלפט אונדז בעסער באַנעמען די מקורים פון דער סימבאָלישער געדאַנקען־וועלט בײַ די דאָזיקע צוויי גרויסע יידישע דיכטער.

9.6.80

ערנסט און באַדאַכט איז צבי אײַזנמאַנס גאַנג אין דער ליטעראַטור. מיט יחידיש־קינסטלערישע מיטלען שילדערט ער דעם גורל פון פאַרשיידענע טיפּן און געשטאַלטן פונעם פאַרמלחמהדיקן פוילן, סאָוועט־רוסלאַנד און ישראל. די סוזשעטן און דער אַלגעמיינער טעמאַטישער היקף פון זיין שאַפן שטייען אונטערן צייכן פון אמונה.

נישט צײַטווייליקע אָרט־באַשרײַבונגען, אויך נישט פאָלקלאָריסטישע שטיי־גער־שילדערונגען שאַפן די אַטמאָספער פון צבי אײַזנמאַנס דערציילונגען און מיניאַטורן; דער עמאָציאָנעלער און אינטעלעקטועלער גראַנגל פונעם יחיד אין דעם קלעם פון די דראַמאַטישע צײַט־געשעענישן — זיי באַשטימען זייער אינהאַלט און כאַראַקטער.

צבי אײַזנמאַנס פּערסאָנאַזשן טראָגן מיט זיך אַ נישט געשטילטן אומרו און נישט אויסגעפּילטע פאַרלאַנגען. זייערע האַנדלונגען ווערן דיקטירט דורך אויסגעמלעכע און מיסטעריעזע כוחות; אין יעדן פון זיי איז פאַרבאָרגן עפּעס אַזוינס, וואָס פראַנץ קאַפקאַ האָט עס בשעתו אָנגערופן „דאָס אומצעשטערלעכע" אינעם מענטשן, און קיין שום שלאָס קאָן עס נישט פאַרשליסן און קיין שום פּראָצעס — פאַרדאַרבן.

צבי אײַזנמאַנס פּערסאָנאַזשן זענען אין אַ שטענדיק דינאַמישער באַווע־גונג: אָדער זיי געפינען זיך אין באַן, אָדער צווישן גרענעצן. ער מאָלט זיי אין פאַרשיידענע סיטואַציעס, בעת עס קומט פאָר אַן איבערבראָך אין דער גרויל־שפּיל פון זייער גורל; ווען נישט דאָס צײַטווײַליקע און פאַראיבערגייענ־דיקע, נאָר דאָס דויערנדיקע און באַשטענדיקע פון זייער נאַטור און כאַראַקטער שווימט אַרויף אויפן אייבערפלאַך פון זייערע מעשים און מחשבות.

צבי אײַזנמאַן דערגרונטעוועט זיך צו די פּחדים און נאָכוויען פון די מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך די קאָשמאַרן פון די היטלעריסטישע גאַזקאַמערן און די נסיונות אין די סאָוועטישע לאַגערן. דער גרונט־טאָן פון זײַנע שאַפונגען אויף ישראל־טעמעס און פּראָבלעמען זענען אין לעצטן סך־הכל — אויס־

ליַיטערונג און פּאַטאָס פון באַניַיונג. צווישן ליכט און שאָטן, עליה און ירידה, וואָר און געשפּענסט. באַוועגט זיך צבי איַיזנמאַנס דיכטן.

אין צבי איַיזנמאַנס דערציילונגען און מיניאַטורן זענען פאַראַן נישט בלויז אייגנאַרטיקע מעדיטאַציעס וועגן די גרענעצן פון מענטשלעכע גורלות, נאָר אויך איַנטערעסאַנטע וואַריאַציעס פון חיה און עוף, געוויקס און דומם, און היות אין צענטער פון זיַינע קינסטלערישע וועלט־שפּירונגען שטייט דער מענטש, אַנטראָפּאָמאָרפירט ער אויך זיי.

אין דער נשמה־לאַנדשאַפט פון צבי איַיזנמאַנס דיכטערישער באַגאַבונג פאַרנעמט א באַזונדער אָרט דאָס אויסנעמלעכע און אויסטערלישע. דורך דעם אַנטפּלעקט ער אין דעם מענטשן נישט נאָר דאָס אויסערלעכע, אינדיווידועלע, נאָר אויך דאָס פּנימיותדיקע און אַלגעמיינע. אייניקע פון זיַינע טיפּן און געשטאַלטן באַצייכנט ער אַפילו מיט כוללדיקע נעמען ווי דער פרעמדער, דער שוויַיגנדיקער, דער פאַרקלערטער א״אַנד., וואָס זענען מרמז אויף דעם כאַראַקטער פון זייער שליחות אין לעבן.

פאַר צבי איַיזנמאַנען איז אייגנטימלעך די קורצע ליטעראַרישע פאָרעם. זיַינע מיניאַטורן זענען, לויט מלך ראַוויטשעס פאָרמולירונג, שטיללעבנס אין וואָרט. „און פונקט ווי די שטיללעבנס זענען אַרויסגעוואַקסן פון א פאַרטיפטער פּשטותדיק שטילער מענטשלעכער און ייִדישער נשמה פון אומעטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַזוי דאַרפן זיי און וועלן זיי אַריַינוואַקסן — — אין די נשמות פון די אויפמערקזאַמע לייענערס״.

29.8.80

וואָס טיפער מיר לעבן זיך אַריַין אין די שאַפונגען פון בינעם העלער — אַלץ העלער ווערט זייער איינהייטלעכע באַטור, טראָץ די אונטערשיידן און קאָנטראַסטן אין די פאַרשיידענע פאַזן פון זייער אַנטשטייונג. דער דיכטער אַליין דיַיט וועגן דעם אַן אין אַן אָרט: „מיַין פריַינט, דו זוך נישט אין דעם ליד ביַי מיר קיין ווילדע ווידערשפּרוכן און קיין סתירות...״

בינעם העלער געהערט צו דעם דור ייִדישע פּאָעטן וואָס האָט ממשיך געווען די אַוואַנגאַרדיסטישע דיכטונג פון די צוואַנציקער יאָרן. זיַין פּאָעטישער גאַנג איז נישט געווען גראַדליניק, נאָר קריַיזנאַרטיק. שוין אין זיַינע ביכורים־לידער האָט זיך אַנטפּלעקט זיַין פּאָעטישער פּאַטאָס. די וויַיטערדיקע אַנטוויקלונג האָט פאַרברייטערט בלויז דעם דיאַלעקטישן קריַיז פון טעמעס און פּראָבלעמען, זיי געגעבן א מער שלימותדיקע פאָרם און אויסדרוק.

פאַראַן ביַי בינעם העלער פאַרשיידנאַרטיקע לידער וועגן דעם קינסטלערישן

שאַפן פון וועלכע עס איז צו זען אַז ער באַטראַכט דיכטונג ווי אַ שליחות און דעם דיכטער ווי אַ שליח־ציבור. דערפאַר האָט ער אַליין צומאָל מקריב געווען זײַן דיכטערישן איך פאַרן כּלל. אויך ווען ער איז געווען ביחידות מיט זיך אַליין, האָט דאָס כּללישע געהאַט די איבערהאַנט איבערן אינדיווידועלן און דאָס געזעלשאַפטלעך־עטישע, איז געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיטן אינדיווידועל־עסטעטישן. מחמת ער האַלט, אַז דאָס וואָס איז נישט עטיש, איז במילא שוין נישט פּאָעטיש...

בינעם העלערס יצירה איז אַ פּראָדוקט פון דער צײַט, זי איז אָבער נישט צוגעבונדן צו דער צײַט. זי טראָגט אַריבער דעם מעדיום פון אָרט און דאַטע און טראָגט מיט זיך ווערטן פון דור און דויער. זײַן דיכטונג איז אַן אויסדרוק פון אַן אינערלעך וויטאַלער געדעכעניש, פון יענעם מעכטיקן זיכּרון וואָס האָט אויסגעדויערט אין דעם דורותדיקן פאָלקס חלום פון ותחזינו עינינו... איר רײַכקייט — די פאַרשיידענע גײַסטיקע קלימאַטן און לאַנדשאַפטן. איר דויער־האַפטיקייט — די לירישע וואַריאַציעס און אינטעלעקטועלע מעדיטאַציעס וועגן זין און זינען פונעם מענטשלעכן לעבן.

אין אַלע פאַזן פון זײַן דיכטערישן וועג האָט בינעם העלער געזוכט באַשייד פאַר די מענטשלעכע ליידן און פריידן. באַמיענדיק זיך דערגרונטעווען צו דעם יסוד פון דער „סאַמע ערשטקייט" פונעם קיום, איז ער דערגאַנגען אַפילו ביז צו דעם סאַמע גרעסטן סוד — צו גאָט:

די גראָזן זענען גוט און פרום
ווי ערשט פון גאָט אַליין באַשאַפן,
זיי קוקן גרינגע זיך אַרום
און אויף יעדער פאַרב זיי גאַפן.
און איך ווער איצטער שטיל און קליין
אין אָט דער וועלט פון כּולו חידוש.
איך בין מיט גאָט — איך בין אַלײַן
און תּפילהדיקער ווערט מײַן ייִדיש.

פון אַ באַזונדערן מין איז בינעם העלערס דיכטונג וועגן דער נאַטור. זי טראָגט מיט זיך באַזינונג. און דער עיקר זײַנעביימער — דער געהיימער וווּנדער אין דעם וועלט־באַשאַף. דער סוד און סימבאָל פון אייביקער בליונג און באַנײַונג. דער דיכטער האָט צו זיי אַ מעטאַמאָרפיסטישע באַציונג. זיי טראַכטן בײַ אים און פילן, לאַכן און וויינען. איינער פון בינעם העלערס ביימער איז אַפילו אַראָפּ פון זינען פון דעם ייִדישן טרויער און פון דער ייִדישער אימה אין די ווילד פרעמדע און פײַנטלעכע היימען.

די קריטיק טיילט געוויינטלעך בינעם העלערס שאַפן אין עטלעכע פּעריאָדן. צום ערשטן פּעריאָד געהערן די לידער פון די דרײַסיקער יאָרן, וואָס האָבן אויסגעדריקט דער עיקר סאָציאַלע מאָטיוון. צום צווייטן — די צאָרן און וויי־לידער וועגן חורבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. און אין דעם ווײַטערדיקן פּעריאָד פאַרנעמען דעם אויבנאָן שאַפונגען פון רעפלעקטיווע און חשבון הנפש־דיקע באַטראַכטונגען.

צו וועלכן פּעריאָד אָבער בינעם העלערס לידער זאָלן נישט געהערן, זײַנען אין זיי אײַנגעאַרבעט די בולטע כאַראַקטער־שטריכן פון זײַן פּאָעטישער נאַטור, וואָס וויברירט צווישן דער אימפּרעסיע פון דעם פּרט און דער עקספּרעסיע פונעם כּלל.

בינעם העלערס לידער זענען ס׳רוב אָנגעגורט מיט אַ געדאַנקלעכקייט און בילדערישקייט וואָס וואָרצלט אין דעם דורותדיקן יידישן שטייגער, אין דעם דויערנדיקן יידיש־עטישן וועלט־באַנעם פון — ואהבת לרעך כּמוך.

די ליבשאַפט אין די ייִנגלערישע לידער,
בלויז זי איז פון מײַן האַרץ די וואָר.
אַפילו ווען איך האָב געשריגן „נידער",
איז זי געבליבן פלאַטערדיק און קלאָר.

פאַר בינעם העלערס דיכטערישן גילגול פאַסן, דאַכט זיך, די ווערטער פון וויקטאָר הוגאָ. אײנער אַ מאַרקיז האָט וויקטאָר הוגאָען פאַרגעוואָרפן אַז ער האָט אין זײַנע אָדעס און באַלאַדעס פאַראַטן דעם אידעאַל פון דעם ראָיאַליזם און פּריידיקט די אידעען פון די יאַקאָבינער. אויף דעם האָט וויקטאָר הוגאָ געענטפערט בערך אַזוי: דער האַריזאָנט, מאַרקיז, האָט זיך געענדערט, אָבער נישט די נשמה. אינעווייניק אין מיר האָט זיך גאָרנישט געענדערט, נאָר אַלץ — אַרום מיר. די געשיכטע האָט זיך צו מיר באַוויזן — און איך האָב באַגריפן דאָס געזעץ פון די דורות, וואָס זוכן גאָט, וואָס טראָגן די תיבה און שטײַגן אויף אַ ריזיקן לייטער טראָט נאָך טראָט. איך בין פאַרבליבן מיט דעם זעלבן בליק, איך זע אָבער אַן אַנדער הימל.

אויך דער דיכטער בינעם העלער, ווען ער האָט זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט דער געשיכטע און באַגריפן דעם געזעץ פון דורות האָט ער אָנגעהויבן שאַפן דאָס חרטה־ליד פון זײַן דור און געוואָרן דער באַזינגער פון דעם נײַעם יידישן רענעסאַנס אין דעם אַלט־נײַעם פאַטערלאַנד — מדינת ישראל.

9.10.80

געלע שאַטנס פאַרפאַלגן דעם מזהם א. ווערגעליס. וויל ער זיי פאַרטרײַבן, קאָן ער נישט. ווײַל ווער געל איז, קאָן זיך פון זײַנס גלײַכן נישט באַפרײַען.

דראָפּעט ער זיך אויף די גלײַכע װענט און פּאַטשקעט שונדישע פּאַסקווילן. איינעם אַזעלכן האָט ער אָפּגעדרוקט אין דעם „סאָוועטיש היימלאַנד". און די געשיכטע פון דער היסטאָריע איז אַזעלכע; עס זענען צו אים דערגאַנגען ידיעות, אַז אין ישראל איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ פּאָנד אַרויסצוגעבן פּרץ מאַרקישעס אַן „אַפּאָגריפּישע פּאָעמע". קאָן דאָך די וועלט פרעגן אַ קשיא: פאַרוואָס איז די פּאָעמע נישט דערשינען אין סאָוועט־רוסלאַנד? פאַרלויפט ער דעם וועג און ציט אויף זיך אַרויף אַ שבתי־צביעדיק מיצל און פּלאַפּלט מיט די לעפצן: אדרבא, מיר האָבן די פּאָעמע געוואָלט דרוקן. נאָר וואָס דען? די אַפּוטרופּסים איבער מאַרקישעס ליטעראַרישער ירושה האָבן געפּסקנט, אַז די פּאָעמע איז נישט ראוי לדפוס. ווער זשע זענען עס געווען די דאָזיקע פּראָקו־ראָרן: — פיאָטער טשאַגין און יעווגעני פּרעמיאַק. ווי זאָגט זיך אין רוסישן פאָלקסווערטל: דוואַ סאַפּאַגאַ פּאַראַ. נאָר אַזוי ווי די צוויי גוטע גויִם קאָנען דאָך נישט קיין ייִדיש, איז דאָס נאָך איין שעדלעכער אַקט פון דעם נידעריק־געפאַלענעם א. ווערגעליס.

צוליב פּינקטלעכקייט דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז דער פאַרשוין שטעלט אַרויס נאָך איין עדות, דעם איבערזעצער וו. לייוויק. מיט דעם האָט זיך דער אָרעמער „כאָווער אָרן" שוין אינגאַנצן אַנטבלויזט. גראָד איז לייוויק אַ גרויסער חסיד פון דער פּאָעמע. ער האָט איבערזעצט פון איר אייניקע קאַפּיטלען. און ווען מאַרקישעס זון, דוד, האָט אָפּגעדרוקט זײַן רוסישע איבערזעצונג פון דער גאַנצער פּאָעמע, איז ער געווען זײַן רעדאַקטער און אויף אַן אָפּהאַנדלונג אין דער פּאָעטישער סעקציע פון דעם סאָוועטישן שרײַבער־פאַראיין, האָט ער הויך אָפּגעשאַצט סיי די פּאָעמע, סיי די איבערזעצונג. די סיבות פאַרוואָס אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָר 9 לידער (פון די זעקס און אַכציק), זענען נישט דערפאַר ווײַל די איבעריקע זענען „קינסטלעריש נישט ווערטפול", נאָר מחמת דעם, וואָס אין דער פּאָעמע זענען פאַראַן לידער וואָס שרעקן דעם געלן שאָטן פון א. ווערגעליס.

מיר וועלן ברענגען איינע פון זיי ווו מאַרקיש שטעלט צום שאַנד־סלופּ זײַנע אַמאָליקע און הײַנטיקע פאַרדאַרבער:

עס קלינגען קיין גלאָקן, קיין קלויסטערס ניטאַ,
נאָר ס'דרייען מאַנאַכן אַרום זיך אין טאָל.
מאַנאַכן מיט ווײַרויך פון רויטן געבאָט
און ס'טשאַדעט פון זייער יעטווידן טראָט.
ווי פלעדערמײַז פינצטער שוועבן זיי אום —
די אויגן געשיקלט און מײַלער פאַרקרימט.
אויף יעטווידן שמייכל, אויף יעדן געהויל —

אַ פּסוק פון שריפט און אַ קללה פון מויל.
עס זענען געזיכטן פאַרזעסעוודיק גלאַט
און בייז לויטן ראַנג און בייז לויטן שטאַט.
און דאָס מויל איז אין דאַרשט און אין פיבער פאַרזוימט,
וועל איך אויפגיין צו דיר און דיר זאָגן אַזוי:
— די נאַכט איז אַוועק, נאָר דער חושך איז דאָ
און טשאַדעט מיט רויטלעכן ווײַרויך אין טאָל.
עס שושקעט און שפּרעכט דאָרט מאָנאַך מיט מאָנאַך —
אין אַרבל אַ שטערן, אין בוזעם די נאַכט.
און שפּרעכן אַזוי, און פאַרשפּרעכן אַזוי
בײַ נאַכט אין די היילן, און שלאָפן מיט שטרוי
בײַ נאַכט אין די היילן. אין הייל מיט אַ לעכט.
זיי שנײַדן פאַר פרומקייט זיך אויס דאָס געשלעכט.
זיי קעמען די האָר און די בערד זיך ניט אויס
און זענען זיך נוקם ווען ס׳טרעפט זיך אַ לויז.
נאָר יונג איז דער טאָג און פריש איז דער טאָג,
און ס׳בראַט זיי די זון אויס ווי פלעקן פון טאָל.

טשיקאַווע ווי עס וועט רעאַגירן א. ווערגעליס נאָכן איבערלייענען דאָס דאָזיקע „סאָוועטיש־פּאַטריאָטיש" ליד. צי וועט ער אויך אין אים געפינען „אַן אָפּטימיסטישן געזאַנג, געקרעפטיקט מיט רעוואָלוציאָנערער ענערגיע פון דער העראָישער צײַט"?

ווען עמעצער האָט זיך געפונען און אָנגעוויזן אויף דער אמתער כוונה פון דעם ליד, האָט ער אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, איצט וועט ער שוין אויף אים שפּײַען מיט דער גרינער גאַל. אַזאַ פאַרשווין איז ער שוין דער „כאַוועד" א. ווערגעליס.

יאָ, עיקר שכחתי.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד", איז דער אָרעמער אָרן אַ צווייט מאָל אַרײַנגעפאַלן. אין דעם ליטעראַרישן לעקסיקאָן פונעם זשורנאַל, איז אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ וועגן דעם געלערנטן יוסף ליבערבערג. עס ווערן אין איר געבראַכט ביאָ־ביבליאָגראַפישע ידיעות ביז 1934. אַז י. ליבערבערג איז אין 1936 אַרעסטירט און אומגעבראַכט געוואָרן, וועגן דעם ווערט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געזאָגט. וואָס טוט גאָט? ווערט אין דער ביבליאָגראַפיע פאַרצייכנט, אַז ידיעות וועגן ליבערבערגס לעבן און שאַפן קאָן מען געפינען אין ווײַנרײַכס בוך „בלוט אויף דער זון". ווי זשע איז די רייד אַז ביי מאַקס ווײַנרײַך איז בכלל אַזאַ בוך נישט פאַראַן. עס איז פשוט פאַרפּלאָנטערט געוואָרן דער נאָמען פון מחבר

הערשל ווײַנרויך... און דער אָרעמער אָרן האָט זיך נישט געכאַפּט אַז גראָד אין דעם בוך ווערט דערציילט דער פּולער אמת וועגן דעם טראַגישן סוף פון וווּנדערלעכן יוסף ליבערבערג. זאָגט נישט לית דין ולית דיין.

12.10.80

וועגן פּרץ מאַרקישעס מאַנוסקריפּט „דער פּערציקיאָריקער מאַן", וואָס איז דערשינען אין בוך־פאָרם (פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב 1978) זענען פאַרשפּרייט נישט קיין פּינקטלעכע אינפאָרמאַציעס און דערפאַר האָבן אים אייניקע רע־צענזענטן פאַרשיידן און ווידערשפּרעכלעך אָפּגעשאַצט. אַזוי ווי איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָב געלייענט און אויסשיפרירט דעם מאַנוסקריפּט, נאָך מיט 25 יאָר צוריק, האַלט איך פאַר מײַן חוב אויסקלאָרן אייניקע פּרטים.

ווי האָט אויסגעזען דער מאַנוסקריפּט ווען איך האָב אים גענומען אויס־שיפרירן? אין אַ טעקע צווישן פאַרשיידענע געדרוקטע מאַטעריאַלן האָט זיך געפונען אַ צאָל לאַנגע און שמאָלע בייגעלעך פּאַפּיר און אויף יעדן איינעם פון זיי זענען געווען פאַרשריבן צוויי לידער מיט פּרץ מאַרקישעס אייגנאַרטיקער האַנטשריפט. די בייגעלעך פּאַפּיר זענען נישט געווען נומערירט. נאָך די גילגול־מחילות וואָס דער מאַנוסקריפּט האָט דורכגעמאַכט, איז כּלל נישט אויסגעשלאָסן, אַז זיי האָבן זיך איבערגעמישט און פאַרפּלאָנטערט. איך האָב דעמאָלט געקלערט, אַז עס קאָן אויך גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז דאָס איז נישט קיין איינהייטלעכע שאַפונג, נאָר אַ געמיש פון פאַרשיידענע ציקלען. איך האָב אויך גלײַך באַמערקט, אַז די לידער זענען געשריבן מיט פאַרשיידענע טינטן, האָב איך צוערשט פונאַנ־דערגעטיילט דעם מאַנוסקריפּט לויט דער טינט. איך האָב זיך געפלײַסט געפינען די אינערלעכע שײַכותן צווישן די לידער און גענומען זיי באַדינגלעך אויסדרן און נומערירן. לשם פאַרזיכטיקייט האָב איך דעם טייל וואָס איז געשריבן מיט איין טינט, נומערירט מיט אַראַבישע ציפערן (פון איינס ביז צוויי און פערציק) און די לידער וואָס זענען געווען געשריבן מיט אַן אַנדערן טינט האָב איך נומערירט מיט ייִדישע אותיות (פון א' ביז ל"ח). איך בין דאַן נאָך נישט אײַנגאַנצן זיכער געווען צי אַזוי טאַקע איז געווען דער אורסדר פונעם מאַנוס־קריפּט, פון וויפל טיילן ער באַשטייט און וועלכן עס געהער די בכורה. איך האָב אָבער געהאָפט, אַז ווען עס וועלן זיך באַווײַזן די מעגלעכקייטן צו פאַרעפנטלעכן דעם מאַנוסקריפּט, וועט דאָס אַלץ אויפסנײַ קאָנטראָלירט און פאַרפינקטלעכט ווערן. צום באַדויערן איז עס נישט געטאָן געוואָרן. אין אָפּגע־דרוקטן וואַריאַנט איז פאַרבליבן דער סדר וואָס איך האָב באַדינגלעך(!) אויפ־געשטעלט מיט 25 יאָר צוריק. אויך דער באַדינגלעכער(!) נאָמען „דער פערצי־קיאָריקער מאַן" איז איבערגעבליבן. דער מאַנוסקריפּט האָט זיך פאַרהיט אַן אַ

נאָמען. די אויסגאַבע באַשטייט פון צוויי טיילן. לויט וועלכן פּרינציפּ די צעטיי־לונג איז געמאַכט געוואָרן איז נישט קלאָר. אפשר דערפאַר ווייל דער מאַנוס־קריפּט איז אין צוויי טינטן? לויט וועלכע סימנים איז, אויב אַזוי, באַשטימט געוואָרן דער סדר פון די חלקים?

אַריינלעבנדיק זיך אויפמערקזאַם אינעם אינערלעכן געוועב פונעם טעקסט האָט זיך פאַרשטאַרקט די הנחה, אַז דער מאַנוסקריפּט באַשטייט פון אייניקע ציקלען, פון וועלכע נאָר אַ טייל האָט אַ דירעקטע שייכות צום מיסטעריעזן פּערציק־יאָריקן מאַן. פאַראַן לידער וווּ ער איז נישט פאַראַן, נישט אין טעקסט און נישט אין אונטער־טעקסט, ווי למשל אין די 25 לידער פון זייט 87 ביז 122. אין די לידער הערשט גאָר אַן אַנדערער גייסט ווי אין די לידער וועגן פּערציק־יאָריקן מאַן. לויט זייער פּאַטעטישער לעקסיק און געוויסע מאָטיוון רופן זיי זיך איבער ערטערווייז מיט פּרץ מאַרקישעס בוך „ראַדיאָ".

ד"ר אליהו שולמאַן האָט ניט דערפילט די סתירות און באַטראַכט דעם אָפּ־געדרוקטן מאַנוסקריפּט ווי איין גאַנצע פּאָעמע און מיר ווייזט ער אָן, הלמאי איך האָב אין מיינעם אַן עסיי באַהאַנדלט נאָר די נאַציאָנאַל ייִדישע עלעמענטן, בעת ער שרייבט וועגן דער גאַנצער פּאָעמע, דערונטער אויך וועגן „די אַרויפגע־צוווּנגענע באַנאַלע עלעמענטן", ווי ער דריקט זיך אויס. איז כדאַי צו באַמערקן, אַז מאַרקישן האָט קיינער נישט געצוווּנגען צו שרייבן זיינע סאָוועטיש־פּאַטריאָ־טישע לידער. ער האָט געשריבן וועגן וואָס ער האָט געגלויבט. דאָס איז נישט קיין חטא, נאָר זיין טראַגעדיע. אין דעם באַשטייט דאָך דער טעות פון זיין לעבן און דער אומזין פון זיין טויט. ס'אַ זינד צו באַנאַליזירן דעם גלויבן און די טראַגעדיע פון אַזאַ גיגאַנט ווי עס איז געווען פּרץ מאַרקיש.

פאַרוואָס איך האָב נישט געשריבן וועגן דעם אַנטאַגאָניזם? ערשטנס, האָב איך עס געטאָן אין אַן אַנדער אָרט. והשנית, אין מיין עסיי האָב איך זיך נישט באַשעפטיקט מיטן גאַנצן מאַנוסקריפּט, נאָר און דער עיקר מיט די לידער וועגן און אַרום דעם פּערציק־יאָריקן מאַן. מיר איז אָנגעגאַנגען, אין דער ערשטער ריי, אַרויסהייבן יענע ווערטן אין פּרץ מאַרקישעס שאַפן מיט וועלכע ער האָט זיך איינגעקעלטערט אין די הייליקייטן פון ייִדישע אייביקייטן. און זיי זענען בפירוש פאַראַן אין די 22 לידער וועגן דעם בן־הארבעים אין וועלכע פּרץ מאַרקיש האָט אַריינגעוועבט אַ סך פון זיינע אינטימיטעטן און מחשבות: „זע איך זיך, זע איך דיך פּערציקיאָריקער מאַן". די איבעריקע 66 לידער פון דעם מאַנוסקריפּט זענען פון גאָר אַן אַנדערער אָפּערע און דאַרפן באַזונדערס באַטראַכט ווערן, אַן וועלכע־נישט־איז שייכות צו די לידער וועגן דעם פּערציק־יאָריקן מאַן.

אליעזר פּאָדריאַטשיק

23.10.80

מײַן טאַטע, יצחק בן מרדכי ז״ל, האָט קײנמאָל נישט געלאַכט.

פֿון זײַנע קינדעריאָרן ווײס איך גאָרנישט. אויך ער האָט גאָרנישט נישט געוווּסט. ווי אַ שוואַרצער פֿלעק זענען זיי אין אים געלעגן און ער האָט גאָרנישט געדענקט. נאָר אײן יאָר האָט ווי אַ קײַלעכדיקע לבנה געשײַנט אין זײַן זכרון. ער איז נישט מיד געווען וועגן דעם צו דערציילן און דערציילן. אָנגעהויבן האָט ער עס שטענדיק מיט אַ ליד. שטענדיק מיט אײנעם און דעם זעלבן ניגון. יעדע סטראָפֿע פֿלעגט ער אויסזינגען אין דרײַ שפּראַכן: אוקראַיִניש, ייִדיש און העברעיש, ווי ער וואָלט מיט די כוואַליעס פֿונעם ניגון אַוועקגעשווומען ווײַט, ווײַט־ווײַט:

זאַיִגראַיִטיע מניע קאָזאַטשינו,
אָך פּאָ יעוורייסקאָמו!
כאָ, כאָ, כאָ!
כּונן בית מכונך
להרביץ בו צאנך,
ה׳ באור פּניך!
וואָט טעביאָ קאָזאַטשינו,
וואָט טעביאָ
פּאָ יעוורייסקאָמו!

...געשען איז עס ווען ער האָט אײנמאָל געווינטערט אין אַ פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל. געהאָלפֿן אַ ייִשובניק אין דער באַלעבאַטישקײט. אַ משרת געווען. דער ייִשובניק האָט געהאַט אַ סך קינדער. אײנמאָל האָט ער פֿאַר זיי פֿון ערגעץ אַ לערער אַראָפּגעבראַכט. דער לערער איז קײן סך ייִנגער נישט געווען פֿון מײַן טאַטן. עס האָט זיי עפּעס געצויגן אײנער צום צווייטן. דער ייִשובניק איז געווען אַ בײזער און נישט געקאָנט לײַדן ווען זיי זענען געווען צוזאַמען. דערפֿאַר אָבער אין די נעכט האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן אײנער פֿון אַנדערן. כאָטש מײַן טאַטע פֿלעגט שווײַגן. ער האָט קוים געקאָנט לײענען און שרײַבן. און נישט געהאַט וואָס צו דערציילן. דער לערער אָבער האָט פּשוט געשטראָמט מיט רייד. עס האָט פֿון אים ממש געפּלײצט אַ קוואַל מעשׂיות. און יעדע מיט אַן אַנדערן מוסר־השׂכּל.

בײַ מײַן טאַטן האָבן אויסגענומען די געשיכטעס וועגן יענעם חכם, וואָס איז זיבן יאָר געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל און זײַנע תּלמידים פֿלעגן פֿאַרשטעלטערהייט קומען און לערנען בײַ אים תּורה...

אײנמאָל, פֿאַרן אַרויסגײן פֿון דער הייל, האָבן די תּלמידים אים געזאָגט:

— רבי, איר האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ סך סודות פון דער וועלט, דערקלערט אונדז איצט, וואָס איז אַזוינס אַ וואָרט?

— אַ וואָרט, רבותי, איז אַ גאַנצע וועלט. זאָגסטו אַרויס אַ גוט וואָרט באַשאַפסטו אַ גוטע וועלט. אויב חס וחלילה אַ שלעכטס — פאַרמערסטו, רחמנא ליצלן, דאָס שלעכטע אויף דער וועלט. דעריבער, מײַנע טײַערע, זײַט שטענדיק געהיט מיט אַ וואָרט...

עס פלעגט געשען אַז דער צווישן־אויוון, ווו זיי פלעגן שלאָפן, איז זיי נמאס געוואָרן. פלעגן זיי אַנטלויפן אין דעם שכנותדיקן וועלדל. דער לערער פלעגט זיך דאָרט צעגיין אין געזאַנג:

אני ביער הלכתי,
קול צפרים שמעתי,
קול צפרים
מזמרים מזמורים
רא, רא, רא,
אדיר איום ונורא.

און אין איינער אַזאַ נאַכט איז דער לערער פאַרשוווּנדן. בײַ מײַן טאַטן זענען פאַרבליבן זײַנע לידער און זײַנע מעשיות. ער האָט אין זיך פאַרהיט זײַן אויסזען און האָט אויך פאַרגעדענקט אַז מען האָט אים גערופן: משה־יוסף...

✶

מײַן טאַטע, יצחק בן מרדכי ז״ל, איז געווען אַן אײַביקער קבצן.

פאַר זײַן בן־יחיד אָבער האָט ער גאַרנישט געזשאַלעוועט. ער פלעגט זיך אָפּזאָגן פון אַ זאַטן ביסן און אים שיקן לערנען בײַ די בעסטע מלמדים. און זיי האָבן אים אײַנגערעדט, אַז זײַן בן־יחיד וואַקסט אַן עילוי. האָט ער אים אַוועקגעשיקט לערנען אין אַ ישיבה. גאַנצע זעקס יאָר האָט ער אין זיך גע־כאָוועט אַ טרוים. אויפן זיבעטן יאָר בין איך אַרויס לתרבות רעה: אין איינער אַ נאַכט, נאָך חצות, האָב איך צום לעצטן מאָל פאַרמאַכט דעם יורה־דעה און נעלם געוואָרן...

מײַן טאַטע האָט געריסן קריעה און זיך געזעצט שבעה.

ווער ווייסט ווי לאַנג איך וואָלט פאַר אים געווען אַ פאַרלוירענער, ווען נישט די מאַמע. זי, די מאַמע, האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין שלום...

די וווּנד וואָס איך האָב אים דעמאָלט פאַרשאַפט, האָט לאַנג זיך נישט פאַרהיילט...

אין יאָרן אַרום האָב איך געלעבט אין אַ גרויסער שטאָט. איז ער געקומען צו מיר צוגאַסט. איינמאָל, ליגנדיק אויף דער קאַנאַפּע, האָט ער שטילערהייט גענומען ברומען זײַנס אַן אַלט באַליבט לידל:

אליעזר פאַדריאַטשיק

בין איך מיר געגאַנגען אין טיפן וואַלד, —
אין טיפן וואַלד...

— טאַטע, די פאַמיליע פון יענעם חבר דײַנעם איז צופעליק נישט געווען נאַוואַמיסקי?

— ווי, ווי האָסטו געזאָגט?

ער האָט אַ סך מאָל איבערגעחזרט דעם נאָמען, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט אויפוועקן זײַן זכרון.

— ווייסטו טאַטע, איך קען אויך איינעם, וואָס הייסט משה־יוסף נאַוואַמיסקי!

— וואָס? ווי? ווען? — און ער איז האַסטיק אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע.

פון דער ביכער־פּאָליצע האָב איך אַראָפּגענומען דעם בוך: „ווען קייטן קלינגען".

— וואָס, וואָס דרייסטו אַ ספּאָדיק! דאָס איז דאָך עפּעס אַ מ. אַלגין.

— נישט עפּעס אַ... נאָר אפשר טאַקע יענער דײַנער משה יוסף נאַוואַמיסקי!

און איך האָב אים געוויזן די פאָטאָגראַפיע פון בוך: „אין דער וועלט פון געזאַנגען".

איך ווייס נישט צי מײַן טאַטע האָט דעמאָלט זײַן פאַרלוירענעם יוגנט־חבר דערקענט — זײַן פאַרבלאָנדזשעטן בן־יחיד האָט ער זיכער צוריק געפונען...

מעגלעך אויך, אַז עס איז געווען אַן איינפאַכער צופאַל. וואָס דער פאַמיליע־נאָמען פון מײַן טאַטנס יוגנט־פרײַנט, איז אויך געווען נאַוואַמיסקי, און מעגלעך אַז נישט. ווער ווייסט? נאָר ווי עס זאָל נישט זײַן, יעדעס מאָל ווען איך נעם אין האַנט אַרײַן מ. אַלגינס אַ בוך, דערמאָן איך זיך אין מײַן טאַטן און אין זײַן ליד:

בין איך מיר געגאַנגען אין טיפן וואַלד —
אין טיפן וואַלד,
האָב איך געהערט אַ פייגעלע אין וואַלד,
אַ פייגעלע אין וואַלד.
דאָס פייגעלע האָט געזונגען,
לי, לי, לי, —
לי, לי, לי:
גדור פּרצת היכלי!

10.1.84

אין ערשטן העפט פון דער צווייַ שפּראַכיקער פּובליקאַציע „גשרים — בריקן", וואָס איז דאָ ניט לאַנג דערשינען, זענען איינגעשלאָסן ווערק פון צוויי און צוואַנציק יידישע און העברעישע שרייַבערס, וואָס זיבעצן פון זיי לעבן און שאַפן אין ישראל; פון די פינף אַנדערע זענען שוין פיר אויפן עולם האמת. פון דעם איינציקן פאַקט, ווי פון אַ סך אַנדערע גורלדיק־היסטאָרישע פאַקטן, איז צו דריגנגען אַז דער גרעסטער טייל פון דעם לעבעדיק שעפערישן פּאָטענציאַל אין העברעיש און יידיש איז קאָנצענטרירט אין ישראל. כדי אויסקלאָרן די פאַרהעלטעגישן צווישן ביידע שפּראַכן און ליטעראַטורן אין אונדזער צייַט, איז דאַכט זיך געגוג באַטראַכטן זיי אויפן פאָן פון דער ראַלער פּלוראַליסטישער קולטור אין ישראל. און אַ צענטראַלע פּראָבלעם אין יעדער פּלוראַליסטישער קולטור ביי אַ פאָלק, איז איר חוט־השדרה, אין וואָס עס באַשטייט איר אייניקייט, איר גאַנצקייט. נאָר איידער מיר וועלן דערצו דערגיין אין דער דאָזיקער רשימה, לאָמיר צוערשט אויסקלאָרן אַ פּאָר פּרטים.

וואָס איז אַזוינס ישראל־קולטור? וואָס איז איר היקף און וועלכע זענען אירע גרענעצן? צי נאָר דאָס וואָס ווערט געשאַפן אין עברית? צו וועלכער קולטור, אויב אַזוי, געהערן די דאָ אין לאַנד אין יידיש געשאַפענע לידער און פּאָעמעס, דערציילונגען און ראָמאַנען וועגן די אָנהייבן פון נייַעם ישוב אין לאַנד, וועגן אַלע ישראל־מלחמות, וועגן דעם לעבן אין די קיבוצים און מושבות, אין די שטעט און דערפער? געהערט דען ניט אויך די דאָזיקע אַרומבעמיקע ליטעראַטור צו דער אַלגעמיינער קולטור וואָס פאַרמירט זיך אין דער מדינה, וואָס דאַרף אויך אייַנגעקעלטערט ווערן אין אירע בילדונג און פאַרש־אַנשטאַלטן. צי זענען אירע שעפער בלויז לויט זייער תעודת־זהות ישראלים. אויב זיך פאַרטיפן אין די אייַנגעווײדן פון די גייַסטיקע ספערן, וואָס שפּייַזן ביידע ליטעראַטורן אין לאַנד, קאָן מען דאַך אין לעצטן סך־הכל דערפילן זייער איינהייטלעכע נאַציאָנאַלע שליחות, טראָץ די שפּראַכלעכע אונטערשיידן. געוועצט איז געוועזן דער ביבליאָגראַף פון „ידיעות אחרונות" וואָס האָט אָנומלטן באַמערקט: „ראויה שירת א. סוצקעווער שלא יכלאוה בגיטו הלשוני". דאָס איז חל נישט נאָר אויף אברהם סוצקעווערס יצירה, נאָר אויך אויף אַ באַדייַטנדיקן טייל פון די יידיש שאַפער אין ישראל.

פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן אַ יידיש־שאַפער אין ירושלים און תל־אביב, חיפה און באר שבע און אַ יידישן שרייַבער אין פּאַריז, ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס. דאָס יידישע שאַפן אין די תפוצות, איז בעיקר אַ זכרונות ליטעראַטור. דאָס איז דער גייַסטיקער מעדיום פון די דאָרטיקע גרעסטע און בעסטע שאַפונגען, פון יצחק באַשעוויס, פון חיים גראַדע ז״ל און פון אַ סך אַנדערע.

פארשטייט זיך, אויך פאר א יידיש־שאפער אין ישראל, איז דאס געדענקען דעם עבר א וויכטיק שעפערישער קוואל פון יצירה. אבער פאראלעל מיט דעם פארמאגט ער אויך א גלויבן און א וויזיע אין א יידן־עתיד. ווי האט עס פאר־מולירט דער פאעט הירש אשעראוויטש:

בײַ דײַנע שמונה־עשרה שטייענדיקע פאלמעס
כ׳בין זיך מתייחד מיט מײַן ענדלעך אנגעקומענעם
מאראניש אויסגעבענקטן יידן־עתיד...

די יידישע שרײַבערס אין ישראל האבן פאר דער אלגעמיינער יידישער און טײַלווײַז אויך פאר דער העברעיִשער ליטעראטור אויף סנײַ אנטדעקט ארץ ישראל און שאפן דא א נײַעם מה טובו: „מה טובו, מה טובו, האט געזונגען דער גרויסער יעקב פרידמאן, סארא הייליק געשאל, / ס׳אײַלן די רינדער / טרינקען צום קוואל. / און איך אין דער מיט, / דאס פאסטעכל דא / שפיל אויף דער דודע / דו־דו־דו דו־דו־דו... מיין דודע איז נאך דודע / און איך בין א ייִד / און דאוון בײַם ירדן / מײַן פשוט ליד״...

אויף דעם ארט איז אפשר כדאי נאך אמאל דערמאנען די באשטעטיקונג פון דעם נעסטאר אין דער העברעיש־יידישער ליטעראטור־פארשונג פראפ׳ דב סדן: הרבה מסופרי יידיש מעורים במציאות, בנוף הארץ ואנשיה — רב יותר מכפי שמעורים בה הרבה מסופרים העברים. אויך משה שמיר האט עס לעצטנס באשטעטיקט. אין זײַנעם א מאמר אין „מעריב״ פון 19־טן אפריל ד. י. באטראכטנ־דיק אברהם סוצקעווערס דיכטן אין ישראל און וועגן ישראל אין פארגלייך מיט די לאנד־מאטיוון אינעם שאפן פון די העברעיִשע דיכטערס פון דעם שלאנסקי־דור, קומט ער צום אויספיר אז די יידישע פאעטן האבן גרינגער ווי די העברעיִשע זיך באהעפט מיט דער ישראל רעאליע.

דאס באהעפטן זיך מיטן לאנד, איז פאר דעם יידיש־שאפער, חוץ אלעמען, אן אקט פון גײַסטיקער עמאנציפאציע, פון באפרײַען זיך „פון פרעמדע השגות וואס דער גלות האט ארײַנגעממזרט אין אונדזער מח״ (הירש אשעראוויטש).

די, וואלט איך מיר דערלויבט זאגן, פאטריאטישע געזאנגען צו ישראל, זענען א באזונדערס וויכטיקער קאפיטל אין דער יידישער ישראל ליטעראטור; בעת אין דער הײַנטיקער העברעיִשער ליטעראטור זענען פאראן שרײַבערס וואס זענען ניט שווה־בשווה מיט די דאזיקע באגריפן. ווי א דערווידערונג צו שאול טשערניכאווסקיס בארימטער פארמולירונג: האדם אינו אלא תבנית נוף מולדתו, קלינגען די ווערטער פון נתן זך: המולדת אינה מצמיחה, אלא כמיהה לדבר אחר / לא מולדתי״.

בכלל איז אין דער העברעיִשער ליטעראטור א געוויסע צײַט געווען א באשטימטער וואקום, וואס איז פארפולט געווארן דורך דער יצירה אין יידיש.

יאָרן־לאַנג האָבן די העברעיִשע שרײַבערס אויסגעמיטן די חורבן־טעמע. אורי צבי גרינבערג איז געווען כמעט דער איינציקער וואָס האָט וועגן איר געשריבן, און זײַן בוך „רחובות הנהר" איז, לויט דער טרעפלעכער באַצייכענונג פון אברהם קריב, אַ „יצירה וואָס די העברעיִשע פּאָעזיע איז פּאַרפּליכטעט דעם דור און דער דור איז געווען פּאַרפּליכטעט די קומענדיקע דורות".

דאָס יאָרן לאַנג אויסמײַדן די חורבן־טעמע האָט ניט נאָר אין דער ליטעראַ־טור, אויך אין דער פּסיכיק פון אַ דור גורם געווען אַן עטישן וואַקום, וואָס האָט פּאַרדאַרבט זײַן צוגאַנג צו דער דאָזיקער ייִדישער דראַמע, צו איר העראָיק און טראַגיק. ביז הײַנט שטאַרצן נאָך דאָ און דאָרט אַרויס דערנער, וואָס דער דאָזיקער צוגאַנג האָט פּאַרזייט.

אַנומלטן האָט די „ספריה פדגוגית" פון דעם קיבוץ מעברות צוריק געשיקט דאָס בוך וועגן דער שואה: „חסידי אומות העולם" פון שלמה בלאַנד. דאָס בוך איז אין דרײַ שפּראַכן: עברית, ענגליש און ייִדיש. דאָס אומקערן דאָס בוך האָט די „ספריה הפדגוגית" מאָטיווירט בזה הלשון: „היות שחלק גדול של הספר הוא ביידיש, הוא לא שימושי לנו". וויל זיך פרעגן די פּעדאַגאָגן פון קיבוץ מעברות: ומה עם החלק השני — העברי, גם הוא לא שימושי? נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

פּאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, איז אין עברית געשאַפן געוואָרן אַן ערנסטע ליטעראַטור אויף דער חורבן־טעמע. פּאַראַן אָבער אַ וועזנטלעכער אונטערשייד פון דער וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ייִדיש. די ווערק פון אברהם סוצקעווער, ישעיהו שפּיגל, מאיר יעלין, לייב ראָכמאַן ז"ל, שילדערן דאָס מאָנס־טריעזע און מיסטעריעזע פון דעם גהינום גופא. אין די בעסערע ווערק פון דער העברעיִשער ליטעראַטור האָבן מיר אין תוך, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאָסטעריאָרע שואה. געגנוג געמען ווי אַ בײַשפּיל דעם שרײַבער אהרון אפּעלפעלד, וועגן וועלכן א. ב. יהושע האָט געשריבן: רק עם הופעתו — החלה ספרות השואה לקבל עומק וכיוון. זענען דאָך אָבער זײַנע ווערק נישט אַזוי וועגן שואה, ווי וועגן דעם גילגול פון די אַמאָליקע געטאָ און לאַגער־אסירים אין אונדזער צײַט. אויב דער העברעיִשער שרײַבער שילדערט דעם „התועה בדרכי החיים" פון די געוועזענע געטאָ בני־תמותא, שילדערן די ייִדישע שרײַבערס דעם „התועה בדרכי המוות" פון די, וואָס האָבן דעם כח געהאַט אין די סאַמע טיפעניש פון גיא צלמוות מקיים זײַן מצוות החיים. דער ווערט פון זייערע ווערק באַשטייט הן אין זייער קינסטלערישער אָריגינאַליטעט, הן אין זייער היסטאָרישער אויטענ־טישקייט, מחמת יעדער איינער פון די שרײַבער קאָן אויף זיך זאָגן: אני הגבר, ראה את עניי בשבט עברתו...

אויך אין געביט פון היסטאָרישן זשאַנער, איז די ייִדישע ישראל ליטעראַ־טור אַנדערש און אַנטפּלעקט אַנדערע האָריזאָנטן ווי די הײַנטיקע העברעיִשע

ליטעראַטור. יחיאל האָפּערס ציקל היסטאָרישע ראָמאַנען: „מײַנע װאַרשעװער הײמען", לײב אָליצקיס „ישיבה לײַט" און „װאָלינער ייִדן", מרדכי צאַנינס אַרטאַפּאַנוס עפּאָפּײע, עליע שעכטמאַנס עפּאָס „ערב", זענען װערק פֿון אַ הױכן קינסטלערישן און דערקענטעניש װערט װעגן די װיטאַלע שטראָמען אין דעם אײנהײטלעכן ייִדישן גײַסט, װאָס גײט זיך איבער דורך פֿאַרהױלענע קאַנאַלן מדור לדור.

און ענדיקן װיל איך די רשימה מיט דער װײַטערדיקער באַמערקונג: נישט נאָר די העברעיִשע שפּראַך און ליטעראַטור פֿון דער ערשטער, צװײטער און דריטער עליה האָט געהאַט אַ ייִדישע באַפֿאַרבונג, זי איז געװען, לױט יעקב פֿיכמאַנס באַפֿליגלטן אױסדרוק, „ייִדיש אָנגעװאָרעמט, ייִדיש באַהאַרצט". אױך הײַנט איז ייִדיש מסוגל באַשפּײַזן און באַפּרוכפּעכן צי העברעיִשע שפּראַך און ליטעראַטור.

דער שרײַבער משה שמיר האָט עס בשער בת רבים אױך אין אונדזערע טעג באַשטעטיקט „ייִדיש, האָט ער פּאַטעטיש דערקלערט, האָט געגעבן מיר און מײַן לשון, מײַן קולטור און מײַן צוגאַנג צו דער רעאַליטעט — די נײַע דימענסיע פֿון סביבה און התנהגות פֿון לעבעדיקער שפּראַך װאָס איר גרונטיקע פֿאָרעם איז דער קרײַז און ניט דער פּירעק... (די גאָלדענע קײט 110—111, ז' 97)'

ובכן, אױב עס איז ריכטיק דער טעזיס פֿון דעם פֿראַנצױזישן דענקער ראָלאַנד באַר, אַז „שפּראַך איז היסטאָרישע סאָלידאַריטעט", װעלן, האָפֿן מיר, „גשרים—בריקן" העלפֿן שאַפֿן די געהעריקע בריק פֿאַר דער היסטאָרישער סאָלי־דאַריטעט צװישן אונדזערע בײדע שפּראַכן און ליטעראַטורן.

צווישן האַמער און קאָוואַדלע

		זײַט
.1	גזירות תש״ח—תשי״ב	207
.2	שלמה מיכאָעלס	224
.3	יוסף קערלער	233
.4	יהושע א. גלבוע	237

זכרונות און רעיונות אַרום צוועלפטן אויגוסט

ווען דער העברעיִשער שרײַבער משה חיוג האָט נאָך געטראָגן די עפּאָלעטן פון אַ סאָוועטישן גענעראַל־לייטענאַנט און דער העברעיִשער דיכטער אלישע ראָדין האָט נאָך געדיכטעט יִדיש — סאָוועטיש; ווען שלמה מיכאָעלס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט די משיחישע חלומות פון דוד ראובני און בנימין זוסקין האָט אויסגעטאַנצט דעם יִדישן טרויער אין „פּריילעכס״; ווען דוד האָפשטיין האָט אַרויסגעשאָלט פון זיך די אָדע „אָקטאָבער״ און פּרץ מאַרקיש האָט אויסגעבלוטיקט „די קופּע״; ווען לייב קוויטקאָ האָט געשטורעמט דעם „רויטן שטורעם״ און איזי כאַריק האָט זיך אים איבערגעגעבן „מיט לײַב און לעבן״ — האָט קיינער פון זיי נישט געאַנט, אַז אין יאָרן אַרום וועט מאָסקווע לעסטערן זייער לעבן, בעת ירושלים וועט הייליקן זייער טויט פון קדושים, קרבנות פון דעם רעזשים וואָס זיי האָבן געטרײַ געדינט.

מיר באַזיצן אַן אָפיציעלן דאָקומענט אין וועלכן די קריגס־קאָלעגיע פון העכסטן געריכט אין סאָוועטרוסלאַנד באַשטעטיקט, אַז דער משפט איבער די יִדישע שרײַבערס אין 1952 האָט זיך געצויגן איבער אַ וואָך, אָנגעהויבן האָט ער זיך דעם 11 יולי, דעם גזר־דין האָט מען מודיע געווען דעם אַכצענטן און אויסגעפירט דעם מאָרד האָט מען ערשט דעם 12־טן אויגוסט. אַזוי אַרום אַז פון 18־טן יולי ביזן 12־טן אויגוסט האָבן די 24 צום טויט פאַראורטיילטע יִדישע גײַסט־מענטשן זיך געפינען אין אַ טויטן קאַמער. לאָמיר אַ רגע זיך אײַנלעבן אין זייער חיבוט־הקאַמער. אין דעם גרויל און פּײַן וואָס האָט געפּײַניקט זייערע נשמות און מחשבות אין משך פון די פיר און צוואַנציק מעסלעס, ווען דעם טויט האָבן זיי דערוואַרט ווי אַן אויסלייזונג.

מען דערציילט, אַז נאָך פריער האָט בנימין זוסקין זיך געווירט און אַז איציק פעפער האָט אָנגעהויבן דאַווענען פרום. מיט יאָרן שפּעטער וועט דער גרויסער חיים גראַדע ז״ל וועגן אים מעיד זײַן:

אַני הגבר! איך האָב צוגעזען זײַן שטילע טרער,
און ווי ער האָט אויף אונדזער קדיש פרום געענטפערט: אָמן.[1]

דעריבער זאָל דער וואָס לעבט אייביק זיך דערבאַרעמען אויף די, וואָס

זענען רק מקטרג, ווײַל זיי געדענקען נישט, און אפשר ווייסן נישט, אַז נאָך אויף דער „פּריַי" האָט אויך איציק פעפער דעם מוט געהאַט זיך מתוודה זײַן, אַז ס'אַ זינד צו פאַרשווײַגן פאַרברעכן און אַז מ'טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט פאַרגעבן די פאַרברעכער:

ווער האָט דערלויבט מיר מוחל זײַן
דעם שטריק, וואָס האָט מײַן ברודערס האַלדז פאַרצויגן.
ווער האָט דערלויבט מיר מוחל זײַן
דער האַנט, וואָס האָט דעם שטריק געהאַלטן,
דאָס אויג, דאָס אויסגעלאָשענע און קאַלטע,
וואָס האָט זיך נישט פאַרמאַכט
נישט טאָג נישט נאַכט
און האָט געקוקט אַ רויִקס אויף דער האַנט,
וואָס האָט דעם שטריק פאַרצויגן.
געבענטשט־זאָל זײַן די שײַן,
וואָס בריט מיר מײַנע אויגן און רודערט אויף מײַן זײַן...
ווער האָט דערלויבט מיר רויִק זײַן...
ער קוקט דער צער צו מיר און מיינט,
אַז איך בין אָרעם,
נאָר רײַך בין איך מיט מײַן נישט מוחל זײַן...[2]

דער 12־טער אויגוסט, דער תשעה־באָב פון די סאָוועטישע ייִדן, איז נישט דער יאָרצײַט בלויז פון די, וואָס זענען אין דעם יאָר און אין דעם טאָג דער־מאָרדעט געוואָרן. דער 12־טער אויגוסט סימבאָליזירט דעם אַלגעמיינעם טאָטאַלן חורבן פון דער ייִדישער קולטור און ציוויליזאַציע אין סאָוועטרוסלאַנד אין ביידע שפּראַכן — אין העברעיִש און אין ייִדיש.

בעת די גזרות תש"ח—תשי"ב (1948—1953) איז אויך דער אוד מוצל מאש, די לעצטע האַלעוועשקע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אַכזריותדיק אויסגעלאָשן געוואָרן. אין דער זעלבער נאַכט ווען מען האָט אין קיעוו אַרעסטירט דעם ייִדישן קלאַסיקער דוד האָפשטיין, האָט מען אין סימפעראָפּעל אַרעסטירט דעם העברעיִשן דיכטער און דענקער יצחק כהן (קאַגאַנאָוו). אין די זעלבע טעג ווען מען האָט אויף דער גאָרקי־גאַס פאַרשלעפּט פרץ מאַרקישן האָט מען אין אַ ווײַטער מאָסקווער גאַס געכאַפּט דעם העברעיִשן פּראָזאַיִקער צבי פּרייגערזאָן. און אין דער זעלבער צײַט ווען דער נסתר האָט אין אַ סיבירער לאַגער אַרויפגעצווונגען אויף זיך אַ הונגער־טויט האָט אין אַ צווייטן צוואַנגס־לאַגער דער העברעיִשער שרײַבער ש. ש. רון פאַרצייכנט: בלילה, על משכבי, אני נוהג לעצום את עיני, וכך אני משתדל לתאר לי בדמיוני את חזות הארץ,

ארץ ישראל, ואת החיים המתהווים שם. הארץ נגאלה עכשיו בזעתם ודמם של חלוצי האומה, חושבני שגם בזיעתם ודמם של אותם מאחינו הנמצאים בכאן.[3]

ווילן מיר אויך זיי דערמאָנען, מחמת זיי זענען אַן אבר מן החי פון דער דאָרטיקער דראַמע. מיר טאָרן אויך ניט פאַרגעסן די מאַרטיראָלאָגיע פון די אַנאָנימע קרבנות. די דערנידעריקטע, באַליידיקטע, פאַרפּייניקטע און דער־מאָרדעטע יידישע יוגנט אין די סאָוועטישע טורמעס און צוואַנגס לאַגערן.

די באַגעגענישן פון יידישן גייסט, פון דער יידישער יצירה, פון יידישן גורל, מיט די סאָוועטישע אידעען, איז געווען אַ פאַטאַלע. אַ פאַטאַלע פאַרן פאָלק און פאַר אירע שאַפערס איןביידע לשונות — העברעיש און יידיש. פאַר אייניקע וועט מעגלעך קלינגען אומגלייבלעך דער פאַקט, אַז די ערשטע באָלשעוויסטישע אָדעס זיינען אויסגעזונגען געוואָרן איינצייטיק אין העברעיש און אין יידיש. קורץ נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט ווי אַ מעטעאָר זיך דורכגעטראָגן דער מאַניפעסט „הקומוניסטן העברי" (1919) פון דעם קומענדיקן גרונטלייגער פון דער מאָדערנער עברית ליטעראַטור אין ארץ ישראל, אליעזר שטיינמאַן. אין דעם מאַניפעסט ווערט פּאַטעטיש דערקלערט אין לשון קודש: נפל מבצרה של היהדות השחורה — תחי היהדות האדומה! יחי הקומוניסט העברי! — — — בחלומי: גדוד עברי מתעופף בין גדודי עמים ממזרח ועד ים ולוחם בעד הקומונה. בידו דגל עברי אדום, ובפיו שיר עברי לדרור. דאָס מיינט: עס איז געפאַלן די פעסטונג פון דעם שוואַרצן יידנטום — זאָל לעבן דאָס רויטע יידנטום! יחי הקומוניסט העברי! אין מיין טרוים, האָט שטיינמאַן פּאַטעטיש פּראָקלאַמירט, אַ העברעישער באַטאַליאָן, וואָס טראָגט זיך צווישן פעלקער באַטאַליאָנען און קעמפט פאַר דער קאָמונע. אין זיין האַנט אַ רויטע פאָן און אין זיין מויל אַ העברעיש ליד צו דער פרייהייט.

דער ערשטער בולט באָלשעוויסטישער בוך לידער איז דערשינען אין העברעיש מיטן נאָמען געש" (שטורעם, 1923). דער מחבר, שמואל נאַוואַק, האָט באַגלייט זיין בוך מיט די ווערטער: „געש — הוא ניסיון לתת ביטוי בלשון העברית למשבי־הרוח של השירה הקומוניסטית מודרנית שלנו". דאָס מיינט: דער „שטורעם" איז אַ פרווו אויסצודריקן אין העברעיש די גייסטיקע שטרעמונגען פון אונדזער מאָדערנער קאָמוניסטישער פּאָעזיע.

דער מאַניפעסט „הקומוניסטן העברי", איז געווען אַ פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד אין אַ. שטיינמאַנס ביאָגראַפיע. צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע אָנגעזעענע העברעישע שרייבערס האָט ער אין גיכן פאַרלאָזט רוסלאַנד. עס זענען אָבער נאָך פאַרבליבן דאָרט העברעישע שרייבערס, וואָס האָבן מיט באַגייסטערונג אויפגענומען די רעוואָלוציע און אָרויסגעלאָזט באָלשעוויסטישע זאַמל־ביכער; אין כאַרקאָוו „צלצלי שמע" (1923) און אין מאָסקווע „בראשית" (1926). די

רעוואָלוציע האָט זיך אָבער שטיפמוטעריש באַגאַנגען מיט די העברעיִשע שרײַבערס און גאָר גיך אַראָפּגעלאָזט איר שטומפּיקע האַק איבער זייערע זינגענדיקע קעפּ. צו אונדז איז דערגאַנגען זייער ווײ און מוט געשריי: אח! אח! ימח שמכם! כלי הזין בידכם. / שחור ואופל תפרשו / גבורינו קהל תשבו. / — — — אך בגזע כי תזידו, / כי תהינו לפגוע, / נכריז מחאה! / על גיגית ועל נבל, / על תוף וציטרה / נכריז בחוצות, בשוקים / מחאה.[4] די שורות, געשריבן אין 1927, געהערן דער דיכטערין בת חמה. איר אמתער נאָמען איז געווען מלכה שעכטמאַן. זי איז געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ 1979.

עס געדענקט זיך די באַגעגענישן מיטן לעצטן העברעיִשן פּאָעט אין סאָוועט־רוסלאַנד — אלישע ראָדין. די שפּאַצירן מיט אים אין מאָסקווע אויפן רויטן פּלאַץ. אין זיכּרון לעבט נאָך דער טעם פון זײַנע מחשבות. אין די אויערן קלינגט נאָך זײַן זאַפּטער ייִדיש־לשון אַ דורכגעפּלאָכטנס מיטן העברעיִש פון יהודה הלוי: „אויף די שאָלן פון מײַן טרויער, פלעגט ער ליב האָבן זיך ציטירן, וועגט מער דאָס אָרעמסטע שטיינדל פון ארץ ישראל ווי דער מאַרמאָר און גינגאָלד פון קרעמל". גראָד בעת די שפּאַצירן אַרום די גרויע קרעמל־ווענט, אויפן רויטן פּלאַץ, ווו עס האָט געלויערט, ווי עס שטייט אין תנ"ך, פּחד, פּחת ופּח — אַ גרויל, און אַ גרוב און אַ נעץ, גראָד דאָרט האָט אלישע ראָדין געוואָלט לייענען זײַנע צער און צאָרן לידער. דאָס האָט געטראָגן אין זיך עפּעס מיסטישעס, סימבאָלישעס. עס געדענקט זיך ווי ער האָט איינמאָל געפּרוווט וואַריִירן אַ ייִדישן נוסח פון זײַן באַרימט העברעיִש ליד „על נהרות היגון". „אין טײַכן טרויער זינקט אונדזער געזאַנג". ווײַטער פון דער שורה האָט זיך בײַ אים אָבער נישט באַקומען, האָט ער זיך צוגעבויגן און, צי פאַר מורא, צי דאָס אָרט זאָל נישט פאַרשוועכן דאָס לשון קודשדיקע וואָרט, האָט ער דממה־דקהדיק מיר אַרײַנגעשעפּטשעט אַ סטראָפע פון זײַן תוכחה־ליד:

על נהרות היגון פה המיתו שפתנו.
לעולם, לעולם, לעולם לא אשכח עלבוני;
כל מה שעוללו פה לחיינו,
כל ששתיתי מנהרות היגונים.[5]

אנגעהויבן האָט זיך די רויטע אינקוויזיציע מיט די העברעיִשע און געענדיקט האָט זי זיך מיט די ייִדישע שרײַבערס. נישט די ערשטע און אויך נישט די צווייטע האָט געהאָלפן דער איבערגעטריבענער סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט אייניקע פון זיי צו מאָל דערפירט צו נאַציאָלן ניהיליזם. און געשען איז עס אין ערשטן פּעריאָד איןביידע לשונות. האָט דאָך אין זײַן צײַט דער העברעיִשער פּאָעט י. ל. צפּתמאַן אויך דערקלערט:

עכברי תורות ירושה
כּרסמו בשרי החי...
— — —
שלשלת דורות רפאים
כבלה תנועתי וצעדי...[6]

אויף ייִדיש וועט עס הייסן: ירושה־מייז האָבן צעפּרעסן מייַן לעבעדיקן גוף... אַ דורותדיקע קייט פון ניט גוטע האָבן געפּענטעט דעם שווונג פון מייַן טראָט...

✶

אין דער געשיכטע פון דעם אַנטיסעמיטיזם, איז סטאַלינס ייִדן־האַס דער סאַמע געפערלעכסטער. אַלע שונאי־ישראל פון אַלע צייַטן, האָבן אָפן דערקלערט אַז זיי האָבן אונדז פייַנט און ווילן אונדז פאַרלענדן. סטאַלינס שינאה איז געווען אַ פאַרשטעלטע, אַן אייַנגעהילטע אין אַ פאַלשן מאַנטל פון סאָציאַלן יושר נאַציאָנאַלע פרייַהייַט און פעלקער פרייַנשאַפט.

וואָס שייך ייִדן איז אין תוך אַלע יאָרן געפירט געוואָרן אַן אַקציע פון פאַרלייקענען זיי ווי אַ נאַציע. די דאָזיקע „טעאָריע" איז אָנגעווענדעט געוואָרן צו אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע. לויט סטאַלינס פאַרקריפּלטער פאָרמול האָבן ביכלל די ייִדן ווי אַ נאַציע קיינמאָל נישט עקזיסטירט און ווי אַזעלכע האָבן זיי אויך קיינמאָל, לויט סטאַלינען, נישט געשפּילט קיין ראָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייַט.

לייקענען, אַבסאָלוט נעגירן די עקזיסטענץ פון אַ נאַציע און איר ראָל אין דער געשיכטע, איז נישט קיין קלענער מאָראַליש פאַרברעכן ווי פיזיש זי פאַרניכטן.

ווען עס וואָלטן אין סאָוועטרוסלאַנד געשאַפן געוואָרן פאַר ייִדן געהעריקע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען איז צו גלייבן, אַז מיר וואָלטן פון דאָרט געקאָנט דערוואַרטן איבעראַשנדיקע היסטאָרישע סורפּריזן. מחמת אין דעם דאָזיקן גרויסן ייִדישן שבט, איז פאַרבאָרגן אַ שפע פון נישט קיין אויס־גענוצטער שאַפערישער קולטור־ענערגיע.

צי האָט מען מיט אַ יאָר פופצן־צוואַנציק צוריק זיך געקאָנט פאָרשטעלן אין סאָוועטרוסלאַנד אַ קעמפערישע עליה־באַוועגונג? ! צי האָט מען געקאָנט גלייבן, אַז נאָך די ביט אויפהערלעכע ליקווידאַציעס, און באַזונדערס נאָך דעם טאָטאַלן חורבן אין 1948—1953, וועט דאָרט נאָך קאָנען אויפשטיין תחית־המתים אַ ייִדישע שעפערישע נאַטור? !

זענען מיר דאָך עדות דערפון ווי אַ באַדייַטנדיקער טייל סאָוועטישע ייִדן קעמפן פאַר זייער רעכט צו עמיגרירן. מיר ווייסן אויך אַז אַ גרופּע ייִדישע

שרײַבערס האָבן באַנײַט זייער שעפערישקייט. מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז מקוים געוואָרן שמואל האַלקינס אָפּטימיזם, ווען ער האָט געטרוימט: „פון אויס ליטעראַטור שאַפן גרויס ליטעראַטור", אָבער עס זענען דאָך פאַר דער לעצטער צײַט דאָרט געשאַפן געוואָרן וויכטיקע ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק.

גלײַך אין אָנהייב פון דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט דער שרײַבער נוח לוריע געזאָגט: „דער חידוש פון שרײַבן איצט, ס'הייסט פון שאַפן יידישע ווערטן, איז נישט קיין צופעליקייט, אַ בוים וואַקסט נישט סתם אַזוי. ס'מוז עפּעס זײַן אין באָדן, אין דער לופט, וואָס ברענגט אַ בוים זאָל בליִען און זיך באַדעקן מיט בלעטער. זאַכן וואָס זענען קעגן דער נאַטור קאָנען נישט האָבן קיין קיום".

אָבער נישט נח לוריעס גלויבן און נישט שמואל האַלקינס טרוים זענען מקוים געוואָרן: איבער דעם דאָרטיקן יישוב לויערט די דאָגמע פון אינטעגראַציע, וואָס איז גורס, אַז בײַ דער הײַנטיקער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט מערקט זיך אַ טענדענץ, ווען פעלקער ווײַזן אַרויס אַ באַגער זיך צוזאַמענגיסן.

בײַ די יידן — האַלטן די „טעאָרעטיקער" — קומט עס פאָר אין אַ גיכערן טעמפּאָ; זיי, די יידן, זענען דערגאַנגען צו אַזאַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג, אַז זיי האָבן שוין נישט קיין באַדערפעניש צו קולטיווירן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. קינסטלעך אויפשטעלן יידישע קולטור אינסטיטוציעס — זענען גוזר די פּרעדיקער — באַטײַט האַמעווען אַ „פּראָגרעסיוון" און „נאַטירלעכן" היסטאָרישן פּראָצעס.

דאָס טרויעריקע באַשטייט אין דעם, וואָס עס זענען פאַראַן אויך יידישע אַדעפּטן פון דער דאָזיקער פאַלשער און אין תוך רעאַקציאָנערער דאָגמע פון יידישער זעלבסט־פאַרלייקענונג.

אין איינעם פון די נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ. 12, 1973) האָבן מיר געפונען ווײַטערדיקע פאָרמולירונגען: „בײַ הונדערטער טויזנטער יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט דער גאַנצער סכום קולטור־באַדערפענישן און קולטור־שעפערישקייט באַפרידיקט נישט אין יידיש. פון די צוויי און אַ האַלב ביז דרײַ מיליאָן צי מערערע יידישע בירגער האַלטן זיך אַרום 350—400 טויזנט בײַ יידיש. און די איבעריקע צוויי מיליאָן צי מערערע יידישע בירגער, ווי אַזוי דאַרף כאַראַקטעריזירט ווערן זייער קולטור־מצב?"

און „סאָוועטיש היימלאַנד" ענטפערט: „...אויב אָביעקטיוו זיך פאַנאַנדער־קלײַבן אין זייער לעבן, מאַלנדיק זיך עס אויפן פאָן פון דער סאָוועטישערווירקלעכקייט פון בונד פון גלײַכבאַרעכטיקטע פעלקער, איז (עס) אַן אילוסטראַציע צו „צוואַנגס אַסימילאַציע" אָדער אַ היסטאָרישע באַדײַטיקספולער בײַשפּיל פונעם פאָלקס־גורל?" (זייט 176).

דער איינציקער זשורנאַל וואָס דערשײַנט נאָך דאָרט אין יידיש האַלט

אויך, הייסט עס, אַז די צוואַנגס־אַסימילאַציע פון ייִדן אין די פּרעמדע שפּראַכן און קולטורן, איז דיאַלעקטיש פּראָגרעסיוו און היסטאָריש אַ געזעצלעכע נײַע פאָרמאַציע פון דעם ייִדישן פאָלקס־גורל.

אַ באַשטימטע טייל פון דעם סאָוועטישן ייִדנטום נעגירט די דאָזיקע „עבדות בתוך חרות"־טעאָריע. זיי האָבן אײַנגעזען, אַז בײַ דער איצטיקער לאַגע זעען זיך נישט קיין פּערספּעקטיוון אויפצולעבן די ייִדישע קולטור אין ראַטנפאַר־באַנד, און כדי צו פאַרהיטן זיך ווי אַ ייִד און קאָנען פאַרזעצן ייִדישע קולטור־טראַדיציעס איז דער איינציקער אויסוועג — עמיגראַציע.

אגב, עס איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט דער גרויסער מאַסן־עמיגראַציע פון די רוסישע ייִדן קיין אַמעריקע. טראָץ דעם וועזנטלעכן קוואַליטאַטיוון אונ־טערשייד, וואָס די צײַט און די געשיכטע האָבן גורם געווען אין דעם לעבן פון די רוסישע ייִדן, זענען פאַראַן געוויסע ענלעכקייטן אין די סיבות פון דער עמיגראַציע: סײַ מיט הונדערט יאָר צוריק, סײַ הײַנט, האָבן דערצו גורם געווען באַגרענעצונגען און אונטערדריקונגען.

ווי געזאָגט איז דער צוועלפטער אויגוסט, די דאַטע וואָס סימבאָליזירט דעם טאָטאַלן אונטערגאַנג פון דער ייִדישער קולטור און דעם טראַגישן אומקום פון אירע בויערס און שאַפערס אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דער 12טער אויגוסט 1952, דער טאָג ווען ס'זענען פאַרטיליקט געוואָרן די ייִדישע שרײַבערס, איז לויטן ייִדישן לוח אויסגעפאַלן אין חודש אָב (כ"א אב תשי"ב). איז עס בלויז אַ פאַטאַלער צופאַל, וואָס די דאָזיקע דראַמע איז פאָרגעקומען אין דעם חודש, ווען דאָס ייִדישע פאָלק קלאָגט אין משך פון דורות אויפן חורבן בית־ראשון און אויפן חורבן בית־שני, אויפן גירוש פון שפּאַניע און אויף אַנדערע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס? די געשיכטע ווייסט ניט פון קיין צופאַלן; פאַראַן אין איר ממש אויפטרייסלענדיקע פאַרגלײַכן. אַזוי, למשל, די גזירות ת"ח־ת"ט, די פּאָגראָמען פון באָגדאַן כמעלניצקי, זענען פאָרגעקומען הארבסט 1648. און פּונקט אין 300 יאָר אַרום (הארבסט 1948) האָבן זיך אָנגעהויבן די גזירות פון תש"ח־תש"ט, די סטאַלינישע אויסראָטונג פון דער ייִדישער קולטור און אירע שאַפער.

דער היסטאָריקער־מאַרטירער שמעון דובנאָוו האָט בשעתו אָנגעוויזן, אַז אין רוסלאַנד באַמערקן מיר אַ באַזונדערן טיפּ פון רציחות אויף ייִדן, וואָס געדויערן שוין כמעט 300 יאָר אונטער פאַרשיידענע פאָרמען. איין מאָל אין איטלעכן יאָרהונדערט רײַסט זיך די רציחה אַרויס ווי אַ חיה־רעה פון די טיפענישן, פאַרגיסט ייִדיש בלוט, מאַכט חרוב ייִדישע קהילות און דערנאָך, אָפּגעטאָן די מלאכה, גייט זי זיך אָוועק אין איר גרוב, ביז צו אַ נײַעם אויפרײַס אין דער זעלביקער געשטאַלט...

דער 12 טער אויגוסט שליסט דעם דרײַ הונדערט־יאָריקן גאַנג אין דער

געשיכטע פון דעם מערקווערדיקן ייִדיש־רוסישן שבט; אַ גאַנג פון עליות און ירידות, פון גרויסע גײַסטיקע אויפשטײַגן און פון שווינדלערלעכע שחיטות און פּאָגראָמען. אויך די לעצטע, סאָוועטישע תּקופה, איז אַ זיגזאַגישע און קאָמפּליצירטע; אַ פולע מיט סתּירות, מיט אויפבליִען און וויאַנען. אַ תּקופה אויף וועמעס מײַלשטיינער ס'זענען צעמאָלט געוואָרן די שענסטע האָפענונגען פון אַ דור.

פון איין זײַט — אַ נעץ פון שולן, אַ פאַרצווײַגטע פרעסע, טעאַטער־קולטור און אַ וויכטיקע, פילפאַרביקע ייִדישע ליטעראַטור און קונסט. אָבער פּאַראַלעל מיט דעם, איז ניטאָ קיין איין יאָרצענדליק אָן עקזעקוציעס און ליקווידאַציעס. און יעדער מאָל אונטער אַן אַנדער דעקמאַנטל און מיט אַן אַנדער אידעאָלאָגישער אַרגומענטאַציע: אַ מאָל האָט מען עס גערופן טראָצקיזם, אַן אַנדער מאָל — קאָסמאָפּאָליטיזם. איצטער הייסט עס ציוניזם.

די ווונדן זענען ביז הײַנט ניט פאַרהיילט. די דראַמע געדויערט ווײַטער. פון די 214 נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זענען די ייִדן די איינציקע, וואָס האָבן ניט קיין גלײַכע רעכט ווי אַנדערע און ניט קיין פולע רעכט צו זײַן אַנדערש ווי אַנדערע. ס'זענען דאָרטן אומגעקומען ניט בלויז שרײַבערס און קינסטלערס, נײַערט ס'איז פאַרטיליקט געוואָרן אַ גאַנצע ייִדישע ציוויליזאַציע, מיט איר פאַרב, ריטעם און מחשבה.

אין שײַכות מיט דער דאַטע פון 12טן אויגוסט ווילט זיך ברענגען אייניקע זכרונות און רעיונות אַרום אָט דער דראַמע. און דאָס מחמת צוויי טעמים: ראשית, באַטאָנען די פּאָזיטיווע ווערטן מיט וועלכע פאַרפּײַניקטע שרײַבערס האָבן באַרײַכערט די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע ייִדישע קולטור. שנית — אַרום די אומגעקומענע שרײַבערס איז פאַרשפּרײַט געוואָרן מער דיכטונג ווי וואָר. מע האַלט זיי אין איין מישפּטן און פאַרמישפּטן. ווילט זיך ברענגען אייניקע אויטענטישע פאַקטן, אפשר וועט עס העלפן זיי דערזען אין אַן אַנדער שײַן. מ'דאַרף געדענקען, אַז צווישן די אומגעבראַכטע שרײַבערס און געלערנטע זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשאַפן ווערק פון אַ הויכן קינסטלערישן און וויסנשאַפטלעכן ווערט. דערבײַ ווילן מיר באַמערקן, אַז מיר פאַרגעסן לגמרי ניט די שאַטנזײַטן. מיר זענען כּלל ניט אויסן, אַז אַלץ וואָס איז דאָרטן געשאַפן געוואָרן איז כּולו קדושה. בשום־אופן ניט. געווען דאָרטן לעסטערונג און נאַציאָנאַלער ניהיליזם. אָבער פּאַראַלעל מיט דעם האָט אין אַלע פּעריאָדן גע־שטראָמט אין די טיפענישן אַ געזונטער און לעבעדיקער ייִדיש־נאַציאָנאַלער שטראָם. און אויב ביידע שטראָמען אַרויפטאָן אויף דער וואָגשאָל פון דער געשיכטע, איז קיין ספק ניט, אַז דער צווייטער שטראָם וועט איבערוועגן, סײַ אין זײַן נאַציאָנאַלן איכות, סײַ מיט זײַן קינסטלערישער דויערדיקייט. „מע קאָן נישט זאָגן אויף זיי — האָט געשריבן יעקב גלאַטשטיין — אַז זיי אַלע זענען

תּמיד געווען ,קאָמוניסטישע שרײַבערס אין ייִדיש׳. זייערע קינסטלערישע דער־גרייכונגען האָבן מייסטנס אַריבערגעשטיגן די פּאַרטיי־ליניע״.[7] און איך וויל דערבײַ דערמאָנען אויך שמואל האַלקינס צוואה, ווו ער שרײַבט:

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אויף דער וועלט,
פּאַר די, וואָס ס׳וועט מײַן אָנדענק בלײַבן טײַער,
מיך מעסטן זאָלט איר נאָר מיט יענעם פײַער,
וואָס האָט דורך שאָטנטעג מײַן וועג באַהעלט.[8]

זיך דערקלײַבן צו אָט „יענעם פײַער״ וועלן אונדז העלפן אייניקע זכרונות.

אויפן שער פון ערשטן באַנד „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן״, וואָס י. צינבערג האָט געשאָנקען פּרץ מאַרקישן איז פאַראַן אַ דעדיקאַציע: „מאַרקישן — דעם מוטיקן בויער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור צום פרײַנדלעכן אָנדענק פון פאַרפאַסער (1930, 8/5)״. אויך אין זײַנעם אַן אַרטיקל האָט צינבערג געשריבן וועגן מאַרקישעס אויפריכטיקייט און מוטיקייט. און אין אַ בריוו פון אלישע ראָדין צו י. צינבערגן לייענען מיר: „די טעג האָב איך זיך געטראָפן מיט פּרץ מאַרקישן און געלייענט אים אײַער לעצטן בריוו צו מיר. עס האָט אים גערירט די זויבערע ליבע צו ליטעראַטור און די אויפריכטיקייט, וואָס אײַער בריוו טראָגט אין זיך. מאַרקיש ווייסט, אַז איר האָט וועגן אים געשריבן אַ וואַרעם אַרטיקל, נאָר דאָס אַרטיקל גופא האָט ער ניט געזען. אַ חיות צו פאַרברענגען מיט מאַרקישן: אָפן, ווייל און אויפריכטיק איז ער״.[9]

ס׳וועדט אַ סך דערציילט וועגן מאַרקישעס אויפריכטיקער און מוטיקער אויפפירונג אויפן טרויעריק־באַרימטן פּראָצעס. 24 טעג און נעכט האָט אויך פּרץ מאַרקיש געוואַרט אויפן גרויליקן מאָרד. וואָס פאַר אַ מחשבות האָבן אים געעקבערט? צי האָט ער אויך דעמאָלט דעם כּוח געהאַט צו זאָגן:

ס׳טוט ניט באַנג אַזוי גרײַז און גרוי זײַן,
ווײַל געלעבט מיר האָבן ברויזנד
מיטן פאָלק און מיטן לאַנד, —[10]

ווער ווייסט? מיר ווייסן אָבער אַז פּרץ מאַרקיש האָט מיט יאָרן פריִער געשטעלט זײַנע פאַרדאַרבערס צום שאַנדסלופּ פון דער געשיכטע אין זײַן ליד וועגן די „רויטע מאַנאַכן״.[11]

עטלעכע טעג איידער מ׳האָט אים אַרעסטירט, האָב איך צופעליק באַגעגנט פּרץ מאַרקישן אויף דער גאַס. ער איז געגאַנגען גיך, האַסטיק, ממש געלאָפן. ווי ס׳וואָלט אים נאָכגעלאָפן די שרעק. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן פאַרריסן, זײַנע פאַכעדיקע הענט אין די לאַנגע ברייטע אַרבל האָבן געפלאַטערט ווי אָפּגעהאַקטע פליגל און אין גאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַן אונטערגעשאָסע־נער אָדלער.

ער האָט זיך פאַרנומען דעמאָלט מיט פּראָפּאַגאַנדירן די וואַלן פון ריכטערס און פאָלקס־בייזיצערס ביים געריכט. דאָס הייסט — ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט די גערעכטיקייט וואָס דאַרף הערשן אין דער געזעלשאַפט. ער האָט אָבער שוין בחוש געפילט אַז אָט די גערעכטיקייט וועט מאַרגן, איבערמאָרגן ווערן אַכזריות־דיק און אומגערעכט לגבי אים, לגבי זיין גורל. אין זיינע רייד האָט זיך געפילט אומרו, פאַרלוירנקייט. ניט קיין ווערטער, פייערפונקען זענען געפלויגן פון זיין מויל. ער האָט די גאַנצע תוכחה אויסגעשאָטן אויף דעם רישעות פון דער וועלט. און די גאַנצע צייט האָט ער אונטערגעברומט אַ ניגון פון אַן אַלטן פּיוט, וואָס ער האָט געדענקט פון זיין יוגנט, ווען ער איז געווען אַ משורר ביי אַ חזן:

אלוהים, אל־דמי לדמי!
אל תחרש ואל תשקט למתקוממי...
בקשהו, דרשהו מיד מחרימי
בל תכסה ארץ בכל מקומי...[12]

ער האָט צוגעגעבן אין יידיש: פאַרשווייַג ניט גאָט דאָס אומשולדיקע בלוט, גיב ניט קיין זעט און קיין רו די פאַרדאַרבערס.

צי האָט ער שוין דעמאָלט פאַרויסגעפילט זיין אומקום? אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אים אַרעסטירט.

אויב ס'איז ניט געווען קיין איין יאָרצענדליק אָן עקזעקוציעס און ליקווי־דאַציעס שווימט דאָך אויף די שאלה: צי האָבן די שרייבערס טאַקע פאַרויסגעפילט זייער חורבן? פאַראַן סימנים אַז יאָ. מע האָט עס דערקענט אין דער שרעק וואָס זיי האָבן שטענדיק געפילט, און רמזים וועגן דעם קאָן מען אויך געפינען אין זייערע ווערק. אַ געהיימער פּחד פלאַטערט איבער דער פּאָעזיע פון דוד האָפשטיין:

אָט איז זי דאָ,
די בייזע שעה.
אָט איז זי ווידער,
און בינדט
און גליווערט מיר די גילדער...
מיך וואַרגט,
מיך שטיקט
אַ יענעמס שטריק...
איך ווער אין גליווער ווי דערוואָרגן — — —[13]

אויך איזי כאַריקס האָפּערדיק „האַרץ מיט זומערדיקע שויבן" איז פאַר־טונקלט געוואָרן פון אַ באַהאַלטענעם אומעט און פאַרהוילענער שרעק:

עס הילכט דאָ צעשראָקן מײַן טראָט אויף דער ערד,
טראָג איך זיך אום, און איך בעט זיך: זאָל טאָגן,
זאָל טאָגן, זאָל טאָגן! איך קען שוין ניט מער.[14]

איציק פעפער, דער סאָוועטישער פּאַטריאָט, אַפילו אים האָט די שרעק ניט אויסגעמיטן, אויך צו זײַנע שוועלן האָט זי זיך דערקליבן און אויך זײַן רו האָט זי צעשטערט:

זי לויפט מיר נאָך און זוכט מיך שטילערהייט
אַוועקנעמען בײַ מיר דאָס קאָפּל גרויע פרייד.
— —
דער טויט איז גאָרניש! שרעקלעך איז די שרעק,
וואָס כאַפּט אַ מענטש און מאַכט פון אים אַ שנעק.[15]

ניט געקוקט אויף אַלע בלאָנדזשענישן און שטרויכלונגען, איז ניט פאַראַן קיין איין פּעריאָד אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, ס׳זאָלן אין אים אויספעלן נאַציאָנאַל־היסטאָרישע סוזשעטן און מאָטיוון. אַפילו אין די חושכדיקע דרײַסיקער יאָרן. איז די ליטעראַטור באַרײַכערט געוואָרן מיט טיפן און געשטאַלטן אָנגעלאָדענע מיט דורותדיקער ייִדישער גײַסטיקייט. פּאַראַלעל מיט די קאַלכאָזניקעס און סטאַכאַנאָווצעס האָט אין די יאָרן שמואל האַלקין באַזונגען שולמית און בר־כוכבא און דער נסתּר — די בראַצלאַווער חסידים. אין יענער צײַט האָט אויך מאיר ווינער געשאַפן זײַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק „הער זיידע בנימין״. דער פּאַטאָס פון דעם דאָזיקן ווערק, האָט ווינער אַליין אָנגעוויזן, איז „די איבערשטראָמענדיקע, אָנשטענדיקע פרייד פון פרײַען דענקען, פון זיך באַפרײַען פון אַלע נאַרישע דאָגמעס... פון אַלע מרה־שחורות, וואָס לאָדן אָן דעם מענטשן דער דרוק פון עול מלכות־שמים״.[16]

מאיר ווינערס אויטאָביאָגראַפיש ווערק איז אַ מין רעהאַביליטאַציע פון די ווינקלען אין ייִדישן לעבן, וואָס אַנדערע שרײַבערס האָבן געפּרוווט באַשמוצן און פאַרמיאוסן.

אויך די אַמאָליקע ייִדישע שטוב, מיט וועלכער אַ סך שרײַבערס זענען געווען צעקריגט, האָט אין די דרײַסיקער יאָרן געפונען איר סניגור. אין דעם ראָמאַן די שטוב (1939), האָט איציק קיפּניס מיט סימפּאַטיע באַשריבן דעם אַמאָליקן שטייגער. ניט אַלץ איז דאָרטן געווען שיין. נאָר ווען קיפּניס האָט אונדז אַהין אַרײַנגעפירט, האָט עס אויסגעזען היימיש און ליב. ניט שטענדיק זענען זײַנע פאַרבן העל, דערפאַר אָבער זענען זיי וואַרעם און געמיטלעך.

אַפילו אין די ווערק מיט אַ בולטער סאָוועטישער באַפאַרבונג זענען פאַראַן גײַסטיקע פּלאַסטן וואָס רופן זיך איבער מיט די בעסטע טראַדיציעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אַזוי למשל קאָן דער שפּאָט און רכילות פון דעם יונגן

פענעק אין דוד בערגעלסאָנס ראָמאַן „ביים דניעפּער" (1932) ניט פאַרשוואַרצן די שיינע, שיעור־קומהדיקע געשטאַלט פון מיכאל לעווין, וואָס קאָן צוגערעכנט ווערן צו די שענסטע יידישע אידעאַלע געשטאַלטן, צו שלמה פון י. ל. פּרצעס די גאָלדענע קייט, צו שלום־עליכמס טביה, צו יחיאל יאַנאָוויצער פון שלום אַשס דער תהילים־ייד.

ענלעכס געפינען מיר אויך אין פּרץ מאַרקישעס פּאָעמע דעם בעל־גופס טויט (1935). דאָס ווערק איז דורכגעדרונגען מיט ניט ווינציק היסטאָרישן וואָלונטאַריזם. מאַרקיש פירט דאָרטן אַ העפטיקן וויכוח מיט דער אידעאָלאָגיע פון זיין הויפּטהעלד. דאָך האָט ער אין זיין אָנשל דער זאַליאַזניק אַריינגעלייגט (אפשר מיט אַ באַהאַלטענער כוונה) די ראָמאַנטישסטע בענקשאַפטן צו די שיינקייטן פון דעם אַמאָליקן יידישן שטייגער.

איינער פון די מערקווערדיקסטע דערשיינונגען אין דער יידיש סאָוועטישער ליטעראַטור, איז בלי ספק דעס נסתרס יחיד־במינודיקער פּרומעד גאַנג. און אפשר נישט נאָר אין דער סאָוועטישער, נאָר ביכלל אין דער אַלגעמיינער יידישער וועלט־ליטעראַטור. מלך ראַוויטש האָט אים אָנגערופן „דער כמעט הייליקער נסתר". ניט דעם כמעט, נאָר דעם בפירוש הייליקן נסתר האָט מען דערפירט דערצו, ער זאָל אַליין זיך נעמען דאָס לעבן.

אים האָט מען אַרעסטירט עטוואָס שפּעטער פון אַנדערע, האָט דאָס געמוטשעט זיין געוויסן און ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ שטאַרקן שולד־געפיל. עס האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז ער איז אין עפּעס שולדיק. פאַר וואָס קומט עס אים, האָט ער מיט פאַרביטערונג געפרעגט, וואָס ער גייט נאָך אַרום אויף דער וועלט, אויף ווען עס איז אַרומגעגאַנגען בערגעלסאָן און דאָברושין, נוסינאָוו און מאַרקיש? פאַר וואָס קומט עס אים, וואָס ער איז נאָך אויף דער פריי? ! און נאָך אַ מינוט שוויגן האָט ער צוגעגעבן: איך וואָלט שוין געוואָלט איבערקומען די שבעה מדורי־גהינום פון דער אויספאָרשונג און וואָס גיכער זיך געפינען דאָרט ווו עס איז איצט האָפשטיין, האַלקין און אַלע, אַלע די, וואָס זענען אַוועק אויף לאַנג אין לאַנד פון שניי און ווייִ.

און ווען מען איז אים שוין געקומען נעמען אַהין, האָט ער זיי באַגעגנט מיט „גאָט צו דאַנק". אויך זיין באַגער איז מקוים געוואָרן, מען האָט אים גיך פאַרשיקט אין אַ לאַגער, ווו ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום אַריינגעפאַלן אין דאָרטיקן שפּיטאָל.

געוועזענע אַסירים ווייסן צו דערציילן, אַז דער דאָקטאָר, אויך אַן אַרעסטאַנט, האָט אַרומגעזוכט עמעצן וואָס זאָל ביי אים פועלן ער זאָל עסן. קיינעם האָט זיך עס אָבער נישט איינגעגעבן און דעם פערטן יוני 1950 האָט דער נסתר אויסגעהויכט זיין נשמה אויף זיין אַרעסטאַנטסקע שפּיטאָל־בעטל.

✱

„דאָס נאַציאָנאַלע אין דער קונסט — האָט בשעתו געהאַלטן דער קלוגער נח לוריע — איז ניט אין דער אַרכעאָלאָגיע, ניט אין דער עטנאָגראַפיע, ניט אין דער ספּעציפישער טעמע, נאָר אין דער אייגנאַרטיקער דינאַמיק פון דער גײַסטיקער ענערגיע בײַ אונדזער פאָלק. — — — אַ פאָלק וואָס טראָגט אין זײַנע שוואַרצאַפּלען דעם אָפּגלאַנץ פון אַלע ערדפּאַסן און אַקאָרדן פון אַנצאָליקע וועלט־ציטערנישן אין זײַן האַרץ“.[17]

אויב פלײַסיק נאָכשפּירן די וואָרצלען, מיט וועלכע באַשטימטע שרײַבערס האָבן זיך גײַסטיק גענערט, קאָנען מיר דערגיין ביז צום בראשית פון אונדזער געשיכטע. מיט אַ באַזונדערער דיכטערישער אויפריכטיקייט האָט וועגן דעם געשריבן דוד האָפשטיין:

ביז וואַנען נאָר דיכטונג בײַ מענטשן וועט בלײַען
און ס׳וועט נאָך גענאַנג עקסיסטירן,
וועט יעדער געפינען מײַן שפּור:
— —
ווײַל ניט פאַרשוועכט כ׳האָב מײַן אוראַלטע ערע,
מײַן ליד איז אין ווײַטן געוועבט
און ביז „האזינו“ דערגייט.[18]

די נאַציאָנאַלע טענדענצן אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן זיך באַזונדערש פאַרטיפט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער שעפע־רישער גאַנג בײַ אַ טייל ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבערס האָט זיך אָנגעהויבן געשטאַלטיקן אונטערן צייכן פון צוריקקערן זיך אין שויס פון אייגענעם פאָלק. שמואל האַלקין האָט דאָס אַזוי פאָרמולירט:

פאַרלאָרן גיין מוז דער, וועמ ס׳האָט דעם וועג צום פאָלק פאַרלאָרן,
וועמ ס׳פּרוווט זיך מיט דער האַנט פאַרשטעלן פון זײַן שײַן.
ניטאָ קיין שטראָף קיין גרעסערע — ווי פונעם פאָלק דער צאָרן,
ניטאָ קיין גרעסער גליק — ווי פון אים געליבט צו זײַן.[19]

דער גרויסער פאָלקס־חורבן האָט אויפגעטרייסלט די שרײַבערס און דער־פירט דערצו, אַז זיי האָבן באַנומען אויך זייער אייגענעם חורבן. זיי האָבן אָנגעהויבן טיפער אַרײַנדרינגען אין גײַסט פון פאָלק און דערגרונטעוועז זיך צו זײַנע אייביקע נאַציאָנאַלע ווערטן, וועגן וועלכע פרץ מאַרקיש האָט פײַערלעך דערקלערט:

פאַרפאָלגטע טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד
דורך אַלע אַרבע מיתות בית־דין.[20]

מער ווי ביַי אַנדערע ייִדיש־סאָוועטישע שריַיבערס טראָגט זיך אין פּרץ מאַרקישעס ווערק דער עכאָ פון דער דורותדיקער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע:

צוויי טויזנט יאָר פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ברונעם האָט אַ ווילדע זאַווערוכע
און האָט נאָך ניט דערגרייכט ביז איצט דעם בענקענדיקן דנאָ...[21]

אין די גרויליקע מלחמה־יאָרן איז ביַי אַ סך ייִדיש־סאָוועטישע שריַיבערס פאָרגעקומען אַן איבערשאַצונג פון ווערטן. ביַי איציק פעפער דעם אָרטאָדאָקסאַל־סאָוועטישן פּאַטריאָט האָט אין יענער ציַיט אויפגעוואַכט דער ייִדיש־אַטאַוויסטי־שער גלויבן אין נצח־ישראל. ער טוליעט זיך פאַרכטיק צו די „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" און מורמלט בלחש:

איך הער הלויס וונדערקלאַנגען
יאָרהונדערטער און ווער ניט מיד,
כ'האָב אָפּט געוועלקט, נאָר ניט פאַרגאַנגען —
איך בין אַ ייִד![22]

די סאָוועטישע שריַיבערס האָבן אָנגעהויבן זיך טוליען צו דער ייִדישער שכינה. ניט אַנדערש ווי זי, די שכינה, האָט גערוט אין דעם געמיט פון לייב קוויטקאָ, ווען ער האָט דעם מוט געהאַט בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה אין ישׂראל צו מעלדן בפרהסיה:

דאָס בלוט אין פּאַלעסטינע,
דאָס גייט אונדז אָן,
דאָס האַלט אונדז וואַך — —
דאָס פּלאָגט די שכינה...[23]

איז בפירוש געווען גערעכט דער קריטיקער אַ. טאַבאַטשניק, ווען ער האָט געשריבן: „מען דאַרף קאָנען לייענען די סאָוועטישע פּאָעזיע. זי איז אָפּט אַ פּאָעזיע פון אַנוסים. צווישן איין שטיק הלל פאַר סטאַלינען און אַ צווייטן געפינט מען ביַי אַ גוטן סאָוועטישן דיכטער אָפּט טיַיערע לירישע און קינסטלע־רישע שטעלן. און אַפילו פון שטאַנדפּונקט פון ייִדישקייט — איז נישט אַלץ אַזוי פּשוט"...[24]

דער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס וואָס די שריַיבערס האָבן, בנגלה און בנסתר, אריַינגעוועבט אין זייערע ווערק האָט זיי איַינגעקלעטערט אין דער ייִדישער אייביקייט, ווי שמואל האַלקין האָט געזונגען:

אונדז דאַכט, ס׳איז צווישן אונדז פאַרהיט דער שליסל
אַזאַ, וואָס קיין שום פײַערדיקע האַנט
אים אָפּנעמען בײַ אונדז איז ניט אין שטאַנד,
די הייליקייט מיט פײַער ניט פאַרברענען —
ווער ס׳איז ניט ווערט — צו איר וועט ניט גענענען,
ווײַל ביז דער שליסל איז אין דײַנע הענט,
פאַרברענט ווערן דאָך קאָנען נאָר די ווענט
און ניט די שכינה וואָס האָט דאָרט גערוט...[25]

אין דער סימפאָניע פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן אויך געקלונגען אַנדערע סתּירותדיקע טענער. בעלעטריסטן און פּאָעטן האָבן באַזונגען דעם סאָוועטישן רעזשים, ווײַל זיי האָבן געגלייבט אַז ער וועט לייזן די ייִדן־פּראָבלעם. ס׳איז ניט זייער שולד, וואָס דאָס איז ניט מקוים געוואָרן, נאָר זייער טעות און זייער בלאָנדזשען. אין דעם איז באַשטאַנען די דראַמע פון זייער לעבן און די טראַגעדיע פון זייער טויט. האָט דאָך געקלאָגט פּרץ מאַרקיש:

צי כ׳האָב געזייט, צי כ׳האָב געשניטן, — ווער וועט עס דערמאָנען?
צי אויפגעגאַן עס איז, — האָט עמעץ דען געטראַכט?
נאָר ס׳קומען שאָטנס שוואַרצע שטײַער בײַ מיר מאָנען,
זיי לאָזן אומבאַמערקט אַראָפּ זיך נאַכט נאָך נאַכט
ווי זײַלן רויך געדיכטע פון אַ שׂרפה —
נאָר ניט זיי לאָזן מיך אין ערגעץ ניט אַנטלויפן
און ניט זיי לאָזן מיך זיך צוטוליען צו ווענט.
ווי אין באַלאַגערונג באַזעצן זיי זיך אין מײַן האַרצן,
ווי וואָכערניקעס — נעמען אויס מיט מיר אַ תּנאַי:
פאַר יעדן טראָפּן פרייד, וואָס ערגעץ בלויז מיר דאַכט זיך,
זאָל איך זיי צאָלן זיבן מאָל אַזוי פיל פּײַן.[26]

אויב ס׳איז גערעכט געווען יעקב גלאַטשטיין ווען ער האָט געשריבן: „דער ייִדישער פּאָעט איז נישט דער געשטאַלטער פון פאָלק, נאָר דער טראַכטער פון פאָלק“, קאָנען מיר אין פּרץ מאַרקישעס ווערטער דערהערן דאָס טראַכטן פון אַן ערלעכן ייִדיש־סאָוועטישן פּאָעט, ווען ער איז געווען אויג־אויף־אויג מיט זיך אַליין, מיט זײַן וויסן און געוויסן.

דאָס זעלביקע געוויסן האָט אויך אונטערגעזאָגט עזראַ פינינבערגן, ווען ס׳האָט איבער אים געפלאַטערט „דער אָדלער־פויגל פון דער געשיכטע“, ער זאָל פּאַטעטיש דערקלערן בשער־בת־רבים:

מײַן פאָלק, מײַן ייִדיש פאָלק... דו האָסט דאָך מיר דעם גלי,
די פּײַן, די שײַן, דעם טיפן מוט געגעבן.
בדמיִיך חיי, בדמיִיך חיי!..
אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן, אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן...

— —

ניט דו ביסט אומריין, פאָלק. דײַן פײַנד איז קויט און ברוד,
ביסט ריין מײַן ייִדיש פאָלק, און הייליק איז דײַן בלוט!

— —

מײַן פאָלק, מײַן ייִדיש פאָלק אין זײַדן, אין פאַרבלוטיקט העמד,
פון ווײַטסטע צוקונפטן די פעלקער דיך באַגריסן.
כ׳בין שטאָלץ, איך זאָג עס איבער אַלע, אַלע שחיטות:
ס׳איז מײַן געזיכט און ס׳איז מײַן גאַנג און ס׳איז מײַן האַרץ —
סעמיטיש! [27]

וויל זיך ענדיקן די פאַרצייכענונג וועגן צוועלפטן אויגוסט מיט עטלעכע לשון־קודשדיקע שורות פון נתן אַלטערמאַן:

ובימי נסיון, בימי מים עד נפש,
אין ללב בפניהם לא חומה ולא תריס.
ויהודי, כל עוד רוח חיים בו נושפת,
לו יהיה גם יבסק — הוא תמיד הבראיִסט.

הערות

1. חיים גראַדע: דער מענטש פון פײַער, ניו־יאָרק 1962, ז׳ 106.
2. ירושלימער אַלמאַנאַך 9, 1977 ז׳ 75.
3. ש. ש. רון: מעבר משם, מוסד ביאליק, ירושלים 1959, עמ׳ 166.
4. יהושע גלבוע: גחלים לוחשות, תל־אביב תשי״ד, עמ׳ 128.
5. הנ״ל עמ׳ 186.
6. הנ״ל עמ׳ 125.
7. יעקב גלאַטשטיין: „די אומגעבראַכטע יידישע שרײַבערס אין סאָוועט־רוסלאַנד״, פּראָסט און פּשוט, ניו־יאָרק 1978.
8. שמואל האַלקין: מײַן אוצר, מאָסקווע 1966, ז׳ 11.
9. סאָוועטיש היימלאַנד 9, ז׳ 146.
10. פּרץ מאַרקיש: ירושה, בוענאָס־איירעס 1959, ז׳ 13.
11. פּרץ מאַרקיש: דער פערציקיעריקער מאַן, ת״א 1978, ז׳ 49. זע אויך פריער זײַט 194, 195.

12. אַ פּיוט פון דוד בן משולם פון שפּײַער, 13 י״ה.
13. דוד האָפּשטיין: לידער און פּאָעמעס, באַנד 2, תל־אביב 1977, ז' 85.
14. איזי כאַריק: מיט לײַב און לעבן, מאָסקווע 1970, ז' 86.
15. איציק פעפער: שײַן און אָפּשײַן, מאָסקווע 1946, זז' 95, 96.
16. מאיר ווינער: „יוגנט־פרײַנט", סאָוועטיש היימלאַנד 10, 1969, ז' 112.
17. קאָמפּאָן, קיעוו 1921, 27 סעפּטעמבער.
18. דוד האָפּשטיין: לידער און פּאָעמעס, באַנד 2, תל־אביב 1977, ז' 174.
19. סאָוועטיש, 6, 1937, זז' 493, 494.
20. אַ שפּיגל אויף אַ שטיין, תל־אביב 1960, ז' 490.
21. פּרץ מאַרקיש: די קופּע, קיעוו 1922, ז' 13.
22. אַ שפּיגל אויף אַ שטיין, תל־אביב 1960, ז' 695.
23. אייניקייט, מאָסקווע 1/1 1948, ציטירט אין דעם אַרטיקל פון איציק פעפער.
24. אַ. טאַבאַטשניק: „טראַדיציע און רעוואָלט אין דער יידישער פּאָעזיע" דווקא 8, בוענאָס־איירעס 1951, ז' 425.
25. די גאָלדענע קייט 66, תל־אביב 1969, ז' 97.
26. פּרץ מאַרקיש: ירושה, בוענאָס־איירעס 1959, ז' 20.
27. עזרא פינינבערג: אין ריזיקן פײַער, מאָסקווע 1946, ז' 5 4.

„דינען דעם פֿאָלק"

דעם 12 יאַנואַר 1948 האָבן די סאָוועטן דערמאָרדעט די סאַמע מאַיעסטעטישע געשטאַלט פֿון דעם יידיש־סאָוועטישן שבט, דעם געניאַלן שלמה מיכאָעלס, וואָס האָט אין זײַן שאַפֿן אַריבערגעשפּרײַזט די גרענעצן פֿון אָט דעם שבט און דערגרייכט די הייכן פֿון אַן אַלפֿאָלקישן כאַראַקטער.

די סאָוועטן האָבן באַוויזן פֿיזיש צו פֿאַרניכטן שלמה מיכאָעלסן, זיי זענען אָבער נישט געווען אומשטאַנד צו פֿאַרטיליקן זײַן גײַסט, ער לעבט אין האַרץ פֿון פֿאָלק. און מיר, די קרוב אַ פֿערטל מיליאָן עולים פֿון סאָוועט־רוסלאַנד האָבן נישט איבערגעלאָזט ש. מיכאָעלסן דאָרט אין דער פֿײַנטלעכער פֿרעמד. מיר האָבן אים מיטגענומען אין אונדזער געמיט, אין אונדזער וויסן און געוויסן, אָהער אין דער היימישער היים. אין דער עיר ואם תל־אביב, צווישן אונדזערע באַקכישע וועגט שוועבט אַרום זײַן לעבעדיקער גײַסט, ווענדן מיר זיך צו אים מיט די ווערטער פֿון גרויסן מאַרקיש, פּרץ בן דוד:

מיר הערן אויך אצינד ווי אַלע מאָל,
דעם אומזיכטיקן שאָרך פֿון אָדלער פֿליגל דײַנע,
וואָס אָנגעטאָן האָט דיר דאָס פֿאָלק,
זאָלסט זײַן זײַן טרייסט, זײַן אָפּקלאַנג און זײַן טענה.

שלמה מיכאָעלס איז געווען אַ שעפֿערישע פּערזענלעכקייט פֿון אַן אוני־ווערסאַלער באַדײַטונג. איך וועל זיך באַמיען אָנצייכענען בלויז אייניקע קויל־שטריכן פֿון דער יידישער ליניע אין זײַן אַלגעמיינעם גײַסטיקן פּאָרטרעט. דערפֿון דאַרף מען בשום אופֿן נישט דרינגען, אַז מיר זענען אויסן צו פֿאַרמי־נערן די אַנדערע וויכטיקע אויפֿטוען אין זײַן קינסטלערישער און געזעלשאַפֿט־לעכער טעטיקייט. מיר וויסן און געדענקען אַז שלמה מיכאָעלס איז געווען אַ צענטראַל־ווירקנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער קולטור, וואָס האָט באַשטימט איר אַנטוויקלונג, איר גאַנג און געשטאַלט.

מיד געדענקען אויך אַז אַלע טירן און טויערן פֿון דער רוסיש־סאָוועטישער קולטור זענען געווען פֿאַר אים אָפֿן. מען האָט געוואַרט אויף אים דאָרט, מען

האָט אים געלאָקט און גערופן אהין. מיר פאַרגעסן אָבער נישט אַז ער, שלמה מיכאָעלס, איז באַוווסטזיניק פאַרבליבן אין דעם יידישן קולטור־מעדיום און האָט אין דעם טעאַטער אויף קליין בראָנע געשאַפן גרויסע קונסט־ווערטן אין דער יידישעד שפּראַך.

זיין שעפערישן וועג האָט שלמה מיכאָעלס אָנגעהויבן זייער פרי. אין זיין לעטישן געבורטשטעטל, דווינסק, האָט ער געהערט צו אַ גרופּע „תחית שפתינו" ד. ה. רענעסאַנס פון דער העברעישער שפּראַך. אין יענע יאָרן האָט ער אויך געפּרוווט שרייבן העברעישע שירים אין וועלכער ער האָט געקלאָגט וועגן טראַגיש־יידישן גורל

על שפת היאור דווינה
אבל ויגון וקינה.

די דאָזיקע שירים דערמאָנען אין די ווערטער פון תהילים: „על נהרות בבל שם ישבנו וגם בכינו בזכרנו את ציון", וואָס האָבן משפיע געווען אויף דעם נאָך זייער יונגען משורר שלמה וואָפסי.

שפּעטער, איז די קרוין פון זיינע אַרויסטרעטונגען ווי אַ רעציטאַטאָר געווען דאָס תוכחה־ליד פון חיים נחמן ביאַליק: „דאָס לעצטע וואָרט".

אַזוי איז געווען דער אָנהייב. ווי אַ מוכיח בשער האָט אויפגעשיינט דער שטערן פון דעם יונגן שלמה וואָפסי. און דער סוף, דער סוף? מיט נחמו, נחמו האָט דעם פאָלקס גרויסער אַרטיסט געוואָלט פאַרקרייזן דעם כּישופדיקן קרייז פון זיין קינסטלערישן באַרג אַרויף. נאָך דעם אומקום און ווידערשטאַנד אין די געטאָס און לאַגערן האָט שלמה מיכאָעלס זיך געגרייט קומען מיט די משיחישע טרוימען פון דוד ראובני מיט דער כּוונה צו מוטיקן און טרייסטן דאָס פאָלק:

דו קעמפסט מיין פאָלק, דאָס
הייסט: דו לעבסט מיין פאָלק.*

און אין המשך:

איך האָב אַ פאָלק, אַן אייגן פאָלק, דו קענסט עס, — —
דעם „זיין" צווישן פעלקער פאַר קיין פּרייז
עס גיט ניט אויף, עס גייט אויף אַלעליידן. — —
נאָר וואָס איז ווערט דער „זיין", אָט דער,
אויך ער פון ליידן בלויז באַשטייט.*

סטאַלינס מערדערישע האַנט האָט אכזריותדיק איבערגעריסן זיין טרייסט־וואָרט און אים פאַרשניטן אויף דער שוועל פון רעאַליזירן זיין לעצטן טרוים.

ווי באַוווסט, האָט די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור

---

* דוד בערגעלסאָן: פּרינץ ראובני, ניו־יאָרק 1946, ז' 121, 109.

זיך אָנגעהויבן מיט פאַרניכטן אירע בעסטע בויערס און שאַפערס. דער ערשטער קרבן פון דער גרויל אַקציע, איז געווען שלמה מיכאָעלס.

פאַראַן אין דער געשיכטע פּאַראַדאָקסן, און אפשר איז דאָס נישט קיין פּאַראַדאָקסן: גראָד אין דעם ערשטן שוואַרצן יאָר פונעם טאָטאַלן אונטערגאַנג, אין 1948, זענען פאָרגעקומען דריַי גרויסע סטיכישע מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָבן סיגנאַליזירט אַ נײַעם אויפגאַנג און באַוויזן דאָס סאָוועטישע יידנטום אין גאָר אַן אַנדערער שײַן ווי מען איז געוווינט געווען עס צו זען ביז דאַן.

די ערשטע מאַניפעסטאַציע — — — די לוויה פון שלמה מיכאָעלס אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען צענדליקער טויזנטער יידן פון אַלע שיכטן, פון אַלע דורות, פון אַלע פּראָפעסיעס. „דאָ זעט מען דאָס גאַנצע פאָלק, האָט אין יענע טעג געשריבן דער הייליקער נסתר, — — אַלע פּנימער און אַלעמענס בליקן זענען געווענדט צו דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך ליגן, דער וואָס די אַכטונג צו אים האָט געמאַכט גליווערן דאָס וואָרט אויף די ליפּן שוין פון יענער מינוט אָן, דאַכט זיך, זינט מ׳האָט זיך דערוווּסט פונעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אים און אונדז אַלעמען געטראָפן".

יאָ, דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען, נישט נאָר אָפּגעבן דעם לעצטן כּבוד זײַן גרויסן זון, נאָר אויך אויסדריקן זײַן צער און צאָרן קעגן די שוואַרצע כּוחות וואָס האָבן אים דערמאָרדעט.

צוויי סימבאָלישע מאָמענטן דאַרף מען דערמאָנען אין שײַכות מיטן מאָרד און לוויה פון שלמה מיכאָעלס. סימבאָלן וואָס האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַן אויסנעמלעכער יידישער מיסטעריע. דער גורל האָט אַזוי גורם געווען, אַז שלמה בן מיכאל וואָפסי, זאָל דערמאָרדעט ווערן און אויסהויכן זײַן גײַסט אויפן שטח פונעם געוועזענעם מינסקער געטאָ, אין דעם געסעלע הירש לעקערט. דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיכאָעלסעס פרישע פאַרגאָסן בלוט זאָל זיך צונויפמישן מיטן בלוט פון די פאַרמוטשעטע געטאָ־אסירים, וואָס די ערד פון מינסק האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט. דער גורל האָט אויך באַשטימט, אַז אַרום מיכאָעלסעס צעקאַליעטשעטן גוף, זאָל דאָ און דאָרט זיך נאָך וואַלגערן אַן אבר מן החי פון אַ דערמאָרדעט יידיש קינד אָדער זקן.

אפשר, אפשר זענען גערעכט געווען אונדזערע אָבות, וואָס האָבן געגלויבט, אַז מען גייט אַנטקעגן דעם מת, כּדי אויך מיר זאָלן קענען גלויבן אַז די געטאָ־קדושים האָבן באַגעגנט מיכאָעלסן און זײַן פאַרפּייניקטע נשמה אַוועקגעטראָגן צום כּסא הכּבוד.

אפשר!! — —

דער צווייטער סימבאָלישער מאָמענט אויף דער לוויה, — איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בעת מען האָט מיכאָעלסעס טויטן קערפּער אַרויסגעטראָגן פון דער טעאַטער־געבײַדע אויפן וועג צו דער קרעמאַטאָריע האָט אַנטקעגנגעיבער,

אויף אַ שאָקלענדיקן פּאַרקן, זיך באַוויזן אַ מיסטישע געשטאַלט מיט אַ הדרתדי־קער באָרד און פּיאות. פון אונטער דער טראַדיציאָנעל־יידישער־קאַפּאָטע האָט ער אַרויסגענומען אַ טראַדיציאָנעל־יידיש פידעלע און אָנגעהויבן שפּילן. די גאַנצע דערשיינונג איז געווען פול מיט אייביקייט, פול מיט סוד און רמז. געווען אַזוינע, וואָס האָבן געהערט דעם פרומען יידישן קדיש, אַנדערע דעם פאַרביטערטן שפוך חמתך. מעגלעך אַז זיי בלאָנקען נאָך היינט אַרום אין קאָסמאָס און וואַרטן אויף אַ תיקון.

דער מאָרד איבער שלמה מיכאָעלס און זיין לוויה, זענען געווען גישט נאָר די ערשטע מערדערישע אַקציע, דער טראַגישער עפּילאָג צום אַכזריותדיקן פאַר־ניכט פון דער יידישער פאָלקס־קולטור און אירע שעפער, נאָר אויך דער פּראָלאָג פון אַ נייער דערוואַכונג ביי די סאָוועטישע יידן. שוין דעמאָלט בעת דעם מאָרד איבער שלמה מיכאָעלס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קנאָספּן פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די העראָישע עליה־באַוועגונג.

אני הגבר בין געווען אַן עדות ווי בעת אַ פאַרמאַכטער פאַרזאַמלונג פון דעם טעאַטער־אַקטיוו מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער טעאַטער־שול, האָט זיך פלוצעם אַריינגעריסן אַן עקזאַלטירטער יונגערמאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי שלמה מולכו און ממש היסטעריש אויסגעשריען: „די יידישע באַפעלקערונג פון מאָסקווע וויל און דאַרף וויסן ווי אַזוי איז אומגעקומען סאָלאָמאָן מיכיילאָוויטש מיכאָעלס"? אַלע פאַרזאַמלטע זענען געבליבן געפּלעפט. אויף דער פראַגע: ווער זייט איר און ווי אַזוי זענט איר אַריינגעקומען אַהער? האָט דער יונגערמאַן מיט אַ שטרענג קאַטעגאָרישער שטים פאַרגעזעצט: עטאָ ניע וואַזשנאָ! ענטפערט וואָס מען פרעגט אייך: ווער האָט דערמאָרדעט אונדזער מיכאָעלסן? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ צוהערער אויף די אָוונט־קורסן פאַר יידיש, וואָס זענען לויט דער איניציאַטיוו פון שלמה מיכאָעלסן געשאַפן געוואָרן ביי דער טעאַטער־שול.

✶

...אויב מיר וועלן זיך קאָנען באַפרייען פון די אויסערלעכע און עמפּירישע פאַקטן, און טיפער אַריינדרינגען אין די אינגעווײדן פון דער מעטאַפיזישער דער־שיינונג וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר שלמה מיכאָעלס, וועלן מיר, אַן איבער־טרייבונג, אים קאָנען באַטראַכטן ווי דעם גרויסן מרגל פון די נייע שטרעמונגען ביי די סאָוועטישע יידן פון וועלכע עס איז אין אַ שפּעטערדיקן פעריאָד ביי זיי אַרויסגעוואַקסן אַ נייע גייסטיקע אָריענטאַציע. באַזונדערס ביי דער יוגנט. מיר וועלן זיך באַגנוגען צו באַשטעטיקן דעם דאָזיקן טעזיס מיט אייניקע שורות פון שלמה מיכאָעלס „ברידערלעכן גרוס צו די יידן אין פּאַלעסטינע", געדרוקט אין דער מאָסקווער צייטונג „אייניקייט", דעם 5־טן סעפּטעמבער 1942 אין שייכות

מיט דער גרינדונג אין א״י דעם ועד צבורי פון דער „ליגע וי״: „אויף דער פּאַלעס־טינער ערד, האָט געשריבן שלמה מיכאָעלס, האָבן די אומשטערבלעכע העלדן פון יידישן פאָלק, יהודה המכבי און בר־כוכבא, אויפגעהויבן די פאָן קעגן מוסאָ־ליניס און היטלערס פאַרגייער. אויף דער פּאַלעסטינער ערד האָט אונדזער גענימ־לער דיכטער יהודה הלוי אויסגעזונגען זיין שוואַנען־ליד וועגן נישט אויס־שעפּלעכער ליבע צום היימלאַנד און אומשטערבלעכקייט פונעם פאָלק — — — מיר שעצן הויך, האָט מיכאָעלס פאַרגעזעצט, די באַגייסטערטע ווערטער, מיט וועלכער ביי אייך אויף דער שרייבער־קאָנפערענץ האָט צו אונדז זיך געווענדט דער גרויסער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי: „די באַריערן זענען געפאַלן, מיר האָבן זיך ווידער פאַראייניקט. איין נשמה, איין האַרץ, איין ווילן און איין האָפענונג״. — — — צוזאַמען, יידן אין פּאַלעסטינע, האָט ביי האָט, אַקסל צו אַקסל פאַרן טריומף פון פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט״...

אין שייכות דערמיט איז אפשר כדאי ברענגען אויך דאָס גבית־עדות פון אברהם סוצקעווער. אין זיינע זכרונות דערציילט אברהם סוצקעווער וועגן דעם רושם וואָס ס׳האָט געמאַכט אויף שלמה מיכאָעלס י. ל. פרצעס אַ בריוו צו יהואשן ערב זיין אָפּפאָרן קיין ארץ ישראל. באַזונדערס איז שלמה מיכאָעלס גערירט געוואָרן פון די דאָזיקע שורות: „עס פרייט אונדז וואָס דו פאָרסט אַרויס צום לאַנד, פון וועלכן מיר זענען אַזוי אָפּגעריסן קערפּערלעך און אַזוי גייסטיק פאַרבונדן, — — — נעם אונדז מיט אין דיין האַרץ, אין דיין געדאַנק — — — און זאָג די בערג פון יהודה, דעם לבנון און אַלעם וואָס געבליבן, — — מיר וועלן זיך אין אַן אַנדער לאַנד נישט אַריינפּליישן״... די ווערטער „מיר וועלן זיך אין אַן אַנדער לאַנד נישט אַריינפּליישן״, דערציילט אברהם סוצקעווער, האָט ש. מיכאָעלס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און צוגעגעבן: „איר ווייסט, אַז כ׳בין געפלויגן יולי 1943 קיין אַמעריקע האָב איך פליענדיק איבער ארץ ישראל — — געקושט די לופט״. [„די גאָלדענע קייט״ 43, ז׳ 164].

די צווייטע ווייניקער באַקאַנטע מאַניפעסטאַציע פון די סאָוועטישע יידן איז פאָרגעקומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. אָבער לויט איר גייסט און זין, לויט איר באַגער און אינהאַלט, איז זי געווען אַ דירעקטער המשך פון דעם אויפברויז בשעת דער לוויה פון ש. מיכאָעלס און נעמלעך: — בעת דער באַפרייונגס מלחמה אין ארץ־ישראל האָבן אַן גוזמא, טויזנטער יידישע בחורים און מיידלעך זיך געווענדעט צו פאַרשיידענע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, מען זאָל זיי שיקן קיין ארץ־ישראל ווי פרייוויליקע. דאָס האָט אָנגענומען אַזעלכע גרויסע מאַסשטאַבן, אַז ווען עס איז דערגאַנגען צו סטאַלינען זאָל ער האָבן געזאָגט: „איך האָב נישט געוווסט אַז עס זענען אַזויפיל פרעמדע אויסלענדער פאַראַן ביי אונדז״... דער אויפברויז און די דערוואַכונג פון יידישער

יוגנט האָט מעגלעך אויך געווירקט אויף דעם ייִדיש־סאָוועטישן דיכטער לייב קוויטקאָ, ווען ער האָט אין אַ ליד פון יענער צײַט געשריבן:

דאָס בלוט אין פּאַלעסטינע,
דאָס גייט אונדז אָן,
דאָס האַלט אונדז וואַך — —
דאָס פּלאָגט די שכינה.

די געפּלאָגטע און פאַרגעוואַלדיקטע ייִדישע שכינה אין סאָוועט רוסלאַנד האָט באַזונדערס אויפגעוואַכט בעת דער דריטער מאַניפעסטאַציע — — בײַם קבלת פּנים פאַר גאָלדע מאיר, ווען זי האָט געזאָגט איר באַפליגלטע פראַזע: „אַ דאַנק וואָס איר זענט פאַרבליבן ייִדן!" — — —

פאַר דעם רוב ייִדן וואָס האָבן אַקטיוו אָנטייל גענומען אין די דאָזיקע דרײַ מאַניפעסטאַציעס האָט — ש. מיכאָעלס געדינט ווי אַ סימבאָל צו וועלכע הייכן די ייִדיש שעפערישע נאַטור קאָן דערגרייכן ווען זי איז פאַרוואָרצלט אין דער נאַטור פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור און שפּראַך.

מיט זײַן גאַנצן וועזן און שאַפן האָט ש. מיכאָעלס געווירקט אויף דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטייזן פון די סאָוועטישע ייִדן. אַ באַזונדערע היסטאָרישע ראָל אין וועקן דעם נאַציאָנאַלן זכרון, איז אויסגעפאַלן אויף זײַן טעאַטער, אויף זײַנע עכט־ייִדישע פאַרשטעלונגען. געגנוג דערמאָנען שמואל האַלקינס „בר כוכבא" מיט בנימין זוסקין אין דער ראָל פון רבי עקיבא.

דער געוועזענער אסיר־ציון און שפּעטער חבר הקיבוץ המאוחד שלמה קלעס האָט עס באַשטעטיקט אין זײַן אויספאָרשונג: מחתרת ציונית חלוצית בברית המועצות („מורשת", יולי 1970)· „די דראַמע בר־כוכבא, לייענען מיר דאָרט, האָט געמאַכט געשיכטע אין דער ייִדישער גאַס בכלל און בײַ דער ציוניסטישער יוגנט בפרט· זי האָט אויפגעוועקט האָפענונגען אין אַ סך הערצער און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרונט־ווערק פאַר אַלע חברים פון דער באַוועגונג"...

בכלל זענען די טעאַטער פאַרשטעלונגען אין מיכאָעלסעס אינטערפּרעטאַציעס, אין לעצטן סך־הכל, געווען אַ מין עפּאָפּעע וועגן ייִדישן גילגול און גורל אין דער געשיכטע. אין אַ היסטאָרישער רעטראָספּעקטיוו באַנעמען מיר זייער וויכטיקייט און נאַציאָנאַלע שליחות. לשם אילוסטראַציע וועלן מיר דערמאָנען — „מסעות בנימין השלישי", וואָס איז פון ש. מיכאָעלסן באַטראַכט געוואָרן ווי „אַ רירנדיקע עפּאָפּעע"· אין זײַן ווונדערלעכן עסיי „בײַ מענדעלען אין בויד" („דער עמעס", 28 יאַנואַר 1927) האָט ש. מיכאָעלס געשריבן: „וואָס איז עס? מענדעלע — — אַ ליריקער? האָט זיך עפּעס געטומלט אין קאָפּ,

און ס׳איז אַנטשטאַנען בײַ מיר זײַן העלד בנימין. ער איז געגאַנגען, מענדעלעס העלד, און עס האָט זיך געפּילט, אַז ער שפּאַנט מיט ריזן־טריט.

מענדעלע, דערציילט מיכאָעלס, האָט זיך אַנגעבויגן צו מיר און האָט שטיל מיר אַרײַנגערוימט אין אויער: — — דו זעסט, דאָס איז ער, בנימין, בנימין השלישי... ס׳איז דאָך אַן אָדלער, — האָט מענדעלע ווײַטער גערעדט — — די בלוטזויגערס האָבן אים נאָר אונטערגעהאַקט די פליגל. און איך, איז ממשיך מיכאָעלס, האָב דערשפּירט בנימינס טיפן ווייטיק פון אַן אונטערדריקטער נאַטור.

עד — — האָט אַ קרעכץ געטאָן מענדעלע — — אַ ביסל מער פאַרשטאַנד, אַן טראָפּן שינאה צו די אַלע, וואָס איך האָב אַזוי פּײַנט, און דו וואָלסט געזען, ווי בײַ אים וואָלטן צוריק אויסגעוואַקסן פליגל, און ער וואָלט אַ שעפּ טאָן מיט דער פולער ברוסט די לופט און די רחבותן״...

שלמה מיכאָעלס האָט אומגעקערט בנימינען די פליגל. ער האָט זײַנע אילוזיעס פאַרוואַנדלט אין וואָר און פון זײַן וואָר געשאַפן אילוזיעס.

די גײַסטיקע לופט און די ייִדישע רחבותן אין דער בנימין־פאַרשטעלונג זענען אַריבערגעוואַקסן די ראַם פון דער קליינער טעאַטער־בינע. זיי האָבן אַרויס־געשפּראָצט פון דעם אונטערטעקסט און פון די היסטאָרישע אַסאָציאַציעס, וואָס זיי האָבן אויפגעוועקט. שוין די דעקאָראַציעס פונעם גרויסן ייִדישן קינסטלער ראָבערט פאלק האָבן דערצו גורם געווען. דעם קליינעם חלל פון דער בינע האָט ר. פאלק אײַנגעהילט אין אַ גרויס־געשטוקעוועטן פּרוכת און אים אײַנגע־טונקען אין כּלערליי קאָלירן און פאַרבן, ווו די בלוי־ווײַסע האָבן זיך אויס־געטיילט. דאָס האָט גלייך אין אָנהייב אָוועקגעפירט דעם צושויער אין אַ ווײַטער טרוימערישער וועלט צו וועלכע די צוויי מכשפים מיכאָעלס און זוסקין, אין מאַסקעס פון בנימין און סענדערל, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַ גאולה פאַר זייער דורות לײַדנדיק פאָלק. דער קולמינאַציע־פונקט פון זייער גאולה־עקספּעדיציע איז געווען זייער סימבאָלישע פראַגע: „קאַזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאָראָגי אויף ארץ־ישראל?״

און דער גוי האָט געענטפערט: אַ פּיעס וואָס זשידקי זנאַיע — עטאָ דאָראָגי דאָ פּיעווקי — — אַ וואָני שלעסלאָל. (טײַטש: זאָג אונדז מענטש, ווו איז דער וועג קיין ארץ־ישראל? — דער רוח ווייסט אײַך, זשידעס. דאָס איז דער וועג קיין פּיעווקי, און זיי פלאָפּלען, עלעסלאָל, עלעסלאָל).

די פראַגע איז נישט געבליבן קיין קול־קורא במדבר. די צײַט איז אָבער נאָך נישט געווען רײַף פאַר אַן ענטפער. אויך פאַר די ראָמאַנטיקער מיכאָעלס — זוסקין בלײַבט עס בלויז אַ טרוים און זיי דריקן אים אויס מיט אַ זייער טרויעריק ליד „אײַ אַ חלום...״. עס איז נויטיק געווען איבער אַ האַלבער יובל, וואָס נישט נאָר האָבן אַ סך סאָוועטישע ייִדן זיך דערוווּסט קודי דאָראָגי אויף ארץ

ישראל, נאָר אויך יעדער גוי ווייסט שוין אַז לעלעסלאָל איז גאָסודאַרסטוואָ איזראַיל (מדינת ישראל).

מיכאָעלסעס עלטערע טאָכטער, נאַטאַליע, דערציילט אין איר ערנסטן און אחריותדיקן בוך, אַז ערב דעם אויפקום פון מדינת ישראל האָט שלמה מיכאָעלס אויף אַן עפנטלעכער אַרויסטרעטונג פאַר אַ גרויסן עולם איבערגעחזרט בנימינס פראַגע און — פאַטעטיש צוגעגעבן: גראַמיקאָ האָט אויף דעם געגעבן אַ ריכטיקן ענטפער. נאַטאַליע שילדערט דראַמאַטיש די שרעק און דעם אומרו, וואָס די דאַזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופן ביי שלמה מיכאָעלס. זי האַלט אויך, אַז עס קאָן גרייַלעך געמאָלט זיַין, אַז דאָס זאָל געווען זיַין איינע פון די סיבות פון זיַין טראַגישן סוף.

לאָמיר נאָך אַ רגע אַ טראַכט טאָן וועגן נאָך איין פאַקט: וואָס איז אין תוך געווען דער גרונט אָקאָרד פון שלמה מיכאָעלסעס געניאַלער טעוויע געשטאַלט? צי נישט די איכה־קלאַנגען פון דעם אייביק יידישן לך־לך? דאָס איז באַזונדערס בולט געווען אין דער סימבאָלישער פינאַל־סצענע, ווי אַזוי טעוויע מיט די טעכטער זעצן זיך אויף די קלומיקעס, ווען מען פאַרטרייַבט זיי פון דאָרף.

„אין אָט דער קלייַנינקער מיזאַנסצענע, האָט באַמערקט פּרץ מאַרקיש, דערפילן מיר געשיכטע! די טראַגישע געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס לאָזט זיך פון קיין טראַגעדיע נישט צעברעכן, פון אַ פאָלק, וואָס שטעלט זיך קעגן די סאַמע פינצטערע באַדינגונגען, ווי שווער אָט די קעגנשטעלונג זאָל נישט זיַין".

און לסוף: שלמה מיכאָעלס האָט אָנגעוויזן אין אַן אָרט אַז זיַינע שאַפונגען שטאַמען פון זיַין דענקען: „איך פלייַס מיך אַרייַנדרינגען אין דעם מאַטעריאַל פון דעם שטאַנדפונקט ווי ווייַט ער קאָן מיר דינען כדי אויסצודריקן מיַינע אידעען".

וואָס־זשע איז מיכאָעלס אויסן געווען מיט זיין שאַפן? וועלכע אידעען האָט ער פּראָפּאַגאַנדירט? און בכלל, ווי אַזוי האָט מיכאָעלס באַטראַכט זיַין קינסטלערישע און היסטאָרישע מיסיע? אויף דעם וועלן מיר אים לאָזן ענט־פערן אַליין.

אַ פּאָר חדשים פאַר זיַין טראַגישן טויט האָט די רוסישע צייַטשריפט „אָגאָ־ניאָק" זיך געוואָנדן צו אים מיט אַ פראַגע „ווי ער זעט דעם תוכן פון זיַין לעבן און שאַפן?" ש. מיכאָעלסעס ענטפער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן קורץ פאַר זיַין טראַגישן טויט, אַזוי אַז מען קאָן עס באַטראַכטן ווי זיַין צוואה.

און אָט וואָס מיכאָעלס האָט צווישן אַנדערן געענטפערט:

„צום סוף פון זיַין לעבן האָט מיַין פאָטער זיך געווענדט צו מיר מיט אַזעלכע ווערטער:

— קינד מיַינס! — — האָט ער געזאָגט, און זיַין בליק איז געווען אי מילד, אי אַ ביסל שטרענג! — — ווען מען זאָל זיך אויסמאָלן דאָס לעבן ווי אַ מין אלף־בית, בין איך, אַ פשוטער בשר ודם, זוכה געווען אויסצולערנען

בלויז אַ טייל פון אָט דעם א — ב. נאָך די אויגן דײַנע זע איך, אַז דו וועסט וועלן אָנהייבן פון אָנהייב אָן, וועסט אָבער אויך נישט אַלץ ביזן סוף תופס זײַן. פאַרגעס זשע נישט דאָס, וואָס איך האָב געוווּסט, וועסט אפשר אָוועק ווײַטער פון מיר...

פון פראָפעסיעס — האָט ווײַטער געזאָגט מײַן פאָטער! — זענען מיר צום האַרצן בלויז צוויי, מעדיצין און יוריספּרודענץ, אַ דאָקטער און אַן אַדוואָקאַט — די צוויי האָבן ביד ראַטעווען אַ מענטשן פון טויט. קלייב אויס דעם וועג... — —

און דעם באַרוף, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, האָט מיכאָעלס ממשיך געווען, האָב איך געפונען פיל מער ווי דאָס, וועגן וואָס עס האָט געטרוימט מײַן פאָטער. ס'האָט אפשר אויך באַדײַט היילן, דערציען גרויסע מאַסן מענטשן, זייערע נשמות, זייער גײַסטיק וועזן".

און שלמה מיכאָעלס האָט געענדיקט מיט די ווערטער:

— — — „הער מיך אויס, טאַטע! מיט דער גאַנצער נשמה, מיטן גאַנצן האַרצן, מיט יעדן געדאַנק מײַנעם, מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, דין איך דעם פאָלק".

„דינען דעם פאָלק"! — דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון שלמה מיכאָעלסעס לעבן און דער זין פון שלמה מיכאָעלסעס טויט. און דערפאַר וועט אים אייביק געדענקען דאָס פאָלק, ווי איינער פון זײַנע גרויסע גײַסטער, ווי איינער פון זײַנע הייליקע מאַרטירער, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן על קידוש העם ועל קידוש פון ייִדישן מענטש.

דער דיכטער פון אומרו און ווידערשפעניקייט

די ביבליאָגראַפן פאַרצייכענען, אַז יוסף קערלער האָט אָנגעהויבן דרוקן זײַנע לידער אין 1937. צו זײַן קינסטלערישער זעלבסטבאַשטימונג און פּאָעטישער רײַפקייט איז ער דערגאַנגען בעת דער צווייטער וועלט מלחמה. די דראַמאַטישע געשעענישן פון יענער צײַט פון וועלכע ער איז געווען אַן אוממיטלבאַרער עדות האָבן דערצו גורם געווען און אין אַ געוויסער מאָס האָבן זיי אויך באַשטימט זײַן שפּעטערישן גורל.

אין איינעם פון זײַנע ביכּורים־לידער האָט יוסף קערלער געשריבן:

אויב איינזאַם וועט קומען מײַן פערד אויף צוריק
און טרויעריק נייגן זײַן קאָפּ צו דײַן פלויט,
דײַן וויגעשריי, שוועסטער — מײַן־כּלה, דערשטיק —
ניט גלייב, אַז דער שונא האָט מיך שוין געטייט...

שוין אין דעם דאָזיקן ליד זענען, אין אַ עמבריאָנאַלן צושטאַנד, פאַראַן אייניקע דערקען־צייכנס פון יוסף קערלערס שפּעטערישער נאַטור. אין זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג „פאַר מײַן ערד” (1944), זענען די פאַרשפּרייטסטע ווערטער; שטילקייט, שווײַגן און וויי. אַ וויי און אַ שווײַגן, וואָס וועגט אַ בלוטנדיקע ערד! דער אָנגעגליטער אָטעם און ברויזנדיקער גײַסט אין דעם דאָזיקן בוך האָט ביז הײַנט זיך נישט אָפּגעקילט.

מאַלאַרמע האָט אַמאָל געשריבן אַז דאָס ליד איז אַ סוד — דעם שליסל צו אים דאַרף דער לייענער זוכן. איך ווייס נישט צי איך קאָן געפינען דעם שליסל צו קערלערס פּאָעטישן פּרדס. איך בין אָבער אַן עדות זינט זײַן שפּעטערישן בראשית. דערפאַר זענען מיר אָפּט פריקרע פאַרשיידענע אַרויסטרעטונגען ווו מען שטעלט אויפן ערשטן אָרט דעם קעמפער, בעת יוסף קערלער איז קודם כּל אַ פּאָעט, אַ שעפערישע אינדיווידואַליטעט. און אויב מען וויל טיפער פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון זײַן ווידערשפּעניקלעכער נאַטור דאַרף מען זיך ווענדן צו זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען.

ער ווייטיקט אויס זײַנע לידער. און זײַן קלערנדיק־ליד איז פול מיט אומרו,

זאָרג און גבורה. אומרו פאַרן גורל פונעם ייִדישן מענטשן אויף די קרייצוועגן פון דער געשיכטע; זאָרג פאַר זײַן גאַנצקייט, גבורה צו ווידערשפעניקן און צעברעכן פאַלשע לוחות, צו אַנטבלויזן באַנקראָטירטע אילוזיעס.

פאַראַן שרײַבערס וואָס זענען אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט — זיי דריקן אויס די היסטאָרישע שליחות פון זייער פאָלק. און פאַראַן שרײַבערס פון אַ גורלדיקער באַשערטקייט — זיי זענען אַ פּראָדוקט פון דעם געראַנגל אין זייער צײַט און סביבה. דאָס זענען די שרײַבערס וואָס שאַפן נישט בלויז עסטעטישע ווערטן נאָר סימבאָליזירן מיט זיך אויך אַ היסטאָרישן איבערבראָך אין דער געשיכטע פון פאָלק. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערט יוסף קערלער.

אין דער ייִדיש סאָוועטישער ליטעראַטור האָט אין משך פון יאָרן אין די טיפענישן געברויזט אַ פאַרביטערטקייט. אַ פאַרביטערטקייט וואָס די שרײַבערס האָבן אָפּטמאָל מיט אייגענע הענט דערשטיקט מיט דעם אויסערלעכן געשאַל פון זייער שאַפן. און ווען דער צײַט גרויל האָט גענומען אַרומרינגלען זייער גרויע ווירקלעכקייט מיט שרעק, האָבן זיי זיך בסתר גענומען באַהעפטן „צום אַלטן נר תמיד — געווירשנטע פונקען" און זיך „געטוליעט מיט אוראַלטן פחד אין הייליקן ווינקל" (ליפע רעזניק). צו קיין אָפענער ווידערשפעניקייט זענען די דאָזיקע דיכטער נישט דערגאַנגען. אין קערלערס שאַפן האָט די דאָזיקע פאַרביטערטקייט עקספּלאָדירט און אַרויס אויף דער אייבערפלאַך:

אַ, וואָרט!
דו גיי נאָך ניט אַוועק,
מײַן טײַטנדיקע ביטערניש!
דו דין מיר צו — פאַריאָג די שרעק,
וואָס האַלט אַ וועלט אין ציטערניש.

די ווידערשפעניקייט איז געוואָרן אַ טייל פון יוסף קערלערס שעפערישן געמיט און האָט אין אַ גרויסער מאָס אויך באַשטימט די נשמה לאַנדשאַפט פון זײַן דיכטונג. עס איז אים באַשערט געווען צו ווערן דער דיכטער פון ספרא וסיפה...

יוסף קערלער האָט דעם מוט געהאַט אַרײַנקוקן אין דעם תהום פון דער ייִדיש סאָוועטישער ווירקלעכקייט און איר ווידערשפעניקן בשער בת רבים. אין איינער פון זײַנע לידער לייענען מיר:

יאָ, איך בין אַ מוראדיקער כעסן
און פון האָס מײַן דיכטונג איז געשמידט —
מײַנע קייטן מיט די לעצטע ציינער בײַס איך
און בײַס אויס מײַן ליד.

אַט די דאָזיקע גײַסטיקע מענטאַליטעט האָט נישט בלויז באַשטימט דעם באַראָמעטער פון זײַנע פּאָעטישע אויפטוען, נאָר אויך פון זײַן בפירוש היסטאָרישער שליחות. אַ שליחות וואָס וואַקסט אַריבער די ראַמען פון בלויז שיינער ליטעראַטור.

מען באַדאַרף זײַן געזאַלבט מיט אַ באַזונדער דיכטערישער זעלבסטדערקענטעניש, צו קאָנען מעלדן וועגן זיך:

זאָל שרפענען אויפסנײַ מיך דער קנעכטישער שווייס,
די קעלט זאָל די ציין מײַנע לעצטע צעשטויבן —
געשטאַרקט זײַ, מײַן ברודער, איך טראָג דיר, איך ווייס
דאָס גרינטלעכע וואָרט פון בטחון און גלויבן...

יוסף קערלער איז אַן אָנהויב און אַ המשך. ער איז דער ערשטער צווישן די ייִדיש סאָוועטישע שרײַבער פון זײַן דור, וואָס האָט בפרהסיא אָנגעהויבן זינגען לידער צו ציון: „ווהין כ׳זאָל ניט קערן, / און ווו איך זאָל ניט זײַן / צו דיר כ׳וועל געהערן, / מיט דיר וועל איך זײַן!". ער איז אָבער גלײַכצײַטיק אויך אַן המשך פון די גוטע טראַדיציעס אין דער ייִדיש־סאָוועטישער דיכטונג. ער האָט אין זיך אַזוי אַרײַנגעאָטעמט די פּאָעטישע לופט פון דער ייִדיש סאָוועטישער קלאַסיק, אַז זײַן אייגן ליד איז אַ ווערדיקער המשך פון איר סטיל און נוסח.

אויף ברייטער פלאַך פון פעלדער מידע,
שטיל פאַרשאָטענע
מיט בענקשאַפט,
רײַך באַפּײַכטע מיט מײַן בלוט...
יאָ, די בענקשאַפט און די ליבשאַפט,
און די דורותדיקע שנאה.
אוקראַינע, אוקראַינע — —
שטיפלאַנד אוקראַינע.

איך ווייס נישט צי אַפילו אַ גוט באַהאַוונטער אין דער דאָרטיקע דיכטונג וועט גלײַך דערפילן דעם אונטערשייד צווישן די צוויי סטראָפעס. בכל אופן פון ערשטן אײַנדרוק, דאַכט זיך, אַז ניין. און דאָך איז ער פאַראַן. די ערשטע סטראָפע איז פון דוד האָפשטיינס ליד „אוקראַינע", די צווייטע — פון יוסף קערלערס ליד מיט דעם זעלבן נאָמען. ס׳אַרא וווּנדערלעכער האַרמאָנישער איבערוף צווישן צײַטן און דורות.

אליעזר פאַדריאַטשיק

יעקב גלאַטשטיין האָט געשריבן אין אַן אָרט אַז פּאָעזיע איז — אָרגאַניזירט שווייַגן. דער ייִדישע דיכטער פון סאָוועטרוסלאַנד האָט זיך אַזאַ לוקסוס נישט געקאָנט דערלויבן. זייַן שווייַגן איז געווען אַ געצוווּנגענער. אָט וואָס עס זאָגט וועגן דעם יוסף קערלער אין איינעם פון זייַנע לידער:

כ׳האָב קיין רעכט, —
ווי טאָר איך זיך פאַרגעסן!
דערשטיקן איך מוז מייַן ווייַ־געשריי ביז טאָג.
אויף ריינסטן פּייַער
שמיר איך מייַנע שלעסער
און צוים באַצייַטנס
די פאַרפּלייצעניש פון קלאָג...

דער דיכטער יוסף קערלער ווייסט נישט פון קיין שלווה. אומרו, ווי געזאָגט, איז דער גרונטטאָן פון זייַן דיכטונג. דערמיט בין איך כּלל נישט אויסן אַז קערלער איז בלויז ריטאָריש, פּאַטעטיש — לחלוטין נישט. פאַראַן אין זייַן דיכטונג אויך דממה — דקהדיקע טענער. סייַ אין זייַן געזעלשאַפטלעכער דיכטונג, סייַ אין זייַנע באַטור און ליבע לידער לייגט יוסף קערלער אַרייַן עפּעס אַזוינס, וואָס שאַפט אַן איינהייטלעך גייַסטיקע דימענסיע און באַשטימט די אינערלעכע מוזיק, פאַרב און ריטם פון זייַן ליד.

פון דער לידער־זאַמלונג „פאַר מייַן ערד", וואָס איז דערשינען מיט זעקס און דרייַסיק יאָר צוריק, ביז דעם בוך „די ערשטע זיבן יאָר", וואָס איז דאָ אַנומלטן דערשינען, איז פאַרשטייט זיך אַ מהלך אין דער אויסערלעכער רעאַ־ליטעט, אין פּאָעטישן געמיט, אין דעם געדאַנקען־גאַנג און קינסטלערישער אויס־שטראַלונג. בעת זייער תּוכן איז אַ אַנדערער איז אָבער זייער תּוך אַ יחידיש איינהייטלעכער אויסדרוק פון יוסף קערלערס, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, מאָנאָטעיִסטישן גלויבן אין מענטש, פאָלק און וועלט.

צווישן האַמער און קאָוואַדלע

לשון עומד על נפשה פון יהושע א. גלבוע, איז אַ באַדייטנדיקער צושטייער אין פאָרשן די מאַרטיראָלאָגיע פון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אַן אַרומנעמענדיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. אַ סך נייע און אומבאַקאַנטע פאַקטן זענען פאַראַן אין די ממש מאָנאָגראַפישע באַשרייבונגען וועגן די זאַמלביכער צלצלי שמע (כאַרקאָוו 1923), בראשית (מאָסקווע — לעניגראַד 1926), וועגן דעם דראַמאַטישן גוראַנגל פון דער „הבימה". מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם לייענט זיך דער קאַפּיטל: „צווישן האַמער און קאָוואַדלע" — וועגן דער טראַגישער קאָנפראָנטאַציע פון דער יעווסעקציע מיט די העברעיִשע שרייבערס און קולטור־טוערס.

אין באַשרייבן די דאַזיקע דראַמע ווייזט יהושע א. גלבוע אַרויס בקיאות און אַ פאַרשאַרפטן פאָרשערישן חוש. זיין בוך איז אַ ווערדיקער דענקמאָל פאַר די צענדליקער און הונדערטער העברעיִשע פאָרשערס און שרייבערס, וואָס מ'ווייסט אַפילו ניט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

דאָס פּאַראַדאָקסאַלע אין דער דאַזיקער טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס צווישן די אומגעבראַכטע שרייבערס און קינסטלערס זענען געווען אויך אַזעלכע וואָס זענען באַגייסטערט אַנטקעגנגעגאַנגען דער רוסישער רעוואָלוציע און זי באַזינגען. מ. חיוג, דער אידעאָלאָג פון דער גרופּע, האָט פּאַטעטיש געשריבן:

„די רעוואָלוציע איז די איינציקע רעאַליטעט, דאָס ממשות פון אונדזער לעבן, און קיין אַנדער לעבן איז פאַר אונדז ניט פאַראַן. נאָר אין איר וועלן זיך אונדזערע מוסקלען באַוועגן. אַן אַנדער לופט איז בלויז שטיקשטאָף פאַר אונדזערע לונגען".

און אַ צווייטער פאָנען־טרעגער פון דער גרופּע, דער שרייבער שמעון הבונה, האָט מיט איבערגעטריבענעם פּאַטאָס געלויבט די שרייבערס וואָס האָבן געמאַכט די ערשטע ליטעראַרישע פּרוון אַריינצובריינגען די „אָקטאָבער־מאָטיוון" אין דער העברעיִשער ליטעראַטור: „נאָך די ראשונים — האָט ער געשריבן — וועלן קומען די נאָכגייערס. זייער האַרץ וועט צוגעבונדן זיין צו די פּיאָנירן פון דער רעוואָלוציע און... זייער ליד וועט זיין — נאַציאָנאַל קאָמוניסטיש".

אויף דער היסטאָרישער אַרענע איז די דאָזיקע גרופּע אַרויף מיט אַ דרייַ־גאָרנדיקן אַנטירוף: אַנטיציוניזם, אַנטיביאַליק־אחד־העם, אַנטיטראַדיציע.

„די טויטע קייט פון דורות האָט געצוימט מייַנע טריט און מייַן פאַרמעסט. ווייל איך אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך" — האָט רעשיק געשאָלט דער דיכטער י. ל. צפתמאַן אין דעם זאַמלבוך בראשית.

דער איינציקער עמוד־האש איז פאַר זיי געווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער זי, די רעוואָלוציע, איז טויב געווען צו זייער גלויבן און האָפענונג. זי האָט זיך שטיפמאַמיש אָפּגעקערט פון זיי און לסוף אַראָפּגעלאָזט אַ טעמפּע האַק איבער זייערע זינגענדיקע קעפּ.

בייַם הייַנטיקן טאָג, אין אַ היסטאָרישן רעטראָספּעקט, ווען אונדז איז שוין באַקאַנט די דראַמע פון זייער לעבן און די טראַגעדיע פון זייער טויט, ווערט ניט פאַרטונקלט זייער ערלעכקייט און תמימות. און זייער מאַרטירער־וועג שטראַלט נאָך בולטער אונטער דאָס אַכזריות פון דעם רעזשים אין וועלכן זיי האָבן געגלייבט.

פאַראַן אַ רייַכער און אויטענטישער מאַטעריאַל, וועגן דעם דערנערוועג פון עטלעכע דורות העברעיִשע פּענמענטשן, וואָס האָבן אין די סאַמע גרויליקסטע באַדינגונגען ניט פאַרלוירן זייער מענטשלעכע ווערדע. די גרויקייט פון די סאָוועטישע טורמעס און דער גרויל פון די סיבירער לאַגערן זענען ניט בכוח געווען אויסצוואָרצלען זייער אמונה אין נצח־ישראל, זייער גלויבן אינעם נצחון פון גוטס איבער שלעכטס, פון שיינקייט איבער מיאוסקייט, פון דעם מענטש איבער דעם אוממענטש.

עס איז דאָרט אויפגעקומען אַ פּלעיאַדע שרייַבער; אָנגעהויבן פון דעביוטאַנטן, וואָס האָבן באַוויזן אָפּצודרוקן נאָר איין ליד אָדער איין דערציילונג, ביז צו שאַפערס פון ברייטע ליטעראַריש־קינסטלערישע פּאַנאָראַמעס. למשל אַברהם פריימאַן, וואָס האָט נאָך אין 1935 באַקומען דעם פּרס־ביאַליק פאַר זייַן גרויסער עפּאָפּעע, 1919; צבי פּרייגערזאָן, וועמעס פּראָזע איז, לויט דער כאַראַקטעריסטיק פון חיים לענסקי, „פריש און צאַפּלדיק, ווייל זי איז אַ דירעקטער אויסדרוק פון אונדזער דראַמאַטישער תקופה". (הענף הגדוע, מוסד ביאַליק 1950, ז' 189). צבי פּרייגערזאָנס ראָמאַן אש התמיד (אַרויס אין ישראל, 1966. דער נאָמען פון מחבר איז געביטן געוואָרן אויף א. צפוני), איז אַ באַדייַטנדיקער קינסטלערישער דאָקומענט וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין מיזרח־אוקראַיִנע אין די דרייַסיקער יאָרן און זייער טראַגישער אומקום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. שלמה שאַפּיראָ, איינער פון די הויפּטהעלדן אין דעם ראָמאַן, קען דינען ווי אַ פּראָטאָטיפּ פון די שפּעטער אויפגעקומענע קעמפערס פאַר נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און עליה.

פון דער דאָרטיקער גאַלעריע שעפערישע געשטאַלטן שײַנט ווי אַ מעטעאָר אַרויס די שאַפערישע אינדיווידועליטעט פון חיים לענסקי.

אין דער געשטאַלט פון חיים לענסקי האָט די העברעיִשע יצירה אין ראַטן־פאַרבאַנד דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. אין זײַנע שאַפונגען האָט העברעיִש זיך צעקלונגען מיט אַלע אירע קלאַנגען און פאַרבן. זײַנע לידער געשריבן „אויף יענער זײַט טײַך פון פאַרגעסנקייט" (מעבר נהר הלתי) זענען אויף דער הייך פון דער בעסטער העברעיִשער פּאָעזיע.

די לידער וואָס חיים לענסקי האָט געשאַפן אין די סיבירער לאַגערן זענען פּאָעטיש־פילאָסאָפישע רעפלעקסן, וואָס פאַרכישופן מיט זייער לויטערער געדאַנקלעכקייט און מוזיקאַלישער האַרמאָניע. די ביטערקייט פון זײַן פּערזענלעכן גורל האָט ניט פאַרביטערט זײַן פּאָעטיש געמיט. און דאָס חשכות אַרום אים האָט ניט פאַרטונקלט די לויטערקייט פון זײַנע שעפערישע קוואַלן.

אויב די געשטאַלט פון חיים לענסקי שטעלט מיט זיך פאָר די רײַכע שעפערישע קוואַלן פון דעם סאָוועטישן יִידנטום, וואָס זענען אַכזריותדיק פאַרשטאָפּט געוואָרן, איז אלישע ראַדין דער סימבאָל פון דעם יסורים־וועג און טראַגישע נסיונות, וואָס אַ יִידיש־העברעיִשער פּאָעט אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט געמוזט דורכמאַכן.

ווי אַ פּאָעט האָט אלישע ראַדין זיך קודם געשטאַלטיקט אין יִידיש. אין יִידיש האָט ער אַרויסגעלאָזט פיר לידערביכער און אין זיי קאָן מען שוין געפינען די גײַסטיק־אידעיִשע קנאָספּן פון זײַנע שפּעטערדיקע העברעיִשע שאַפונגען. וועגן דעם, אַגב, האָט שוין בשעתו באַמערקט חיים־נחמן ביאַליק. נאָכן איבערלייענען אלישע ראַדינס בוך: „פון צווײ קוואַלן" האָט אים ח. נ. ביאַליק, צווישן אַנדערן, געשריבן: „אין אײַך איז דאָ עפּעס לשון־קודשדיקס", (בריוו פון 23סטן מאַרץ 1927).

דער עיקר־שטריך פון אלישע ראַדינס יִידישער דיכטונג איז די באַגײַסטערונג וואָס דערוועקט האַסטיקע, אינטעלעקטועלע איבערלעבענישן.

אין דער הקדמה צו אלישע ראַדינס בוך „העראַיק" ווײַזט אָן דער שרײַבער ידידיה מרגליות, אַז דעם דיכטער „איז אינטים־אייגן דאָס, וואָס איז אַלט ווי די וועלט און נײַ ווי די וועלט: די מענטשן־ראַסע, דער מענטשלעכער גײַסט, דער טויט און די אייביקייט".

אין אלישע ראַדינס קאָסמישע לידער, טראָגט זיך אַ ווײַטער עכאָ פון וואָלט וויטמאַנס און עמיל ווערהאַרנס אורבאַניסטישער פּאָעזיע.

געווען אַ צײַט ווען אלישע ראַדין איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די שפּעטער קעמפערישע יִידיש־פּראָלעטאַרישע פּאָעטן. אַזוי, למשל, האָט ער בשותפות מיט חיים גילדין אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלונג לידער (האַמער 1921). די אָרטאָדאָקסאַלע יִידיש־סאָוועטישע קריטיקערס האָבן אים באַטראַכט ווי אַ „מיטלויפער"

אין וועמעס שאַפן עס קלינגט אָפּ די טראַדיציע פון דעם ערשטן דור יידישע אַרבעטער־דיכטערס. (י. בראָנשטיין אַטאַקע, מינסק 1931, זז׳ 46, 48, 52). און בפירוש, עס איז געווען אַ צייַט ווען אויך אלישע ראַדין האָט געזונגען אין דעם נוסח פון דעם ערשטן דור יידיש־סאָוועטישע שרייַבערס:

> און דייַנע פּאָעטן — דינאַמאָ־מאַשינען,
> זיי זינגען דייַן גרויסן באַגינען.

אַזוי ווי יהושע א. גלבוע האָט זיך אין גרונט פאַרנומען נאָר מיטן גורל פון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור, האָט ער דאָס אַלץ ניט אָנגערירט בייַם מאָלן דעם גייַסטיקן פּאָרטרעט פון אלישע ראַדין. ער דערמאָנט אויך ניט דעם פאַקט אַז אלישע ראַדין איז געצוווּנגען געווען אונטערצושרייַבן די באַקאַנטע דעקלאַראַציע אין וועלכער דוד האָפּשטיין ווערט באַשולדיקט אין חתמענען אַ פּעטיציע קעגן די רדיפות אויף דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור. (א. אבטשוק: עטיודן און מאַטעריאַלן, קיִעוו 1934, ז׳ 40).

אָן אָט די אַלע פאַקטן אָבער איז ניט פאַראַן קיין פולער באַגריף וועגן דעם גרויסן מאָראַלישן גבורה־אַקט, וואָס אלישע ראַדין איז באַגאַנגען מיט אייניקע יאָר שפּעטער. דווקא אין דער צייַט ווען די רדיפות קעגן די העברעיִשע שרייַבערס און קינסטלערס האָבן אָנגענומען ברוטאַלע פאָרמען האָט ער, אלישע ראַדין, דעם מוט געהאַט זיך פולשטענדיק צו סאָלידאַריזירן מיט דעם גייַסט און דער אידעאָלאָגיע פון דער העברעיִשער שפּראַך, שרייַבן בלויז העברעיִש און דורך וועגן און אומוועגן דרוקן זייַנע ווערק אין ארץ־ישׂראל.

דעם גורל פון העברעיִש האָבן באַשטימט צוויי פאַקטאָרן: די באָלשעוויקישע פּאַרטיי און די יעווסעקציע. די דרויסנדיקע טוערס, אָנהייבנדיק פון געוויינטלעכע פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן ביז אָנפירנדיקע מלוכה־מענער, באַקומען זיך, לויט די עמפּירישע פאַקטן וואָס יהושע א. גלבוע האָט צונויפגעזאַמלט, כּמעט אַלע ווי חסידי־אומות־העולם. אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי פאַרשטייט עברית, לייענט דעם תּנך אין מקור און קאָן ניט פאַרשטיין פאַר וואָס די יידישע קאָמוניסטן פאַרמיאוסן אים בייַ די יידישע אַרבעטערס. און ווען אַ גרופּע אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע קולטור־טוערס בראש מיט י. מזא״ה זענען צו אים געקומען און פּראָטעסטירט קעגן דער דיסקרימינאַציע פון העברעיִש האָט זיי לונאַטשאַרסקי געענטפערט: „דער וואַנדאַליזם איז ניט אונדזערער נאָר אייַערער". (ז׳ 47). אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דעם סאָוועטישן שרייַבער־פאַרבאַנד דערקלערט מ. גאָרקי ח. נ. ביאַליקן כּמעט פאַר אַ געניאַלן פּאָעט. בעת דער יידיש־סאָוועטישער „עמעס" שרייַבט, אַז ח. נ. ביאַליק איז געווען אַן „אַקטיווער אָנפירער פון דער פאַשיסטישער אינטערווענץ־קאַמפּאַניע קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. ביאַליק — שרייַבט דער „עמעס" — באַגריסט און בענטשט היטלערן ווי „גאָטס שטעקן", וואָס דאַרף טרייַבן די יידן צוריק אַהיים. — — דער וועג פון דער

‚שחיטה־שטאַט׳ צו היטלערן — דאָס איז דער טרויעריקער און שענדלעכער וועג פון וויכטיקסטן ייִדישן נאַציאָנאַליסטיש־בורזשואזן פּאָעט — חיים־נחמן ביאַליק״. (דער עמעס, 9טן יוני 1934).

רירנדיק איז געווען דער „סטאַראָסטע״, ווי מען האָט גערופן דעם פּאָרזיצער פון דעם הויפּטסאָוועט, מיכאַיל קאַלינין, ווען ער האָט זיך צעווייַנט אין מיטן פון זייַנעם אַן אַרויסטריט אויף דער צווייטער באַראַטונג פון דער יעווסעקציע (יוני 1919), בעתן ריידן וועגן די פּאָגראָמען קעגן ייִדן. און סאַראַ ביטערער היסטאָרישער אמת איז פֿאַראַן אין זייַנע ווערטער אויף אַ באַראַטונג פונעם „אָזעט״ (17טן יוני 1926) : „וואָלט איך געווען אַן אַלטער רב, וואָלט איך אַרייַנגעלייגט אין חרם די ייִדן וואָס ציִען זיך קיין מאָסקווע, צו הויכע סאָוועטישע פּאָסטנס, ווייַל זיי זענען פאַרלוירן פאַר זייער פֿאָלק. אין מאָסקווע מישן די ייִדן צונויף זייער בלוט מיט רוסיש בלוט — און פון צווייטן, מערסטנס פון דריטן דור זענען זיי פאַרלוירן פאַר דעם ייִדישן פֿאָלק, זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין געווייַנטלעכע רוסיפיקאַטאָרן״.

אַפילו פון לענין און סטאַלין, האָט גלבוע אויסגעפונען, האָט מען ניט געהערט קיין גרינגשאַצונג צו העברעיִש. „דערקעגן וועגן דעם ‚זשאַרגאָן׳ האָבן זיי גערעדט מיט איראָניע״. (ז׳ 59).

דער מחבר ברענגט די און ענלעכע עפּיזאָדן, כּדי בולטער אונטערצושטרייַכן די בעגאַטיווע ראָלע פון דער יעווסעקציע. ער שטעלט זיך אין זייַן בוך אָפּ דער עיקר אויף די „אינעווייניקסטע צעשטערערס און פאַרדאַרבערס״, ווייַל ער האַלט, אַז דער געדאַנק פון באַקעמפן העברעיִש, איז געבוירן געוואָרן נאָר אין די מוחות פון דער יעווסעקציע (ז׳ 95) און אַז די פאַרשיידענע נגישות קעגן איר, זענען אויך פאַרגעקומען לויט דער דירעקטער איניציאַטיוו און השפּעה פון דער יעווסעקציע. (ז׳ 75). אין דעם איז פאַראַן אַ באַשטימטע גיוועלירונג. די יעווסעקציע איז אידעאָלאָגיש און פּראַקטיש ניט געווען קיין אייגנהייטלעכע. עס האָבן געווירקט אין איר מענטשן פון פאַרשיידענע שטרעמונגען און טענדענצן, פון דורכויסיקע ליקווידאַטאָרס, וואָס האָבן באַטראַכט די ייִדישע קולטור־אַרבעט ווי אַ צייַטווייַליקע און פאַרבייַגייענדיקע, ביז אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט עכט־נאַציאָנאַלע אַמביציעס. „די ייִדישע סעקציעס — האָבן זיי געהאַלטן — דאַרפן פאַר זיך אין דער אַרבעט שטעלן די אויפגאַבע אייַנצוהיטן די עקזיסטענץ פון דער ייִדישער נאַציע״. (מ. קיפּער: „די אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די ייִדסעקציעס דעם 27—31 דעצעמבער 1926. — אייניקע סך־הכּלען״ — די רויטע וועלט נומ׳ 1, כאַרקאָוו 1927, זז׳ 66—67).

בייַם פאַרשרייַבן די אַקטיוויטעט פון דער יעווסעקציע טאָר מען ניט פאַרזען אַ וויכטיקן עיקר : דער קאַמף קעגן דער עקסיסטענץ פון אַ ייִדיש נאַציאָנאַלער קולטור, אין וועלכער שפּראַך זי זאָל ניט קומען צום אויסדרוק, אין העברעיִש

צי אין ייִדיש, ליגט קודם־כל אין יסוד פון דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע. האָט דאָך לענין בפירוש געהאַלטן אַז „ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטור איז דער לאָזונג פון רבנים און פון דער בורזשואַזיע, דער לאָזונג פון אונדזערע שונאים... ווער עס שטעלט דירעקט אָדער אומדירעקט דעם לאָזונג פון ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור — דער איז, וואָס פאַר אַ גוטע כּוונות ער זאָל ניט האָבן, אַ שונא פון פּראָלעטאַריאַט". („לענין קעגן בונד", מינסק 1935. ציטירט לויט ד"ר אליהו שולמאַן: די סאָוועטיש־ייִדיש ליטעראַטור, ניו־יאָרק 1971, ז' 7).

עס זענען פאַראַן אויטענטישע דאָקומענטן וואָס באַשטעטיקן אַז אויך די יעווסעקציע האָט זיך אין איר קולטור־אַרבעט אָנגעשטויסן אין גרויסע שווע־ריקייטן און שטערונגען. ניט קיין אַנדערע ווי אסתּר פרומקין, איינע פון די אויטאָריטאַרע טוערינס פון דער יעווסעקציע, האָט בפירוש באַשטעטיקט:

„פון אומעטום גיט מען איבער וועגן שוועריקייטן מיט וועלכע די ייִדישע קולטור־אַרבעט טרעפט זיך. דער דעקרעט וועגן נאַציאָנאַלע סעקציעס ביַי די בילדונגס־אָפּטיילונגען ווערט ניט אָפּגעהיט. אין דער פּראָווינץ זאָגט מען זיך אָפּ צו שטיצן ייִדישע שולן, צו באַשטימען לערערס. מען פאָדערט רוסישע אונטערריכטשפּראַך און מען זאָרגט ניט און מ'גייט ניט אַנטקעגן די קולטורעלע באַדערפענישן פון די ייִדישע מאַסן.

פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרטרעטערס פון דער מאַכט מאַכן אַרויסטרעטונגען קעגן נאַציאָנאַלע שולן און זאָגן, אַז די מוטערשפּראַך איז נאָר אַן איבערגאַנגס־מיטל, ביז דער צווייטער שטופע.

עס באַמערקן זיך פּשוט רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן. מען מוז קעמפן קעגן דעם, מען טאָר ניט שוויַיגן"... (דער וועקער, מינסק, 1 אַפּריל 1919).

ביַים היַינטיקן טאָג, אין אַ היסטאָרישן רעטראָספּעקט, ווען מיר ווייסן דעם טראַגישן סוף פון דער יעווסעקציע, ווען עס זענען נאָך אָפן די ווונדן און טיף דער ווייטיק וועגן די פאַרטיליקטע בויערס און שאַפערס אין ייִדיש, איז קלאָר אַז די וואָרצלען פון דער ייִדישער טראַגעדיע אין ראַטן־פאַרבאַנד דאַרף מען ניט זוכן בלויז אין דער אינעווייניקסטער ייִדישער סביבה, נאָר, דער עיקר, אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דעם באָלשעוויזם.

רשימה פון נעמען

אבטשוק, א. 236
אברבנאל, יהודה. 136
אברהם דער שרײַנער. 161
אויאַיילד, אָסקאַר 22
אָווידיוס 12
אָווערבוך, בליומע 91 93 94
אָווערבוך, שבח 91 93
אויסלענדער, נחום 93
אויסלענדער, ראָזע 88
אויערבאַך, אפרים 154
אועלס, ה. ג. 22
אחד העם 16
איגנאַטאָוו, דוד 137
אײַזמאַן, צבי 141 190—192
איינהאָרן, דוד 103
אײַנשטיין, אַלבערט 35 103
אַלגין, מ. 199
אַלטמאַן, משה 9 50—54 175
אַלטערמאַן, נתן 83 222
אלישע בן אבויה 148
אַלעמאַנאָ, יוחנן 126
אַלעקסאַנדראָוו, הלל 119 120
אַלקאַבעץ, שלמה 136
אַנאַפּאָלער, זוסיה 51
אנוכי, ז. י. 165
אַפּאַטאָשו, יוסף 99 103 106 116 117
128 137 140 168
אַפּוליי 12
אַקאָסטאַ, אוריאל 31 123
אַש, שלום 9 21—38 103 165 168
אַשעראָוויטש, הירש 141 186—187

באַבעל, איזאַק 81
באַכטריאַנעלי, לאַדאָ 125
באַסמאַן, רבקה 158
באַשעוויס, יצחק 33 34 35 117 129 141
143—147 150
בונין, איוואַן 25
בחור, אליהו 137
ביאַליק, ח. נ. 16 93 94 131 164 189
225 235—237
בײַראָן 116
ביעלי, אַנדריי 30
ביקל, שלמה 44 84 127
בירנבוים, י. 107
בירשטיין, יאָסל 159
בלאָק, אַלעקסאַנדער 101
בלום זאב, 11 15 16 119 120
בן־יהודה, אליעזר 163
בעז, חיים 97 114—118
בעל מחשבות 57
בעלענקי, משה 133 183
בערגעלסאָן, דוד 23 99 103 139 140 151
168 218
בערגסאָן, א. 100 103 111
בערדיטשעווסקי, מ. י. 16
בראָדערזאָן, משה 80 174
בראַנשטיין, י. 236
בראַצלאַווער, נחמן 129
ברוידעס, ר. א. 139
ברונאָ, דזשיאָרדאַנאָ 126
ברונער, קאָנסטאַנטין 89
ברכות, ז. 165
ברענער, י. ח. 16 158 164 167
ברתיני, ק. א. 189 190
בת חמה 210

גאָגאָל, ניקאָלײַ 189
גאמארניק, יאַן 93 94
גאָלדנבערג, לאה 83

גאָלדפאַדן, אברהם 174 175
גאָנג, אלפרעד 88
גאָרדאָן, י. ל. 16
גאָרקי, מאַקסים 25 30 31 135 240
גבירול, שלמה אבן 126 132
גידעמאַן, משה 161
גילדין, חיים 235
גיפּיוס, ז. 22
גלאַטשטיין, יעקב 17 20 115 156 173
210 214 215 221
גלבוע, יהושע 209 218 233—238
גנעסין, אורי־ניסן 139
געבירטיק, מרדכי 141 147—150
געטע י. וו. 63 110 111
גראַדע, חיים 115 116 129 168 207 222
גראַנאַך, אַלעקסאַנדער 147
גראָסבאַרד, הערץ 141 150—153 175
גרין, בער 138
גרינבערג, אורי־צבי 104 106 107 154
166 174
גרינבערג, אליעזר 116

דאָברושין, יחזקאל 96 218
דאַנטע, אַליגיערי 63 73 189
דאָסטאָיעווסקי, פ. 17 114
דובנאָוו, שמעון 49 120 213
דובראָווסקע, סאָפיאַ 128 129
דילמעדיגאַ, אליהו 126
דעקאַרט ד. 125

האַלפּערן, משה־לייב 124 174—176
האַלקין, שמואל 204 210 217—220 221 229
האַמסון קנוט 102
האַנאָווער, נתן־נטע 23 125
האָפמאַן, ע. ט. א. 14
האָפער, יחיאל 158
האָפשטיין, דוד 9 55—62 85 95 140 160
171 175 176 207 208 216 219 223
240
האַרטמאַן, ע. 22
הבונה, שמעון 237
הגורני, יצחק בן אברהם 149
רובין, הדסה 158
הוגאָ, וויקטאָר 17

היידעגער, מאַרטין 112
היים, געאָרג 104
היינע, היינריך 109 135
הלוי, יהודה 126 130 132 135 152 228
הנקדן, ברכיה 136
העגעל, ה. 136
העלער, בינעם 141 191—193
העס, משה 129
הערדער, י. ג. 110
הקליר, אליעזר 136
הרומי, עמנואל 135

וואַהל, קובי 9 86—89
וואַלדמאַן, משה 158
וואַליך, אייזיק 137 149
וואַלינסקי, אקים 12
וואָלף, לייזער 41
וואַלערי, פּאָל 41 181 189
וואַפסי, שלמה 225 226
וואַרשאַווסקי, מאַרק 149
ווידמאַנשטאַט, י. א. 126
וויטמאַן, וו. 235
וויטקעוויטש, סטאַניסלאַוו 24 25
ווייטער, א. 23 102
וויינרויך, הערשל 196
וויינרייך, מאַקס 99 195
ווייס, רות 44
ווייסגלאַס, עמנואל 88
ווייסנבערג, א. מ. 100 140
ווילנער גאון 152
ווילקענסקי, מאיר 164
ווינטשעווסקי, מ. 139
וויניקאָוו, איזאַק 141 181—184
ווינער, מאיר 135 138 217 223
ווערבער, שפרה 158
ווערגעליס, א. 141 193—196
ווערהאַרן, עמיל 176 239
ווערמעל, ס. ס. 14 20
ווערוויל, הערמאַן 22
ווערפל, פראַנץ 25 104

זאַק, נתן 82 83
זוסמאַן, עזרא 83
זוסקין, בנימין 207, 229

זכותא, משה 138
זלדה 180
זבאַרזשער, וועלוול 175 115
זשול ווערן 22
זשיטלאָווסקי, חיים 23 33 108 117
זשעראָמסקי, סטעפאַן 25

חיוג, משה 207 232
חסיד, מרדכי 141 153—155
חפץ־טוזמאַן, מלכה 141 155—157

טאַבאַטשניק, א. 210 219
טאָלסטוי, ליעוו 66
טורגיעניעוו, י. ס. 54
טורקאָוו, יאָנאַס 147
טורניאַנסקי, חוה 141
רב משהלה טווערסקי 91
טראַקל, געאָרג 87 104
טרילינג, לייאָנעל 115
טשאַגין, פּיאָטער 194
טשערניכאָווסקי, שאול 16 228

יאַקאָבי, פּ. ה. 110
יהואש 122
יהל״ל 138
יונגמאַן, משה 141 157—160

כּהן (קאַגאַנאָוו), יצחק 208
כּנעני, ד. 120
כאָדאַטאָוו, ג. ג. 30
כאַריק, איזי 207 212 219
כאַשטשעוואַצקי, משה 56 125

לאַוראָוו, פּיאָטער 123
לאָנדאָן, דזשעק 100
לאַסאַל, פּערדינאַנד 129
לוטער 189
לונאַטשאַרסקי, א. 30 230
לוצאַטאָ, משה־חיים 64 138
לוצקי, אהרון 151
לוריע, נח 208 219
ליבערמאַן, אהרון 138
ליטוואַקאָוו, משה 20
לייוויק, ה. 64 84 115 116 118 140 156
189 190

לייוויק, וו. 194
ליליענבליום, מ. ל. 139
ליעסין, אברהם 116
לעיעלעס, א. 107 116 130
לעניז, וו. א. 241 242
לענסקי, חיים 238 239
לעסינג, א. ג. 110 112
לעפין, מענדל 164
לעשמאַן, באַלעסלאַוו 24

מאַיראַוויטש, מנשה 164
מאַכטין, בערנאַרד 121
מאַן, טאָמאַס 25—28
מאַנגער, איציק 80 115 129 148 149 155
171 172 175
מאַני לייב 140
מאַרגול־שפּערבער, אַלפרעד 86—88
מאַפּו, אברהם 19 139
מאַלראָ, אַנדריי 22
מאַרק, בער 138
מאַרקס, קאַרל 129
מאַרקיש, פּרץ 104—107 174 196 197 207
215—218 224 231
מדונא, שמשון 138
מהרי״ל 115
מולכו, שלמה 31, 130 227
מזא״ה 240
מייזיל, נחמן 93
מייטליס, י. י. 27
מילטאָן, ד. 63
מײַמאָן, שלמה 123
מיכאַלאָווסקי, ניקאָלאַי 123
מיכאָעלס, שלמה 27 205–207 224—232
מיראָן, דן 19
מיראַנדעלאָ, פּיקאָ דעלאַ 104 126
מענדעלע מוכר ספרים 11 12 20 137 140
165 229 230
מערעזשקאָווסקי, ד. ס. 22
מרגלית, ידידיה 225
משה עשרים וארבעה 162

נאַדיר, משה 85
נאָוואַק, שמואל 209
נאָמבערג, ה. ד. 140

נג׳רה, ישראל 136
נוימאַן, אברהם 150
נוסינאָוו, יצחק 214
ניגער, שמואל 32 103 107 118 131 151
נײַדוס, לייב 103
נסתר, דער 57 137 140 168 208 217
218 226

סאַלטיקאָוו שטשעדרין 12
סאַפּאָזשניקאָוו, גרשון 36
סאָקאָלאָוו, נחום 11 12 20
סאַקציער, אברהם 151
סאַקציער, מאָטל 9 74—85
סאָקראַטעס 68
סאַרטער, זש. פּ. 112 114
סדן, דב 29 32 164—166 202
סוסקאָוויטש, שלמה 97 108—113
סוצקעווער, אברהם 9 39—44 94 115—117
151 228 202 203
סטאַדלער, ארנסט 104
סטאַלין, יאָסיף 201 221 228 241
סטאַף, לעאָפּאָלד 24
סטאַף, לעאָפּאָלד 24
סיגאַל, י. י. 51
סינקלער, לואיס 100
סמיליאַנסקי, משה 139 164
סערוואַנטעס, מ. 12 136 189
ספּיוואַק, ב׳ 92
ספּינאָזאַ, ב. 109 123 126

עגנון ש״י 13 20 240
עזרא, אברהם אבן 136
עזרא, משה אבן 125 126 135
עריק, מאַקס 97 99—107

פּאַנער, יצחק 86
פּאַפּערניקאָוו, יוסף 165
פּיקאָן, מאָלי 147
פּרוסט, מ. 189
פּרייגערזאָן, צבי 208 238
פּרילוצקי, נח 116
פּרעמיאַק, יעווגעני 194
פּרץ, י. ל. 23 34 102 103 137 140 148
152 169 171 228

פֿאַליקמאַן, יחיאל 9 45—49
פֿאַלק, ראָבערט 226
פֿויכטוואַנגער, ליאָן 28 29 134
פֿוקס, לייב 161
פֿײַערבאַך, לודוויק 71
פֿיכמאַן, יעקב 15 20 74
פֿינינבערג, עזרא 57 211 212 223
פֿינקעלשטיין, לעאָ 108
פֿלאָבער, גוסטאַוו 50
פֿעפֿער, איציק 207 217 220 223
פֿראַנס, אַנאַטאָל 54
פֿראַנסיש, יעקב 138
פֿראַנסיש, עמנואל 138
פֿרומקין, אסתר 238
פֿרידמאַן, יעקב 9 63—73 189 190

צאַנין, מרדכי 141 166—169 204
צווײַג, סטעפֿאַן 31
צוקערמאַן, אליעזר 138
צייטלין, אהרן 16 20 66 73 118
צייטלין, הלל 37 107
ציגבערג, ישראל 13 20 49 97 119 131
132 136 215
צינבערג, תמר 131 132
צמח, שלמה 164
צעלאַן, פּאול 76 88
צפֿתמאַן, י. ל. 210 238

קאַלינין, מ. 236
קאַמזאַן, י. ד. 58
קאַמינער, י. 138
קאָנראַד, יוסף 22
קאַסירער, ערנסט 64
קאַפֿקאַ, פֿראַנץ 190
קאַצענעלסאָן, בערל 167
קאַראַלניק, אברהם
קאַרן, יצחק 163
קאַרן, רחל 156
קוויטקאָ, לייב 207 220 229
קוזמין, מיכאַיל 78
קולבאַק, משה 99 103 116 174—176
קורצווײַל, ברוך 16 20 26
קיטנער, אַלפֿרעד 88
קיפּניס, איציק 217

קירקעגאָר, סערען 156
קלאַבונד 14
קלונימוס בן קלונימוס 136
קלעס, שלמה 229
קערלער, יוסף 205 233—238
קריב, א. 15 16
קראַוס, קאַרל 86 89 152

ראַבינאָוויטש, א. 138
ראָדין, אלישע 203 207 210 239 240
ראַוויטש, מלך 104—108 115 116 191 218
ראָזענבערג, שלמה 31 32
ראָט, יאָסיף 25
רברבי, יחיאל 132
רויטמאַן, שלמה 141 169—173
רייזען, אברהם 15 140
רילקע, ריינער מאַריאַ 115
רמב״ם 132
רון, ש. ש. 208
רוסטאַוועלי, שאָטאַ 125
רעזניק, ליפע 57 231
רעמעניק, הערש 138 139
רש״י 132

שאַכנאָוויטש, מ. י. 183
שאָפּענהויער, אַרטור 22 25 125
שאָפּמאַן, גרשון 139
שאַץ־אַניק, מ. י. 141 178—181
שאַרגעל, יעקב־צבי 157 165
שוואַרצמאַן, אשר 9 90—96
שולמאַן, א. 237
שטיינבאַרג, אליעזר 74 129 139
שטיינבערג, אהרון 108
שטיינבערג, יהודה 74 139 151 175
שטיינמאַן, אליעזר 209
שלונסקי, אברהם 83
שטערנבערג, יעקב 85 141 171 173 177
שטערן, ישראל 17 20
שטערנהיים, קאַרל 104
שטירנער, ג. 22
שלום עליכם 18 20 140 162 163
שלמה פון פּראָגן 149
שלעגל, אויגוסט 110
שמרי, אריה 141 158 184—186
שמיר, משה 82 83 202 204
שניאור, זלמן 168
שניידער, י. פ. 104
שעלי, פּערסי, ב. 66 110
שעקספּיר, וו. 110
שערעשעווסקי, א. 138
שאַפּירא פּנחס (דער קאַרעצער) 51
שפּענגלער, אָסוואַלד 112
שרה בת טובים 158
שרייער, איזאַק 88

ביכער און בראָשורן פון ל. פּאָדריאַטשיק
אַרויסגעגעבענע אין ישראל

אין יידיש:

לא אמות כי אחיה

אַ קליינע אַנטאָלאָגיע און ביאָ־ביבליאָגראַפישע רשימות וועגן
75 אומגעקומענע ייִדישע שרײַבערס אין סאָוועטנרוסלאַנד

פּאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס אין ישראל, 1972
(צווייטער אָפּדרוק צוזאַמען מיטן שטאָטראַט פון תל־אביב, 1977)

איציק מאַנגער

דער דיכטער וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ

פּאַרלאַג ביבלוס, חולון 1977

אין פּראָפיל פון צײַטן

פּאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב 1978

שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך

פּאַרלאַג ה. לייוויק, תל־אביב 1984

אין עברית:

נעלמים ונאלמים

לכּסיקון יסורים

סופרים עברים וסופרי יידיש שנספו בברית המועצות, תדפיס מ„שבות" 2
המכון לחקר התפוצות, אוניברסיטת תל־אביב תשל"ד

הרהורים על „ספר המבקש"

תדפיס מתוך „הגות עברית בברית המועצות"
הוצאת ביבלוס, חולון 1976

יהודה־לייב גמזו

יצירות גנוזות

המכון לחקר התפוצות, אוניברסיטת תל־אביב תשל"ח